STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07859

MITN PONEM TSUM LEBN

Dora Teitelboim

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָרע טייטלבוים / מיטן פנים צום לעבן

דאָרע טייטלבוים

מיטן פנים צום לעבן

רייזע־איינדרוקן

פארלאג

פאריז 1952

"O F S N A J"
14, RUE DE PARADIS
P A R I S - 10e

DORE TEITELBAUM
MITN PONIM ZUM LEBEN
AU DEVANT DE LA VIE

הערשלעז, מיין מוטיקן חבר,
אין ליבשאפט

איבער די לענדער פון „מערב"

אויף דער שיף „קווין מערי״

ווי פליגל האָבן מיך מײַנע פיס אַרויפגעטראָגן אויף דער שיף. דער נייגער נאָכאַמאָל פאַרן אָפּפאָרן אַ קוק צו טאָן אויף ניו־יאָרק האָט אימפּעטיק גע־שטויסן אויבן, צום דעק און באַזיגט די מידקייט, וואָס האָט זיך שוין די לעצטע טעג באַזעצט אין מײַנע גלידער.

אָט שטיי איך שוין אויבן. עטלעכע צענדליק דינע, ציטערנדיקע שטיגן מיט צוויי הויכע, לאַנגע ווענטלעך טיילן מיך אָפּ פון דער שטאָט, וווּ איך האָב צווישן די שאָטנס פון אירע וואָלקנקראַצער געלאָזן צוואַנציק יאָר פון מײַן לעבן.

צו איר בין איך געקומען אין מײַן פריער יוגנט, אויסגעריסן פון מײַן היים, מיט די קאָשמאַרן פון הערשערס רשעות און געבראַכט טשעמאָדאַ־נעס פול מיט טרוימען וועגן יענעם טאָג, ווען דאָס היימלאַנד פאַר מיליאָנען מענטשן וועט מער ניט זײַן קיין נאַקעטער, אויסגעטריקנטער בוים, פון וועלכן אַזוי פיל ווערן אַראָפּגעפליקט און פאַרטראָגן פון זייערע צווייגן ווי געלע, האַרבסטיקע בלעטער.

אָט דאָרט, וווּ עס רויכערן זיך די פאַבריקן־קוימענס, האָב איך געאַר־בעט, געשטרייקט, אָדער אַרומגעלאָפן איבער די שאָפּן זוכן אַ „דזשאָב“.

דער פּאָרט קוקט אויף מיר מיט טויזנטער אויגן: מילדע מאַמעדיקע, אומרואיקע, פאַרליבטע, מיט טרויער פון צעשיידונג באַצויגענע, קינדערשע, מיט זאָרגלאָזער פרייד אָנגעפילטע, און אויגן שפּיזיקע, שאַרפע ווי ברית־ווער, וואָס קוקן אַרויס פון טיף אַראָפּגערוקטע שליאַפּעס און, מעסטן און טאַפּן אויס דאָס האַרץ און די געדאַנקען פון יעדן פּאַסאַזשיר, וואָס פאַר־לאָזט הײַנט די אַמעריקאַנער ברעגן אָדער דערנעענטערט זיך צו זיי.

פאַרוואָס קלאַפּט אַזוי מײַן האַרץ? וואָס וויל דאָס אומרואיקע קול אין מיר, וואָס הערט ניט אויף צו פרעגן:

רעדט מען אומעטום, אין אַלע לענדער הײַנט פון קריג? טראַכט מען אומעטום אַזוי פיל וועגן טויט, אַטאָמישע באָמבעס און אונטערגאַנג ווי בײַ אונדז? הערט מען אומעטום דאָס מוראדיקע וואָיען פון סירענעס? טראָגן אומעטום קינדערלעך בענדלעך אויף די העלדזער?

פון ווײַטן קוקט אויף מיר די פרייהייט־סטאַטוע מיט דעם פאַקל אין איר האַנט. ווי זיכער זי קוקט אין דער ווײַט, ווי זי וואָלט שוין דאָרט געזען

דעם אָנקום פון איר דערלײזונג. איר האַרץ קלאַפּט ניט װי מײנס. זי איז שטאַרקער פון מענטשלעכע לעבנס. איר האַרץ איז פון פעלדז, איר לײב איז פון דורות.

בלױע, געלע, רױטע און גרינע רעקלאַמעס מיניען זיך אונטער דער פאַרשעמטער זון. אַט דאָרט אונטער דער גרױסער ביר־רעקלאַמע איז מאַנ־ העטן, אַט דאָרט אױף אַמסטערדאַם עװעניו בין איך נאָך נעכטן געשטאַנען און געזאַמלט אונטערשריפטן פאַר דעם שטאָקהאָלמער אַפּעל, געװאָלט פאַר־ ענדיקן די ליסטע. בלױז זעקס אונטערשריפטן געפעלט.

װאָס פאַר אַ פּחד עס האָט פיל מענטשן באַפאַלן, װען זײ האָבן דער־ הערט דאָס װאָרט פרידן.

װי צעשראָקן עס זײנען געװען די אײנװױנער פון דעם הױז אױף קאָ־ לומבוס עװעניו, װען איך האָב אָנגעקלאַפּט אין זײערע טירן.

„מיר דאַרפן גאָרניט", „מיר קױפן גאָרניט", „מיר האָבן ניט קײן צײט".

די עלטערע פרױ מיט די גרױע האָר, װאָס האָט מיר געעפנט די טיר מיט אײן האַנט און אין דער צװײטער געהאַלטן דעם הײסן עפּל־פּײ, האָט יאָ געװאָלט אונטערשרײבן. זי האָט זיך געהאַלטן אין אײן פאַרענטפערן: „מײן זון, ער אַרבעט אין פּאָסט־אָפּיס; דער אײנציקער שפּײזער, איך בין אַן אלמנה. מען װעט דאָך אים אַרױסװאַרפן".

זי איז מיר נאָכגעגאַנגען אױף די שטיגן. זי האָט צװײ מאָל געעפנט די טיר. זי האָט זיך געראַנגלט מיט איר געװיסן.

אָבער דאָס פּאָרפאָלק אױפן פינפטן שטאָק האָט יאָ אונטערגעשריבן. אמת ניט אַזױ לײכט. ער, איז גלײך אײנגעגאַנגען, אָבער זי האָט זיך שטאַרק דענערװירט, זי האָט אים געהאַלטן אין אײן דערמאָנען, אַז דורכן ראַדיאָ האָט מען דערקלערט דאָס חתמענען פאַר שלום פאַר אַ פאַרברעכן, אָבער ער איז געװען פעסט. זײ האָבן זיך בײדע צעװערטלט. דרײ חתימות האָב איך דאָך געקראָגן. זי האָט סוף כּל סוף אָפּגעװישט די הענט מיטן פאַרטעך און אונטערגעשריבן פאַר זיך און פאַרן קינד, װאָס האָט געװײנט אין צװײטן צימער.

מיט װיפל קוראַזש איך האָב עס אַ קלאַפּ געטאָן אין דער צװײטער טיר. דער יונגערמאַן מיט די שפּיזיקע װאָנצעלעך האָט מיך אַזױ העפלעך אױפגענומען און אַרײנגעלאַדן, װי ער װאָלט געװאַרט אױף מיר אַ לאַנגע צײט און מיך קוים דערזען. „יאָ, פאַר שלום געװיס", ער איז געלאָפן גע־

מען זיין פעדער, ער קען ניט שרייבן מיט קיין פרעמדער פעדער. ווער האָט זיך געריכט, אַז ער וועט גאָר לויפן טעלעפאָנירן צו דער פּאָליציי.

— נאָך דריי אונטערשריפטן — האָט מיר עמעץ אונטער מיין הויט כסדר איבערגעחזרט און איך האָב באַשלאָסן ניט אויפצוגעבן, ביז איך דער־גרייך ניט מיין ציל.

איך האָב אָפּגעשטעלט די צוויי יונגע נעגערינס. זיי האָבן זיך געאײַלט צו דער סאַבוויי. פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן, איבערגעלייענט די ליסטע, זיך איבערגעקוקט, אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען, ווי זיי וואָלטן זיך פרעגן: „וואָס האָבן מיר שוין צו פאַרלירן?"... און אונטערגעשריבן.

איך האָב ווידער אָפּגעשטעלט פאַרבייגייער, דאַכט זיך אַזוי העפלעך גערעדט צו זיי און טייל האָבן זיך אַזוי חוצפּהדיק אָפּגעקערט און אפילו געזידלט. נאָך קיינמאָל זיינען מענטשן ביי אונדז אין לאַנד ניט געווען אַזוי צעשראָקן און אַזוי מורא געהאַט איינער פאַרן צווייטן.

ווי ווילד דער אַלטער מאַן מיט די ווייסע הענטשקעס האָט זיך צע־שריגן און גערופן די כוליגאַנעס, זיי זאָלן מיך באַפאַלן און צערייסן מיינע ליסטעס.

פון וואַנען איז פּלוצים אויסגעוואַקסן די כאַפּטע יונגען, וואָס האָבן מיך אַרומגערינגלט?

די אויסגעשרייען: „שונא! שונא! אויסלענדישער אַגענט", די שיכורע אויגן, דער הירזשענדיקער געלעכטער, די צעשראָקענע פּנימער פון אונטער די שוואַרצע פּאַראַסאָלן, די שטופּעניש, די הודזשעריי.

ווער איז עס געווען דער הויכער יונגערמאַן, וואָס האָט פּלוצים אַ דונער געטאָן:

— לאָזט זי ריידן, לאָזט זי ריידן, פּחדנים! איר שעמט זיך ניט צו באַפאַלן אַ פרוי, וואָס רעדט וועגן שלום! זי איז אייער פריינט, אייער שונא איז דער, וואָס שיקט אייך באַגראָבן צו ווערן אויף די שלאַכט־פעלדער פון קאָרייע!

אויף אַ וויילע איז דאַכט זיך שטיל געוואָרן. נאָך אַ שטים פון אַ פרוי האָט אים אונטערגעהאַלטן, אָבער דער אַלטער מאַן מיט די ווייסע הענטש־קעס האָט ניט אָפּגעלאָזט:

— אָט איז נאָך אַן אויסלענדישער אַגענט, וואָס שווייגט איר, אַמערי־קאַנער פּאַטריאָטן? מען דאַרף זיי אָנלערנען!

אַ געבריל. אַ וואַלד מיט פויסטן. אַ מענטשן־קנויל. שוואַרצע, פּאַלנ־

דיקע שירעמס. פיס. עלנבויגנס. קללות. און דאָס רעגנדל האָט לאַנגזאַם געטריפט.

עמעץ האָט מיך אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און כמעט אונטערגע־טראָגן. די סירענע פון אַ פּאָליציי־קאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט הינטער אונדז. מיר זיינען געלאָפן. אויף וועסט ענד עוועניו האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן און זיך צעשמייכלט.

איך האָב דערזען פאַר זיך אַ יונגן מאַטראָס.

— זיי אַרעסטירן דאָך שטענדיק די אומשולדיקע און באַשיצן די אויס־וואורפן — האָט ער איבערגעריסן אונדזער שווייגן.

— פון וואַנען שטאַמט איר ? — פון אָקלאַהאָמאַ — האָט ער שטיל אַרויסגעמורמלט, ווי ער וואָלט פון עפּעס טרויעריקעס געטראַכט און באַלד צוגעגעבן :

— מיין ברודער איז געפאַלן אין פּערל האַרבער, איך בין אויך געווען אין לעצטן קריג, זיך געטראָפן מיט די רוסן ביי דער עלבע, מיינע אויגן קענען זיי ניט פאַרדעקן מיט זייערע ליגנס, אַז די רוסן זיינען אונדזערע שונאים.

זיין אונטערשריפט איז געווען די לעצטע אויף מיין ליסטע.

*

אַמעריקע, מיין שיין רחבותדיק לאַנד, איך גלויב אין דיר !

איך גלויב אין דיינע מיליאָנען אַרבעטער, פאַרמערס און מיליאָנען פאָלקס־מענטשן. איך גלויב, עס וועט קומען דער טאָג, ווען אויף די פעלדער פון אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק וועט געהערט ווערן דאָס ליד פון ליבשאַפט, פון פריינטשאַפט און פון שלום.

די פּלוצימדיקע סירענעס פון די צעברומטע קוימענס האָבן איבערגע־ריסן מיינע געדאַנקען און איינגעשלונגען אַלע געשפּרעכן און געלעכטערס אויפן דעק.

פאַרהאַוועטע מאַטראָסן האָבן שוין מיט פלינקע באַוועגונגען אַראָפּ־גענומען די בריק און אַרויפגעשלעפּט די אַנקערס.

די שיף האָט זיך לאַנגזאַם אַ וויג געטאָן און אָנגעפאַנגען רירן פון אָרט.

*

אַ שווימענדיקע שטאָט מיט צוועלף הונדערט מאַטראָסן און צוויי טויזנט פּאַסאַזשירן פאַרלאָזט די אַמעריקאַנער ברעגן. זי דרייט זיך מאַ־

יעסטעטיש אויס אויפן האָדסאָן, בלייבט שטיין אויף אַ רגע אינמיטן טייך און זעט אויס ווי אַ ריזיקע בריק, וואָס פאַראייניקט ניו=יאָרק מיט ניו=דזשוירזי. דריי קוימענס ווי הערנער פון אַ מאָנסטער שטעכן אויס דעם הימל מיט אַ רוויכיקן „גוד ביי“, אַ כוואַליע פאָכענדיקע הענט אויסגעמישט מיט ווייסע טיכלעך, אויסגעשרייען אַקאָמפּאַנירטע פון פאַבריקסירענעס, רעקלאַמעס פון פאַרשידענע קאָמפּאַניעס לויפן נאָך און באַגלייטן דעם וועג צום אַטלאַנטיק.

ניו=יאָרק מיט זיינע וואָלקנקראַצער זעט אויס פון דערווייטנס ווי אַ בית=עולם מיט הויכע מצבות. ער רוקט זיך אָפּ פון אונדז, ווערט אַלץ קלענער, ביז ער פאַרשווינדט.

אויפן דעק שטייען פאַרגליווערטע פּאַסאַזשירן און קענען נאָך אַלץ די אויגן ניט אָפּרייסן פון ווייטן האָריזאָנט, ווו יעדער איינער זעט נאָך פאַר זיך די נאָרוואָס פאַרשווונדענע, צעגליטע מעטראָפּאָליע. ווער עס באַוווּנדערט איר רחבות, די אָנגעזאַמלטע מענטשלעכע ענערגיע, וואָס קוקט אַרויס פון אירע גלידער און ווער עס קוקט אויף איר מיט פּחד, ווי ער וואָלט זי ערשט ביים אָפּפאָרן צום ערשטן מאָל דערזען און געפילט, ווי ער וואָלט נאָרוואָס אַרויס פון די געדערעם פון אַן אויסטערלישער חיה, וואָס האָט אים איינגעשלונגען, אויסגעזויגן דעם מאַרך פון זיינע ביינער און אויסגעשפּיגן צוריק אין ים אַריין.

אַ ווייס וואָלקנדל האָט פון אויבן אַראָפּגענידערט און ניו=יאָרקס לעצטע שפּורן צוגעדעקט.

די שווימענדיקע שטאָט וויגט זיך אויפן ים. אירע פאַרשידענע בירגער פון אַלערליי פעלקערשאַפטן, אינדוסן, יאַפּאַנער, ענגלענדער, בעלגיער, שווייצער, פראַנצויזן, האָלענדער און נאָך אַנדערע פּאַסן זיך ביסלעכווייז צו צום געדאַנק, אַז זיי געפינען זיך אויף אַ שיף.

פאַרשידנאַרטיק זיינען די פּאַסאַזשירן אויף דער „קווין מערי“, און דאָך איז פאַראַן צווישן די אַלע, וואָס פאָרן מיט דער ערשטער און צווייטער קלאַס, אַזאַ ענלעכקייט, ווי ס'איז פאַראַן, למשל, צווישן איין מין פּירות, וואָס וואַקסן אויף פאַרשידענע באָדנס אין פאַרשידענע לענדער. קלענערע, גרעסערע, העכערע, נידעריקע, אָפּגעברענטע, בלייכע, אָבער אַלע זיינען זיי פון זעלבן מין. דאָס זיינען מענטשן פון בורזשואַזן קלאַס. סוחרים, סטודענטן פון רייכע עלטערן, פאַרטרעטער פון האַנדלס=פירמעס, גלחים, דיפּלאָמאַטן, ספּעקולאַנטן. זיי זיינען ענלעך איינער צום צווייטן אין זייערע מאַניערן, איינגעהאַלטנקייט, זעלבסטקאָנצענטרירטקייט. מיט איין און דער

זעלבער אַראָגאַנץ זוכן זיי די באַקוועמלעכקייטן, אויף דעם זעלבן אופן רעדן זיי צו די באַדינער. זיי האָבן פיינט מענטשן און דערפאַר פיינט איינער דעם צווייטן, אָבער זיי האָבן ליב דעם זעלבן לוקסוס, די זעלבע באַדינגונגען, די זעלבע זאַכן. ניט די ליבע, נאָר די פיינטשאַפט ברענגט זיי צונויף ביי די באַרן, אויף די דאַנסינגס, אין די ווייכע פאָטעלן, כדי צו באַרימען זיך מיט זייערע קליידער, זייערע בריליאַנטן און זייערע געוווינהייטן. ווי איין כשופמאַכער וואָלט געזעסן ערגעץ אויף אַ פּלאַנעט, אויסגעקנאָטן זיי, אָפּגעפאַרבט און אַראָפּגעוואָרפן אויף אונדזער ערד־קויל אין פאַרשיידענע לענדער, מיטגעגעבן יעדן די זעלבע לעבנס־געוווינהייטן.

די „קווין מערי“ זעט אויס ווי ענגלאַנד אין דער מיניאַטור. סאַמע אויבן אויפן דעק, אויסגעפאַרבט, איינגעטונקען אין זוניקע שטראַלן, לוקסוסדיק מעבלירט, געפינט זיך דער ערשטער קלאַס. אַ ווינגדיקער אָרקעסטער, ריח פון שאַמפּאַניער, יום־טובדיקע קליידער מישן זיך צונויף אויף דעם ברייטן, רחבותדיקן דעק.

אונטער דעם ערשטן קלאַס געפינט זיך דער צווייטער קלאַס, חייניקער לוקסוס, אָבער זייער באַקוועם און שיין.

גאָר אַנדערש אין דער דריטער קלאַס. קיין שום שפּור פון לוקסוס. ער איז אַרומגעצוימט ווי אַ געטאָ. אומעטום פאַרשלאָסענע טירן מיט אויפשריפטן, וואָס דערמאָנען אייך אויף טריט און שריט, אַז דאָס איז דער דריטער קלאַס.

סאַמע אונטן, אין האַלב־טונקעלע קאַיוטעס, וווינט די מאַנשאַפט. דאָס פאָלק פון אַרבעט. אויסגעמאַטערטע יונגעלייט פליען אַרום מיט בערשט, קעסלען וואַסער און סקראָבען גאָכאַנאַנד די ווענט און די דילן פון דער שיף. פלינקע מאַטראָסן קלעטערן אום אויף לייטערס און גיבן זיך איינער דעם צווייטן סיגנאַלן. בלייכע קעלנערס שוועבן אום מיט איבערגעדעקטע טאַצן און פאַרשווינדן אין די שמאָלענע מיילער פון קאַבינעס. פאַר אַ מאָגערן לוין יאָגט זיך יעדער פון זיי פון פרי ביז שפּעט איבער די שיכורע שטיגן, איבער די פינף שטאָק פון דער שווימענדיקער שטאָט און מאַכט מעגלעך, אַז די דריי שטאָק זאָלן זיך זאָרגלאָז און אומגעשטערט גליטשן אויפן אַטלאַנטיק.

צווישן הימל און ים שוועבט די „קווין מערי“ און די פּאַסאַזשירן שפּאַצירן אום אויף די דעקן הין און צוריק. צווישן זיי אַ סך גייסטלעכע. אַלטע צעקנייטשטע, מיט ווייסע בערד, וואַקסענע פּנימער. מיטלאָריקע, דורכגעטריבענע — כיטרע פוקסן מיט פלינקע דורכדרינגענדיקע, מוסרדי־

קע אויגן, און יונגע מיט זאַפטיקע מיידלשע פּנימלעך, מיט טרויעריקע און האַלב גיינעריקע אויגן פון אלמנות.

גלחים פאָרן קיין רוים צום וואַטיקאַן נאָך זייערע ברכות. ס'איז „דאָס הייליקע יאָר", דערקלערט אונדז אַ יונג גלחל מיט גרויסע, ברוינע, קינדער־שע אויגן און אַ רונד, ווייס געזיכט. זיינע גלאַטע, שוואַרצע האָר — פאַר־קעמט אויף אַ זייט. זיין ציכטיק, אויסגעוואַשן קעפּל, ווי אַ מאַנעקען אין אַ שוי־פענצטער, שטעקט אַרויס פון ווייסן, שטייפן קאַלנער. דער קערפּער, אַ געזונטער, גוט אַנטוויקלטער זעט אויס, ווי ער וואָלט גאָר קיין שייכות נישט געהאַט מיט דעם קאָפּ.

וואָס דענקט ער וועגן דער היינטיקער וועלט, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן. זיין פּנים האָט זיך גאָרניט געענדערט. דאָס צעעפנטע מויל מיט די ווייסע ציין האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן די פאָרצעלייאישקייט פון זיין געזיכט. ער איז געשטאַנען אַ צופרידענער, ווי אַ שילער, וועלכן דער לערער האָט נאָרוואָס געפרעגט פונקט די פראַגע, אויף וועלכער ער האָט דעם ענטפער גוט איינגעשטודירט און דערוואַרט אַ גוטן צייכן.

—די וועלט — ווער דאַרף טראַכטן וועגן איר? מיר זיינען דאָך דאָ בלויז צוליב אַ טעות, ווען אדם און חוה וואָלטן זיך נישט באַנאַרישט, וואָלטן מיר דאָך געווען אין גן־עדן!

ווי קען ער זיין אַזוי רואיק, פרעג איך אים נאָכאַמאָל, ווען אַמעריקאַ־נער סאָלדאַטן באָמבאַרדירן איצט אומשולדיקע קאָרייער מאַמעס און קינדער?

— דאָס איז דאָך די גאַנצע צרה, וואָס מענטשן האָבן גרויסע אויגן! ווען די אַמעריקאַנער און די קאָרייער זאָלן נים זיין אַזוי עגאָאיסטיש און צעטיילן זיך מיט אַלץ גלייך אויף גלייך, וואָלט דאָך צו קיין מלחמה נים געקומען.

—אָבער גאָט איז אַ פאָטער — האָט ער ווייטער רואיק גערעדט — און ער וועט פאַרגעבן זיינע קינדער פאַרן קריגן זיך איינער מיטן צווייטן, ער וועט אונדז סוף כל סוף צוריק אריינלאָזן אין גן־עדן!

אַ יונגע נאָנע מיט אַ ווייסן ראַם אַרום איר פּנים שטייט אויפן דעק און קוקט מיט אירע קליינע אויגעלעך אין וואַסער אַריין. מיר צערעדן זיך און זי דענקט, אַז מען האָט געדאַרפט וואַרפן אַ באָמבע אויף רוסלאַנד און פטור ווערן פון די רוסן און פאַרטיק!

— זיי וועלן דאָך וואַרפן באָמבעס אויף אונדז אויך און קענען פאַר־ניכטן אַמעריקע.

—ניין — זאָגט זי — די רוסן וועלן ניט נוצן די אַטאָמישע באָמבעס, ווייל זיי ווילן איבערנעמען גאַנצע, ניט פאַרניכטעטע שטעט.

אַ בעלגישער פירער פון די רעכטע, קריסטלעכע אַרבעטער־יוניאָנס הערט זיך צו צו אונדזער געשפרעך און שמייכלט אונטער מיט זיין רונד, שמאַלציק פנימל און פרומע, גאַטספאַרכטיקע אויגעלעך. ער קערט זיך אום פון אַמעריקע, וווּ ער האָט „שטודירט" דעם מאַרשאַל־פּלאַן און באַזוכט דעם הייליקן קאַרדינאַל. אויף זיינע ברעמען ליגן נאָך טראָפּנס פון הייליקן וואַסער, מיט וועלכן דער פרומער אַמעריקאַנער קאַרדינאַל האָט אים געהייליקט אַלע ליגנס, וועלכע ער וועט דערציילן די אָרעמע, אונטערדריקטע בעלגישע פאָלקס־מאַסן.

אַ דייטשישער אינזשעניער מיט אַ לאַנג פּנים, לאַנגער נאָז, דינע, בלויע ליפּן, שפּיציקן קין און גלאַנציקן פּליך, מער ענלעך אויף אַ פויגל ווי אויף אַ מענטש, שווימט אום צווישן די פּאַסאַזשירן מיט אַ סערווילישן שמייכל און וואַרפט אומעטום צו אַ פּאָר ווערטער. מיט אונדז רעדט ער וועגן די אַמעריקאַנער בריקן : „אַמעריקע איז אַ פיין לאַנד, אַ רייך לאַנד, אָבער עס פעלט זיי אַ מענטש מיט אַן אייזערנער פויסט, ער זאָל זיי פירן", ווינקט ער אונטער צו אונדז, זייענדיק זיכער, אַז מיר פאַרשטייען אים.

אַ גרופּע שווייצאַרישע אַקטיאָרן אין נאַציאָנאַלע קאָסטיומען שפּאַצירן אויפן דעק און ציען יעדנס אויפמערקזאַמקייט. איינע פון זיי, אַ יונג שווייצאַריש מיידל אין אַ לאַנג געקעסטלט קלייד מיט אַ ווייסער בלוזע און רויטן קאַמזויל מיט רויטע זאָקן און רויטע שיך פליט פאַרביי יעדע רגע, ווי אַ פרעכטיקער, אויסטערלישער פויגל. דאָס ברוינע געזיכט, די שוואַרצע צעפּ אַרומגעשלענגלט איבערן קאָפּ, די שוואַרצע נאַאיווע אויגן טיילן אויס בינטלעך פרייד צו אַלץ אַרום זיי.

די יונגע גלחימלעך מאַכן נעבעך אָנשטרענגונגען ניט צו קוקן אויף איר, זיי רויטלען זיך, בייסן זיך די ליפּן, פאַרגלאָצן אומשולדיק די אויגן, ווי ניט זיי מיינט מען, אָבער מען קען זען, אַז זיי זינדיקן גאַנץ נישקשה אין געדאַנק און וועלן שפּעטער מוזן אָפּזאָגן אַ פּאָר תּפילות אויסצוקויפן די זינד.

און אָט שמועסן מיר שוין מיט אַ פּאָרל פון אינדיע, וואָס האָט גע־צויגן אונדזער אויפמערקזאַמקייט פון דער ערשטער רגע, וואָס מיר זיינען אַרויף אויף דער שיף. זי — אַ ברוינע, אויסגעשניצטע סטאַטוע איינגע־

וויקלט אין אַ לאַנגן, געבלימלטן שאַל. די שוואַרצע האָר פאַרקעמט אויף אַ זייט. דאָס ברוינע געזיכט, די גרויסע שוואַרצע אויגן, דאָס דינע, סענ־סיטיווע מויל באַוועגט זיך האַרמאָניש מיט איר שטים. זי פאַרשליסטביידע הענט אויף דער ברוסט ווי צו אַ תפילהביים באַקענען זיך מיט מיר און דערקלערט מיר דערביי, אַז דאָס איז דער אופן פון באַגריסונג אין אינדיע. זי איז פריינטלעך, העפלעך, אָבער איינגעהאַלטן. יעדע באַוועגונג, יעדעס וואָרט איז געמאָסטן לויט אַלע כללים פון דער ענגלישער דערציאונג. ער — הויך און שלאַנק, מיט געטאָקטע שטריכן, מיט אַ קליינעם קאָפּ, וואָס דרייט זיך פלינק אויף די אַקסלען. זיינע כיטרע, קליינע אויגן שמייכלען אַרויס פון אונטער אַ דינעם נעפּל, האַלב ציניש און האַלב גאָטספאַרכטיק, ווי ביי אַ ריכטער, וואָס האָט נאָרוואָס פאַרן אַרויסטראָגן דעם אורטייל אַראָפּגעלאָזט אין קעשענע אַ פעטן כאַבאַר.

זיי קערן זיך אום פון אַמעריקע, וווּ זיי האָבן פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט. זיי האָבן קאַכלעס־פאַבריקן אויף צייל̇אָן און אין אינדיע. זיי באַשעפ־טיקן עטלעכע טויזנט אַרבעטער. זיי וווינען אין דער מייסאָר־פּראָווינץ. זייערע פיר קינדער שטודירן אין ענגלאַנד. זיי דערציילן אונדז גערן וועגן די אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן ביי זיי און קריגן אַזש גאַנצע 60 רופּיס אַ חודש (אַרום 12 דאָלאַר). חוץ דעם לוין קריגן זיי אויך פאַרגינסטיקונגען, כאָטש ער אונטער מיט שטאָלץ, אויב אונדזערע פּראָפיטן שטייגן אַריבער אַ געוויסן פּראָצענט. ס'לוינט זיך דאָס צו טאָן, העלפט זי אונטער. דאָס גיט די אַרבעטער דאָס געפיל, אַז זיי זיינען שותפים און זיי אַרבעטן אַ סך בעסער. בכלל איז היינט די לאַגע זייער אַ גוטע זינט נערו איז ביי דער מאַכט.

— מיר האָבן געמאַכט אַ סך פּראָגרעס. די „אומבאַרירבאַרע" קענען שוין גיין מיט אַלע גלייך אין טעמפּל אַריין און קיינער וועט זיי ניט טשעפּען. מיר האָבן היינט מער טעמפּלען ווי שטענדיק, יעדער אַרבעטער ווי יעדער פאַבריקאַנט מוז צאָלן ציגזן צום בראַמין (פּריסטער), כדי ער זאָל האָבן פאָנדן, מיט וועלכע צו פאַרוואַלטן. אונדזער רעליגיע איז זייער אַן עטישע, זי פּרעדיקט ליבשאַפט צו אַלעמען.

— אונדזער גאָט בראַמאַ, זיין זון ווישנו און דער הייליקער גייסט שיוואַ לערנען אונדז צו זיין פרידלעך, ניט צו שטרעבן צו קיין ערדישע פאַר־געניגנס און ניט צו קעמפן פאַר קיין זאַך מיט כוח.

אויף אונדזער פראַגע, ווי רעאַליזירן די רייכע די דאָזיקע רעליגיעזע פּרינציפּן, צעשמייכלט זיך כיטרע דער אינדישער פאַבריקאַנט, גלעט דערביי די בריליאַנטענע שפּילקע אין זיין שוואַרצן שניפּס און ענטפערט, אַז זיי

האַלטן זיך גאָרניט פאַר די באַלעבאַטים פון זייערע פאַרמעגנס, נאָר פאַר די פאַרוואַלטער, אויסגעקליבענע פון גאָט, וועלכע דאַרפן בלויז אָפּהיטן דאָס אָנפאַרטרויטע.

— האָט פאַנדיט נערו באַוויזן צו לינדערן די נויט אין אינדיע? — פרעגן מיר ביי אים.

— ניין, — ענטפערט ער אונדז — ווייל ענגלאַנד האָט אויסגעפּאָמפּעט אונדזער געלד און אונדז פאַראָרעמט.

—און אין אייערע פאַבריקן האָט איר עפּעס צרות מיט די אַרבעטער? — פרעג איך ביי זיי.

—אָ! אָ! — ענטפערן זיי ביידע מיטאַמאָל — זיי טראָגן רויטע קנעפּלעך און זיינען קיינמאָל ניט צופרידן מיט זייער גורל, זיי בונטעווען זיך און שטרייקן אפילו, און שפּאַרן זיך איין, ביז מען מוז זיי נאָכגעבן.

די פּנימער פון אינדישן פאָרפּאָלק ווערן ערנסטער, ווען זיי רעדן וועגן די אַרבעטער. אַלץ איז פיין אין אינדיע: די געטער, די פּריסטער, די רעגירונג, אָבער נים די אַרבעטער; מיט זיי איז שווער אויסצוקומען, זיי בונטעווען זיך...

אויף די גאַסן פון פּאַריז

מיר זיינען אָנגעקומען קיין פּאַריז אינדערפרי. מיר האָבן שנעל אַריינגעפּאַקט אונדזערע וואַליזעס אין דעם האָטעל־צימער און ווי פייגל, אַרויסגעפלויגענע פון שטייגן, זיך אַ לאָז געטאָן איבער די גאַסן פון שטאָט.

אַ לייכטער יוגנטלעכער צאַפּל האָט אָנגעפילט מיינע גלידער. איך גיי ניט, נאָר איך שוועב. איך רייד ניט, נאָר איך זינג. אַזויפיל לאַכנדיקע, מענטשלעכע פּנימער, אַזויפיל פריינטלעכע אויגן, אַזויפיל רואיקע, פרידלעכע שטימעס, אַזויפיל שפּילעוודיקע, יוגנטלעכע טריט אויף די גאַסן פון שיינעם און דערהויבנדיקן פּאַריז.

דאָס פראַנצויזישע פאָלק איז ניט אַליין צווישן די שטיינערנע געביידעס. פון הונדערטער הויכע פּיעדעסטאַלן קוקן אַראָפּ די העלדן פון זיין געשיכטע און פּליסטערן אַרוים פון וויסן מאַרמאָר: „פאָלק, ביסט אייביק, ביסט אייביק, ביסט אייביק.“

דער הימל הענגט איבער מיר אַ צאַרטער, אַ דורכזיכטיקער, אַן אייגנע־

טונקעגער אין דינע, ווייסע צווייטן פון פרילינג. ער באַוועגט זיך מיט העלע ליכט־פּאַסן און טונקל־בלויע שאָטנס, ווי רענואַר און דעגאַ וואָלטן דאָרטן זייערע פּענדזלען מיטן פאַרב אויסגעגאָסן און זייערע בילדער אויסגע־שטעלט.

אַ מילדע, גלעטנדיקע זון אין אַ ווייסן שלייער שפּאַנט אַרום איבער די אַלטע געסלעך און פאַרבינדט זייערע צעבראָכענע גלידער מיט גאָלדענע שנורן.

די ברייטע רחבותדיקע ריוואָלי־גאַס זעט אויס ווי אַ לאַנגער, באַלויכ־טענער קאָרידאָר, וואָס פירט צו די זאַלן פון פאַרגאַנגענע עפּאָכעס. דאָרט שטייט אַ שווייגנדיקער דער לווער־פּאַלאַץ. מחנות פייגל ציפּצען אַראָפּ פון דאָרט צו די פאַרבייגייער. אין טיולערי־גאָרטן קוקן די מאַרמאָר־נע געטינס פון דער אַלטער, גריכישער מיטאָלאָגיע אויף די פראַנצויזישע טוטערס מיט די שפּילנדיקע קינדערלעך. די טירן פון דעם מוזייאום „זשע דע פּאָם" זיינען ברייט צעעפנט. יונגע פּאָרלעך, אַלטע לייט, לערער מיט סטודענטן שפּאַנען דאָרט אַרום ביי די ווענט, וווּ גרויסע מייסטער האָבן געפאַנגען און צוגעשמידט צום לייוונט די שיינקייטן פון לעבן.

איך שטיי אויף דעם פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד, אַנגעשפּאַרט אין דעם אָבעליסק, און קוק אויף דעם אַנטקעגנדיקן אייפל־טורעם, וואָס זעט אויס ווי אַן אויסגעהאָפטענער פון טונקעלן בלאָנד. אַ ברייטע, אָפענע פרייקייט כוואַליעט אַרום מיר, ווי איך וואָלט געשטאַנען אויף אַ שיף אינמיטן דעם שטילן ים. די שטאָט האָט זיך אָפּגערוקט, כדי דער מענטש זאָל דאָ פריי און אומגעשטערט זיך קענען באַהעפטן מיט דער וועלט.

פון ווייטן פליסט די שטילע, זינגענדיקע סענע און לייענט די בערג מיט ביכער, וואָס ליגן אויף אירע ברעגן, אַרומגערינגלט מיט פאַרטיפטע זוכער פון פאַרגעסענע אוצרות פון אַלטע, פאַרגאַנגענע דורות.

די גאַסן זיינען פול מיט שפּאַצירנדיקע, גוטמוטיקע, לעבנסלוסטיקע מענער און פרויען, פאַרליבטע אין לעבן, אין שיינקייט און אין מענטש. יונגע פּאָרלעך, איינגעטוליעטע איינער אין צווייטן, שטעלן זיך אָפּ פון צייט צו צייט און שוועבן ווייטער ווי אויף פּוכיקע טראָטואַרן.

דער גאַר־דע־לעסט און די הויפּט־בולוואַרן זיינען היינט אַרומגעשטעלט מיט טויזנטער פּאָליציי־ און מיליטער־לייט. געפּאַנצערטע אויטאָס, גרינע לאַסט־וועגענער מיט געווער, מיט אַגענטן שטייען גרייט. די היטער מיט די ביקסן און מיט די רעוואָלווערן שפּרייזן האַסטיק איבער די טראָטואַרן. זייערע פּנימער זיינען אָנגעשפּאַנט און באַגלייטן יעדן פאַרבייגייער מיט

נערוועזע און היסטערישע בליקן. אָבער דאָס פאָלק איז רואיק. די פאַרביי־גייער באַטראַכטן די אויפגערעגטע סאָלדאַטן מיט געדולדיקע און זיכערע בליקן. הונדערטער אַמעריקאַנער סאָלדאַטן גליטשן זיך פאַרביי, באַגלייט מיט פאַראַכטנדיקע בליקן פון פראַנצויזישע אַרבעטער. — פאַרוואָס זעט מען היינט אַזויפיל מיליטער אויף די גאַסן? — פרעג איך זיך ביי אַ פאַרביי־גייער און דער יונגער פראַנצויז דערקלערט מיר, שמייכלענדיק: אייזנ־האוער קומט היינט אָן און דאָס באַשיצן זיי אים פון דער גרויסער ליבע פון פראַנצויזישן פאָלק...

*

דער זונטיק איז שוין באַלד אַריבער.

די זון פאַרגייט שוין אויפן מאָנמאַרטר צופוסנס פון דער הייליקער קירכע סאַקרע־קער. טויזנטער אַרבעטער קערן זיך אום צוריק פון אויס־פלוגן. מעטראָס עפענען זייערע קראַגנס און שטראָמען אויס כוואַליעס מענטשן. אויטאָבוסן, טאַקסיס, מאַשינען, ראָווערן שווינדלען פאַרביי די אויגן. זאַלבע צווייט, זאַלבע דריט מיט אַ קינד צוגעבונדן צום ראָווער, קערן זיך אום יונגע פּאָרלעך אַהיים פון אַ טאָג אָפּרו. געשיקט שלענגלען זיי זיך צווישן איילנדיקע אויטאָס און דרייען זיך אויס פון געפאַר.

ס'איז ניט קיין נערוועזע, אָראָגאַנטע יאָגעניש, ווי מען זעט אין דער זעלבער צייט אין ניו־יאָרק. ס'איז מער אַ ספּאָרטישע, אַ געניטע, אַ גרויס־שטאָטישע, אַ גוטמוטיקע. צו יעדער רגע זיינען זיי גרייט זיך אָפּצושטעלן, רעדן מיט פאַרבייגייער, ענטפערן אויף פראַגן און אונטערזינגען צום טאַקט פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן ניגון פון ערגעץ אַ פאַרבייאיקן פענצטער.

ניטאָ דאָ די מלחמה־היסטעריע, וועלכע האָט זיך אַזוי שווער אויסגע־לייגט אויף די געמיטער פון אַמעריקאַנער פאָלק.

זיי שמייכלען די פאַרבייגייער, ווען מיר שטעלן זיי אָפּ און פרעגן וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ דריטן וועלט־קריג. „ווער וויל מלחמה" — ענט־פערט אונדז אַ יונג אָפּגעברענט בחור מיט רויטלעכע אויגן — אַ בעקער־אַרבעטער. — מיר ווילן זיך אָפּרוען פון דער לעצטער מלחמה, מיר ווייסן שוין דעם טעם.

— שווער איז צו פונאַנדערבינדן אַ דריטן וועלט־קריג! — ענטפערט אונדז מיט אַ קלוגן שמייכל אַ מיטליאָריקער באַן־אַרבעטער, — די אַמע־

ריקאַנער ווילן, פרעמדע זאָלן זיך שלאָגן פאַר זיי. זיי האָבן גרויסע אויגן און פּוסטע צונגען.

די פראַנצויזן האָבן ניט ליב די אַמעריקאַנער, דאָס זעען מיר אויף שריט און טריט. און ס'איז קיין ווונדער ניט. אומעטום זעט מען דאָ אַמעריקאַנער ציגאַרעטן, זייף, שפּייז, קליידער און אפילו שפּילצייג. אַמעריקע האָט פאַרפלייצט פראַנקרייך מיט אירע סחורות און פּאַראַליזירט די פראַנצויזישע אינדוסטריע. פראַנקרייך ווערט אַלץ מער און מער אַ קאָלאָניע אויף אָפּצוזעצן די אַמעריקאַנער פּראָדוקציע.

— מיט וואָס זאָלן מיר זיי אָבער קויפן — פרעגן אונדז פראַנצויזישע אַרבעטער, מיט וועלכע מיר רעדן זיך צונויף.

מיר האָבן געטראָפן אַ חברה פראַנצויזן אויף די דע ווערנע. זיי זיינען אויסגעשטיגן פון אַ לאַסט־אויטאָ מיט ווענטקעס, פישער־נעצן און זעקלעך אין די הענט, זיי האָבן זיך קענטיק אומגעקערט פון אַן אויספלוג. איינער פון זיי — אַ יונגער בלאָנדער בחור מיט שטיפערישע אויגן און אַ גוטמוטיק געזיכט — איז אונדז אַנטקעגנגעלאָפן מיט אַ דינער, לאַנגער שלאַנג אין די הענט. ס'איז אַ גאָרטן־שלאַנג, וועלכע זיי האָבן זיכער געפונען אויפן וועג. ער האָט געפּאָכעט מיט דער שלאַנג און אונדז געוואָלט איבערשרעקן. מיר האָבן אים געפרעגט, ווו ער האָט זי גענומען. — דאָס איז פון מאַרשאַל־פּלאַן, אַ מתנה פון אייער אַמעריקע — האָט ער אונדז גוטמוטיק געענטפערט און די גאַנצע חברה האָט דערביי אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. מיר פרעגן זיי, וואָס זיי טראַכטן וועגן מלחמה?

זיי קוקן זיך איבער און צעלאַכן זיך ווידער מיטאַמאָל. אַ צווייטער בחור מיט ווייסע האָר און פולן פּנים מיט שפּרינקעלעך זאָגט צו די איבעריקע, אָנווייזנדיק אויף אונדז מיטן פינגער: — איר זעט, אַלע אַמעריקאַנער רעדן נאָר וועגן מלחמה — אויסגלייכנדיק דערביי זיין ברוסט און קלאַפּנדיק זיך דערביי אין די הענט, ווי ער וואָלט וועלן באַווייזן ווי שטאַרק ער איז

די פראַנצויזן ווילן ניט קיין מלחמה. זייט דעם לעצטן קריג לעבט דער פראַנצויז אויף אַ סך נידעריקערן ניוואָ ווי פאַרן קריג. די הייזער אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן זיינען אמתע חורבות. דער רויטער גאַרטל איז אַ רינג פון נויט און דלות אַרום דעם רייכן צענטער פון דער שטאָט. קליינע שמאָלע געסלעך, מיט איינגעפאַלענע שטיבער, הונדערט, צוויי הונדערט יאָר אַלט, אָן שום מאָדערנע איינריכטונגען. יעדער שטיבל איז אַ קליינער מוזיי פאַר זיך.

צעקרימטע שטיינערנע שטיגן, מיט אַלערליי אויסשניצונגען, דרייען

זיך אין האַלבע קרייזן און פירן אַרויף צו קעמערלעך, ווי צו שטייגן. אַזוי וווינען מיליאָנען אַרבעטער. אין די חורבות ווערט אויסגעפורעמט די צו־קונפט פון פראַנקרייך. דער רויטער גאַרטל אַרום דעם רייכן צענטער פון פּאַריז וואַרפט אָן אַ פּחד ניט נאָר אויף פראַנקרייכס הערשנדיקן קלאַס, נאָר אויך אויף דעם אַמעריקאַנער.

איבער די גאַסן פון פּאַריז פילט מען אַ יום־טובדיקע גמיטלעכקייט. אָפטמאָל דאַכט זיך, אַז מען איז אויף אַ קאַרנאַוואַל. אַלץ קומט דאָ פאָר אין דרויסן. די הייזער מיט צעעפנטע פענצטער, מיט אָפענע טירן שטייען פאַרשעמטע, ווי זיי וואָלטן זיך וועלן אַנטשולדיקן פאַר זייער עקזיסטענץ. ניטאָ די אַמעריקאַנער איזאָלירטקייט, פרעמדקייט, אָפּגעצוימטקייט פון מענטש צו מענטש. דעם הערשנדיקן קלאַס איז דאָ ניט געלונגען צו פאַר־סמען דאָס פאָלק, אָנצופילן די הערצער מיט חשד און אומצוטרוי פון בירגער צו בירגער.

דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט טראַדיציעס, אַ רייכע קולטור, אַ רע־וואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט. יעדער שטיין, יעדעס הויז, יעדע גאַס איז געשיכטע. זיי לייענען זייער געשיכטע, גייענדיק איבער די גאַסן. אָט איז דער פּלאַץ פון דער באַסטיליע, וווּ די אַרבעטער האָבן געשטורעמט אירע ווענט און אויפגעריסן אירע שלעסער. אָט ליגן די שטיינער אין ברוק אויסגעלייגט אויף אַזאַ אופן, אַז מען זאָל זען זייער גאַנג פון די אַרבעטער־קוואַרטאַלן צו דער תפיסה, דעם 14־טן יולי 1789 — דעם טאָג, ווען דאָס פּאַריזער פאָלק האָט אויסגעגלייכט צו ערד די באַסטיליער תפיסה און געשטעלט זיך קעגן לואי דעם זעכצנטנס 30.000 געדונגענע סאָלדאַטן. אָט אויף די גאַסן האָבן זיי געקעמפט קעגן די לאַנדסקנעכט און ראָיאַליסטן אין פרילינג פון 1792. אָט דאָ אויף די גאַסן איז פאָרגעקומען די עקזעקוציע פון קעניג לואי דעם 16־טן.

אָט דאָ פאַר זייערע אויגן שטייען די דענקמעלער פון העלדן. זייערע גאַסן טראָגן ניט קיין נומערן ווי אַרעסטאַנטן פון טורמעס, ווי ביי אונדז אין אַמעריקע. זייערע גאַסן טראָגן די נעמען פון די שענסטע זין פון פראַנ־קרייך און פון דער וועלט: ראָמען ראָלאַן, וואָלטער, באַלזאַק, ראָבעספּיער, עמיל זאָלאַ, רוסאָ, בלאַנקי, היינע, דידראָ, זשאָרעס.

פּאַריז זעט אויס ווי אַן אַראָפּגעקומענע גבירטע, וואָס טראָגט נאָך די אָפּגעטראָגענע, טייערע קליידער, אויסגעפּוצט אין אַלטע צירונג. כאָטש זי לעבט שוין פון קיצבה, האַלט זי אָבער אָן פאַסאָן. די שיינע אַלייען, בול־וואַרן, מוזייען, פּאַלאַצן, דאָס זיינען אַלץ צירונג פון אַמאָל, היינט בויט מען

ניט מער. מיר האָבן אין ערגעץ ניט אַנגעטראָפן קיין איין גייע געביידע, אָדער רושטאָוואַניעס פון נייע הייזער. דער הערשנדיקער קלאַס בויט ניט. ער האָט מורא צו אינוועסטירן. ער פילט זיך מער ניט זיכער, ער איז אַ זקן, וואָס גייט אויף קוליעס און קוים, קוים, וואָס ער האַלט זיך אויף זיי.

אין דער שווייץ

צווישן די רואינעס פון אַ פאַרוווּנדעטער אייראָפּע ליגט די שטילע, זאַטע שווייץ ווי אַן אינדזל פון רחבות און גלאַנץ. זי האָט פון קריג ניט געליטן, נאָר פאַרקערט, זי איז זיך געזעסן אין די לאַזשעס און ביי דער קאַסע און געשאַרט דאָס גאָלד פון בלוטיקן געראַנגל.

צופוסנס פון די אַלפּן ליגן פּרעכטיקע שטעט, ווי נעסטן, איינגעוויקלט אין זאָרגלאָזער רו. אַ בית־עולמדיקע שטילקייט שוועבט איבער זייערע גאַסן. אַריינפאָרנדיק אין דער שווייץ, דאַכט זיך, אַז מען איז געקומען באַזוכן אַן אַלט רייך פּאָרפאָלק, וועלכע האָט אַ פיינע ווירטשאַפט, אָבער אין יעדן ווינקל ליגט די עלטער און עס שמעקט מיט טויטער פאַרגלי־ווערטקייט.

ציריך. ווייסע ווילעס קוקן אַראָפּ פון אויסגעשטרעקטע פעלזיקע אָרעמס אויף די רונדע באַרגיקע געסלעך. קאָלירטע הייזער, איינגעטונקענע אין גרינע סעדער און אַרומגעצוימטע מיט הויכע שטיינערנע פּלויטן שטייען זעלבסטצופרידענע, פאַרזיגלטע אין אייגענעם אָטעם.

אויף ציכטיקע, שיינענדיקע גאַסן מיט רחבותדיקע געשעפטן, אָנגע־פילטע מיט אַלערליי לוקסוס־אַרטיקלען, קען מען קיין שטויבעלע ניט געפינען.

אַלץ איז אויסגעוואַשן, אויסגעפּרעסט, די גאַסן, די הייזער, און די מענטשן.

אויסגעפּוצטע טוריסטן שאַרן זיך געלאַסן איבער דער שטאָט פון פּוץ און גלאַנץ מיט סטאַטעטשנע טריט און קוקן אויף איר מיט התפעלות, ווי קינדער אין וויינאַכט אויף אַן אויסגעפּוצטער גרינער יאָלקע.

ריזיקע געשעפטן מיט גאָלדענע בראַסלעטן, פינגערלעך און בריליאַנטן

פינקלען אויף טריט און שריט. ברענענדיקע וויטרינעס, אין וועלכע דאָס געלע ליכט לעשט זיך קיינמאָל ניט אויס, באַלויכטן די גאַסן. גאָלדענע זייגערס און זייגערלעך מיט אַלערליי אויסגעפּוצטע און אָפּגעשייערטע ציפערבלאַטן קוקן נאָך די פאַרבייגייער, וועלכע מאַכן דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן אויך געווען זייגערס, אָנגעדרייט פון אַן אומזעבאַרער האַנט.

ציריך זעט אויס, ווי אַ ריזיק מויל מיט גאָלדענע ציין וואָלט זיך גע־עפנט און געבליבן אָפן.

די דרימלדיקע מחנה מענטשן באַוועגט זיך כסדר איבער די קוואַר־טאַלן. קיינער איילט זיך ניט און ערגעץ. קיינער איז ניט אויפגערעגט, באַ־גייסטערט אָדער דערשלאָגן. די יונגעריידן ניט צו־הויך, די אַלטע ריידן ניט צו־שטיל. די עלטערע און די יונגנט זיינען דאָ אַ צווילינג. דער זעלבער ריטם טראָגט זיך פון ביידע. די טריט און די שפּראַך זיינען די זעלבע. זיי קלינגען ביידע האַרט, אָפּגעהאַקט און מאָנאָטאָן. עס דאַכט זיך, אַז עס קלאַפּן שרייב־מאַשינקעס אויף די גאַסן: „יאַ“, „דאַנ־קע“, „גוטן־טאַ־גע“, „אויף־ווי־דער־זען“.

אַ מחנה קינדער גייט פון שול. סיי די יינגלעך, סיי די מיידלעך טראָגן קאָלירטע פאַרטעכלעך אויף די קליידער און ברוינע רענצלעך אויף די פּלייצעס. זיי גייען מיטן זעלבן טעמפּאָ ווי די דערוואַקסענע, און זעען אויס ווי קליינע דיסציפּלינירטע סאָלדאַטעלעך. מאַמעס מיט לאַנגע פאַרטעכער און פאַרקאַשערטע אַרבל באַגעגענען זיי ביי די טויערן. זיי ווישן אָפּ די קינ־דערשע נעזלעך און שטויבן אָפּ די זאַכן אויף זייערע אַקסלען, ווי מען שטויבט אָפּ שטיקלעך מעבל.

דריי יינגלעך אין עלטער פון זעקס ביז ניין יאָר שטעלן זיך אָפּ לעבן מיר, לייגן אַוועק די ביכער אויף מיין באַנק, און שפּרינגען איבער אַ פּירקאַנטיקן פּיעדעסטאַל פון אַ פאַרשוווּנדענער סטאַטוע, אויסרופנדיק ביי יעדן שפּרונג אין אַ כאָר: „האָפּ־לאַ“!

אַ יונג בחורל, ווי אַ סטאַטעטשנער קליינשטעטלדיקער חתן אין דער אָנוועזנהייט פון זיינע מחותנים, גייט זיך מיט געמאָסטענע טריטלעך און קוקט זיך יעדע ווײַלע אום, צי ער האָט אויסגעהאַלטן מיט זיין גענגעלע דעם עקזאַמען. ער שטעלט זיך אָפּ אויסצוסאָרטירן די ביכער און ברענגען זיי אין אַ געוויסער אָרדענונג, די דיקע ביכער לעבן די דיקע, און די דינערע איינע לעבן די אַנדערע. ער פאַרפּאַקט זיי אין אַ פיין פּעקל און הויבט זיך ווידער אויף.

איך פרעג אים ווי שפעט ס׳איז, און דאָס ציכטיקע הויכע בחור׳ל דרייט זיך אויס צו מיר און ענטפערט מיט אַ דין בלעכן שטימעלע „צוויי“.

איך פרעג, וואָס ער וויל זיין, ווען ער וועט אויסוואַקסן, און ער ענט־פערט מיר גלייך, ניט פאַרטראַכטנדיק זיך אויף אַ רגע: „אַ סוחר“. פאַר־וואָס עפּעס אַ סוחר, פרעג איך ווייטער, און ער ענטפערט מיטן זעלבן טאָן:

— ווייל אַ סוחר פאַרדינט זייער גוט.

אויף דער פראַגע, וואָס עס טוט זיין טאַטע, ענטפערט ער מיר, שוין אַוועקגייענדיק:

— מיין טאַטע איז אויך אַ געשעפטסמאַן און זייער אַ גוטער, ער אַרבעט שוין איבער צוואַנציק יאָר אין דעם זעלבן גאָלד־געשעפט, איינער פון די גרעסטע אין ציריך!

ווידער ווערט שטיל אַרום מיר. דער „האָפּ־לאַ“ פון די שפּילנדיקע קינדער ווערט צעשפּאָלטן אויף קליינע קרישקעס און צעפאַלט זיך אויף די ווייסע שטיינער פון האַרטן ברוק.

*

ס׳איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז אָט די שטילע, פרידלעכע שווייץ איז געווען פאַרבונדן מיטן היטלער־רעזשים און געהאָלפן אים פינאַנסירן; אַז דאָ האָט אין צייט פון צווייטן וועלט־קריג געוווינט דער דירעקטאָר פון אי. ג. פאַרבן, דר. שניצלער, און פון דאַנען אָנגעפירט מיט דער פּראָדוקציע פון די ציקלאָן־גאַזן, וועלכע האָבן אומגעבראַכט מיליאָנען אומשולדיקע מענטשן.

אַ פרומער יונגערמאַן אין אַ יאַרמולקע, וועלכן איך האָב געטראָפן אין אַ היגן יידישן רעסטאָראַן, האָט מיר דערציילט, ווי די שווייצאַרישע רעגירונג האָט אין צייט פון קריג באַוואַכט אירע גרענעצן און אָפּגעהיט, אַז די, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון נאַצישן גיהנום, זאָלן אַהער ניט אַריינ־קומען.

איר מאַסקע פון „נייטראַליטעט“ קען מען לייכט באַמערקן אין איר פּרעסע, אין איר ביכער־מאַרק און אין איר אַזוי־גערופענעם „קולטור“־לעבן.

ווי גאַסן־פרויען שטייען אויף די ראָגן פון ציריך די קיאָסקן און ווינקען מיט שעלמישע שונד־זשורנאַלן און געלער פּרעסע פון דער גאַנצער קאַפּי־טאַליסטישער וועלט.

פּרעכטיק־איינגעאָרדנטע ביכער־געשעפטן, וועלכע מען טרעפט דאָ גאַנץ אָפט, זעען שוין אויס אַביסל סטאַטעטשנער, אָבער זיי טראָגן דעם זעלבן כאַראַקטער און האָבן דעם זעלבן ציל. זייער גרונט־אויפגאַבע איז אָנצוהאַלטן די פאַרגאַנגענהייט, און אָפּווענדן דעם לייענערס אויפמערק־זאַמקייט פון דעם היינט.

פון פיין־דעקאָרירטע וויטרינעס קוקן אַרויס ביכער פון מעטאַפיזיק, ספּיריטואַליזם.

אין די שענסטע איינגעאָרדנטע בענק פון דער וועלט זיצן זיך די באַנ־קירן רואיק און געלאַסן, ווי מיט יאָרן צוריק. אין ציכטיקע, אָרדנונגספולע געשעפטן שטייען זיך די פאַרקויפער און באַוועגן זיך מיט זיכערקייט און זעלבסטצופרידנקייט.

אַ סך פון די שווייצאַרישע קרעמער האָבן מיר דערמאַנט אין חיים בער דעם שניט־קרעמער פון מיין שטעטל, ביי וועלכן מען פלעגט קויפן תכריכים פאַר אַלע געשטאָרבענע. מיט דער זעלבער רואיקייט פלעגט ער האַלטן דעם אַרשין אין האַנט, פאַמעלעך אָפּגעמאָסטן, און מיטן שערעלע אַ פּיק געטאָן אין ביידע זייטן, געבעטן דעם קונה צו האַלטן איין זייט און דורכגעלאָפן מיטן שערל די ברייט פון לייוונט. חיים בער האָט קיינמאָל ניט פאַרקויפט אויף באָרג. זיין פּנים האָט קיינמאָל ניט געביטן דעם אויס־דרוק.

*

אַרום און אַרום ליגט די שווייצאַרישע שטילקייט, וועלכע ווערט עט־לעכע מאָל אַ טאָג איבערגעריסן פון אַ כוואַליע קירכן־גלאָקן, וואָס מישן זיך אויס אין איין דונערנדיקן כאָר, פאַרשלינגענדיק דעם גערויש פון די מאַשינען, אויטאָבוסן און אַלע אַנדערע געהילכן פון שטאָט. אַ האַלבע שעה נאָכאַנאַנד קלינגען זיי, ווי זיי וואָלטן וועלן אָפּשטעלן אַלע טריט אויף די גאַסן, אַלע מענטשלעכע געדאַנקען און יעדן איינעם דערמאָנען, איבערחזרנדיק די רייד פון די ראַדיאָ־קאָמענטאַטאָרס:

— גאָט־צו־דאַנקען, מיר זיינען געבליבן ביים אַלטן.

און אַלץ איז ווירקלעך געבליבן ווי געווען. ניט נאָר די הויכע, פעל־זיקע בערג, נאָר דער גאַנצער שווייצאַרישער שטייגער האָט זיך ניט פאַר־ענדערט

אַרבעטער גייען נאָך אין שפּאַן ווי אַמאָל, און אַ סך פון זיי אַרבעטן נאָך צוועלף שעה אַ טאָג און זעקס טעג אַ וואָך.

ביז היטלערס מפּלה ביי סטאַלינגראַד האָבן די שווייצאַרישע צייטונגען נאָך אַלץ גערופן לענינגראַד ביים אַלטן נאָמען: פּעטראָגראַד.

זיי האָבן זיך זייערע אייגענע מעטאָדן פון אָנהאַלטן זייער מאַכט. אַנשטאָט ברוטאַליזירן אַ פאָלק, פאַרשלעפערן זיי עס און לאָזן עס ניט אויסוואַקסן.

איך טראַכט וועגן דער רחבותדיקער שווייצאַרישער ערד, דער שיינער לאַנדשאַפט, דער ריינער לופט, וואָס טרינקט אָן די לונגען ווי אַ פרישער מילגרוים-זאַפט.

איך טראַכט פון די משופּעדיקע, פעלזיקע ריזן מיט די ווייסע טוכן אויף די קעפּ — אויסגעריזלטע, אויסגעפורעמטע פון דעם געדולדיקן מייסטער — נאַטור.

זיי וואַרטן געדולדיק, ווי אָרעמע אַרבעטער, אויף יענע טעג, ווען דער ביטעט צו זייערע שיינקייטן וועט מער ניט זיין די גאָלדענע מטבע נאָר די ערלעכע מי פון אַרבעט.

דאָס הויז, וווּ לענין האָט געוווינט

אַ ציכטיקער, אויסגעפּוצטער פרימאָרגן האָט זיך געשפּיגלט אין דער בלויער ציריכער אָזערע. די אויסגעצוואָגענע, ראָזעווע הייזער, איינגעטונקענע אין בלומען און גרינקייט האָבן זיך איבערגעקוקט מיט פינקלדיקע גלעזערנע אויגן און אונטערגעגנעצט פון צייט צו צייט, עפּענענדיק דערביי די שווערע, ברייטע טירן.

די נייע, אָפּגעפאַרבטע, קאָלירפולע אויטאָבוסן און טראַמווייען האָבן זיך שוין לאַנג מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם סטאַטעטשנע געגליטשט איבער די אויסגעקערטע, אויסגעשייערטע גאַסן, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט אויפצוועקן די איינגעדרימלטע צייט.

דאָ הערט מען ניט קיין קלימפּערייַ, קיין הודזשעריי ווי אין אַנדערע לענדער. די רייבע שווייץ סקריפּעט ניט, קרעכצט ניט, קלאַפּט ניט מיט די פרעמדע ציינער, טרעשטשעט ניט מיט די אַלטע ביינער, ווי אירע קאַ-

פיטאַליסטישע שוועסטער. זי איז נאָך גאַנץ גוט קאָנסערווירט אויף דער עלטער. אירע גלידער זיינען רעגלמעסיק געשמירט געוואָרן מיט דעם פעטן שמראָם פון מלחמה־פראָפיטן.

איבער די גאַסן האָט זיך שוין געהערט דאָס הילכיקע ברומען פון די קלויסטער־גלאָקן. זיי האָבן שוין אָנגעפאַנגען זייער טעגלעכע אַטאַקע אויף דער שטילקייט.

איך בין אַריבער די באַנהאָף־שטראַסע, זיך פאַרנומען אין דער ריכ־טונג פון דער פרעדיקער־קירכע, דורכגעגאַנגען אַ ריי שמאָלע, קרייזנדיקע געסלעך און נאָך לאַנגע בלאָנדזשעניש און נאָכפרעגענישן ביי עטלעכע פאַרבייגייער בין איך ענדלעך אָנגעקומען אויף דער באַרימטער שפּיגל־שטראַסע, ווו אַמאָל האָבן געוווינט לענין און קרופּסקאַיאַ.

איך האָב זיך מיטאַמאָל געפונען אין אַן אַלטער, אָפּגעקראָכענער, איינגעהויקערטער געגנט מיט גרויע, איינגעבויגענע, געשטופּלטע שטיבער, מיט קליינע פינצטערע פענצטערלעך, מיט בלינדע הויפן, באַהאָנגענע מיט וועש. די געסלעך האָבן אויסגעזען, ווי אַ ווינקל פון לאַטייניש קוואַרטאַל וואָלט זיך אַריבערגעקליבן אַהער פון פּאַריז.

איך בין אַ וויילע געשטאַנען און באַטראַכט די אַלע הייזער און מיט די אויגן געזוכט דאָס אָנגעצייכנטע הויז מיטן שילד פון אַ שוסטער, און דערנאָך זיך אַרומגעדרייט איבער דער באַרגאַרויפיקער, שלענגלדיקער גאַס און אין ערגעץ פון די אַלע אָנגעגעבענע סימנים קיין זכר ניט געפונען.

איך האָב באַשלאָסן זיך ווידער נאָכצופרעגן.

איך האָב אָפּגעשטעלט דעם ערשטן פאַרבייגייער. אַ פיין געקליידעטער יונגערמאַן מיט אַ פריש, אויסגעפילט, ראָזעווע געזיכט מיט צוויי דינע שפּילקע־וואָנצעס האָט זיך אָפּגעשטעלט און גאָר העפלעך, אָבער אויטאָ־מאַטיש זיך פאַרנייגט.

— בי־טע, וואָס וואָ־לען זי? — האָט אַ קלונג געטאָן אַ מעכאַנישער מעטאַלענער קול. ער האָט אַריבערגעלייגט זיין ברוינע לעדערנע טעקע מיט גאָלדענע איניציאַלן, איינגעקריצטע סאַמע אויבן, פון איין האַנט אין דער צווייטער אַ צי טוענדיק דערביי די הוט און צוריק אַראָפּלאָזנדיק זי אויפן גלאַנציקן, גוט צוגעקעמטן קאָפּ.

אויף מיין פראַגע, אין וועלכן פון די הייזער עס האָט אַמאָל געוווינט לענין, האָט ער זיך נעבעטער אָנגעבויגן צו מיר, ווי ער וואָלט ניט גוט גע־הערט און דערנאָך הויבנדיק, מיט די פלייצעס איבערגעפרעגט:

— לע=גין, זאַ=געז זי ? אָבער ווער וואַר דאַס, די=זער לע=נין ? וואָס פיר איין פיר=מע וואַר דאַס ?

איי איז דאָס געווען אַ פירמע, שוין איינמאָל אַ פירמע ! אַ פירמע וואָס האָט אָנגעפאַנגען אָן אַ גראָשן, געהאַט גרויסע דעפיציטן און קיינמאָל ניט באַנקראָטירט, געבראַכט צום באַנקראָט אַלע צאַרישע פירמעס און וועט נאָך אַלע איבעריקע פירמעס פון דער וועלט ברענגען צום זעלביקן סוף — האָב איך, אָנקוקנדיק אים מיט אַ שמייכל, געענטפערט.

דער שווייצער האָט אויסגעגלאָצט אויף מיר צוויי ווילדע אויסגעשטאַרצטע אויגן, אַראָפּגענומען די גלעזער מיט איין האַנט, ווי ער וואָלט מיך בעסער ווען באַטראַכטן און שוין גאָר אויף אַ הויכן קול גאַנץ האַסטיק אויסגערופן :

— אַבער דאַס איז דאָך פאַנטאַסטיש ! וואָס שפּרעכן זי ?

זעענדיק, אַז איך רייד אַריין אין אַן איבערגעשניטענעם טעלעפאָן, אַז ער הויבט ניט אָן צו פאַרשטיין, האָב איך שוין מיט אַן ערנסטער מינע צוגעגעבן :

— לעגין, לעגין, דער רוסישער רעוואָלוציאָנער, דער באָלשעוויק.

ביי די לעצטע רייד איז שוין זיין געזיכט אַנשטאָט דערשטוינט ווילד געוואָרן.

זיין פּנים האָט זיך אָנגעצונדן. די דינע שפּיזיקע וואָנצעס האָבן זיך געקאָרטשעט, געהויבן און אַראָפּגעלאָזט, ווי ס'וואָלט דאָרט אים עפּעס שטאַרק געביסן. ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל אַרומגעקוקט, צי קיינער האָט זיך ניט אונטערגעהערט, זיך האַסטיק אויסגעדרייט און אָפּגייענדיק, אַרויסגעמורמלט :

— ביי אונדז אין דער שווייץ גיבט עס קיינע לענינס גאָט צו דאַנקען.

ער איז אַוועק מיט געמאָסטענע, שווערע טריט און געלאָזן אויף דעם שטיינערנעם טראָטואַר אַ רעגלמעסיקן טיק=טאַק, טיק=טאַק.

ביים טיר פון אַ דערבייאיקן רעסטאָראַן איז געשטאַנען אַן עלטערער מאַן און אונטערגעשריבן אַ באַשטעטיקונג אויף עטלעכע קאַסטנס, וועלכע אַן אַרבעטער האָט נאָרוואָס אַראָפּגענומען פון זיין אָנגעפּאַקטן לאַסטוואָגן.

לויט זיין זיכערן טאָן און באַוועגונגען האָט ער אויסגעזען ווי דער אייגנטימער. פון זיין שוואַרצן קאַמזויל האָט אַרויסגעהאַנגען אַ לאַנגע זילבערנע קייט און אַראָפּגעפאַלן אויף די טונקל=גרויע געפּאַסטע הויזן. ער האָט זיך זעלבסטצופרידן אַרומגעקוקט איבער דער גאַס, פאָרנדיק מיט דער לינקער האַנט אויף דער לאַנגער קייט.

אויף מיין פראַגע, אין וועלכן פון די הייזער ס'האָט אַמאָל געוווינט לעניִן, האָט ער שנעל איבערגעחזרט:

— וואָס, לעניִן זאָגען זי? — און געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער ווייסט גאַנץ גענוי. ער האָט זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך קלייבן אָנצוווייזן מיטן פינגער און דערנאָך אַראָפּלאָזנדיק די הענט מיט אַ רעזיגנירנדיקן טאָן אַ זאָג געטאָן:

— ניין היר גיבט עס קיין לעניִן.

— זינד זי זיכער, דאָס ער היר געוווינט האָט? ס'איז דאָך גאַנץ מעגליך, דאָס ער די וווינונג געטוישט האָט?

— לײדער, לײדער קאָן איך אינען ניכט זאָגען — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט און זיך געפילט גאָר ניט אָנגענעם ניט אַזוי פון דעם, וואָס ער קען מיר ניט העלפן, ווי פון דעם, אַז ער זאָל עפּעס ניט ווײסן.

איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ביי עטלעכע אַנדערע פאַרבייגייער און געקראָגן אַן ענלעכן ענטפער: — קיינמאָל פון אַזאַ נאָמען ניט געהערט.

איך האָב זיך אַרומגעדרייט איבער דער געגנט, אַרייַנגעקוקט אין די הויפן, זיך גוט אייַנגעקוקט אין די שילדן אויף די ווענט.

ביי אַ שווערן לאַסטוואָגן, אַנטקעגן אַן אייזן־סקלאַד איז געלעגן אויס־געצויגן אַ יונגער אַרבעטער אין אַ בלויען קאָמבינעזאָן און פאַררייכט אַ ראָד.

אויף מיין פראַגע האָט ער אַרויסגערוקט דעם קאָפּ, אָפּגעווישט מיטן אַרבל דעם שוויים און די אייליקע סאַזשע פון פּנים און געענטפערט מיט אַ לייכטן שמייכל:

— גייען זי אַרונטער, ערשטע שטראַסע לינקס, צווייטע רעכטס און דאַן פראַגן זי זיך אָפּ יאַקאָבס ברונעם.

— יאַקאָבס ברונעם — האָב איך איבערגעחזרט, ניט פאַרשטייענ־דיק, וואָס ער מיינט.

— יאַ יאַ, יאַ, פראַגן זי זיך אָפּ יאַקאָבס ברונעם, דאָס איסט איין ביר־האַלע — האָט ער מיר נאָכגעשריגן עטלעכע מאָל פון אונטערן וואָגן.

איך בין אַוועק אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג און אין עטלעכע מי־נוט אַרום בין איך שוין געשטאַנען ביי „יאַקאָבס ברונעם“ — אַן אַלטע, ברוינע, פירשטאָקיקע געביידע מיט רויטע לאָדנס, מיט קליינע פענצטער־לעך, מיט אַן אַלטן אָפּגעריבענעם נומער 34 און מיט אַ טאָוול אויף דער וואַנט מיט דעם אויפשריפט:

« Hier wohnte vom 12. Februar 1916 bis zum 2. April 1917 Lenin, der Führer der russischen Revolution ».

אין די פענצטער פון „יאַקאָבס ברונעם“ האָבן אַרויסגעקוקט צוויי גרויסע קאָקאַ־קאָלאַ־שילדן. אַנטקעגן זיי האָט זיך געצויגן אַ קליין בלומען־גערטנדל און פון ווייטן האָבן זיך געצויגן לאַנגע שורות מיט אַלטע הייזער, מיט פאַרזשאַווערטע באַלקאָנען און קינדערלעך, וואָס האָבן פון אייניקע פון זיי אַראָפּגעקוקט.

איך בין אַריין אין ענגן, שמאָלן אַלקער. אַ פרוי מיט צעשויבערטע האָר מיט אַ מאַנטל אויף די אַקסלען ביי די בריוו־קעסטלעך האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ טיר אויפן ערשטן שטאָק און נאָכגעשריגן:

— די ערשטע טיר לינקס, לינקס.

איך בין געגאַנגען אויף די אַלטע, אויסגעריבענע שטיגן, אויף וועלכע ס'האָט אַזויפיל מאָל געשפּאַנט לענין. איך בין געגאַנגען לאַנגזאַם און געצײלט די שטיגן. דער געדאַנק, אַז דאָ האָט געקלאַפּט דאָס גרויסע האַרץ פון דער מענטשהייט, איז ווי אַן עלעקטרישער שטראָם אַדורך מיין בלוט. ס'איז מיר מיטאַמאָל זייער וואַרעם געוואָרן. איך האָב אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר און זיך אַליין דערשראָקן, ווי דאָרט אינעווייניק וואָלט נאָך ווירקלעך געזעסן לענין און דאָס וואָלט אים געקענט שטערן. קיינער האָט ניט געענטפערט. איך האָב ווידער אַ קלאַפּ געטאָן, דאָס מאָל שוין אַ ביסל דרייסטער. איך האָב דערהערט קליינע, דריבנע טריט. די טיר האָט זיך געעפנט. אַ מיטליאָריקע פרוי אין אַ פאַרטוך און אַ טיכעלע אויפן קאָפּ האָט מיט אַ שטרענגן טאָן איבערגעגעבן, אַז די אייגנטימערין פון הויז איז ביי דער אַרבעט און זיך נאָכגעפרעגט, וואָס איך וויל. אויסהערנדיק מיין פאַרלאַנג אָנצוקוקן די צימערן, וו לענין האָט אַמאָל געוווינט, האָט זיך דער אויסדרוק אויף איר פּנים גאָרניט געענדערט. זי האָט מיר אין זעלבן טאָן אינפאָרמירט, אַז די פאַמיליע, ביי וועלכער לענין איז איינגעשטאַנען, וווינט דאָ שוין לאַנג ניט און קיין זכר פון זייערע מעבל איז דאָ ניט פאַרבליבן.

וועגן גענויערער אינפאָרמאַציע האָט זי מיך אַראָפּגעשיקט אונטן אין „יאַקאָבס ברונעם“, וועלכער איז אי אַ רעסטאָראַן, אי אַ ביר־האַלע.

איך האָב זיך שנעל אַרומגעקוקט אין דעם ענגן קאָרידאָרל, אין וועלכן איך בין געשטאַנען, אויף די ענגע צימערלעך, וו לענין האָט אַמאָל געווינט, אויף דער קיך, וו קרופּסקאַיאַ האָט אַמאָל געקאָכט און בין אַראָפּ אונטן אין רעסטאָראַן אַריין.

דאָרט איז געווען שטיל און לײדיק. בלויז ביי איין טיש זײנען געזעסן עטלעכע עלטערע מענער און געטרונקען ביר.

דער אײנגעטימער, אַן אַלטער, פולער שווײצער, מיט אַ ווײס פּוכקע גע־זיכט, מיט בלויע וואַסערדיקע אויגן האָט מיך העפלעך אויפגענומען, צוגע־פירט צו אַ שופלאָד, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ ריי פאָטאָגראַפיעס פון זײן הויז מיט עטלעכע אויסשניטן פון צײטונגען און צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ צוגעגעבן:

— יאָ, יאָ, לעגין האָט היר געוואָנט, ער האָט גאַנץ אָפט אַן דיזעם פּלאַץ געגעסן, ליב געהאַט פיל צו לעזן, יאָ, יאָ, אין אַלע צײטונגען האָט ער אימער אַרײנגעקוקט. איין גאַנץ באַשײדענער און נעטער מאַן געווען. איך האָבע אים דאָך זעלבסט באַדינט, ווי אַלע אַנדערע לויטע האָבע איך אים באַדינט, איך ווסטע ניכט, דאָס ער זאָ איין גראָסער מאַן וואַר.

דער אַלטער רעסטאָראַן־אײנגעטימער האָט גערעדט, קוקנדיק ערגעץ אין דער סטעליע אַרײן, ווי ער וואָלט נאָך דאָרט געזען לעגינס געשטאַלט. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, געפּאָכעט מיטן פינגער, אַראָפּגעלאָזט די שטימע, וואָס האָט זיך פון צייט צו צייט איבערגעריסן און ווידער אנגע־גאַנגען. די דריי שווײצער מיט די קופליעס ביר אין די הענט האָבן זיך אויך אײנגעהערט צו די רייד פון באַלעבאָס און נאָכגעפאָלגט זײן פינגער און זײנע בליקן.

— אָט דאָרט צום „אײנטראַכט־זאַל“ פלעגט לעגין גיין האַלטן רעפע־ראַטן פאַר אַרבעטער און דערנאָך אָט דאָ ביי דעם טיש פלעגט ער ביים צוריקקערן זיך טרינקען אַ גלעזל קאַפע.

איך האָב אים פאַרשאָטן מיט פראַגן וועגן לעגינס אויסזען, וועגן זײן קלײדונג, געוווינהײטן, אָבער דער אַלטער רעסטאָראַן־אײנגעטימער מיט די וואַסערדיקע אויגן האָט זיך גאָרניט אײנגעהערט, ער האָט זיך גאָר צערעדט פון אַ הער קימעל, וועלכער איז לויט זײנע רייד געווען אַ „דומקאָפּ און שלעמיל“.

ווען איך האָב זיך נאָכגעפרעגט, ווער דאָס איז דער הער קימעל און פאַרוואָס ער איז אַ „דומקאָפּ“, האָט זיך זײן שטים אַ ביסל געהויבן און ער האָט מיט אַ נערוועזן טאָן דערקלערט, דאָס מאָל שוין ניט צו מיר נאָר צו די דריי צוהערער מיט די קופליעס ביר:

— דאָס איסט דער קימעל, ביי וועמען לעגין געוואָנט האָט, דער „דומקאָפּ“, ער קאָנטע דאָך רייך ווערדען.

די דריי פּנימער האָבן אים נײגעריק אָנגעקוקט.

— ווען דיזער לעגין איז נאָך רוסלאַנד וועקגעפאָרן, האָט ער פיל זשורנאַלן, ביכער און גאַטיצן געלאָזן, און ער האָט דאָס אַלעס פאַרברענט.

— די רוסן העטן דאָך מיליאָנען דאַפיר בעצאָלט.

— ווארום האָט עס הער קימעל געטאָן — האָט איינער פון די דריי אַ פרעג געטאָן, אַראָפּלאָזנדיק די גלעזערנע קופּליע מיט אַזאַ טראַסק, אַז זי איז שיעור ניט צעבראָכן געוואָרן.

דער אייגנטימער האָט זיך שוין אַ ביסל אָן אָפּגעקילטער דערנענ־טערט צו זיינע פריינט און זיי דערמאָנט אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און אין די פאַרפאָלגונגען פון די קאָמוניסטן איבער גאַנץ אייראָפּע אין יענער צייט, ווי אויך אין דער שווייץ. דער הער קימעל האָט די גאַנצע צייט געמיינט, אַז לענין איז אַ פשוטער שרייבער, אָבער ווען ער האָט זיך דער־ווּסט, אַז אָט דער שטילער מענטש האָט איבערגעקערט אַ וועלט, האָט ער זיך דערשראָקן פאַר דער פאָליציי און אַלץ פאַרברענט, דער „דומקאָפּ"...

איך האָב פאַרלאָזט „יאַקאָבס ברונעם" מיט די פיר שווייצער, וואָס האָבן שוין איצט זאַלבעפערט געקלאָגט אויף דעם פאַרלאָרענעם אוצר פון הער קימעל.

— דער דומער הער קימעל.

און איך בין געגאַנגען איבער ציריכער גאַסן און געטראַכט פון דעם טאָג, ווען דאָס ברוין־געפאַרבטע הויז מיט די רויטע לאָדנס וועט ווערן אַ לענין־מוזעאום און טויזנטער שווייצאַרישע אַרבעטער וועלן קומען אַהער און מיט שטאָלץ קוקן אויף די ווענט, אין וועלכע לענינס האַרץ האָט אַמאָל געקלאַפּט.

מאַריאַ מאַרגאַטיס שוועסטער וועלן קיינמאָל ניט קעמפן קעגן די שוועסטער פון זאָיאַ

די שיינע זוניקע איטאַליע מיט די הויכע בערג, בלויען ים און אַזויפיל פּרעכטיקע נאַטור־ווינקלעך ליגט אַן אויסגעזויגענע, פאַראָרעמטע און פאַר־מאַטערטע. די חורבות זיינען נישט אויפגעבויט און די שפּורן פון קריג ליופן נאָך דער באַן פון ערשטן דאָרף ביי דער שווייצאַרישער גרענעץ, ביז מיר קומען אָן קיין מילאַן.

גאַנצע דערפער ליגן אין רואינעס. אין ערגעץ הערט מען נישט דעם

קלאַפּ פון אַ האַמער, דעם קריץ פון אַ ציגל, אין ערגעץ זעט מען נישט קיין טראַקטאָר, קיין אויטאָ, קיין שנייד־מאַשין.

פויערים שטייען אויף קליינע פּאַסיקלעך ערד מיט אַקער־אייזנס, מיט רידלען און מיט בראָנעס, ווי אין די אַלטע צייטן.

די זעלבע אָרעמקייט ליגט אויף די שטעט. אַ שווערע דערדריקנדיקע שטימונג הערשט איבער די גאַסן. הונגעריקע אויגן מעסטן מיט פאַרבי־טערונג די וויטרינעס פון שפּייז־געשעפטן. מיליאָנען אַרבעטסלאָזע דרייען זיך אַרום איבער איטאַליעס שטעט מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און טרויע־ריקע פּנימער.

— ווי נאָר מען קומט אַריין אין איטאַליע, באַקומט מען דעם איינדרוק, ווי מען וואָלט פּלוצים אַריינגעפאַלן אין אַ הויז, וווּ עס ליגט אַ האָפענונגס־לאָזער חולה, וואָס האַלט ביים אויסהויכן די נשמה. מען זעט אומעטום דעם חולהס שאָטן און מען הערט דעם האַרץ־קלאַפּ פון די יונגע און גע־זונטע, וועלכע וואַרטן שוין מיט אומגעדולד אויף יענער רגע, ווען זיי וועלן זיך אַ נעם טאָן איבערצובויען די פאַרלאָזענעווירטשאַפט.

די אינדוסטריעלע אַרבעטער־שטאָט מילאַן, באַרימט פון אירע פאַר־טיזאַנער־קאַמפן און ריזיקע שטרייקן, האָט העכער אַ האַלבן מיליאָן אָרגאַ־ניזירטע אַרבעטער און ליגט ווי אַ ביין אין האַלדז דעם הערשנדיקן קלאַס. דאָ זיינען כמעט נישטאָ קיין רייכע קוואַרטאַלן. די נויט איז דאָ נאַקעט און גרויזאַם. אָפּגעקראַכענע, טונקלע הייזער מיט פאַרזשאַווערטע באַלקאָ־נען און פאַרפוילטע לאָדנס קוקן אימהדיק אויפן פאַרבייגייער. אַלטע, גרויע אויטאָבוסן, הרובע טאַקסעס און לאָמע, סקריפּענדיקע טראַמווייען יאָגן זיך איבער די גאַסן, לאָזנדיק הינטער זיך אַ טראַסקעריי פון פאַלנדיקע שטיינער.

יונג־פאַרעלטערטע פרויען אין פאַטשיילעס און אויסגעריבענע קליידער שלעפּן זיך אַרום מיט שיך־בענדלעך, קנעפּלעך, נאָדלען און פאָדעם צום פאַרקויפן. טייל זיצן אָנגעשפּאַרט אין ווענט פון די הייזער און פאַרקויפן אַמעריקאַנער קיי־גומי, זייף און אַנדערע קלייניקייטן.

אויף אייניקע ראָגן שטייען פרויען ביי טישן, וואַלגערן טייג און באַקן אויף ברענענדיקע פּליטעס גרויסע רונדע פּלעצלעך און פאַרקויפן זיי צו 30 לירעס אַ שטיק. די מענער שטייען בלומרשט ביי די קאַסעס ווי אמתע ביזנעסלייט און נעמען דאָס געלט. די קינדער העלפן צו צום שלעפּן קונים.

— דרייסיק לירעס, דרייסיק — שרייט אַ קליין יינגעלע מיט שוואַרצע רירעוודיקע אייגעלעך אין אַ ברויז, רונד היטעלע אויפן קאָפּ, אָנכאַפּנדיק

מיך ביי דער האַנט. ער איז זיכער נישט מער פון פינף אָדער זעקס יאָר אַלט און האָט שוין די גאַנצע ראַפינירטקייט פון אַ דערוואַקסענעם פעדלער.

אין אַ פיש־קראָם שטייט אַ יינגעלע פון אַ יאָר אַכט אָדער ניין מיט אַ מאָגער־בלייך פנימל און צעשראָקענע אויגעלעך. ער טראָגט אַ ווייס פאַר־טעכל אַרומגעדרייט אַרום זיין דין קערפערל. עס זעט אויס, ווי דאָס גאַנצע בלוט וואָלט פון אים אויסגערונען. ער שלעפּט אַרויס לאַנגע צאַפּלדיקע פיש פון אַ באַסיין און וואַרפט זיי אויף אַ וואָג־שאָל, אומקוקנדיק זיך יעדע ווײַלע אויף אַ הויכן, פעטן מאַן, ווי ער וואָלט זיך יעדעס מאָל געפרעגט, אויב ער איז ניט באַגאַנגען קיין פעלער.

— דאָס איז זיין ערשטער אַרבעטס־טאָג — דערקלערט אונדז אַ צווייט יינגל פון אַ יאָר צען ביים דערלאַנגען קאַווע.

די קינדער, וועלכע אַרבעטן, געהערן שוין צו די „גליקלעכע“. זיי האָבן וואָס צו עסן. די, וואָס קענען קיין אַרבעט ניט געפינען, פאַרנעמען זיך מיט פּוצן שיך, און אַנדערע מוזן בעטלען. אָן אַ שיעור קינדער־בעטלער זיינען פאַראַן אין איטאַליע.

מיר שטייען ביים פּלאַץ פון די קליינע מאַרטירער. ער געפינט זיך צווישן חורבות אין אַן אַרבעטער־געגנט. אָט דאָ, וווּ עס זיינען נישטאָ קיין פאַבריקן, האָבן די אַמעריקאַנער אַעראָפּלאַנען געוואָרפן באָמבעס.

אָט שטייט אַ ריזיקער מאָנומענט אויפן אָרט, וווּ ס'איז אַמאָל געווען אַ שול. דריי הונדערט קינדער צוזאַמען מיט די לערער זיינען דאָ אומגע־קומען פון אַמעריקאַנער באָמבעס, אין אַ צייט ווען די באָמבאַרדירונגען זיינען שוין נישט געווען גוויטיק. מאַמעס זיינען אין אַ שיינעם, זוניקן נאָכ־מיטאָג געקומען אָפּנעמען זייערע קינדער און געטראָפן אַ באַרג מיט ברע־נענדיקע קערפּערלעך. היינט איז דער פּלאַץ ליידיק.

דאָס איז געשען דעם 20־טן אָקטאָבער 1944 און די טרערן פון די מאַמעס האָבן זיך נאָך נישט אויסגעטריקנט און די בלומען צופוסנס פון דער ריזיקער סטאַטוע זיינען נאָך נישט פאַרוועלקט געוואָרן. אָט שטייט דאָרט אַ מאַמע איינגעוויקלט אין אַ גרויען טוך ווי אין אַ לעבעדיקער זיפץ און לייגט אַוועק אויף די ווייסע מאַרמאָרנע שטיגן אַ בינטעלע רויטע קווייטן. זי ווישט די אויגן מיט אַ שפּיץ טוך.

פיר יונגע בחורימלעך מיט ראָוועדן ביי די הענט גייען פאַרביי.

מיר שטעלן זיי אָפּ און פרעגן, וואָס זיי טראַכטן וועגן אייזענהאַוערס פאַרלאַנג צו מאַכן פון זיי זעלנער און זיי צעלאַכן זיך, אָנווייזנדיק אונדז

אויף די גרויסע אויפשריפטן אויף די ווענט: „אייק טורנא אַ קאַסאַ" (איי־זענהאַווער קער אום אַהיים!). אַ פּעסט ייִנגל פון אַ יאָר 18 מיט אַ ברוין ערנסט פּנים און שאַרפע דורכדרינגלעכע אויגן זאָגט אונדז, אַז זיי וועלן טאָן דאָס זעלבע, וואָס אַנדערע טוען, ווען מען וועט זיי רופן אין דער אַרמיי. ער דערציילט, אַז די אַרבעטער פון דער געגנט שיקן צוריק די רעקרוטי־רונגס־קאַרטלעך, אַנדערע, אַנשטאָט צוריקשיקן, זאַמלען זיך צונויף אויף איין פּלאַץ, מאַכן אַ גרויס פייער און פאַרברענען זיי.

— מיר האָבן שוין גענוג געהאַט קריג און זעלנערישע מונדירן — כאַפּט אונטער אַ הויך שלאַנק ייִנגל מיט וואָנצעלעך און אַ הויכער טשופּרי־נע שוואַרצע גלאַנציקע האָר.

אַזעלכע אייזענהאַווערס „זעלנער" טרעפט מען איבער גאַנץ איטאַליע.

נישט ווייט פון דעם אָרט געפינט זיך דער מאָנומענט פון 20 העלדישע פּאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען דערשאָסן געוואָרן דעם 10־טן אויגוסט 1944. אַ טאָג פריער איז דאָ פאָרגעקומען אַ שטרייק פון באַן־אַרבעטער און די נאַציס האָבן אַלס נקמה אַרויסגעשלעפּט פון תפיסה צוואַנציק פּאַרטיזאַנער און זיי דערמאָרדעט, לאָזנדיק די קערפּערס אַ לאַנגע צייט זיך וואַלגערן אויף דער גאַס. איטאַליענישע פרויען, אונטער דער געפאַר פון טויט, האָבן די קערפּערס באַוואָרפן מיט רויטע בלומען.

אַמאָל האָט זיך די געגנט גערופן „לאָרעטאָ־פּלאַץ" און היינט הייסט זי „פּלאַץ פון די מאַרטירער".

גלייך אַנטקעגן דעם מאַרטירער־פּלאַץ געפינט זיך היינט אַ גרויסע ווייסע בענזין־סטאַנציע מיט אַ ריזיקער רעקלאַמע, וואָס ציט זיך פון דער ערד ביזן דאַך פון דער געביידע. דאָ, אויף דעם פּלאַץ, האָט דאָס איטאַליע־נישע פאָלק דעם 25־טן אַפּריל 1945 אויפגעהאָנגען מיט די פיס אַרויף מוסאָלינים קערפּער און אָפּגעהאַלטן אַ ריזיקע מאַסן־דעמאָנסטראַציע, שווערנדיק צו קעמפן קעגן די רעשטלעך פון פאַשיזם, פאַר פרייהייט און פאַר שלום.

די אַמעריקאַנער באַאַמטע האָבן שפּעטער אַראָפּגענומען די תליה, צעשטערט אַלע אירע שפּורן און אויסגעבויט אויף דעם אָרט די ריזיקע בענזין־סטאַנציע.

לעבן וואָקזאַל ציט אונדזער אויפמערקזאַמקייט אַ קליינער מאָנומענט מיט אַ בילד פון אַ קינד, איינגעטונקען אין בלומען. אָט דאָס זעקס־יאָריק ייִנגל, האָבן די נאַציס דערשאָסן, ווייל ער האָט געהאַלטן אַן אַנטי־פאַשיס־

מיט פלוגבלעטל אין דער האנט. הינטער אים, אויף דער וואנט, איז נאָך אָנגעשריבן אין דייטש — „מויל האַלטן!" און אויף די אַנטקעגנדיקע ווענט מיט גרויסע אותיות „פּאַטשע" (פרידן), „אייק, טורנא אַ קאַסאַ" (אייזענהאַוער, פאָר אַהיים)!

אין דער געגנט פון קאָרסאָ-בוענאָס-איירעס איז טומלדיק. די באַוועגונג איז דאָ אַ גרויסע. אויף איין זייט גאַס שטייען מענטשן אין אַ ראָד, וואָס וואַקסט מיט יעדער רגע. פאַרבייגייער שטעלן זיך אָפּ און קוקן זיך איין, ווי אַ פעדלער פּרוווט ראַטעווען זיין געפאַלן פערד, וואָס האַלט ביים אויסגיין. דער וואָגן מיט אַלטע קישנס, כלים און אַלערליי הויז-מכשירים ליגט איבערגעקערט און די זאַכן צעוואָרפן אויפן ברוק. דער פעדלער האַלט דעם פערדישן קאָפּ אין די הענט און קוקט אים אין די רויטע, פאַרגלאָסענע אויגן אַריין. פאַרבייגייער שלעפּן עס ביי די פיס און פרוון אויפהויבן, אָבער דאָס פערד ציט זיך אַלץ ברייטער אויס אויף די שטיינער, ווי עס וואָלט זיך וועלן אונטער זיי באַהאַלטן און פאַרשווינדן פון די מענטשלעכע אויגן.

אויף דער צווייטער זייט גאָס, לעבן דער טיר פון אַ רייכן האָטעל שטייט אַן אויסגעפּוצטע דאַמע אין אַ ברוינעם זשאַקעט און שרייט היסטעריש צו אַ פאַרבייגייענדיקן זשאַנדאַר. איר פּנים ליידט פון אַ נערוון-ספּאַזמע. איר מויל לויפט יעדע רגע אַוועק צום אויער און די מוסקולן פון געזיכט צעטאַנצן זיך אונטער דער הויט. די אויגן פאַרמאַכן זיך ווידער, ווי ס'וואָלט דאָרט ווער כסדר געדריקט אַן עלעקטריש קנעפּל.

— שוין צוויי טעג — דערציילט זי די פאַרבייגייער — האָבן די קאָמוניסטן אויפגעהאַנגען אַ רויטע פאָן אויף דער שכנותדיקער געביידע און די פּאָליציי האָט זי נאָך אַלץ ניט אַראָפּגענומען. זי קען שוין ניט אויסהאַלטן. זי קלינגט און קלינגט צו זיי און מען ענטפערט נישט. סטייטש, ס'איז שוין גאָר גישטאָ קיין עצה קעגן זיי? אַ פאַרבייגייער פרווט זי באַרואיקן, אַז אין רוים, אויפן קאָלאָסעאום איז געהאָנגען אַ רויטע פאָן גאַנצע דריי חדשים, די פּאָליציי האָט זי אַראָפּגענומען און זי איז ווידער אויסגעוואַקסן אויפן זעלבן אָרט. צוויי טעג, — טרייסט ער זי — איז גאָרנישט קיין לאַנגע צייט.

אויף אַ צווייטער גאַס שפּילט מען אַמעריקאַנער דזשאַז, און יונגע חברה שטייען אַרום אַן אויטאָ מיט אַ פּאַטעפאָן און שאָקלען צום טאַקט מיט די אַקסלען, האַלטנדיק די הענט אין די טאַשן. דאָרט פאַרקויפט מען לאָטעריע-צעטלען און אַ יונגער בחור האַלט יעדע ווײַלע אַ רעדע, אויפ-

ווייזנדיק מיט ענטוזיאַזם די גרויסע גליקן, וואָס קענען אַרויסקומען, ווען מען קויפט אַ צעטל.

אַרבעטסלאָזע שטעלן זיך אָפּ, קוקן זיך איין אין די אויסטערלישע שטיקלעך פּאַפּיר, חלומען אַ ווײַלע שימעלע סאַראָקערס חלום און גייען ווייטער.

סעסטאַ סט. דזשיאוואַני איז אַ פּאָרשטאָט פון מילאַן, מען רופט זי דער סטאַלינגראַד פון איטאַליע. ס'איז דורכאויס אַן אַרבעטער-געגנט, ווו 80 פּראָצענט זײַנען קאָמוניסטן. פון דעם האַלבן מיליאָן מילאַנער אַרבעטער זײַנען פאַראַן 150.000 קאָמוניסטן און פיל סימפּאַטיקער. אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָל אין דער באַוועגונג שפּילן די פרויען. אַלע באַמיאונגען, וואָס די קירכע האָט אָנגעווענדט זיי צו באַווירקן, האָבן גאָר ווייניק געהאָלפן. טראָץ דעם, וואָס אין דער קירך רעדט מען נישט מער וועגן געטלעכע ענינים, נאָר בלויז פון פּאָליטיק און מען העצט כסדר קעגן די קאָמוניסטן, וואַקסט די פּאַרטיי די גאַנצע צײַט און דער נײַער פרויען-כוח וועט שפּילן גאָר אַ גרויסע ראָל אין איטאַליעס צוקונפט.

מיר שטעלן זיך אָפּ בײַ דער ריזיקער פּירעלי-פאַבריק, וועלכע פּראָדוצירט גומי-אַרטיקלען. דאָרט אַרבעטן דרײַסיק טויזנט אַרבעטער. צוויי און צוואַנציק טויזנט פון זיי געהערן צו די לינקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. גלײַך נאָכן קריג האָבן די אַרבעטער איבערגענומען די פאַבריק. פּירעלי אַליין איז אַראָפּגעקומען אין אַרבעטס-קליידער און פּרובירט שפּילן די ראָל פון אַ סאָציאַליסט, וועלנדיק אַזוי אַרום געווינען די אַרבעטער אויף זײַן זײַט. אָבער גלײַך ווי די אַמעריקאַנער אַרמיי איז אַרײַן, האָט זי צוריק איינגעשטעלט די פריערדיקע אָרדענונג. אַרעסטירט די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן באַפרײַט די שטאָט און אַרויסגעלאָזט פון די תפיסות די פאַשיסטן.

אויף דער גאַנצער לענג פון דער פאַבריק איז פאַראַן אַ וואַנט-צײַטונג, פאַר וועלכער ס'איז אָנגעגאַנגען אַ לאַנגער קאַמף און די אַרבעטער האָבן געוווּנען. דאָרט שפּיגלט זיך אָפּ דאָס לעבן פון לאַנד. ס'איז מיטאָג-צײַט און אַרבעטער שטייען אַרום אין רעדלעך און לייענען העקטאָגראַפירטע פלוגבלעטלעך און פירן צעהיצטע דיסקוסיעס.

מיט פרעמדע, ספּעציעל מיט אַמעריקאַנער, האָבן זיי גאָרנישט קיין חשק צו רעדן. זיי האָבן זיך אין די צוואַנציק יאָר פאַשיזם אויסגעלערנט צו זײַן פאָרזיכטיק.

ענדלעך געלינגט' אונדז צונויפצורעדן זיך מיט אייניקע פון זיי. אַ יונג, חנעוודיק אַרבעטער-מיידל איז די ערשטע צו רעדן מיט אונדז. זי האָט

רייכע קרובים אין קליוולאַנד און קריגט פון צייט צו צייט בריוו. זי קען נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס זיי רעדן כסדר פון קריג קעגן סאָוויעטן־פאַרבאַנד. — „די שוועסטער פון מאַריאַ מאַרגאַטי וועלן זיך קיינמאָל נישט שלאָגן קעגן די שוועסטער פון דער העלדישער פאַרטיזאַנערין זאָיאַ“ — רופט זי אויס מיט אַנטשלאָסנקייט. מאַריאַ מאַרגאַטי איז אַ העלדישע פרוי, וועלכע האָט זיך באַטייליקט אין די פויערים־קאַמפן פאַר ערד און איז ברוטאַל דערמאָרדעט געוואָרן דורך דער פאָליציי.

העלדישע פרויען זיינען אין איטאַליע פאַראַן אַ סך. שטאַרק באַליבט אין די מוטער אַנדזשעליגאַ. איר זון האָבן די נאַציס אומגעבראַכט. זי איז אַ הויכע מיטליאָריקע פרוי און טראָגט שטענדיק לאַנגע, שוואַרצע קליידער. זי גייט אַרום צופוס פון דאָרף צו דאָרף און אָרגאַניזירט די מוטערס קעגן קריג.

אַנדזשעליגאַ האָט אויסגערופן אין איינע פון אירע רעדעס: „מיר מוטערס, וועלכע האָבן פאַרלוירן אונדזערע ליבסטע אין לעצטן קריג, האָבן שוין נישט מער וואָס אָנצווווערן. מיר וועלן נישט שפּאָרן אונדזערע לעבנס. אויב אונדזער רעגירונג וועט העלפן אָנהויבן אַ נייעם קריג, וועלן מיר, מאַמעס, באַווייזן אַזוינס, וואָס וועט אויפטרייסלען די וועלט“.

אויף יעדער גאַס שרייען אַראָפּ פון די ווענט „פאַטשע“ (פרידן) און „אייק טורנאַ אַ קאַסאַ!“

נישט אומזיסט איז דער הערשנדיקער קלאַס היסטעריש געשטימט. די קאַפּיטאַליסטן אינוועסטירן מער נישט אין לאַנד. זיי פירן אַרויס זייערע פאַרמעגנס. פירעלי האָט אַ העלפט פון זיין פאַבריק אַרויסגעפירט קיין אַרגענטינע, אַנדערע פאַבריקאַנטן טוען דאָס זעלבע.

זיי בויען מער נישט קיין הייזער, און די, וועלכע נעמען זיך יאָ אונטער צו בויען, אינוועסטירן נישט זייער אייגן געלט, זיי פאַרקויפן די וווינונגען, נאָך איידער זיי זיינען אויסגעבויט, מאַכנדיק דערביי ריזיקע פראָפיטן.

דער איטאַליענישער קאַפּיטאַליזם גוסט שוין ווי דעם פעדלערס פערד. אָבער וואַלסטריט לאָזט אים נישט אויסציען די פיס.

אויפן וועג קיין ישראל

אַ בלויער, זוניקער פרימאָרגן ליגט אויסגעשפּרייט אויפן מיטללענ־דישן ים און פאַראייניקט דעם הימל מיט די כוואַליעס. אַ שטילע רו, איינ־געוויקלט אין בלויע פאַסן זייד, רינגלט אונדז אַרום און ציט זיך צו אַן אומענדלעכער ווייט.

די שיף גליטשט זיך אויפן ים ווי אויף אַ גלאַטן מאַרמאָרנעם דיל, לאָזנדיק הינטער זיך ווייסע האַלב־קרייזן מיט אויסגעהאַקטענע שלייפן.

דער אָרקעסטער שפּילט אין ערשטן קלאַס און די טענער צעטראָגן זיך איבער אַלע דעקן, וווּ עס זיצן גרופּנווייז די פּאַסאַזשירן.

מיר דערנענטערן זיך צו גריכנלאַנד און די, וועלכע דאַרפן אויסשטייגן, שטייען מיט זייערע וואַליזעס און קוקן מיט אומרואיקע אויגן צום ברעג.

אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ רוקזאַק אויף די פּלייצעס און אַ רענצל אין די הענט שטייט ווי אַ טעלעפאָן־סלופּ אינמיטן דעק, פאַרשטעלנדיק יעדן איינעם דעם וועג.

— וווּ פאָרט איר? — פרעגן מיר אים, און ער דערציילט אונדז, אַז ער איז אַן ענגלישער סטודענט און פאָרט קיין אַטען שטודירן אַרכעאָלאָגיע און מאַכן אויף דער טעמע אָנשרייבן אַ גרעסערע אַרבעט.

— אָבער ס'איז שווער — באַקלאָגט ער זיך, ווייל אַלע כאַפּן זיך צו אַרכעאָלאָגיע און וואָס מען זאָל ניט אָנשרייבן וועגן דער טעמע, האָט שוין עמעץ פריער דאָס זעלביקע געשריבן און ס'איז שווער פאַר אַ נייעם מענטשן צו ווערן באַרימט.

— איר ווילט געוואָלט ווערן באַרימט — פרעגן מיר אים, און זיינע גרויסע אויסדרוקלאָזע אויגן צינדן זיך פּלוצים אָן און ווערן טונקעלער און לעבעדיק.

— אוודאי, — ענטפערט ער, ניט קוקנדיק אויף אונדז.

מיר שלאָגן אים פאָר, אָנשטאָט צו שטודירן גריכנלאַנדס פאַרגאַנגענ־הייט אין די מוזייען, זאָל ער בעסער אָפּגעבן זיין צייט אויף דעם היינטיקן לעבן פון גריכישן פאָלק און באַשרייבן, ווי עס שמאַכטן דאָרט די הונדער־טער טויזנטער העלדן אין די טורמעס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

אונדזערע לעצטע רייד האָבן אים אינגאַנצן אויסגעניכטערט. ער האָט

זיך אַ דערשראָקענער אַרומגעקוקט, צי קיינער האָט ניט אונטערגעהערט אונדזער געשפּרעך און זיך באַלד אָפּגעטראָגן.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צום פּאַרק פּירייאוס, וועלכער זעט אויס ווי אַ בית־עולם פון שיפן. הונדערטער אַלטע, פאַרזשאַווערטע שיפן שטייען ווי מצבות צופוסנס פון די הויכע בערג, באַוואַקסענע מיט חורבות. אַן עלנט און טרויער ווייעט פון דאָרט. גריכישע אַרבעטער און אָרעמע פרויען שטייען ביים ברעג און שווייגן. זיי פאָכען ניט מיט די הענט. זיי גריסן אונדז ניט. זיי קוקן אויף אונדז מיט פאַרשטיינערטע בליקן און שווייגן. זיי זעען אויס, ווי זיי וואָלטן געטראָגן אַ טיפן סוד און געהיט, עס זאָל אים קיינער ניט פאַראַטן.

אַ גריכישער פּאָרט־אַרבעטער איז אַרויפגעקומען אויף דער שיף העלפן איינצולאָדעווען די סחורות. ער וואַרפט אַראָפּ די שטריק צו אַ קליין דער־בייאיק שיפל און כאַפּט דערביי מיט אונדז אַ שמועס.

אויף אונדזער פראַגע ווי עס לעבן די גריכישע אַרבעטער, ענטפערט ער מיט אַן איראָנישן שמייכל:

— מיר זיינען מיליאָנערן. אַן אַרבעטער פאַרדינט אַ מיליאָן דראַכ־מעס אַ חודש, אָבער ער האָט ניט וואָס צו עסן... — ער איז זייער פאַרזיכ־טיק, ער קוקט זיך עטלעכע מאָל אַרום, איידער ער זאָגט אַרויס אַ וואָרט.

אַלע פּאַסאַזשירן שטייגן אויס אין גריכנלאַנד, סיי די, וועלכע פאָרן אַהין, סיי די, וועלכע פאָרן ווייטער. די לעצטע גייען אָנקוקן די שטאָט. אַ ספּעציעלע גרופּע גריכישע באַאַמטע וואַרט שוין אויף זיי מיט אויטאָמאָ־בילן, אַרויסצוציען פון די טוריסטן די פּאָר גראָשן.

מיר זיינען כמעט די איינציקע, וועלכע בלייבן אויף דער שיף. ס'איז שווער אַראָפּצוגיין אויף דער ערד, וווּ די פאַשיסטישע הערשער פראַוועז זייער טעראָר. מיר שטייען אויפן דעק און קוקן אַראָפּ צו די פאַרבייגייענ־דיקע אַרבעטער אין פּאָרט. אַ מאַטראָס, וועלכער שייערט די טירן, שמייכלט צו אונדז. ער פאַרשטייט. ער הייבט אויף דאָס נאַסע בערשטל אין זיין רעכטער האַנט און רעדט צו אונדז אין אַ געמיש פון עטלעכע שפּראַכן, אָבער מיר פאַרשטייען זיך.

*

די יידישע פּאַסאַזשירן פון ערשטן און צווייטן קלאַס פאַרזאַמלען זיך אויפן דעק פון דריטן קלאַס. אַן עלטערע פרוי מיט גרויע צעפּ אַרומגעדרייט

אויפן קאָפּ, מיט אַ רויט פֿאַרשוויצט פּנים און ברענענדיקע אויגן איז דאָ די מחותנתטע. זי דרייט זיך אַרום פֿון איינעם צום צווייטן, שטעלט פֿאַר די נייע פּאַסאַזשירן, וואַרפֿט זיי צו אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער, קרעכצט אונטער יעדע רגע „כל ישראל חברים" און דערציילט יעדן נייעם פּאַסאַזשיר איר לעבנס־געשיכטע, פֿאַרענדיקנדיק מיט טריאומף, אַז זי האָט אַ זון אַ מיליאָנער און די איבעריקע קינדער זיינען אויך ניט קיין קבצנים, אַלע רופֿן זי די „באָבע".

זי איז מיט זיבן דרייסיק יאָר צוריק געקומען קיין בראַזיל, אַריבערגע־בראַכט אַהין איר פֿאַמיליע, זיך פֿיין אַרויפֿגעאַרבעט, אויסגעגעבן אַלע קינ־דער און האָט שוין מער קיין זאָרג ניט. זי וואָלט זיך דאַרט אַזוי אויס־געלעבט די יאָרן צוזאַמען מיט איר רייכער פֿאַמיליע, האָט זיך אָבער איר אייניקל פֿאַרגלוסט צו מאַכן אַ רייזע קיין ישראל, זיך דאָרט באַקענט מיט אַ מיידל און ער וויל שוין דאָרט פֿאַרבלייבן. פֿאָרט זי טאַקע איצט צו זיין חתונה און אין דער זעלבער צייט אָנקוקן, צי עס לוינט זיך דאָרט איינוועס־טירן געלט אין אַ הויז. אויב מען קען מאַכן די זעלבע פּראָפֿיטן, וועט זי צוזאַמען מיט איר טאָכטער זיך איבערקלייבן אַהין.

עס איז פֿאַראַן נאָך אַ באָבע, אָבער די צווייטע איז אַ שטילע, אַ קליינע, איינגעדאַרטע מיט אַ ראָזעווער פֿאַטשיילע אויפֿן קאָפּ, אין אַ לאַנגן אויסגעשטריקטן בלויען סוועטער. זי שטייט אין ווינקל און שמייכלט מיט אַ וואַרעם, ליבלעך געזיכט, זי שטופּט זיך ניט, זי קערט זיך ניט. זי שמייכלט בלויז און ענטפֿערט נאָר, ווען מ'פֿרעגט זי.

זי פֿאָרט פֿון אורוגוואַי צו אַ טאָכטער אין תל־אביב. זי האָט ביז אַהער געוווינט מיט איר זון, איצט האָט ער חתונה געהאַט און די שנור שיקט זי צו דער טאָכטער — די זעלבע קבצנטע ווי איר זון — פֿאַרקלאָגט זיך די רייכע באָבע אויפֿן גורל פֿון איר שכנה. — פֿערציק יאָר אַן אלמנה גע־בעד, אויסגעהאָדעוועט צוויי קינדער און האָט ניט ווו צו זיין. — דאָ מישט זיך שוין אַריין די אָרעמע באָבע מיט אַ דין קינדעריש שטימעלע און פֿרעגט זיך ביי אונדז, צי זי וועט קענען קריגן אין תל־אביב אַ דירה, ווייל די טאָכ־טער שרייבט, אַז זי וווינט מיטן מאַן אין אַ קליין צימערל אָן אַ קיך און די באַלעבאָסטע אירע וויל, זי זאָל זיך פֿון דאָרט אַרויסציען, ווייל זי דאַרף עס האָבן פֿאַר זיך. די אַרומיקע טרייסטן זי, אַז אַלץ וועט שוין זיין גוט, זאָל מען נאָר אָנקומען אַהין. אָבער די אָרעמע באָבע באַרואיקט זיך ניט. זי וויל וויסן, צי עס רעגנט אין ישראל, טאָמער דאַרף מען וווינען אין אַ פּאַלאַטקע, זאָל כאָטש ניט אַריינרינען. — ניט געדאַגהט, ניט געדאַגהט —

כאַפּט אונטער אַ פּאַסאַזשיר און טרייסט זי, אַז די רייכע באָבע וועט קויפן אַ הויז, וועט זי איר געבן אַ דירה. אָבער די רייכע באָבע הערט ניט די רייד. זאָגט ער עס איבער נאַכאַמאָל, אבער די רייכע באָבע הייבט מיט די פּלייצעס און קוועטשט מיט די אויגן, ווי זי וואָלט ניט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט און דרייט זיך אַרויס פון אַן ענטפער, בייטנדיק די טעמע.

דער פּאַסאַזשיר, וועלכער טרייסט די אָרעמע באָבע, איז אַ סטאָליער פון אַרגענטינע. שוין אַריבער צוואַנציק יאָר, אַז ער וווינט אין אַרגענטינע און ווען ניט זיין ברודער פון אַמעריקע וואָלט ער ניט געהאַט אויף הוצאות צו פאָרן קיין ישראל. ער איז שוין פיל יאָרן אַ ציוניסט און דערפאַר האַלט ער זיך פאַר אַ גאַנצן ווייסער וועגן לעבן אין ישראל און האַלט גאַנצע רעפעראַטן וועגן די קיבוצים, וועגן דער רעגירונג און וועגן איר פּאָליטיק און איר צוקונפט. ער האָט שטענדיק אַרום זיך אַ רעדל פראַגע־שטעלערס און ער ענטפערט האַסטיק, מיט אַ ברענענדיק פּנים. פּלוצים האָט זיך באַוויזן אויפן דעק אַ יונגערמאַן מיט אַ יונג חנעוודיק מיידל און זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער איז אַ ישראל־געבוירענער און דאָס מיידל דאָס איז זיין קוזינע, מיט וועלכער ער איז געפאָרן קיין בעלגיע חתונה האָבן. פאַרשטייט זיך, אַז דער אַרגענטינער סטאָליער איז געוואָרן אוים אויטאָריטעט. דער ארץ־ישראלדיקער האָט איבערגענומען זיין אָרט, אָבער קיין שלום איז צווישן זיי נישטאָ. דער אַרגענטינער שלאָגט אים אַלע מאָל איבער די רייד און שטימט ניט איין מיט זיינע אויספירן, כאָטש ביידע זיינען ציוניסטן. דער ישראלדיקער ווערט גיך באַליידיקט. זיין פאָטער איז געקומען אַהין מיט זעכציק יאָר צוריק מיט דעם חלום צו באַזעצן יידן אויפן לאַנד, אָבער ס'האָט זיך אים ניט איינגעגעבן, דערציילט ער אונדז. ער האָט געעפנט אַ קליידער־געשעפט, און זיי מאַכן איצט זייער גוטע געשעפטן.

אַ מיטליאָריקער ייד פון פּאָרטוגאַל, אַ טריקאָטאַזש־פאַבריקאַנט, פאָרט באַזוכן זיין טאָכטער, וועלכע לערנט זיך דאָרט און שרייבט אים זייער באַגייסטערטע בריוו. נאַטירלעך, אַז זי דאַרף דאָרט צו קיינעם ניט אָנקומען, ווייל ער שיקט איר רעגולער געלט — דערציילט ער אונדז, קוועטשנדיק דערביי מיט די פּלייצעס און צוגעבנדיק, אַז אויב ס'וועט אים געפעלן, וועט ער זיך דאָרט אויך איינאָרדענען. אין ליסאַבאָן — כאַפּט ער אונטער — איז זאָר פיין. ניטאָ קיין צרות מיט די אַרבעטער, ניטאָ קיין פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. ס'איז בלויז פאַראַן אַ סינדיקאַט, וואָס ווענדט זיך צו אים, ווען ער וואַרפט אַרויס אַן אַרבעטער. חוץ דעם מישט ער זיך ניט אין זיינע געשעפטן...

— וויפל קריגט ביי אייך אַן אַרבעטער אַ טאָג ? — פרעגן מיר ביי אים.

ער הייבט מיט די פּלייצעס : — וואָס דאַרפן זיי ? וואָס ווילן זיי ? וואָס עסן זיי ? וויפל מען גיט זיי, איז גענוג. זיי עסן בלויז געטריקנטע פיש מיט ברויט, און וווינען אין זעמליאַנקעס און טראָגן דאָס זעלבע קלייד יאָרנלאַנג. אַ מיידל פאַרדינט 12 שקודן אַ טאָג (30 סענט) און אַ מאַן אַרום 30 שקודן אַ טאָג. זיי האָבן נאָך איבערגענוג, ווייל זיי אַרבעטן אַלע, אפילו קליינע קינדער — דערציילט ער אונדז מיט אַ שמייכעלע, ווי ער וואָלט גערעדט פון מוראַשקעס און ניט פון מענטשן.

— ביי אונדז איז אויך אַזוי — כאַפּט אים אונטער אַ בראַזילישער פאַבריקאַנט, וועלכער איז אין יאָר 1939 אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע און מיט זיין גאַנץ פאַרמעגן. — אפילו געראַטעוועט די מעבל און דעם פּערסישן טעפּיך, — העלפט אים אונטער זיין פרוי, קלאַפּנדיק מיט דער האַנט אין שטול, אויסרופנדיק „גאָט זיי דאַנק“.

דאָס דייטשישע פּאָרפּאָלק איז הויך און ברייט מיט האַרטע צעוויירעטע פּנימער, מיט בייזע אויגן. זיי האַלטן זיך פון דערווייטנס און ריידן פון אויבן אַראָפּ. זיי זיינען ביידע פירקאַנטיק און זעען אויס ווי גייענדיקע שאַפעס מיט די קליידער אויסנווייניק.

אין אַ ווינקל זיצט אַ זקן מיט אַ פריש פּנים און לאַכעדיקע אויגן. מיר גיבן אים אָפּ שלום עליכם און ער ענטפערט מיט אַ ברייטן עליכם שלום.

מיר פרעגן אים, צו וועמען ער פאָרט און ער ענטפערט — „צום טאַטן“ ! — מיר קוקן אים אָן פאַרוואונדערט און קענען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, אַז אַזאַ זקן זאָל נאָך האָבן אַ טאַטן. — וווּ וווינט אייער פאָטער ? — פרעגן מיר אים, און ער ענטפערט : — „אין הימל“.

מיטאַמאָל האָבן זיך אַלע איינגעשטילט. אַלע רעדלעך האָבן זיך פאַראייניקט אין איין גרויסן ראָד. יעדנס אויגן האָבן זיך געווענדט אַהין, ווו עס זיינען געשטאַנען די נייע צוויי פּאַסאַזשירן, וועלכע זיינען איינגעשטיגן אין גריכנלאַנד. די רייכע באָבע האָט זיך שוין מיט זיי צונויפגערעדט אויף שטום=לשון און באַוויזן יעדן איינעם די אויסגעקריצטע נומערן אויף זייערע הענט.

עס צעקלינגט זיך דער גלאָק און אַלע גייען עסן אָוונט=ברויט. די רייכע פּאַסאַזשירן פון ערשטן קלאַס גייען זיך אַוועק צו זיך אין דעם פּרעכטיקן עס=צימער, ווו עס שפּילט שוין דער אָרקעסטער, און די אָרעמע לאָזן זיך

אַריין אין ענגן, טונקלען קאָרידאָר צום קליינעם, ענגן, עס־צימער פון דריטן קלאַס.

נאָכן אָוונט־ברויט פאַרזאַמלען זיך ווידער אַלע יידן אויפן דעק, אָבער שוין ניט אין איין ראָד. ביסלעכווייז ווערן געשאַפן באַזונדערע רעדלעך. די פאַבריקאַנטן זיצן צוזאַמען און רעדן וועגן זייערע געשעפטן און די אויס־זיכטן אין ישראל. די אָרעמע באָבע, דער אַרגענטינער סטאָליער און דאָס גריכישע פאָרפאָלק האַלטן זיך צוזאַמען. צו זיי קומט אָפט צו דער ישראל־דיקער יונגערמאַן און זיין כלה. ער וואַרפט אַריין אַ פּאָר ווערטלעך און די דיסקוסיע צעפלאַקערט זיך באַלד.

די אָרעמע באָבע וויל וויסן, פאַרוואָס מען הונגערט אין ישראל, און ער ענטפערט איר, אַז שולדיק אין דעם זיינען די אַרבעטער, וועלכע פאָדערן צו הויכע שכירות און דערלאָזן ניט, אַז ס'זאָל זיך אַנטוויקלען די אינדוסט־ריע.

— ווי קענען אונדזערע קאַפּיטאַליסטן פאַרקויפן סחורות אין אויס־לאַנד און אַריינברענגען אויסלענדישע וואַליוטע, ווען די פּראָדוקטן קאָסטן צו טייער און מען מוז קאָנקורירן מיט אַנדערע לענדער ?

די באָבע שאָקלט מיטן קאָפּ און קען ניט פאַרשטיין, אָבער זי וואַגט ניט צו פרעגן קיין איבעריקע שאלות. נאָר דער אַרגענטינער סטאָליער קען שוין דאָס ניט אויסהאַלטן :

— פאַרוואָס לאָזן די קאַפּיטאַליסטן ניט אַראָפּ פון די פּראָפיטן ? זיי מוזן עס שאַרן פעסער גאָלד אין ישראל און זייערע אייגענע בריִדער זאָלן הונגערן ? — טענהט ער אויפן קול און ווערט אַלץ מער אויפגעקאָכט.

— ניין — ווערט שוין דער ישראלדיקער יונגערמאַן אויפגעבראַכט — די קאַפּיטאַליסטן קען מען ניט צווינגען צו אינוועסטירן זייער קאַפּיטאַל אין אונדזער לאַנד, אָבער די אַרבעטער דאַרף מען ניט צווינגען, זיי וועלן שוין אַרבעטן פאַר אַ קלענערן לוין. זאָלן נאָר זייערע פירער באַשליסן. וואָס דען, אַ ברירה האָבן זיי ? פון וואַנען דען וועלן זיי לעבן ? — פרעגט ער ביי די אַרומיקע יידן, אונטערווינקענדיק צו דעם בראַזילישן פאַבריקאַנט מיט די גאָלדענע ציין.

„כל ישראל חברים" — שרייט דער זיידע, וועלכער פאָרט צום טאַטן אין הימל. — גאָט איז אַ פאָטער און ער וועט אַלעמען שפייזן — כאַפּט אים אונטער די רייכע באָבע. נאָר דער אַרגענטינער סטאָליער קען זיך גאָר־ניט באַרואיקן. נאָר מען לאָזט אים שוין מער ניט רעדן. די פאַבריקאַנטן זיינען צוגעשטאַנען צום ישראלדיקן יונגערמאַן און טרייסטן אים, אַז ס'איז

נימאָ וואָס מודא צו האָבן פאַר די אַרבעטער, אויב זיי מייגען, אַז אין אַז אייגן לאַנד קענען זיי שוין טאָן, וואָס זיי ווילן, וועט מען זיך שוין מיט זיי אַן עצה געבן.

די יידן היצן זיך. די אויגן בליצן און די קולות הייבן זיך אַלץ העכער און אין אַ ווינקל זיצט די אָרעמע באָבע אין ראָזעווען שאַל און דאָס גריכישע פּאָרל מיט די נומערן אויף די הענט און קוקן מיט זייערע גרויסע, שוואַרצע אומעטיקע אויגן אויף אַלע אַרומיקע און שמייכלען פון צייט צו צייט האַלב פאַרלוירן...

איבער די גאַסן פון תל-אביב

אַ גרויער, בלייערנער טאָג הענגט איבער דער שטאָט. דער הימל זעט אויס ווי אַן אָנגעגליטע, שטאָלענע שטאַרץ, איינגעטונקען אין ים, צודעקנדיק דעם האָריזאָנט מיט זיינע באַרגיקע קאָנטורן. אַ קלעפּעדיקע היץ, ווי אַ ריזיקע חיה מיט טויזנט ברענענדיקע און זאַמדיקע צונגען, לעקט דאָס לייב. אין וועלכער ריכטונג מען זאָל ניט גיין, דאַכט זיך, אַז מען דערנענטערט זיך צו אַן אָפענעם ווולקאַן, וועלכער שפּריצט אויף אייך מיט אַן אומזעבאַרער לאַווע. עס זעט אויס, ווי די גאַנצע שטאָט וואָלט געלעגן פאַרשטאָפּט אין אַ הייסער גלעזערנער קויל, אָנגעפילט מיט הייסע, מוטנע וואַסער, וואָס וועט באַלד אָנפאַנגען צו זידן און אויפרייסן אַלץ אַרום.

פרויען פאַרמאַכן פענצטערס, לאָדנס, טירן, אָנזאָגנדיק זיך איינע די אַנדערע דורך די באַלקאָנען מיט לאַנגע אויסגעצויגענע שטימען: „אַ חמסין“.

די באַוועגונג אויף די גאַסן איז היינט אַ קלענערע ווי שטענדיק. ווער עס קען, בלייבט אין דער היים. אָבער אין דרויסן פעלן ניט קיין מענטשן.

הויז-פרויען קענען זיך געוויס ניט דערלויבן צו זיצן אַ גאַנצן טאָג אין דער היים. מען גייט אַרום איבער די קראָמען: מען וואַרט, מען קוקט, אפשר איז עפּעס אָנגעקומען, אפשר קען מען עפּעס קריגן אויף די שפּייז-קאַרטלעך. אומעטום זעט מען רייען, דאָ וואַרט מען אויף קאַרטאָפל, דאָרט אויף צוקער, פלייש, פּאָמידאָרן, בוימל און אַנדערע שפּייז-אַרטיקלען פון ערשטן געברויך.

אויף איינער פון די גאַסן וויגט זיך אַ רײ פון טויזנטער מענטשן. זיי שטייען רואיק, געלאַסן. זיי זיינען שוין געוווינט צו די צרות.

— אויף וואָס וואַרט מען דאָ ? — פרעג איך ביי איינעם פון די שטייענדיקע. און ער ענטפערט מיר, אַז דאָ וואַרט מען אָפּצונעמען אַמעריקאַנער פּעקלעך. 70.000 פּעקלעך אַ חודש קומען אָן בלויז קיין תל־אביב, דערציילט ער מיר, באַטאָנענדיק, ווי גליקלעך עס זיינען די, וועלכע האָבן היינטיקע צייטן אַ קרוב אין אַמעריקע, וואָס העלפט אונטערהאַלטן די נשמה. „אָן דעם וואָלט מען דאָך אויסגעגאַנגען פון הונגער" — שאָקלט ער מיטן קאָפּ.

אויסגעמאַטערטע, פאַרשוויצטע פרויען שלעפּן זיך אַהיים פון די קלייטן, טראָגנדיק ברויט, קאַלאַפיאָרן, עטלעכע פּאָמעראַנצן, גרינע ציבעלעך און קרויט אין לאַנגע געשטריקטע קוישלעך.

— פילע, פילע, — באַקלאָגט זיך אַ פאַרבייגייענדיקע פרוי מיט אַ דין טיכל איבערן פּנים פאַר אַ צווייטער מיט ענלעכע שפּייזן אין איר דורכזיכטיק קוישל.

— עס קריכט שוין פון האַלדז — ענטפערט די צווייטע מיט אַ ווייינענדיקער שטימע, בייטנדיק דאָס קוישל פון איין האַנט אין דער צווייטער. איך שטעל זיי אָפּ און פרעג זיי, וואָס עס איז אַזוינס „פילע".

— איר ווייסט ניט וואָס עס איז אַזוינס „פילע" ? — פרעגט מיך די ערשטע, אויפהייבנדיק מיט איין האַנט דאָס טיכל פון איר פּנים און קוקט מיך אָן מיט צוויי נייגעריקע אויגן.

— הלוואי וואָלטן מיר אויך ניט געוווּסט !

„פילע" — הייבט זי אָן שמייכלענדיק, ווייל זי פאַרשטייט שוין, אַז איך בין אַ פרעמדע, — „פילע", דאָס איז אַזאַ מין געפּרווירענער פיש פון נאָרוועגיע, מיט וועלכן מען קאָרמעט אונדז יעדן טאָג אין דער וואָך.

— נשקשה, נשקשה, ניט אַלע עסן „פילע" — כאַפּט אונטער די צווייטע מיט דער וויינענדיקער שטים. די וואָס קענען קויפן אויפן שוק־שחור (שוואַרצן מאַרק) האָבן פון אַלדאָס גוטס. זיי פעלט גאָרניט, ניט קיין פלייש, ניט קיין הינער, ניט קיין פּוטער, ניט קיין קאַרטאָפל, ניט קיין צוקער — אַלץ, אַלץ קריגט מען אויפן שוואַרצן מאַרק. ס'איז בלויז פאַר די ספּעקולאַנטן, פאַר די גבירים און פאַר די, וואָס שטייען ביי דער שיסל.

עס שטעלן זיך אָפּ כלערליי פרויען — אייניקע דערשראָקענע, אויסגעדאַרטע, מידע, מיט טרוקענע פּנימער, מיט טיכלעך אויף די קעפּ, מיט ביינערדיקע גלידער און אַנדערע פולע, זאַטע, אויסגערוטע, מיט רוגזהדיקע אויגן, מיט באַפעלנדיקע שטימעס.

אונדזער קליין רעדל צעוואַקסט זיך און עס ווערט אַ ראָד. פֿאַרביי־גייענדיקע פֿרויען שטעלן זיך אָפּ און הערן זיך צו, דערנאָך ווערן זיי אויך אַריינגעצויגן, פֿריער שטיל, געלאַסן, פֿאַרזיכטיק און באַלד גייט עס איבער צו הויכע טענער, וואָס פֿאַרוואַנדלען זיך אין געשרייען.

ניט געקוקט אויף דעם חמסין, שטייען די פֿרויען מיט די קוישלעך אין די הענט און רעדן אינמיטן גאַס אונטער דער ברענענדיקער זון. אַנט־קעגן, פֿון די מויערן קוקן אַראָפּ פֿון אַ וואַנט האָליווּד־גאַנגסטער מיט רעוואָלווערן אין די הענט און אויפֿן ריזיקן פּלאַקאַט גיסט זיך בלוט. אויף אַ צווייטער וואַנט ליגט אַ האַלב־נאַקעטע אַקטריסע אין די אָרעמס פֿון איר געליבטן.

ביי די טירן פֿון ביידע קינאָס ציען זיך לאַנגע רייען פֿון מענטשן מיט בילעטן אין די הענט, און וואַרטן מיט אומגעדולד איינצוזאַפּן אין זיך די פּרוכט פֿון דער אַמעריקאַנער „קולטור“.

אונטער אַ לייוונטענעם דעכל פֿון אַ שניט־קראָם שטייען צוויי יונגע־לייט אין טונקעלע שווערע מלבושים, גאָרניט צוגעפּאַסט צו דעם קלימאַט, זיי זעען אויס ווי נייע עולים.

— נו, דו האָסט שוין אַ דירה? — פֿרעגט איינער ביים צווייטן.

— און וואָס קומט אַרויס, אַז איך האָב שוין יאָ, נאָך צוויי יאָר וואַל־גערן זיך אין מעברה, געקראָגן אַ דירה, אַז איך האָב ניט די 1200 פֿונט איינצוצאָלן פֿאַר איר. איך לויף אַרום איבער די בענק, פּרוּוו מאַכן אַ הלוואה, אָבער איך קריג ניט קיין זשיראַנטן. מענטשן, וועלכע קענען מיך יאָרן, דער־קענען מיך היינט ניט. ניטאָ קיין פֿריינט, די איינציקע פֿריינט, וועלכע איך האָב, איז מיין ווייב און מיין הונט. יעדער איינער, נאָר פֿאַר זיך — באַ־קלאָגט זיך דער דאַרער יונגערמאַן מיטן צעקנייטשטן געלבלעכן פּנים, מיט אומרואיקע אויגן און נערוועזע באַוועגונגען.

אין אַ זייטיקער גאַס, פֿאַר אַ טויער פֿון אַ האָלץ־געשעפֿט, שטייט אַ מיטליאָריקער, אויסגערוטער, שמייכלענדיקער ייד און קוקט מיט צופֿרידנ־קייט אויף די פֿאַרבייגייער, באַגלייטנדיק יעדן איינעם מיט אַ באַזונדערן בליק, ווי ער וואָלט זיך צו יעדן פֿאַרגליכן און באַשלאָסן, אַז ער איז טאַקע דער גרעסטער און גליקלעכסטער.

איך שטעל זיך אָפּ, קוק זיך צו צו די ברעטער, וואָס ליגן אויסגעלייגט און אָפּגעפּוצט ווי רענדלעך. איך באַגריס זיך מיט אים און ער ענטפֿערט אויף מיין שלום מיט אַ ברייטן, טאָפּלטן „שלום, שלום“.

איך קוק דורך דעם פּאַרקאַן אויף זיין סחורה און פרעג אים, ווי עס געלינגט אים אין היינטיקע ציי‌טן צו קריגן דאָס האָליץ, און ער ענטפערט:

— ברוך השם, פאַר געלט קריגט מען אַליץ.

אויף מיין פראַגע, ווי עס לעבט זיך אים אין ישראל, ענטפערט ער ווידער מיט אַ נייעם „ברוך השם".

— ווי קען מען עס מאַכן אַ לעבן פון אַזאַ קליין ביסל סחורה? — פרעג איך אים און ער דרייט מיטן קאָפּ הין און צוריק, קוקט אויף מיר מיט כיטרע בליקן.

— מיט דעם ביסל געהיליץ מאַכט מען אַרום פינף — זעקס טויזנט פונט געשעפט אַ חודש, — באַרימט ער זיך מיט זעלבסטצופרידנקייט.

— און וויפל איז דער פּראָפיט? — בין איך נייגעריק צו וויסן.

— גו, אַמאָל צוואַנציק, אַמאָל דרייסיק און מער פּראָצענט, ווי עס לאָזט זיך, ברוך השם — האָט ער שמייכלענדיק געענטפערט.

אַ קלאָרער חשבון. אַ קליינער האָליץ-ספּעקולאַנט פאַרדינט צווישן טויזנט און פופצן הונדערט פונט אַ חודש; בעת אַן אַרבעטער פאַרדינט צווישן פופציק און זיבעציק פונט.

— אַזאַ איז דאָ די גערעכטיקייט. מען קען טאָן וואָס מען וויל, אפילו אַריינוואַרפן זיך אין ים אַריין... — טענהט אַ יונגערמאַן פון הינטער מיין פּלייצע, וועלכן איך האָב גאָרנישט געזען צוקומען, אָבער ער איז, ווייזט אויס, די גאַנצע צייט געשטאַנען און געהערט דעם האָליץ-סוחרס רייד. ער קוקט אויף אים מיט אַ פאַרביטערט געזיכט.

עס וואַקסן אויס נאָך עטלעכע יונגעלייט אַרום אונדז. פאַרבייגייער שטעלן זיך אָפּ און עס זעט שוין באַלד אויס ווי אַ קליינער מיטינג. ס'איז גענוג, מען זאָל הערן אַן אַלט באַקאַנט וואָרט, אַ באַקאַנטע שפּראַך, וועגן אַ נעגנט, פון וועלכער מען קומט און מען זאָל זיך אָפּשטעלן.

אַ הויכער פירקאַנטיקער יונגערמאַן שטייט שוין לעבן מיר. אַליץ אויף אים איז פירקאַנטיק — די פּלייצע, דאָס פּנים, דער הוט, און אפילו די רייד. ער פירט זיך מעשה באַלעבאָס. ער רוקט זיך צום סאַמע מיטן, אַוועק-שטופּנדיק די אַרומיקע.

— וואָס, עס געפעלט אייך ניט מדינת ישראל? — פרעגט ער זיך מיט אַ מאָנאָטאָנער שטים ביים יונגנמאַן, וועלכער האָט זיך געקרימט און געבייזערט אויפן האָליץ-סוחר, אָנרירנדיק אים ביים אַקסל מיט זיין טעקע.

דער יונגערמאַן מיט דעם שעמעוודיקן פּנים, מיט די פאַרשלאָפענע אויגן און צעקנייטשטע קליידער, ווי ער וואָלט נאָרוואָס אַרויסגעקראָכן פון

אַ פאַרשלאָסענעם משעמאָדאַן, קוקט זיך אום אויף אים, ווי ער וואָלט זיך געוואָקלט צו ענטפערן: — ווער זאָגט, אַז עס געפעלט מיר ניט מדינת ישראל? — האָט ער מיטאַמאָל אַרויסגעקרעכצט. — אַ טייערע מדינה, איר האָט דאָך נאָרוואָס געהערט, פאַר וועמען זי איז גוט, מען מאַכט ברוך השם 1000 פונט אַ חודש. די ספעקולאַנטן דערלייגן ניט צו איר, די, וואָס שטייען ביי דער שיסל, לעקן אויך אָפּ אַ ביינדל, אַ פיינע מדינה.

אַ צווייטער יונגערמאַן, אַ קליינער, אַ מאָגערער, מיט אַן איינגעפאַלענער ברוסט, מיט אויסגעשטאַרצטע קינבאַקן און ברייטע קליידער, אין וועלכע ער שווימט אַרום ווי אַ שטעקן, ציט צו זיך די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. ער זעט אויס צו זיין אַן אַקטיאָר. זיין קול איז ווי פון אַ ריז. עס איז שווער צו גלויבן, אַז פון דעם פעקל ביינער רעדט אַרויס די דאָזיקע פעסטע, באַסאָווע שטים:

— וואָס, איר רעדט פון מדינת ישראל? עד מיר אַ מדינה און היינטיקע יידן עד מיר יידן. דאָס זיינען יידן? — ווייזט ער אָן אויף אַ גרופע איינגעדאַרטע, נידעריקע מענער, וועלכע שטייען אין ראָד. — נעמט אַראָפּ פון זיי די זאַכן און זיי וועלן אַלע אַריין אין אַ פושקעלע שוועבעלעך. — דער עולם לאַכט. ניט אַזוי פון זיינע רייד, ווי פון זיינע באַוועגונגען און זיין אויסזען.

— אַמאָל, אַמאָל איז געווען אַ מדינה. אַמאָל זיינען געווען יידן, הויכע, ברייטע, פעטע ווי די ריזן. זיי זיינען זיך געזעסן אין זייערע וויין-גערטנער, געטרונקען דעם גוטן וויין, פאַרביסן מיט געבראָטענע שעפסן און רינדער, פאַרוויכערט די טייערע ליולקעס, געריטן אויף די אייזלער, און די ווייבער זיינען זיי נאָכגעגאַנגען און געפאָלגט, און היינט — ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע, כאַפּנדיק דערביי אַ קוק, צי מען הערט זיך צו. דערזעענדיק זיין דערפאָלג, איז ער אַריין אין נאָך אַ גרעסערער התפעלות.

— היינ-טי-קע יידן זיינען דאָך קיין יידן ניט. אָנשטאָט רייטן אויף אייזעלעך, רייט מען אויף זיי. אָנשטאָט די געבראָטענע שעפסן, עסט מען די געפרווירענע נאָרוועגישע „פילע“, אָנשטאָט וויין, טרינקט מען גאַזאָז.

חברה לאַכן. אַ פיינער טאַלאַנט. אַן אמתער גאָלדפאַדען. אַ גרויסאַרטיקער אַקטיאָר. פון וואַנען, פון וואַנען, רב ייד? אין וועלכע לענדער האָט איר געשפילט? — פאַרוואָרפט מען אים מיט פראַגן. אָבער דער ייד דרייט זיך אַרויס פון אַן ענטפער, דערקלערנדיק עמעצן אויף אַ זייט מיט גאָר אַן אַנדער קול, אַז ער איז גאָרניט קיין אַקטיאָר, ניט ווייל ער וויל ניט, נאָר ווייל קיינער האָט אים נאָך ניט אַנגאַזשירט. ער איז אַ קירזשנער פון פאַך,

אָבער אַזוי ווי דאָ דאַרף מען ניט קיין קירזשנערס, איז ער געוואָרן אַ קאַ־מאַשן־שטעפּער, און אַזוי ווי עס איז ניטאָ קיין לעדער, איז ער געוואָרן אַ מעקלער...

ביסלעכווייז גייט זיך דער עולם פונאַנדער. אויך איך קער זיך אום אַהיים. די אויטאָבוסן גייען שוין ניט. די קראָמען זיינען שוין פאַרמאַכט. ס'איז ערב־שבת. פרייטיק נאָכמיטאָג שטעלט זיך אַלץ אָפּ.

ביי אַ פאַרמאַכטער טיר פון אַ שפּייז־קראָם שטייט אַ פרוי און טריקנט אויף אַ שטריקל שטיקער ווייסע פאַפּיר, וואָס האָבן געדינט איינצוּוויקלען קעזלעך. זי פאַרקלאָגט זיך פאַר מיר, אַז אַלץ איז דאָ זייער טייער: שפּייז, קליידלעך, פאַפּיר, דער שבת, אָבער מענטשן, מענטשן זיינען זייער ביליק.

אויפן הר הכרמל

אויפן הר־הכרמל איז קיל, לופטיק און שטילער ווי אומעטום. די ברע־נענדיקע היצן זיינען דאָ מילדער. די הויכקייט און די גערטנער דערלאָזן ניט, אַז די הייסע זוניקע פונקען זאָלן דערגייך אַהער.

דער מיטללענדישער ים קוקט אַרויף מיט בלויע, פאַרבענקטע אויגן צו די ווייסע, פּרעכטיקע ווילעס, איינגעטונקענע אין בלומען און בענקט אַוודאי ווי די אייגוויינער פון די אָרעמע, ענגע אונטערשטע קוואַרטאַלן נאָך אַ ביסל פרישער לופט. נייע אַמעריקאַנער אויטאָמאָבילן פאָרן גאַוהדיק פאַרביי. דאָ יאָגט מען זיך ניט. דאָ שטופּט מען זיך ניט. דאָ לויפט מען ניט. דאָ זוכט מען ניט מיט אומרואיקע אויגן מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען. דאָ וווינט די יידישע בורזשואַזיע. אַ טייל איז געקומען אַהער אין די דרייסיקער יאָרן פון דייטשלאַנד מיט די פאַרמעגנס און זיך דאָ איינגעאָרדנט אין לוקסוס און אין רחבות. אין דער צייט פון קריג זיינען זיי נאָך רייכער גע־וואָרן.

דאָ, אויפן באַרג, פעלן ניט קיין קינדער־היימען, קיין שולן, קיין גימנאַ־זיעס, קיין דינסטן, קיין דינער און באַדינער.

דאָ פעלן אויך ניט קיין קאַבאַרעטן, לוקסוס־האָטעלן, קאַפעען און אַנ־דערע מינים פאַרווייַלונגס־פּלעצער.

פיין געקליידעטע דאַמען אין ווייסע הענטשקעס און גרויסע שטרויענע

היט שפּאַצירן זיך לאַנגזאַם מיט זייערע הינטלעך איבער די גאַסן. זיי דערציילן זיך אויף דייטש וועגן די נעכטיקע גליקן ביי די קאָרטן און די לעצטע רכילות וועגן זייערע שכנות.

אײנע פון די שענסטע ווילעס אויפן באַרג געהערט צו אַ דייטשישן ייד — אַ סוחר פון בוי־מאַטעריאַלן. ער איז אין דער צייט פון קריג געוואָרן אַ מיליאָנער. אין זיין גאָרטן געפינען זיך די פאַרשידנאַרטיקסטע בלומען. ספּעציעלע פאַכלייט האָבן זיך פאַרנומען מיט יעדן בוים, מיט יעדן קוסט און יעדן גרעזל. דריי אַרבעטער זיינען אָנגעשטעלט אויפצופּאַסן אויפן גאָרטן. אין איינעם פון זיינע ווינקעלעך געפינט זיך אַ וואַסערבאַסיין, וווּ עס שווימען אַרום לעבעדיקע קאַרפּן.

די באַלעבאָסטע איז זייער שטאָלץ מיט איר גאָרטן. זי פאַרברענגט דאָרט גאַנצע טעג און האָט אַפילו ליב אַליין אַרומצושניידן די בלומען און זען דורך די שוואַרצע זון־גלעזער, ווי פאַרבייגייער שטעלן זיך אָפּ און קוקן מיט פאַרווונדערונג אויף איר פאַרמעגן.

צו אונדז איז זי זייער פריינטלעך, ווייל מיר זיינען טוריסטן און מיר רעדן ענגליש. זי דרייט אויס איר קאָפּ, וועלכער זעט אויס ווי אַן איבערגעשטאַנענע געלע דיניע, וואָס שטאַרצט אַרויס פון אַ פולן פאַרבונדענעם זאַק, און לאַדט אונדז איין צו באַזוכן איר היים, פאַר וועלכער זי אַליין האָט געמאַכט דעם פּלאַן און אַליין דעקאָרירט.

זי לייגט אַוועק די שער, די בלומען, טוט אויס די הענטשקעס און פירט אונדז אַרום איבער איר גאָרטן, אָפּשטעלנדיק זיך ביי יעדן בוים און דערציילט אונדז, פון וואַנען זי האָט אים געבראַכט און וויפל מי און געלט עס האָט געקאָסט, ביז ער האָט זיך איינגעוואָרצלט אין דער זאַמדיקער ערד.

מיט גרויס פרייד פירט זי אונדז איבער די פערצן צימערן פון הויז. זי באַווייזט אונדז די מעבל, די דיוואַנען, די וואַזעס, די גאַרדינען אין די זאַלן, קאַבינעטן און גאַסט־צימערן, צוגעבנדיק, פון וואַנען יעדער אַרטיקל שטאַמט און וויפל שוועריקייטן זי האָט געהאַט ביים אַראָפּברענגען זיי קיין ישראל.

פאַרשידענע שטיקער מעבל פון פאַרשידענע צייטן און פאַרשידענע לענדער האָבן זיך דאָ צונויפגעטראָפן ביי דעם דייטשישן סוחר אין הויז, ווי די פאַרשידנאַרטיקע מענטשן פון אַלערליי לענדער און קלימאַטן, וועלכע האָבן זיך דאָ צונויפגעזאַמלט אין לאַנד, מיט דעם איינציקן אונטערשיד, וואָס דאָס מעבל האָט מען אַריינגעבראַכט אין אַ היים און מען היט עס,

און מען פּוצט עס, און מען גלעט עס, אָבער די מענטשן זייגען דאָך ניט קיין מעבל...

די באַלעבאָסטע שעפּט נחת, וואָס מיר דרייען זיך אַרום איבער אירע צימערן, שטעלן זיך אָפּ און קוקן זיך צו אַלץ צו מיט גרויס אינטערעס. אין הויז שמעקט מיט געבראָטנס, מיט פריש געבעקס, מיט פיש. דער טיש איז געגרייט אין עס־צימער. עס פינקלט פון די טעלער, פון דעם גלאָזוואַרג, פון די קרישטאָלענע וויין־כּוסות.

צוויי תימנער מיידלעך אין ווייסע פאַרטעכלעך אַרבעטן אין קיך. אָבער זיי טויגן ניט, באַקלאָגט זיך די אייגנטימערין. זיי טויגן ניט, די „שוואַרצע“, ווייל זיי זייגען טעמפּע. די דייטשישע דינסטן, וועלכע זי האָט אַמאָל געהאַט אין דייטשלאַנד, זייגען געווען פיל בעסער — פאַרטרויט זי אונדז אין דער שטיל.

ביים געזעגענען זיך פרעגט זי זיך, צי אין אַמעריקע זייגען פאַראַן שענערע היימען ווי אירע. זי וויל וויסן, וואָס פאַר אַ מעבל מען נוצט דאָרט. זי באַוואַרפט אונדז מיט פראַגן, אָבער איך הער ניט אירע רייד. פאַר מיינע אויגן שוועבן די רייכע ווילעס, וועלכע איך האָב געזען אין אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, פּוילן, וואָס זייגען היינט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אָפּרו־הייזער פאַרן פאָלק און אין קינדער־היימען.

אין דער ווילע גרייט מען זיך צום מיטאָג און אין גאָרטן זיצן אויף דער ערד, אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט פון דעם הויז, די דריי אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן ביי די בלומען, און עסן זייער מיטאָג, וואָס באַשטייט פון שטיקלעך פאַרטריקנט ברויט מיט אוגערקעס.

*

ניט ווייט פון דער ווילע געפינט זיך אַ רעסטאָראַן. געוויינלעך קומען אַהער וויניק מענטשן. די איינוווינער פון באַרג קומען ניט אַהער עסן. קיין גרויסע פּאַטראָנעס קען מען דאָ ניט געפינען. דאָ קומען די אָנגעשטעלטע פון די געשעפטן, פון די קאַנצעלאַריעס און סתם פאַרבייגייער.

אָבער היינט איז דאָרט געפּאַקט, עטלעכע צענדליק מענטשן שטייען אין דרויסן. דער באַלעבאָס, אַ הויכער מאַן מיט אַ האַרט פאַרשטיינערט פּנים און אַרויסגעשטאַרצטע אויגן, איז צעטראָגן. ער שטייט ניט מער ביי דער קאַסע, ווי שטענדיק. צווישן די קנייטשן אַרום זיין מויל גליטשט זיך

היינט אַ דין, ציניש שמייכעלע. ער קוקט דורכן פענצטער אויף די וואַרטנ־דיקע.

מיר פרעגן זיך ביי אים, וואָס דאָ האָט פּלוצים פּאַסירט און ער ענט־פערט, אַז ער דאַרף געשיר־וואַשער, און די אַלע מענטשן האָבן זיך עס אָפּ־גערופן אויף זיין אַנאָנס אין דער צייטונג. שוין דריי טעג, אַז זיי האַלטן אין איין קומען. פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט הערן זיי ניט אויף אָפּצו־קלאַפּן די טיר, אפשר צוויי הונדערט מענטשן זיינען שוין געווען.

פאַרשידענע פרויען און מענער פון איראַן, עגיפּטן, רומעניע, אונגאַרן, פּוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע שטייען דאָ און וואַרטן, מען זאָל זיי צונעמען אויף דעם פּאָסטן, ווו מען קען פאַרדינען אַ פונט אַ טאָג מיט עסן.

פאַרשידענע שפּראַכן און געשיכטעס הערט מען דאָ צווישן די שטייענדיקע.

אַ יונג מיידל, מיט אַ פּריש, העל געזיכט דערציילט מיר, אַז זי איז שוין פינף חדשים אין לאַנד, וווינט אין דער מעברה צוזאַמען מיט איר מוטער. אין בוקאַרעשט, ווו זי איז געבוירן געוואָרן און אָפּגעלעבט 26 יאָר, האָט זיך איר געלעבט גאַנץ גוט. זי האָט געאַרבעט אַלס אַ בוכהאַלטערין אין אַ רעגירונגס־אַמט, געפאָרן אויף וואַקאַציע אין די שענסטע פּלעצער פון לאַנד און דאָ... ווען זי קריגט כאָטש דעם פּאָסטן אַלס אַ געשיר־וואַשע־רין. זי וואָלט געהאַט וואָס צו עסן און דעם פונט אַ טאָג געקענט געבן איר מוטער. אָבער ווער ווייסט, צי זי וועט זיין די מזלדיקע, פאַרטרוויט זי מיר אין דער שטיל, ציילנדיק דערביי אירע קאָנקורענטן.

אַ צווייט מיידל פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, מיט ברילן, גיט מיר איבער, אַז זי קומט פון קאַנאַדע, ווו זי איז געווען אַ לערערין, זי האָט דאָרט אַ שוועסטער, ברידער, עלטערן און אַ גאַנצע פאַמיליע, אָבער עס איז איר געווען אומעטיק. אַלע אירע חברטעס זיינען שוין פאַרהייראַט. און די צייט שטייט ניט, האָט זי געטראַכט, אפשר וועט זי דאָ טרעפן נייע מענטשן...

דערווייל האָט זי שוין אויפגעגעסן דאָס גאַנצע געלט, וואָס זי האָט אָפּגעשפּאָרט און קיין אַרבעט געפינט זי ניט.

אויף דער באַנק לעבן רעסטאָראַן זיצט אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר פער־ציק, מיט שטילע וואַרעמע אויגן. ער זעט אויס ווי אַ ישיבה־בחור, וועלכער וואַרט אויף אַ פאַרהער. לעבן אים זיצט אַן אַלטיטשקע פרוי מיט אַ טיכעלע אויפן קאָפּ, אין אַ לאַנג שוואַרץ קלייד. איר געזיכט זעט אויס, ווי זי וואָלט אין גאַר אַ שנעלער צייט פאַרלוירן אַ סך וואָג. די הויט הענגט אויף אירע באַקן. אירע אויגן זיינען פול מיט זאָרג.

זיי קוקן ניט איינער אויפן צווייטן. זיי רעדן ניט צווישן זיך. זיי זיצן און קוקן אויף דער טיר פון רעסטאָראַן, ווי פון איר וואָלט געוועזן אָפּהענגיק זייער גאַנץ לעבן. פון צייט צו צייט לייגט די אַלטיטשקע אַרויף איר קליינע האַנט מיט די בלויע אָדערן אויף זיין פּלייצע און טוט אים אַ גלעט, ווי זי וואָלט אים אַזוי אַרום געטרייסט.

מיטאַמאָל האָט זיך די טיר געעפנט און דער באַלעבאָס האָט, שטייענדיק אויף דער שוועל, אַנאָנסירט, אַז ער האָט שוין דעם פּאַסיקן מענטשן. דער עולם האָט זיך אין אָנהייב ניט גערירט פון די פּלעצער, ווי זיי וואָלטן ניט געגלויבט, אָדער ניט געהערט זיינע רייד. ערשט ווען ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט, האָט זיך דער עולם גענומען פונאַנדערגיין.

דער יונגערמאַן מיט דער אַלטיטשקער האָבן זיך פּלוצים אויפגעהויבן און אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. ער איז געלאָפן פאָרויס און נאָכגעשלעפּט נאָך זיך די זקנה. דער אויסדרוק פון זיין פּנים האָט זיך מיטאַמאָל געענדערט. ער איז געוואָרן ענערגיש, ווי ער וואָלט באַלד דאַרפן דורכפירן אַ מיסיע, צו וועלכער ער האָט זיך אַ לאַנגע צייט געגרייט. מיט פאַרצווייפלונג אין זיין שטים האָט ער זיך געווענדט צום באַלעבאָס. אַלע אַוועקגייענדיקע האָבן זיך אויסגעדרייט, געבליבן שטיין און זיך צוגעהערט.

— איר מוזט מיך צונעמען, איר מוזט! דאָס איז מיין מוטער, זי איז קראַנק, איך האָב אַ פרוי מיט דריי קינדער, איך האָב זיי ניט וואָס צו געבן צו עסן. איר קענט מיר ניט אָפּזאָגן. איך קען ענגליש, פראַנצויזיש, העברעאיש, איך קען זיין אַ קעלנער, רעדן צו מענטשן אויף פאַרשידענע שפּראַכן. איך קען אַרבעטן אין קיך. איך וועל טאָן אַליץ, אַליץ, וואָס מען דאַרף! איר מוזט! איר מוזט! — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, ווי ניט מיט זיין קול.

— עס טוט מיר לייד — האָט אים געענטפערט דער אייגנטימער פון רעסטאָראַן און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

ווען אַלע קאַנדידאַטן אויף געשיר־וואַשער זיינען זיך שוין פונאַנדערגעגאַנגען, איז נאָך אַליץ אין אַ זייט אַ געשטאַנען אַ יונגערמאַן אין אַ גרויען אַנצוג מיט אַ שוואַרצער טעקע אונטערן אָרעם. ער האָט מיט זיין אויסטערלישן אויסזען געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. ער האָט אויסגעזען שטאַרק אויסגעמאַטערט, ווי ער וואָלט דורכגעמאַכט אַ שווערע אָפּעראַציע. ער איז געשטאַנען און די אויגן ניט אַראָפּגענומען פון דעם רעסטאָראַן.

— עס לוינט זיך ניט צו ערגערן איבער אַזאַ נישטיקן פּאָסטן — האָב איך אים געפּרוווט טרייסטן.

ער האָט זיך אויף מיר אומגעקוקט אין אַ ווײַלע אַרום, ווי ער וואָלט ניט געהערט מײַנע רייד. איך האָב נאָכאַמאָל איבערגעחזרט מײַנע ווערטער.

— האַ, האַ — האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף און מיך אָנגעקוקט מיט צוויי אויגן, אין וועלכע עס איז געלעגן דער צאָרן פון טויזנט אומגליקלעכע.

— האַ, דער פּאָסטן ? ניין, ניט פון דעם טראַכט איך.

— וועגן וואָס־זשע דען האָט איר זיך אַזוי פאַרטראַכט אינגאַנצן גאָר ?

— האָב איך אים מיט נײַגער געפרעגט.

ער האָט מיך נאָכאַמאָל אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצײַגן, צי איך וועל אים פאַרשטיין, און באַלד צוגעגעבן מיט גלײַכגילט, ווי ער וואָלט שוין פיל מאָל געטראַכט וועגן דעם :

— איך טראַכט וווּ צו גיין ? אַהיים — אָדער אין ים אַריין.

איך האָב אים אָנגעקוקט און דערפילט, אַז דאָס זײַנען ניט סתם קיין רייד, כדי אַרויסצורופן מיטלייד צו זיך. מיר זײַנען געשטאַנען אַ ווײַלע און געשוויגן. ער האָט ניט געהאַט דעם מינדסטן ווילן צו רעדן און איך האָב ניט געקענט געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט, וואָס זאָל קענען עגדערן זײַן געמיט. איך האָב אים אין אַ ווײַלע אַרום געבעטן זיצן מיט מיר אויף דער דערבײַיאיקער באַנק. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט זיך שלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל אָננעמען מײַן אײַנלאַדונג און דערנאָך זיך אויטאָמאַטיש אַוועקגעזעצט.

איך האָב אים געפרעגט, פאַרוואָס ער טראַכט אַזוי און געבעטן רעוויִדירן זײַנע געדאַנקען. ס׳קען זײַן, אַז דאָס, וואָס ער האַלט היינט פאַר טראַגיש, וועט אפשר מאָרגן האָבן אַ גאַנץ אַנדערן אויסזען. ער האָט זיך פאַרטראַכט און לאַנגזאַם אָנגעהויבן, איבערגעבנדיק מיר אין קורצן די סיבות פון זײַן פאַרצווייפלונג.

— איך בין שוין פופצן חדשים אין ישראל. וווין אין דער מעברה מיט מײַן פאַמיליע. אָן אַרבעט, אָן ברויט.

ער איז געבליבן זיצן אַ ווײַלע מיטן קאָפּ אַראָפּגעבויגן און זיך שטילערהייט געוויגט הין און צוריק, און שטילערהייט אַרויסגעמורמלט :

— איך קען ניט מער ! איך קען ניט מער צוקוקן צום פּײַן פון מײַנע קינדער !

שפּעטער, ווען דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אונדז, האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַרײַנגעשטיגן, לאָזנדיק הינטער זיך אַ לאַנגזאַמען, צעוויײטיקטן : שלום !

אין טבריה

טבריה ליגט צווישן בערג און דעם ים כנרת. ווען ניט די עטלעכע גאַסן מיט די קראָמען און אויטאָבוסן וואָלט די אַלטע שטאָט מיט אירע הויקער־דיקע, האַלב־איינגעזונקענע כאַטקעס אויסגעזען ווי אַ צעוואַקסן אַראַביש דאָרף.

אויף דער הויפּט־גאַס דרייען זיך אַרום פאַרשידענע טיפּן יידן אין אַלערליי אָריענטאַלישע קליידער. זיי רעדן אויף פאַרשידענע שפּראַכן און דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן געמיינזאַמס, איז דער קאַמף פאַר אַ שטיקל ברויט און אַ דאַך איבערן קאָפּ. ווען מען קומט אַהער צום ערשטן מאָל אַראָפּ און מען דערזעט דאָס בילד, דאַכט זיך, אַז מען געפינט זיך ערגעץ אויף אַן אויסטערלישן אינטערנאַציאָנאַלן יאַריד.

צווישן די קראָמען, קרעמלעך, טישלעך מיט סאָדע־וואַסער, קעסטלעך מיט קנעפּלעך, קעמלעך, נאַפּטאַלין, קווישעלעך מיט רעטער, בוראַקעס, אוגערקעס, פּאָמידאָרן, קרויט, קאַלאַפּיאָרן און אַנדערע גריגסן שלעפּן זיך אַרום פאַרגליווערטע זקנים, מיט צעווירעטע, קופּערנע פּנימער, באָר־וועסע מיידלעך, פאַרשלייערטע אין מיניעגדיקע טיכער מיט צניעותדיקע, פאַרשעמטע אויגן, און פּיצעלעך יינגעלעך מיט לאַנגע פּאות און יאַרמולקעס אויף די ווילד־באַוואַקסענע קעפּלעך.

אַ הויכער, באָרוועסער ייד אין אַ ברוינעם כאַלאַט, מיט אַ רויט סאַ־מעטן היטל אויפן קאָפּ טראָגט צוויי אַמעריקאַנער פלייש־פּושקעס אין די הענט און שרייט מיט אַ סאָפּראַן־שטים: „וויאַנדר, וויאַנדר!“. אַ צווייטער ייד אין דריי קאַפּאָטעס, איינע אויף דער צווייטער, מיט אַ ווייסן טורבאַן אויפן קאָפּ, שאַרט זיך פּאַמעלעך מיט אַ קעסטעלע נאַפּטאַלין און רופט די קונים אויף שטום־לשון, אונטערווינקענדיק מיט צוויי גרויסע, שוואַרצע אויגן.

אַ מיטליאָריקע פרוי מיט ווייסע, ברייטע הויזן און עטלעכע קליידער, אָנגעטאָן איינס אויפן צווייטן, טראָגט אין די הענט אַ גרויס הילצערן ברעט מיט הייסע מאָן־צוקערלעך און פאַרשטעלט מיט אים דעם וועג. אַ קליין יינגעלע אויף אַן אייזל פירט אַ וועגעלע מיט הילצערנע

קעסטלער צום פאַרקויפן. נאָכן װענעלע שלעפּט זיך נאָך אַ פרוי מיט אַן עופהלע אויף די הענט און צװײ קלײנע קינדער ביי די זייטן.

אַ הינקעדיקער ייד זיצט אויף דער ערד מיט קוליעס ביי דער זייט, דרעמלט לעבן אַ קאָרב מיט פליגן אויסגעמישט מיט װײכע, צעריבענע טייטלען. די פליגן באַװעגן זיך ניט, עס זעט אויס, װי זײ װאָלטן אַרויסגעװאַקסן אויף דער ברוינער האָניק־מאַסע.

אַן אײנגעשרומפּענע פרוי מיט איין אויג און אַן אויסגעשטרעקטער האַנט שאַרט זיך צװישן עולם און קושט דעם זוים פון קלייד ביי יעדן, װאָס גיט איר אַ נדבה.

אויף איין ראָג איז אַ טומל. צװײ יידן קריגן זיך און אַרום זיי איז אויסגעװאַקסן אַ גרויסע ראָד מיט צושױער. אײנער פון זיי איז אַן אַלטער תושב און דער צװײטער אַ ניי־אײנגעװאַנדערטער, אַ קצב פון רומעניע, װעלכער האָט דאָ געװאָלט עפענען אַ סאָדעװאַסער־קרעמל, אָבער דער אַלטער תושב האָט מורא געהאַט פאַר קאָנקורענץ און ניט דערלאָזט.

דער קצב פאָכעט מיט די הענט אין דער לופט און שעלט אויפן קול:

— אַ לאַנד איז דאָס, אַזאַ יאָר אויף אײך! אַלץ איז שװאַרץ. אפילו קאַרטאָפל מוז מען קויפן אויפן שװאַרצן מאַרק און צאָלן פופצן פּיאַסטער אַ קילאָ, װען דער אָפיציעלער פּרייז איז בלויז דריי פּיאַסטער. אַ קילאָ הון קאָסט צװײ פונט. װער קען זיך דאָס פאַרגינען חוץ די גבירים. שפּייז איז מיט גאָלד גלייך און פאַרדינען לאָזט מען ניט!

דער ייד, דער תושב, איז אויך ניט קיין נעבעכל, ער קען אויך עפענען אַ מויל. און װײל ער איז אַ דאַרינקער, אַ נידעריקער, שפּרינגט ער אונטער אויף די שפּיץ פינגער און שטייט דװקא אויף די שטיגן פון זיין געװעלבל. דערפאַר, װאָס זיין קול איז אַ הייזעריקער, שרייט ער מיט אַלע כוחות: „אויסװורפן, אונטערװעלט־מענטשן זײנען זיי, נאָר קרעמער װילן זיי זיין, אַרבעטן פּאַסט זיי ניט, גייט אין נגב אַריין און מאַטערט זיך, װי מיר האָבן זיך געמאַטערט, גייט אויפן לאַנד און אַקערט מיט דער נאָז די ערד! נאָר אין די שטעט װילן זיי װוינען, אַ גרינג לעבן װילן זיי. אַרבעטן גייט, אַרבעטן!"

— אַרבעטן זאָלט איר מיט די זייטן. מען קריגט דען אַרבעט? איר זעט דען ניט יעדן פאַרטאָג די טויזנטער יידן, װאָס שטייען אויפן מאַרק, האָפנדיק צו קריגן אַ טאָג אַרבעט און מען קלײבט בלויז אויס די שטאַרקסטע, די געזונטע, די ייִנגסטע, און די גרעסטע צאָל גייט אַהיים מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט! — ענטפערט דער רומענישער קצב, אַרומקוקנדיק זיך

דערביי צווישן די אַרומיקע און זוכנדיק צווישן זיי די, וועלכע האַלטן מיט אים.

אַ הויכער מאַן מיט אַ באַנדאַזשירטער האַנט און בייזע רויטלעכע אויגן איז אויף דער זייט פון דעם תושב. כאָטש ער אַליין איז ניט לאַנג אין לאַנד, איז ער מלא־רציחה אויף די ניי־איינגעוואַנדערטע. ער זידלט זיך, ער דראָט מיט קלעפּ.

די האַנט האָט ער ניט צעבראָכן פון געבן שלום־עליכם, — דערקלערט מיר איינער פון די אַנוועזנדיקע — ער איז געווען אַ קאַפּאָ אין די לאַגערן, דאָ מאַכט ער זיך פאַר אַ גאַנצן לייט. ער רייבט זיך לעבן די גבירים. יע־דער איינער, וואָס באַקלאָגט זיך אויף זיין גורל, מאָנט אַרבעט, איז ביי אים אַ קאָמוניסט. און דערצו דאַרפט איר הערן, ווי דאָס בילט כסדר אויף דעם סאָוויעטנפאַרבאַנד.

— זאָגט נאָר — פרעגט ער מיך — ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז אַ ייד זאָל זיין אַ שונא פון יענעם לאַנד? זיי האָבן דאָך געראַטעוועט מיליאָ־נען יידן. זיי האָבן דאָך אונדז אויפגענומען אין דער צייט פונעם קריג ווי אייגענע ברידער, זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן ברויט און דערצו נאָך אין אַ צייט, ווען זיי האָבן געקעמפט קעגן היטלערס אַרמייען. הלוואי וואָלטן אונדז די יידן פון ישראל אויפגענומען, אַזוי ווי די רוסן האָבן דאָס געטאָן. ווי קען אַ ייד זיין אַ שונא פונם ראַטנפאַרבאַנד? — חזרט ער איבער נאָכאַמאָל, קוקנדיק מיר גלייך אין די אויגן אַריין מיט אַ צעוויייטיקט פּנים.

*

צופוסנס פון די בערג, אַרומגערינגלט מיט עטלעכע ביימער, שטייט אַן אַלטע שול מיט אַ רונדן דאַך. דאָרט געפינט זיך דער קבר פון ר' מאיר בעל הנס, וועלכער געהערט צו די דאָרטיקע צוויי ישיבות. איין העלפט פון קבר איז אויף דער ספרדישער זייט און די צווייטע העלפט אויף דער אש־כנזישער. פון ביידע זייטן ווינקען צו אונדז יידן און רופן אונדז צו זיך. דער אשכנזער ייד מיט אַ שוואַרצן קאַפּעלוש און לאַנגער קאַפּאָטע, געקרייזל־טע פאות, פינקלדיקע אויגן, רופנדיק אויפן וואַרשעווער דיאַלעקט, לויפט אונדז אַנטקעגן און פירט אונדז מיט זשוואַווע טריט איבערן הויף, וואַרפנדיק דערביי טריאומפירנדיקע בליקן אויף זיין קאָנקורענט.

מיר קומען אַריין אין אַ רונדיקן, ליכטיקן צימער מיט ברייטע הילצער־נע בענק, וועלכע זיינען אַריינגעמויערט אין די ווענט. דאָרט זיצן עטלעכע

צענדליק ייִדן אין כאַלאַטן מיט די פּיס אונטער זיך, מיט יאַרמולקעס אויף די קעפּ, און קוקן מיט פאַרגעפּלטע, פאַרקלערטע אויגן ערגעץ װייט דורך די שויבן, מורמלענדיק דערבײַ כּסדר מיט די ליפּן. איבער צימער טראָגט זיך אַ שװערער שװייסיקער ריח. די טויטע שטילקייט װערט איבערגעריסן פון אַ קינדעריש גמרה־ניגונדל, װאָס רייסט זיך אַריין אַהער פונעם צװייטן חדר.

דער שמש מיט די פינקלדיקע אויגן פליט אַרום איבער דער שול, עפנט די טירן פון שאַפעס, װייזט אָן אויף ספר־תורות, בלעטערט ספרים, מאַכט ברכות איבער אונדזערע קעפּ, בענטשט אונדז מיט אַ פרומער מינע, אָנ־דייטנדיק דערבײַ אויף די גרויסע הוצאות, װאָס זיי האָבן בײַם אויסהאַלטן די למדנים און די גאונים, װעלכע קומען אַהער פון אַלע עקן װעלט דינען דעם רבונו של עולם, און שטרעקט אויס זיין האַנט נאָך אַ באַשטייערונג.

בײַ דער לעצטער סצענע כאַפּן זיך אויף אייניקע פון די פאַרגליװערטע ייִדן און װאַרפן צו אונדז צו דרימלענדיקע בליקן.

ניט װייט פונעם קבר פון ר׳ מאיר בעל הנס, בײַם סאַמע ברעג פון ים כּנרת, געפינט זיך איינער פון די שענסטע לוקסוס־האָטעלן אין ישראל. װען מען זיצט אויף דער טעראַסע, זעט מען די שפּרינגענדיקע פיש אין די כװאַליעס. מען שפּאַנט דאָרט איבער פּרעכטיק מעבלירטע צימערן מיט פיינע טעפּיכער, דיװאַנען, טייערע מעבל. דער ראַדיאָ שפּילט ביליקע אַמעריקאַנער לידלעך, איבערגעזעצט אויף העברעאיש, װעלכע װערן פון צייט צו צייט איבערגעריסן פון די אַמעריקאַנער נייעס־פּראָגראַמען.

מיטאָג־צייט טראָגן זיך פון דאָרט ריחות פון געדעקטע טישן מיט גע־בראָטענע אינדיקעס, הינער, פליישן, פישן, װײַנען צו דער צװייטער זייט טבריה, צום דערבײַיאיקן לאַגער פון צענדליקער טויזנטער ניי־איינגעװאַנ־דערטע, אויסגעהונגערטע, אויסגעפּלאָגטע, דערשלאָגענע ייִדן.

באַזוכנדיק דעם לאַגער, גייענדיק פון געצעלט צו געצעלט, הערט מען װידער די זעלבע פאַרצװייפלטע רייד פון מוטערס, װעלכע זיצן אויף די זאַמ־דיקע שװעלן און קוקן מיט צערפּולע אויגן אויף זייערע אַרבעטסלאָזע מע־נער און פרעגן זיך בײַ אונדז, פאַרװאָס מען גיט זיי ניט קיין אַרבעט, פאַר־װאָס מען לאָזט זיי אויף הפקר, פאַרװאָס מען לאָזט די קינדער זיך אַרומ־װאַלגערן אָן שום אויפזיכט.

אין איינעם פון די בלעכענע שטיבלעך זיצט אַ פרוי בײַ אַ װיגעלע

פון איר קינד און דערציילט אונדז מיט צעשראָקענע אויגן, אַז זי האָט אים גיט וואָס צו געבן עסן. ווען איר מאַן האָט געמאָנט ביי דעם אויפזעער פונעם לאַגער אַרבעט און דערציילט, אַז ער האָט גיט אויף קיין פונט ברויט, האָט ער אים אַרויסגעוואָרפן.

אין אַ צווייטן געצעלט זיצט אַ גרופּע יונגע פרויען און שפּילן זיך מיט אַ קינד, וועלכעס גייט איבער פון האַנט צו האַנט. די מאַמע שטייט אין אַ זייט און קוועלט אַז פון איר קינדס הנדעלער. אויף אונדזער פראַגע, ווי עס גייט די יידן אין מדינת ישראל, צעלאַכן זיך די פרויען און איינע פון זיי ענטפערט: „עס וועגדט זיך וועמען. די געסט פון האָטעל ביים ים כנרת גייט גאַנץ גוט.“

שכונה „כאפ“

„שכונה כאַפ“ איז אַ פאָרשטאָט פון תל-אביב. פּופּצן מינוט מיטן אויטאָבוס און מען געפינט זיך אויף די קרומע געסלעך פון דער אויסטער-לישער געגנט.

איך האָב זיך נאָכגעפרעגט, פון וואַנען עס שטאַמט דער פיקאַנטער נאָמען, און זיך דערוווסט, אַז עס איז גיט סתם עמעצנס אַ קאַפּריז, נאָר אַ רעזולטאַט פון איר אַנטשטייאונג.

מיט יאָרן צוריק, ווען אַ שטיקל מגרש (פּלאַץ) איז פּונקט ווי היינט געווען אַן אוצר און כמעט אומדערגרייכבאַר פאַר אָרעמע איינוואַנדערער, האָט זיך פּלוצים פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער באָדן פון דער היינטיקער „שכונה כאַפ“ איז פריי, און ווער עס וויל, קען זיך דאָרט אויסבויען אַ געצעלט.

די גייעס האָט זיך צעטראָגן ווי אַ פייער. מענטשן, וועלכע האָבן זיך וועגן דעם דערוווסט, זיינען שוין אין יענער נאַכט גיט געשלאָפן. מען איז אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, איינגעפּאַקט דאָס ביסל פאַרמעגן, גענומען ווייב און קינדער און זיך אַוועקגעלאָזט אַהין. קיין אויטאָבוסן זיינען נאָך גיט געפאָרן. אַפילו קיין וועג איז נאָך דאָרט גיט געווען. עס איז געווען אַ וויסטע-גיש מיט הויבע, נאַקעטע שטיינער און ווילדע קאַקטוסן.

מחנות יידן מיט אייזעלער, מיט וועגעלער, מיט טאַטשקעס, מיט פּעק

אויף די פּלייצעס האָבן זיך אין שיינעם פּאַרטאָג באַוויזן אויף יענעם פּלאַץ און געכאַפּט באָדן.

אַ ייד האָט אַ וואָרף געטאָן זיין היטל, אַרומגעשטעלט די קינדער צו היטן זיינע גרענעצן און אַ געשריי געטאָן: „ס'איז מיינס!" אַ צווייטער האָט אַוועקגעזעצט זיין ווייב און קינדער אינמיטן, אַרומגעצוימט זיין שטיקל באָדן מיט שטריק, אויפגעהאָנגען אַ שילדל מיט זיין נאָמען אויף אַ פּלאָקן און זיך דערקלערט פּאַר דעם באַלעבאָס. אַ דריטער האָט אויסגעטאָן זיין רעקל, אויפגעהאָנגען עס אויף אַ שטעקן און זיך באַלד גענומען אויפשטעלן אַ שטיקל צריף (געצעלט).

ווייבער און קינדער זיינען געלעגן אויף קאָלדרעס, אויף פּעק, און די טאַטעס מיט די דערוואַקסענע זין און טעכטער האָבן אַריינגעקלאַפּט דרענג־גלעך אין דער ערד, באַצויגן מיט אַ שטיקל דאַך און געמאַכט פּלענער, ווי אַזוי עס בּיסלעכווייז צו פאַרוואַנדלען אין אַ היים.

פאַרשטייט זיך, אַז די יידן זיינען קיין אַרכיטעקטן ניט געווען. מען האָט געבויט ווי עס האָט זיך געלאָזט, אָן שום פּלענער און אָן שום אָרדע־נונג. ביסלעכווייז האָבן זיך די פּלאָקנס און די דעכלעך פאַרוואַנדלט אין שטיבעלעך פון פאַרשידענער פאָרם און פאַרשידענע קאָלירן און די אומ־אָרדענונג איז געבליבן די זעלבע. אַזוי אַרום זיינען היימלאָזע, אָרעמע יידן געוואָרן די באַזיצער פון שטיקלעך באָדן און ווען ס'איז אַוועק אַ שטיק צייט און זיי האָבן שוין כמעט פאַרגעסן אין דעם „גרויסן געווינס", האָט זיך פּלוצים געיאָוועט אַ ייד פון עגיפּטן מיטן נאָמען בלום און באַ־וויזן, אַז דער באָדן פון דער גאַנצער געגנט געהערט צו אים. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע פּראָצעסן מיט אַדוואָקאַטן, מיט מאַטערנישן, מיט פּאָ־ליציי־וויזיטן, ביז די יידן האָבן אים געמוזט באַצאָלן פאַרן באָדן.

„שכונה כאַפּ" זעט אויס, ווי די קרומע געסלעך מיט די ביידלעך וואָלטן אַראָפּגעשפּאַנט פון שאַגאַלס בילדער און זיך דאָ אויסגעשטעלט אין שרעקלעכער אומאָרדענונג, אָדער ווי בלינדע וואָלטן זיי געבראַכט אַהער, זיך אָנגעשטויסן איינער אין צווייטן און זיי אַראָפּגעלאָזט פון די פּלייצעס.

די גרויע הילצערנע, האָרבאַטע שטיבער, מיט בלויע, געלע לאָדנס אויף די נידעריקע פענצטערלעך, די לאַנג־אויסגעצויגענע באַראַקן מיט בלע־כענע לאַטעס, די אָפּגעשיילטע, ליימענע כאַטקעס, מיט אַראָפּגערוקטע דע־כער, ווי צעקנייטשטע היטלען, זעען אויס, ווי זיי וואָלטן זיך דאָ וועלן צו־זעצן און אָפּרוען אין ווייכן זאַמד.

איייניקע שטייען מיט די גערטנער, מיט די שטאַלן, מיט די קי און

ציגן אינמיטן וועג, וועלכן זיי האָבן געצווונגען מוחל צו זיין, זיך אויס־דרייען און גיין אַרום און אַרום.

אויף אַ שטיינערנעם באַרג מיט זאַמדיקע פּליכן שטייט אַ גרויע, הילצערנע כאַטע מיט אַ רויטן שינדל־דאַך. אַרום און אַרום ציט זיך אַ גרויער פאַרזשאַווערטער פּלויט, באַצויגן מיט דראָט. פון דאַך ציען זיך אַראָפּ דראָטן און פאַראייניקן אים מיט איינגעבויגענע עלעקטרישע סלופּעס. אין הויף, וועלכער ליגט באַרגאַראָפּ, שטייען עטלעכע שטעלעכלעך, אַ קו ביי אַ וואַנע וואַסער, עטלעכע ציגן, אַ צוגעבונדענער ברוינער הונט און אַ שטייג מיט הינדלעך. עס דאַכט זיך, אַז אָט־אָט און אַלץ וועט זיך פון דאָרט אַראָפּקייקלען.

אויף אַ טיר פון אַ קליין ברוין שטיבל מיט געלע לאָדנס הענגט אַ שילד מיט צוויי אויסגעמאָלענע שיך און אַן אויפשריפט: „סנדלר“...

אויף שטיינער, אַרויפגעלייגט איינער אויפן צווייטן, וואָס דינען פאַר שטיגן, שטייט אַ יונגע פרוי און קאָרמעט דריי פּיצלעך קינדער מיט לאָקשן פון אַ טיפער ערדענער שיסל.

אין דער טיר פון אַ צווייטן הויז, וועלכעס זעט אויס, ווי אַן אָפּגעלאָזענע שטאַל, שטייט אַ פרוי און וואַשט אַ קליין אויסגעדאַרט ייִנגעלע מיט אַן עמער וואַסער. זי פּליוכעט אויף אים דאָס וואַסער, ווי עס וואָלט געווען אַ שריפה. און ער לאָזט אַרויס ווילדע קולות יעדעס מאָל, ווען עס פאַלט אויף אים דער מבול.

עס הערט זיך אַ מעקען פון ציגן, אַ מוען פון קי, אַ קרייען פון הענער. אינמיטן וועג שטייט אַן אַלט הילצערן הויז, ענלעך צו אַ באַראַק. דאָ וווינט אַ שמיד. אַ העלפט פונעם הויז איז אַ קוזשניע. אין דרויסן שטייען צעבראָכענע בענקלעך, טישלעך, אַ שאַפקע, אַלטע אייזערנע בעטלעך, שטיקער אייזנס, אַ שטייגל מיט יונגע הינדלעך, אַ ווייסע צוגעבונדענע ציג און צוויי הינט ווי די לייבן אין ביידע זייטן הויז. עס זעט אויס ווי ערב פּסח אין אַן אַמאָליק שטעטל, מען האָט אַלץ אַרויסגעטראָגן אין דרויסן, כדי עס גוט אויסצורייניקן.

דער שמיד — אַ ברייטער, הויכער ייִד מיט אַ לאַנגער באָרד און טיפע באַוואַקסענע אויגן, זיצט אין דרויסן אויף אַ בענקל און שפּילט זיך מיט אַ קינד. נעבן אים אַ מיטליאָריקע פרוי אין אַ שייטל מיט אַ טונקל געמאַרשטשעט געזיכט און צוויי יונגע פרויען, איינע מיט אַ פּיצל קינד אויף די הענט און די צווייטע אין אַ מיליטערישן אוניפאָרם.

מיר באַגריסן זיך מיט זיי. דער שמיד באַטראַכט אונדז מיט פאַרשנ־

דיקע אויגן, אויסרופנדיק אין אַ רגע אַרום: טוריסטן, הע? טוריסטן פון אַמעריקע, הע? נו, ווי לעבן זיך עס דאָרט די יידן אין אַמעריקע? עס פעלט זיי גאָרניט, הע? — פרעגט ער אונדז און ענטפערט זיך אַליין.

ער איז פריינטלעך און באַרעדעוודיק. ער דערציילט אונדז, אַז ער איז שוין אַרום פערציק יאָר אין לאַנד. איבערגעלעבט בעסערע און ערגערע צייטן, אָבער אַזעלכע צייטן ווי היינט זיינען נאָך קיינמאָל ניט געווען, באַ־קלאָגט ער זיך.

— ניטאָ קיין רו, ניטאָ קיין רו, דער קריג מיט די אַראַבער איז נאָך ניט געענדיקט — חזרט ער איבער עטלעכע מאָל, אָנווייזנדיק אויף זיין טאָכ־טער אין מונדיר.

עטלעכע שכנים, וועלכע זיינען שוין אויך אין ישראל אַריבער 40 יאָר, דערנענטערן זיך צו אונדז און מישן זיך אויך אַריין אינעם געשפּרעך. איינער פון זיי דערציילט אונדז, אַז איידער די ענגלענדער זיינען אַריין אַהער, האָבן זיך יידן געלעבט בשלום מיט די אַראַבער, מען האָט קיינמאָל ניט געהערט פון קיין קריגערייען, אָבער ווי זיי זיינען נאָר געקומען, האָבן זיי אָנגעהויבן צו העצן איין זייט קעגן דער צווייטער און אויפגעפלאַקערט דאָס פייער, וואָס האַלט נאָך אַלץ אָן. זיבן יידישע בחורים זיינען נעכטן געפאַלן אויף דער סירישער גרענעץ, און יעדן טאָג פאַלן קרבנות.

— אַלץ, וואָס מען הערט דאָ, איז קריג און קריג, ניטאָ קיין רו. — באַקלאָגט זיך פאַר אונדז אַן עלטערער ייד, דעם שמידס שכן.

דעם שמידס פרוי איז דערווייל פאַרשוואונדן אין דער גרויער, איינגע־בויגענער כאַטע און פון דאָרט אַרויסגעבראַכט כיבוד: קערעלעך און סאָדע־וואַסער, בעטנדיק מיט אַ וואַרעמער שטים: „טרינקט, טרינקט“.

—ווי קומט עס, וואָס איר זענט שוין פערציק יאָר אין לאַנד און וווינט נאָך אַלץ אין אַזאַ חורבה, ווען אַנדערע יידן זיינען אין דער צייט פון קריג רייך געוואָרן און זיך שוין אויסגעבויט פּרעכטיקע ווילעס? — פרעג איך ביים שמיד.

ער שמייכלט און שאָקלט מיטן קאָפּ: — די ספּעקולאַנטן זיינען רייך געוואָרן, פון אַרבעט איז נאָך קיינער ניט רייך געוואָרן.

מיר געזעגענען זיך מיט דעם שמיד און זיין משפּחה און לאָזן זיך ווידער אַרוים איבער די געסלעך פון „שכונה כאַפּ“.

נעבן אַ נייער, ניט פאַרענדיקטער געביידע איז געשטאַנען אַן עלטערע פרוי אין אַ טיכל אויפן קאָפּ, געטאַפּט די ווענט און מיט די הענט געפירט

הין און צוריק. איר פּנים איז געווען פול מיט צאָרן און זי האָט, ווייזט אויס, געזוכט עמעצן, פאַר וועמען זי זאָל זיך קענען אָראָפּרעדן פון האַרצן.

זעענדיק, אַז מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן דעם הויז, איז זי אונדז געגאַנגען אַנטקעגן און געבעטן זיך גוט איינקוקן און זען, וויפל שפּאַלטן עס זיינען דאָ אין די ווענט, און ווי איין טייל פון דער געביידע האָט אַראָפּגע־גידערט.

— זעט, זעט מיין אומגליק, איך האָב זיך באַדונגען מיט אַ קאָנטראַק־טאָר, ער זאָל מיר אויסבויען דאָס הויז, און זעט, וואָס ער האָט מיר אָפּגע־טאָן: דאָס הויז איז נאָך ניט פאַרטיק און עס פאַלט שוין איין. שוין דריי מאָל האָט ער אָפּגעשטעלט די אַרבעט און געבעטן אַ הוספה און צום סאַמע סוף טויג עס אויף כּפּרות.

אויף אונדזער פראַגע פאַרוואָס זי קלאָגט אים ניט אָן אין געריכט, האָט זי זיך נאָך מער אויפגערעגט:

— ס'איז דען דאָ פאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן? זיי זיינען אַלע די זעלבע פון אויבן ביז אַרונטער. מיט אַלץ אין דער וועלט האַנדלען זיי, צו אַלץ זיינען זיי שותּפים, דאָס גאַנצע לאַנד איז נאָר „כאַפּ לאַכ".

— הייגט האַנדלט מען מיט עולים. די, וואָס ברענגען עטוואָס געלט, שינדט מען פון זיי די הויט פאַר אַ שטיקל דירה, און די, וואָס האָבן גאָר־ניט, וואַרפט מען אַריין אין דער מעברה און מען נוצט זיי אויס פאַר אַ פונט מיט אַ האַלבן אַ טאָג. — באַקלאָגט זי זיך און ווייזט אונדז אָן דער־ביי אויף אַ קלייןביידל, וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט אין דעם נייעם הויז.

— דאָס ביידל, וואָס זעט אויס ווי אַ שטעלכל, — דערציילט זי אונדז — האָט זי פאַרדונגען אַ רומעניש ער פרוי, וועלכע איז ניט לאַנג אין לאַנד. בלויז אויף עטלעכע חדשים האָט זי זי אַריינגעלאָזט און יענע האָט זיך דאָרטן איינגעאָרדנט, אויסגעפּאַרבט, אַריינגעלייגט אַ דיל, אַפילו פאַרדונגען אַ העלפט צו אַ צווייטער און זאָגט, אַז ס'איז אירס. הערט אַ מעשה, זי וויל אויך ווערן אַ כאַפּער! הייגט כאַפּט מען ניט, הייגט איז ניט הפקר פּיעטרושקע! זי האָט געוואָלט כאַפּן — האָט זי געדאַרפט קומען מיט יאָרן צוריק! — האָט זי פאַרענדיקט מיט כעס.

מיר פאַרלאָזן די „שכונה כאַפּ", וואָס זעט אויס, ווי אַן אורגאַן איז דאָ נאָרוואָס פאַרביינגעפלויגן און אַלע שטיבער אויסגעקרימט און געלאָזן בערג מיט זאַמד היגטער זיך.

אויפן דינסטן־מארק

— איר ווילט זען די שוואַרצע — האָט מיך דער אייגנטימער פון האָטעל, אַ רונדער פעסטער ייד אַ פרעג געטאָן. ער האָט דערביי געשמייכלט מיטן זעלבן שמייכל, וועלכן ער נוצט בלויז פאַר געסט.

— איר ווילט זען די שוואַרצע? — האָט ער איבערגעחזרט זיין פראַגע, זעענדיק, אַז איך פאַרשטיי ניט, וואָס ער מיינט.

— איר ווייסט ווענן וועמען איך רייד? — האָט ער זיך אין אַ רגע אַרום געכאַפּט. — איך מיין אונדזערע תימנים. טייערע מענטשן. טייערע מענטשן — האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט. — זיי ווילן גאָרניט, זיי דאַרפן גאָרניט און מאָנען גאָרניט. אייביק צופרידן. אָ, איר האָט שוין געזען, ווי זיי קומען אַראָפּ אַהער, ווי זיי פאַלן צו דער ערד, קושן יעדעס שטיינדעלע, מאַכן אַ שהחינו, זאָגן תפילות, שרייען „יחי המלך“ און מיינען, אַז ס'איז משיחס צייטן. מען פירט זיי אַרויס אין די וויסטעניש. מען זעצט זיי אַריין אין בלעכענע ביידלעך און מען הייסט זיי באַאַרבעטן די ערד, פאָלגן זיי און באַקלאָגן זיך גאָרניט. די מענער אַרבעטן ווי די אייזלען, די פרויען זייגען דינסטן און די קינדער העלפן צו די עלטערן, און אַז מען פרעגט זיי ווי עס לעבט זיך, ענטפערן זיי שמענדיק — „ברוך השם“.

— טייערע מענטשן, אַ ביסל צו פרום, אָבער וועמען אַרט עס? וועמען טשעפּען זיי מיט זייער פרומקייט. זיי זיינען דאָך אַלץ בעסער ווי די, וואָס קומען אַהער פון אייראָפּע און האַלטן אין איין מאָנען, אין איין באַקלאָגן זיך און וואָלטן וועלן, מען זאָל זיי כאָטש אַריינגעמען צו זיך אין די היימען, טיילן זיך מיט זיי מיט די פאַרמעגנס און באַזאָרגן מיט כל טוב. אדרבא, גייט און קוקט אָן די שוואַרצע, ס'איז כדאי צו זען זייערע פּנימער, מען דאַרף בלויז אויפשטיין פרי און צופאָרן צו דער אַלענבי־גאַס.

אויף מאָרגן זיבן אַזייגער אינדערפרי בין איך שוין געווען אויף דעם דינסטן־מאַרק.

אין אַ ווינקל פון אַלענבי, אונטער די רושטאָוואַניעס פון אַ נייער ניט פאַרענדיקטער געביידע זיינען געשטאַנען הונדערטער יונגע תימנער מיידלעך אין קאָלירטע קליידלעך, פאַרביקע טיכלעך אויף די קעפּ, אין צעקרימטע פּאַנטאָפל אויף די פיס און אַ טייל אינגאַנצן באָרוועס. אייניקע פון זיי

זייגען געזעסן מיט קלומעקלעך אויף די אָנגעוואָרפענע ברעטער און מיט קינדערישע בליקן געוואַנדערט איבער די טראַטואַרן.

אויסגעפּוצטע פרויען האָבן זיך איינציקווייז דערנענטערט און נאָך פון דערווייטנס מיט די בליקן געמאָסטן און באַקוקט די רייען יונגע מיידלעך, באַשליסנדיק אין פאָרויס וועמען אויסצוקלייבן. באַלעבאָסטעס האָבן מיט לאַנגזאַמע טריט און פאָרשנדיקע בליקן אַרומגעשלייכט צווישן דער מחנה יונגע הויז־אַרבעטערינס און זיך לאַנג נאָכגעפרעגט, צי זיי קענען וואַשן, צי זיי קענען קאָכן און צום סאַמע סוף זיך אָנגעהויבן דינגען איבערן פּרייז.

— כמה את רוצה ? — האָט זיך אַ רונדע מיטליאָריקע פרוי נאָכגעפרעגט מיט אַ הייזעריקער שטימע ביי אַ יונג־שעמעוודיק מאָגער מיידל אין אַ געלער אָפּגעקראָכענער בלוזקע און אַ לאַנג, ברייט, פאַרביק קלייד.

— 35 פּיאַסטער אַ שעה — האָט דאָס מיידל געענטפערט מיט אַ ווייכער, ציטערדיקער שטימע.

— איך דינג ניט אויף קיין שעה, איך דינג אויפן טאָג, אַ פונט מיט אַ האַלבן אַ טאָג און איין מאָלצייט — האָט די פרוי אַרויסגעמרוקעט, ניט קוקנדיק מער אויף איר, ווי זי וואָלט שוין געזוכט אַ צווייטע.

אין אַ צווייט ווינקל האָט אַ פרוי אַ קלאַפּ געטאָן אַ מיידל אין פּלייצע, אַ סימן, אַז זי האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. זי האָט פאַרלאָזט דעם דינסטן־מאַרק, אומקוקנדיק זיך, צי דאָס מיידל איז איר נאָכגעגאַנגען.

די פרוי איז פאַרשוווּנדן און דאָס מיידל נאָך איר, אָנהאַלטנדיק די גאַנצע צייט די זעלבע דיסטאַנץ.

ביסלעכווייז זייגען די שטאַרקערע, די געזינטערע אויסגעקליבן געוואָרן און פאַרלאָזט צוזאַמען מיט זייערע באַלעבאָסטעס דעם מאַרק. די שוואַכערע, די מאָגערע, צי די וועלכע זייגען שוין געווען אין אַנדערע אומשטענדן, זייגען געבליבן זיצן.

אַ יונג מיידל, וועלכע האָט כמעט אויסגעזען ווי אַ קינד, האָט ניט געוואַרט, מען זאָל זי אויסקלייבן, זי האָט זיך אַרומגעדרייט און געבעטן, מען זאָל זי נעמען פאַר 25 פּיאַסטער אַ שעה און פאַרזיכערט אויפן קול, אַז זי איז אַ גוטע ווירטין.

איך האָב געפרעגט, צי זי גייט ניט אין שול און זי האָט זיך צעלאַכט, אָנגעוויזן אויף אַ קדושה־רינגל אויפן פינגער און צוגעגעבן — מיר דאַרפן ניט קיין שולן, מיר לערנען זיך ביי די באַלעבאָסטעס און קריגן פון זיי די בעסטע דיפּלאָמען.

אַ צװײט מײדל, אַ הױכע, אַ שלאַנקע, אין אַן אױסגעריבן זײדן קלײד, װאָס איז געװען עטלעכע נומערן צו גרױס, איז געשטאַנען אין אַ װינקל און אױסגעזען װי דאָס אַש־מײדל, װעלכע האָט נאַרװאָס פאַרלאָרן אירע גאָלדענע שיכעלעך און איר יום־טובדיקע קרינאָלינע. זי האָט געקוקט מיט אַנדערע אױגן װי די איבעריקע מײדלעך אױף אַלץ אַרום. זי האָט ניט געשמײכלט. זי האָט זיך ניט געבעטן. זי איז, װײזט אױס, געװען זײער באַליבט בײ אירע פרײנט, װײל זײ האָבן זיך געלאַשטשעט צו איר און אָפטמאָל פרײדיק געלאַכט פון אירע שטילע, רואיקע באַמערקונגען. זי איז געװען זײער אַ שײנע און אפשר דערפאַר האָט מען זי ניט אױסגעקליבן.

אַ הױכע, ברײטע פרױ אין אַ גרױסן שטרױענעם הוט האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן איר, פאַרהאַלטן אױף אַ רגע די שפּיזיקע בליקן און זיך באַלד אױסגעדרײט צו אַ צװײטער. די שײנע תימנרין האָט איר נאָכגעקוקט. אין אירע אױגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ דין פײערל, אױף אירע ליפּן האָט זיך באַװיזן אַ דין שנירעלע פון אַ שמײכל צוזאַמען מיט פאַראַכטונג. זי האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן און די מײדלעך האָבן זיך צעלאַכט. דערנאָך איז זי פלינק אױסגעװאַקסן הינטער דער פּלײצע פון דער באַלעבאָסטע, אַ פּיר געטאָן מיט די פינגער איבער יענערס פּעלערינע, װידער עפּעס געזאָגט און די מײדלעך האָבן זיך װידער צעלאַכט. די פרױ האָט זיך מיטאַמאָל אומגעקערט און אָנגעטראָפן מיט אירע אױגן.

— איז דאָס אמתער זײד? — האָט דאָס מײדל אַ פרעג געטאָן און ניט װאַרטנדיק אױף קײן ענטפער, איבערגעפירט אירע בליקן אױף איר אײגן קלײדל, צוגעבנדיק דערבײ — דאָס איז אױך אַמאָל געװען אַ שײן זײדן קלײד, אָבער איך טראָג די שײנע זײדענע קלײדער נאָר דאַן, װען די באַלעבאָסטעס דאַרפן זײ אָװעקװאַרפן.

די מאַדאַם מיטן שטרױענעם הוט האָט ניט געענטפערט. זי האָט בלױז פאַרזשמורעט די אױגן און פאַרהאַלטן אױפן מײדל אירע בײזע בליקן.

אַ קלײנגעװוּקסיקער יונגערמאַן מיט רױטע אױגן און גרין געזיכט, אָנגעטאָן אין אַ סקױטישן קאָסטיום, אַ פאַרשפּריצטן מיט קאַלך און אַ גרױ אױסגעריבן קאַפּעלושל אױפן קאָפּ איז פּלוצים אױסגעװאַקסן לעבן דער מאַדאַם און מיט אַ װײנענדיקער שטים געבעטן, זי זאָל אים נעמען אָנשטאָט די מײדלעך, װײל ער אַרבעט בעסער פון זײ און ניט טײערער.

ער האָט אָנגעװיזן אױף זײנע הענט און פּרובירט איבערצײגן, װי שטאַרק זײ זײנען און װי גיך זײ קענען שײערן דילן.

דער יונגערמאַן האָט ניט אָפּגעלאָזט און ניט אויפגעהערט צו קלאָגן, אַז ער קען ניט אַהיימקומען צו זיין פרוי און דריי קינדער אין בית עולים מיט ליידיקע הענט. ער האָט דערביי אַרויסגעשלעפּט אַ שאָפער־קאַרטל און געוויזן, באַקלאָגנדיק זיך כסדר, אַז ער קען ניט קריגן קיין אַרבעט. ער איז נאָכגעגאַנגען דער באַלעבאָסטע און זיך גאָרניט באַליידיקט, ווען זי האָט זיך אפילו אויף אים ניט אומגעקוקט.

די מיידלעך האָבן זיך צוגעקוקט צו זייער קאָנקורענט און זיך איבער־געוווּנקען איינע מיט דער צווייטער.

אַרום מיטאָג־צייט האָבן זיך שוין מער קיין באַלעבאָסטעס ניט באַ־וויזן און פיל פון די מיידלעך האָבן זיך אָנגעהויבן קלייבן אַהיים. אַ טייל פון די פאַרבליבענע האָבן זיך אויסגעזעצט אויף די ברעטער, צעעפנט זייערע קלומעקלעך, אַרויסגעצויגן פּענעצלעך ברויט, אוגערקעס, שטיקלעך געטריקנטע פיש און געפּראַוועט אַ סעודה, איבערקוקנדיק זיך מיט פריינט־לעכע בליקן.

דאָס שיינע תימנער מיידל איז געזעסן אינמיטן און געטיילט קליינע, האַלב־רייפע פּאָמידאָרלעך צווישן אירע חברטעס, דערקלערנדיק, אַז דאָס זיינען די פּרוכט פון איר גאָרטן, וואָס איר מאַן האָט פאַרזייט אויף אַ שטיקל בייט צווישן די חורבות פון אויפגעריסענע אַראַבישע הייזער אין יפו. דאָס קליינע, דאַרע מיידל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קינד, איז מיט־אַמאָל פאַרשוווּנדן און זיך צוריקגעקערט מיט אַ פלעשל סאָדע־וואַסער, וועלכעס האָט אַרומגעוואַנדערט פון מויל צו מויל.

איך האָב פאַרבראַכט מיט זיי דעם גאַנצן פרימאָרגן. איך בין געזעסן מיט זיי צוזאַמען אויף די ברעטער און זיך איינגעהערט צו זייערע גע־שפּרעכן און מיט פיל פון זיי זיך באַפריינדעט. זיי האָבן מיר דערציילט זייערע ביאָגראַפיעס, וועלכע זיינען אַלע כמעט ענלעך איינע צו דער צוויי־טער.

בת שבע — אַזוי האָט געהייסן דאָס שיינע מיידל — איז געווען אַנ־דערש ווי אַלע מיידלעך. אין אירע אויגן האָט שוין געגליט אַ פונק פון באַ־וווּסטזיין און שנאה צו די רייכע. זי האָט מיר געשטעלט פאַרשידענע פראַגן. מער פון אַלץ האָבן זי אינטערעסירט די נעגער אין אַמעריקע, און פאַרוואָס מען לאָזט זיי לינטשן. די מיידלעך זיינען זיך איינציקווייז פונאַנדערגע־גאַנגען. בת שבע און איך זיינען געבליבן.

ביים געזעגענען זיך האָט זי האַלב אין שפּאַס אַ פרעג געטאָן, צי איך

וואָלט געוואָלט זען, ווי אַזוי עס לעבן די תימנער אין ישראל. אויף מיין איינ־שטימונג האָט זי זיך צעשמייכלט און אַ זאָג געטאָן:

— קומט צו מיר אַהיים, וועט איר זען, ווי עס לעבן שוין די גליק־לעכסטע פון אונדז, וועלכע זיינען שוין לאַנג אין לאַנד.

— איר ווייסט, זיי רופן אונדז „די שוואַרצע" און ווילן, מיר זאָלן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די פאַרטריבענע אַראַבער: באַאַרבעטן די פעל־דער און צושטעלן זיי די שפּייזן פאַר דעם זעלבן לוין, ווי די אַראַבער פלעגן דאָס טאָן.

מיר זיינען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דער אַלטער יפה. די שטאָט, וווּ עס האָבן אַמאָל געוווינט אַראַבער. בת שבע האָט מיך געפירט דורך קרומע, שמאָלע געסלעך מיט חורבות, מיט בערג מיט שטיינער, מיט קליינע איינגעפאַלענע כאַטקעס, האַלב־איינגעזונקענע אין דער ערד, און זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ שוואַרצער, פאַררויכערטער חורבה אָן פענצטער, וועלכע איז אַמאָל געווען אַ קלייט.

— דאָ וווינען מיר זאַלבעפינפט, מיין מאַן, מיין קינד, מיין מוטער און מיין בלינדער זיידע — האָט זי מיר דערקלערט, אַראָפּגייענדיק דורך עט־לעכע צעקרימטע שטיגן.

דאָס גאַנצע הויז איז באַשטאַנען פון איין טונקלען טונקעלן צימער און אַ קליין קיכעלע, וווּ ס'זיינען געשטאַנען אַ בלעכענע פאַס מיט וואַסער, אַ טיש צונויפגעקלאַפּט פון אַלטע, גרויע ברעטער, אַ באַליע מיט איינגעווייקטע וועש, אַ בענקל מיט אַ פּרימוס־מאַשינקע. שוואַרצע, פאַרויכערטע טעפּ זיינען געהאַנגען אויף די ווענט. עס איז געווען שווער דורכצוגיין און ניט אַרויפטרעטן אויף אַלטע שיך, קענדלעך, שמאַטעס און אַנדערע הויז־מכשירים. אין צימער איז געווען ענג. ביי די ווענט זיינען געשטאַנען צוויי שוואַרצע טאַפּטשאַנעס, פאַרדעקט מיט גרויע קאָלדרעס. אויף אַ וואַנט איז געהאָנגען אַ וויגעלע און דאָרט איז געשלאָפן אַ קינד. פון אַ ווינקל האָט זיך געטראָגן אַ קרעכצן און אין אַ רגע אַרום, ווען מיין אויג האָט זיך צוגעוווינט צו דער טונקלקייט, האָב איך דערזען אַ זקן. ער איז געלעגן אויף אַ בערגל שמאַטעס און לעבן אים איז געשטאַנען אַ שיסל מיט איינגע־ווייקט ברויט, וואָס ער האָט געגעסן מיט די הענט.

בת שבעס מוטער, אַ נידעריקע, אַ מאָגערע, מיט אַ קליין טונקל גע־זיכט און וואַרעמע פייכטע אויגן, האָט אונדז באַגעגנט מיט פאַרקאַטשעטע

אַרבל, אַ נאַסן האַנטעך אין די הענט, און מיט אַ ברייטן גאַסטפרײנטלעכן שמייכל.

זי האָט ניט געפרעגט קיין פראַגעס, אַוועקגעלייגט איר אַרבעט, זיך געפּאָרעט אַ ווײלע צווישן די קעסטלעך באַדעקט מיט שמאַטעס און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז שוין געשטאַנען אַ געדעקטער טיש מיט עטלעכע טעלערלעך און אַ פּאָר גלעזער. אין איין טעלערל זיינען געלעגן שטיקלעך מצה, אין אַ צווייטן — שוואַרצע קערעלעך און די גלעזער זיינען געווען אָנגעפילט מיט אייז=וואַסער.

— טרינקט, טרינקט, — האָט אַ קלוגג געטאָן איר מאַמעדיק קול און אין קליינעם פינצטערן ווינקל איז מיטאַמאָל ליכטיק געוואָרן פון עכטער מענטשלעכער פריינטשאַפט.

דאָס קרעכצן פון אַלטן זיידן האָט איבערגעריסן די שטילקייט. — דער אַלטער איז געבעך קראַנק. שוין אַ יאָר, אַז איך לויף נאָך, מען זאָל אים אַרייננעמען אין אַ שפּיטאָל, אָבער אָן דערפאָלג — האָט זי זיך ווי פאַר=ענטפערט פאַר זיין קרעכצן.

— בבקשה, בבקשה, — האָט זי אונדז ווידער דערמאַנט, אַז מיר זאָלן פאַרזוכן איר כיבוד.

דאָס קינד האָט זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט און בת שבע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום וויגעלע, אומקערנדיק זיך צוריק מיט אַ קליין, גרין ווייגענ=דיק עופהלע, אויסגעוויקלט אין שוויים, מער ענלעך צו אַ פייגעלע איידער צו אַ קינד. דער גאַנצער גרויל פון דלות איז געלעגן אין די קליינע רויטע, מיט מאַטעריע באַצויגענע אויגעלעך און אין די געמאַרשטשעטע בעקעלעך. עס האָט אויסגעזען ווי אַ קליין איינגעשרומפּן זקנדל.

— דאָס איז מיין זון — האָט אים בת שבע פאַרגעשטעלט, טוליענ=דיק דאָס עופהלע צו איר ברוסט — ער איז זייער אַ קלוגער, ער דערקענט שוין מיינע טריט פון דערווייטנס און ער האָט גאָר אַ גוט קול, איך הער זיין ווייגען אויף דער צווייטער גאַס, ער וועט זיין אַ גוטער צייטונגס=פאַרקויפער, ווי זיין פאָטער — האָט זי צוגעגעבן, שמייכלענדיק דערביי אַליין ווי אַ קינד.

אין בית-עולים „פּרדס כץ״

דער נאָמען איז זייער אַ שיינער. פּרדס באַטייט אַ סאַד, אָבער דאָ איז אַפילו קיין זכר דערפון נישטאָ. אויף אַ גרויסן פעלד, אונטער דער ברענענ־דיקער זון געפינען זיך טויזנטער גרויע, אויסגעריבענע, צעלעכערטע גע־צעלטן.

אין צעבראַסטעטע ביידלער, אָנגעוואָרפענע מיט שמאַטעס, מיט פעק, מיט וואַליזעס, זיצן פרויען און מענער און קוקן אַרוים מיט האָפענונגסלאָזע, פאַרצווייפלטע בליקן. אין זאַמדיקע בערגלעך, אין שטיינערנע בערג וואַל־גערן זיך אויסגעמאָרעטע, אָפּגעריסענע קינדער. אַ מאָנאָטאָנער גערויש פון פרימוסן, וואָס דערמאָנט אין ווייטע אַעראָפּלאַנען, טראָגט זיך איבער דעם גרויסן פעלד.

אָט ליגן עטלעכע שפּענער. אויף אַ פּאָר שטיינער שטייט אַ פאַרקאָפּ־טשעטער טאָפּ און רויכערט זיך אויפן פייער. אויף אַ צווייט אָרט שטייט אַ פרוי איינגעבויגן איבער אַ גרויסער באַליע וועש און וואַשט מיט אַלע כוחות.

עס געפינען זיך דאָ פאַרשידענע טיפּן מענטשן, מיט פאַרשידענע שפּראַכן, וועלכע זיינען געקומען אַהער פון אַלערליי לענדער, אויסגעפאָרן טויזנטער מיילן און קענען זיך אַפילו ניט צונויפרעדן.

אייניקע ענטפערן פריינטלעך אויף אונדזערע פראַגן, זיי זיינען צו־פרידן צו האָבן עמעצן פאַר וועמען מ׳קען זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן. אַנ־דערע ענטפערן אָנגעברוגזט, ווי זיי וואָלטן יעדן איינעם באַשולדיקט אין זייער גורל. טייל קוקן אָן מיט אַנטוישטע אויגן און ענטפערן אינגאַנצן ניט, ווי זיי וואָלטן פאַרלאָרן דעם צוטרוי צו יעדן מענטש.

גאָר אַנדערש זעען אויס די קינדער, זיי פּאַסן זיך פיל לייכטער אַריין אין יעדער סביבה און מאַכן גיכער שלום מיטן גורל ווי זייערע עלטערן. זיי יאָגן אַרום האַלב נאַקעט אַהער און אַהין איבער די ביידלעך, איבער די זאַמדיקע בערגלעך, אין די פאַרבליבענע פון רעגן קאַ־לוזשעס אָן שום אויפזיכט, אָן שפּילצייג און אָן געהעריקער שפּייז. אַ גרופּע קליינע יינגלעך פון דריי פיר יאָר האָט זיך געמאַכט אַן אייגענעם אָרקעסטער: איינער פּויקט אין אַ פאַרזשאַווערטן קעסל, אַ צווייטער קלאַפּט מיט לעפל אין אַ שיסל, אַ דריטער טרובעט אין אַ צעבראָכענער פלאַש און אַ פערטער דיריגירט מיט אַ שטעקן פון אַ בעזעם. דער אָרקעסטער מאַר־

שירט איבער די ביידלעך, די קינדער קלאַפּן צו מיט די אויסגעדאַרטע, באָרוועסע פיסלעך, אונטערשרייענדיק אויף אַלערליי שפּראַכן.

אַ גרופּע קינדערלעך האָט זיך אויסגעלייגט אין זאַמד געבן אַ בערגל מיט לאַנגע בעטאָן־רערן און זיך געמאַכט טעלעפאָנען, רעדנדיק איינס מיטן צווייטן דורך די לעכער. אַ צווייטע גרופּע קינדער האָט צוגעבונדן אַ שטריק צו די צווייגן פון אַ פאַריתומטן בוים, און זיי הוידן זיך, וואַרטנדיק יעדעס אויף זיין ריי. אייניקע שפּילן זיך אין קנעפּלעך, אין קלאַסן, קנייפּנדיק דערביי פאַרטריקנטע שטיקער ברויט.

אין אַ שוואַרצער קאַלוזשע שפּילן זיך פיר קליינע קינדערלעך. זיי מישן זאַמד מיט בלאָטע און באַקן לעבעלעך ברויט אויף דער זון. אַ יונגערמאַן מיט אַ באַנדאַזשירטער האַנט דערנענטערט זיך צו זיי פון שאָסיי און די פיר קינדערלעך לויפן אים אַנטקעגן מיט פריידיקע אויסגעשרייען.

מיר באַגריסן זיך מיט אים און ער ענטפערט זייער פריינטלעך, איינלאַדנדיק אונדז צו זיך אין געצעלט אַריין.

אויף אַ שוואַרצן טאַפּטשאַן זיצט אַ יונגע פרוי מיט אַן עופהלע אויף די הענט. איר פנים זעט אויס, ווי די קינבאַקן וואָלטן זיך געוואָלט אַרויסשפאַרן פון אונטער דער הויט. זי האָט באַגעגנט איר מאַן מיט וואַרעמע בליקן און אים אָנגעקוקט מיט נייגער, ווי זי וואָלט דערוואַרט וויכטיקע נייעס.

אין אַ ווינקל פון געצעלט איז געשטאַנען אַ צעבראָכן וויגעלע מיט איין ווענטל. אויף אַ צעפּאַלמעסט זעקל, באַדעקט מיט אַ שטיקל פון אַ ליילעך, האָבן זיך גערויעט פליגן. אויך דאָס וויגעלע איז געווען שוואַרץ פון פליגן. עס האָט אויסגעזען, ווי דאָס ליילעך וואָלט זיך באַוועגט צוזאַמען מיטן צעקנייטשטן קאַפּעלוש און אַנדערע שמאַטעס, וואָס זיינען דאָרט געלעגן.

אין אַ זייט פון וויגעלע זיינען אויף אַ צעעפנטן זאַק געלעגן עטלעכע האַלבע ברויטלעך, פון וועלכע די קינדער האָבן געריסן שטיקער. דער יונגערמאַן — דער פאָטער פון די פינף קינדער — האָט אונדז דערציילט, אַז זיי זיינען געקומען אַהער פון איראַק מיט זעכצן חדשים צוריק.

שוין באַלד אַנדערהאַלב יאָר, אַז ער וואַרט אויף אַ דירה און זעט ניט דערווייל קיין שום אויסזיכט זי צו קריגן.

— מיט אונדז באַגייט מען זיך ערגער ווי מיט אַלע. מען עקספּלואַטירט אונדז מער פון אַלעמען, מען גיט די שווערסטע אַרבעט און מען צאָלט צומווייניקסטן. אונדזערע טענות וויל מען אַפילו ניט אויסהערן, מען

ספּראַשעט כּסדר, אַז ווער עס וועט זיך באַקלאָגן, וועט קיינמאָל קיין דירה ניט קריגן. ווו איז גערעכטיקייט, ווו איז גערעכטיקייט? — פרעגט ער ביי אונדז מיט אַ געבראָכענער שטים און מיט אומעטיקע, האָפנונגסלאָזע אויגן.

פון אַ צווייטביידל הערט זיך דאָס כאָרכלען פון אַ פּרימוס. עס זיצט דאָרט אַ יונגע פרוי פון אַ יאָר דרייסיק מיט אַ קליין צאַרט געזיכט, מיט העלע פאַרחלומטע אויגן. אויף אַ טיש, צונויפגעקלאַפּט פון עטלעכע ברעט־לעך, שטייט אַ טעפּל מיט געקאָכט קרויט און עס ליגט אַ לאַבן ברויט.

צום לייוונט פון געצעלט איז צוגעשפּיליעט אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ וווּנדערלעך שיין מיידל אין אַ חופּה־שלייער.

— דאָס בין איך, בלויז מיט צוויי יאָר צוריק. אָט אַזוי האָב איך אויסגעקוקט אין בוקאַרעשט, איידער איך האָב פאַרלאָזט רומעניע — דער־קלערט זי אונדז.

— פאַרוואָס זענט איר געקומען אַהער? — פרעגן מיר זי. די פרוי האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע, ווי זי וואָלט וועלן צונויפנעמען אַלע גע־דאַנקען און אָנגעפּאַנגען מיט אַ שטילער, ווייכער שטים:

— מיין פאָטער איז געווען אַ ציוניסט. איך געדענק נאָך ביז היינט מיין טאַטנס געשיכטעס וועגן ישראל. ער האָט זיך דאָס גאַנצע לעבן גע־קליבן פאָרן אַהער און איין מאָל, ווען זיין חלום האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרווירקלעכט ווערן, איז ער בלינד געוואָרן. דערנאָך איז געקומען דער קריג. מיין פאָטער איז אומגעקומען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, בלויז מיין מוטער און איך זיינען געבליבן לעבן. האָבן מיר באַשלאָסן פאָרן אָנקוקן מיין פאָטערס חלום.

— אָבער מיין פאָטערס חלום איז געווען גאָר אַנדערש פון דער ווירק־לעכקייט. דאָ הערט מען אויף צו חלומען. דאָס שמוציקע ביידל מיטן זאַמד און דאָס אַרומלויפן זוכן אַרבעט ניכטערט גיך אויס פון אַלערליי חלומות.

אין דריטן געצעלט איז שטיל. אַ ריח פון נאַפט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. צוויי אייזערנע בעטן באַצויגן מיט שוואַרצע קאָלדרעס און פול מיט שפּע־נער אונטער זיי, אַ צעבראָכן בענקל, אַ גרויסער אייזערנער קאַסטן און עטלעכע טעפּ מיט אַ פּרימוס־מאַשינקע מאַכן דעם קליינעם געצעלט ענג.

אין איין בעט ליגט אַ חולה — אַ יונגערמאַן פון ענגלאַנד, וועלכער איז נאָך צוואַנציק יאָר צעשיידונג מיט זיין ברודער, אַראָפּגעקומען אַהער אויף אַ באַזוך און דאָ קראַנק געוואָרן. אויפן זאַמדיקן דיל שטייט אַ פּרימוס־מאַשינקע און אַ פרוי זיצט אַראָפּגעבויגן און מישט אַ טאָפּ לאָקשן. אַ צווייטער יונגערמאַן זיצט אויפן צווייטן בעט מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ.

אַלע שווייגן. צוויי קינדער לויפן יעדע רגע אַריין אין געצעלט, קוקן אַריין אין קאָכעדיקן טאָפּ און פאַרשווינדן ווידער.

דער חולה איז דער ערשטער, וועלכער בעט אונדז זיצן, אָבער ניט אויפן בענקל, ווייל ס'איז צעבראָכן — וואַרנט ער אונדז.

— פון וואַנען שטאַמט אַ ייד — פרעגן מיר זיך ביים יונגנמאַן, וועלכער זיצט מיטן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ און זעט אויס, ווי ער וואָלט געזעסן שבעה.

— פון פּוילן — ענטפערט ער מיט אַ געדריקטער שטים.

— געקומען פון וואַלבזשיך. ער האָט דאָרט געאַרבעט אין דעם „באַלעסלאַוו כראָברי קוילן־גרוב" — כאַפּט אונטער זיין פרוי.

— ווי לעבט זיך אייך דאָ? — פרעגן מיר ווידער און אַלע דריי קוקן זיך איבער און שווייגן, ווי יעדער איינער וואָלט געוואָלט, אַז דער צווייטער זאָל אָנהייבן.

— ס'איז בלויז צייטווייליק, ס'וועט זיך פאַרבעסערן — ענטפערט אונדז אין אַ ווײַלע אַרום דער יונגערמאַן פון ענגלאַנד מיט אַ שולדיקן טאָן.

— אַ ציוניסט, געהאַלטן אין איין קלאַפּן טעלעגראַמעס, מיר זאָלן פאָרן אַהער, איצט האָט ער מורא, אַז אַנדערע זאָלן זיך ניט דערוויסן, ווי אַזוי מיר לעבן דאָ, — ווינקט אויף זיין ברודער דער יונגערמאַן פון וואַלבזשיך.

— שוין זעקס וואָכן אַז איך לויף נאָך, מען זאָל מיר בייטן דאָס געצעלט, ווייל עס רינט אַריין, ענטפערן זיי מיר מיט אַ געלעכטער, אַז זיי פאַרשטייען ניט קיין אַנדער שפּראַך ווי העברעאיש — פאַרקלאָגט זיך די פרוי מיט אַ וויינענדיק קול.

— אין פּוילן האָט ער געאַרבעט, פאַרדינט, געהאַט אַ פיינע היים, די קינדער האָבן זיך געלערנט. דאָ וואַלגערן זיי זיך און ער אַרבעט פאַר צוויי פונט אַ טאָג און דאַנקט גאָט, אַז עס רעגנט ניט, ווייל אין די רעגנדיקע טעג אַרבעט מען ניט ביי די בנינים — דערציילט אונדז דער פּוילישער ייד.

— ווי נעמט מען דעם וויטאַמין „פּ" (פּראָטעקציע)? — פאַרקלאָגט ער זיך און דער ברודער, דער חולה ווינקט צו אים פון בעט אַרויס, אַז ער זאָל ניט רעדן אַזוי.

— וואָס האָב איך מורא, וואָס נאָך קען איך שוין פאַרלירן? שוין געפּטרט אַלץ, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט דורך די עטלעכע יאָר אין פּוילן. קיין דירה גיבן זיי ניט, קיין אַרבעט גיבן זיי ניט, קיין עסן גיבן זיי ניט, מיר

וואַלגערן זיך דאָ ווי די הינט, מיט וואָס נאָך קען מען אונדז באַשטראָפן ?
— פרעגט ער ביים ברודער.

דער ענגלישער ציוניסט בייזערט זיך. ער קען ניט פאַרטראָגן אַזעלכע רייד.

די טעמפּעראַטור האָט זיך געהויבן סיי ביים חולה און סיי ביי די אַרומיקע. דער געשפּרעך צווישן די ברידער איז דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, אַז זיי האָבן אַפילו ניט באַמערקט אונדזער אַוועקגיין. ערשט, ווען מיר זיינען שוין געווען ביים שאָסיי, איז אונדז דער יונגערמאַן פון פּוילן נאָכגעלאָפן מיט אַ קינד ביי דער האַנט. ער האָט געהערט פון די שכנים, אַז איינער פון אונדז איז אַ דאָקטער, האָט ער געבעטן מען זאָל אים זאָגן, צי די געשווירן אויף זיין קינדס לייב זיינען געפערלעך.

— דער דאָקטער קומט אַהער איין מאָל אין צוויי וואָכן און אַ פריוואַטער דאָקטער נעמט עטלעכע פונט — האָט ער שנעל אַרויסגעזאָגט, ווי ער וואָלט זיך געפילט אומבאַקוועם צו רעדן וועגן דעם.

ווען ער האָט געהערט, אַז זיין קינד קען נאָך אויסגעהיילט ווערן מיט גוטער שפּייז, האָט ער געהויבן מיט די פּלייצעס און געפרעגט :

— אבער, וווּ נעמט מען עס ?

שלום עליכם אויפן שווארצן מארק

—איך בין אַ יידיש־אינוואַליד. —האָט געזאָגט צו מיר אַן אַרבעטער אויף איינער פון אונדזערע פאַרזאַמלונגען אין חיפה, אָנווייזנדיק דערביי אויף זיין רעכטן אויג, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ניט גאַטירלעכס.

—וואָס הייסט אַ יידיש־ אינוואַליד ? — קוק איך אים אָן דערשטוינט און ער דערציילט מיר, אַז מיט יאָרן צוריק איז רעדן יידיש אין ישראל געווען אַ סכנה.

—די שנאה צו יידיש איז דאָ אין געוויסע קרייזן ממש אַ פּאַטאָלאָגישע. פאַר רעדן אויף אונדזער מוטער־שפּראַך פלעגן פאַנאַטישע העברעאיסטן באַפאַלן אויף די גאַסן, אין אויטאָבוסן, אין קאַפעען און שלאָגן, ווי די ערגסטע פאָגראָמשטשיקעס. — ביי די דאָזיקע רייד האָט זיך דער יונגערמאַן מיט דעם אויסגעצערטן געזיכט פאַרטראַכט אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט זיך וועלן אין עפּעס געגנוי דערמאָנען און פאַרגעזעצט :

— מיט פופצן יאָר צוריק בין איך מיר געשטאַנען אויף אַ גאַס אין

ירושלים און גערעדט מיט אַ פריינט אויף יידיש. אַ חברה יונגוואַרג איז פאַרבייגעגאַנגען, זיך אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן, ווי לאַנג איך בין אין לאַנד. איך האָב געענטפערט, אַז פינף יאָר, ניט פאַרשטייענדיק, צוליב וואָס זיי דאַרפן דאָס וויסן. מיין ענטפער האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין רציחה. איינער פון זיי האָט מיט אַ ווילד קול אויסגעשריגן: „ווער עס איז אין לאַנד פינף יאָר און קען ניט עברית, דאַרף כאַפּן קלעפּ!“ און באַלד האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף אונדז אַ האָגל מיט פויסטן.

די שנאה צו דער יידישער שפּראַך מצד דער ישראל־רעאַקציע איז ניט קיין פאַרגאַנגענהייט. דאָס דערשיינען פון עטלעכע וואָכן־בלעטער אויף יידיש איז נאָך ניט קיין באַווייז פון קיין ענדערונג. כדי צו דערגרייכן צו די הונדערטער טויזנטער נייע איינוואַנדערער, מוזן געוויסע יידיש־האַסער אַליין רעדן און שרייבן יידיש. זיי היטן אָבער און שטייען אויף דער וואַך, אַז קיין יידישע פאָלקס־קולטור זאָל ניט פאַרשפּרייט ווערן. כאָטש אין דעם גרינ־דונגס־מאַניפעסט פון מדינת ישראל איז פאַרזיכערט געוואָרן יעדן בירגער די פרייהייט פון שפּראַך, קענען דאָ די ניי־איינגעוואַנדערטע אַקטיאָרן ניט שפּילן קיין יידיש טעאַטער, ניט זינגען קיין יידישע לידער.

קיין יידיש בוך קען מען אין קיין בוכהאַנדלונג ניט געפינען. עס דער־שיינען אין ישראל טעגלעכע צייטונגען אין פאַרשידענע שפּראַכן, אַפילו אויף דייטש און ענגליש, אָבער אויף יידיש גיט מען ניט קיין דערלויבעניש. קיין יידישע ביכער ווערן ניט אַרויסגעגעבן.

„פריי ישראל“ דערשיינט בלויז איין מאָל אַ וואָך און די רעגירונג דערלויבט ניט מער ווי טויזנט עקזעמפּלאַרן, כאָטש עס איז פאַראַן אַ פאַר־לאַנג אויף צענדליקער טויזנטער.

— פון וואַנען נעמט זיך ביי די ציוניסטישע פירער אַזאַ האַס צו אונ־דזער מוטער־שפּראַך? — זאָגט אַ פרוי מיט אַ יונג געזיכט, מיט גרויע האָר אויפן קאָפּ און אַ לאַנגער־נומער אויף איר האַנט, צוגעבנדיק דערביי:

—ניין, ס'איז ניט גלאַט קיין משוגעת, ס'איז ניט גלאַט שנאה צו אַ שפּראַך. איר ווייסט ניט דעם טעם פון פּלוצלונג דערפילן, אַז מען איז אַ שטומער. זיי טוען אייך באַוווסטזיניק אויס פון דער מוטער־שפּראַך, ווי אין תפיסה פון די ציווילע קליידער און מען שנײַדט אייך אָפּ פון דער וועלט. יידיש איז פאַרבונדן מיט אונדזער רעוואָלוציאָנערער פאַר־גאַנגענהייט; אין איר האָבן געשריבן אונדזערע קלאַסיקער, אויף איר האָט מען גערופן צו שטרייקן, צו מיטינגען, צו קעמפן. אויף יידיש האָט גערעדט

מײן טאַטע, מײן עלטער־זיידע — פאַרוואָס זאָלן זײ אונדז פאַרווערן זיך אויסצולעבן אין דער שפּראַך, אין וועלכער מיר זײנען דערצויגן געוואָרן, פאַרוואָס זאָלן זײ אונדז אַרױפצווינגען העברעאיש, ווי די אימפּעריאַליסטן זײער שפּראַך אויף די אונטערדריקטע קאָלאָניאַלע פעלקער?

אַ צווייטער אַרבעטער כאַפּט אונטער: כ׳בין ניט געווען קײן יידישיסט. וויכטיק איז דאָך דער אינהאַלט און ניט אין וועלכער שפּראַך ער ווערט אַרויסגעזאָגט. אָבער דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן קעמפן פאַר יידיש נאָר וועגן קעמפן קעגן אונטערדריקונג. ווער קען עס זײן גלײכגילטיק, ווען הונדער־טער טויזנטער נײע אײנוווינער ווערן אָפּגעצוימט פון דער יידישער פאָלקס־קולטור, פון יידישן פּראָגרעסיוון שאַפן? איז דען ניט אַ פאַרברעכן, ווען שלום עליכם, דער אוצר פון יידישן פאָלק און פון דער גאַנצער מענטש־הײט, ווערט אַוועקגעריסן פון די, פאַר וועמען זײן געזונטער הומאָר, גלויבן, פעלקער־פרײַנטשאַפט און מענטשן־קענטעניש איז אַ גײסטיקער כוח?

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָבן מיר באַזוכט צוויי יידישע אַקטיאָרן. בײדע זײנען ניט לאַנג אין ישראל. זײ האָבן בײ מיר געבעטן יידישע לידער צום דעקלאַמירן.

—אָבער צו וואָס דאַרף מען דאָ יידישע לידער, אַז מען קען זײ ניט רעציטירן — האָב איך זײ געפרעגט און בײדע האָבן מיר שמײכלענדיק געענטפערט, אַז מען שפּילט יידיש טעאַטער אויפן „שוואַרצן מאַרק“.

— מען שפּילט שלום עליכמען אומלעגאַל — האָט אויסגעבעסערט דער יונגער אַקטיאָר, איבערגעבנדיק מיר דערבײ אַ רײ עפּיזאָדן פון די אומלעגאַלע פאָרשטעלונגען, וועלכע ער האָט צוזאַמען מיט אַ גרופּע אַקטיאָרן געגעבן איבערן לאַנד. זײ האָבן געשפּילט אין הויפן, אין הײזער, אויף טע־ראַסן און אומעטום, וווּ נאָר מען האָט געקענט צונויפזאַמלען עטלעכע צענ־דליק מענטשן, אַז די פּאָליצײ זאָל ניט באַמערקן. — דאָס פאָלק האָט ליב אַ יידישע פאָרשטעלונג און מיר האָבן ליב צו שפּילן אויף יידיש! פאַר־וואָס זאָל מען אונדז ניט לאָזן שפּילן יידיש טעאַטער? — פרעגט ער מיך.

איך דערוויס זיך, אַז דער יונגער אַקטיאָר מיט די אומרואיקע אויגן און דערשלאָגענעם אויסזען, וועלכער זיצט אַנטקעגן מיר, איז ניט לאַנג צוריק צוזאַמען מיט עטלעכע חברים אַוועקגעפאָרן קײן ירושלים, אַרײַן אין דער צענזור־אָפּטײלונג פון דער רעגירונג און דערקלערט אַ הונגער־שטרײק — נו, און וואָס האָט איר אויפגעטאָן? — פרעג איך אים.

—הע, אַן עסק האָבן זײ מיט אונדז. ס׳איז געקומען מיטאָג־צײט.

איז זיך דער דירעקטאָר מיט זיינע באַדינער אָוועק עסן און אונדז געלאָזט זיצן. ערשט פאַרנאַכט, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז מיר האָבן אָנטע־לעפאָנירט די רעדאַקציעס פון די צייטונגען, האָבן זיי זיך גענומען דינ־גען מיט אונדז און אָפּגעפּטרט מיט אַ דערלויבעניש בלויז צו שפּילן זעקס וואָכן יידיש טעאַטער, אין דער צייט, ווען מיר האָבן געבעטן אויף אַ יאָר, און דערצו נאָך האָבן זיי געשטעלט אַ באַדינג, אַז די פאָרשטעלונגען מוזן זיין העלפט אויף יידיש און העלפט אויף העברעאיש, די אַפישן אינגאַנצן געדרוקט אויף העברעאיש און דערביי מוז ווערן אונטערגעשטראָכן, אַז די אַקטיאָרן זיינען סטודענטן פון די העברעאישע קורסן און ווילן נאָכן גראַדואירן אינגאַנצן איבערגיין אויף העברעאיש.

אויף מיין פראַגע וואָס וועט זיין נאָך די זעקס וואָכן, שאָקלט ער מיטן קאָפּ און הייבט מיט די פּלייצעס: וואָס זאָלן מיר טאָן? מיר האָבן פאַר־קויפט אַלץ, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, כדי צו קענען אָנקומען אויף די 4־חדשימדיקע קורסן צום לערנען עברית. מיר האָבן איינגעצאָלט 50 פונט פאַר די ערשטע צוויי חדשים, און ווען מיר האָבן מער ניט געהאַט צום צאָלן, האָט מען אונדז אַרויסגעוואָרפן. דאַן האָבן מיר זיך געווענדעט מיט אַ ביטע צו דער רעגירונג, זי זאָל אונדז דערלויבן צו שפּילן איין יאָר יידיש טעאַטער, כדי אָפּצושפּאָרן געלט פאַר די קורסן און כדי צו קענען אויס־האַלטן אונדזערע פאַמיליעס, האָט מען אונדז אָפּגעזאָגט. וואָס זשע דען האָבן מיר געקענט טאָן אַחוץ אָנהויבן אַ הונגער־שטרייק?

— שטאַרבן פון הונגער. — כאַפּט אים אונטער זיין חבר, אַ מאַן פון עטלעכע און פופציק יאָר מיט אַ ברוין געזיכט און יונגע אויגן. ער דערציילט מיר, אַז מיט פערציק יאָר צוריק האָט ער צוזאַמען מיט זיין פאָטער און אַ גרופּע יידישע אַרטיסטן געשפּילט אין קישענעוו יידיש טעאַטער. ער דער־מאָנט זיך די ראָלן, וועלכע ער האָט אַמאָל געשפּילט. אויף זיין געזיכט צע־שפּרייט זיך אַ פרייד פון די אַלטע דערינערונגען: אַמאָל בין איך געווען יונג, אָבער היינט, ווער האָט כוחות צו פירן מלחמה מיט זיי. דאָ בין איך אויף דער עלטער געוואָרן אַ פאַרברעכער, און מיין פאַרברעכן איז — „טביה דער מילכיקער", „מזל טוב", „קידוש השם" אויף יידיש...

ער קוקט אויף מיר מיט אומעטיקע אויגן און רעדט, ווי צו זיך אַליין: „גיי נעם אויף דער עלטער און לערן זיך אַ נייע שפּראַך, און שפּיל שלום עליכמען אויף העברעאיש. דאָס איז דאָס זעלבע, ווי מען זאָל מיר הייסן טאַנצן אין קייטן".

א באזוך אין א קיבוץ

ס'איז געווען אַ דופטיקער פרילינג־פֿאַרנאַכט. מיר זיינען געפֿאָרן אין אַ קיבוץ אַריין צום סדר. דער לאַנגער, ווייסער וועג האָט זיך געצויגן ווי אַ שרונד איגמיטן עמק. פון ביידע זייטן האָבן זיך קיבוצים, מושבים און פֿאַרשידענע שכונות געטונקען אין פורפורנע פֿאַרבן פון דער פֿאַרגייענדיקער זון. דער זיסער ריח פון צעבליטע פרדסים האָט אונדז ערטערווייז באַגעגנט און נאָכגעפֿאָרן.

אונדזער שאָפֿער, אַ מאַן פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק און לויט די רייד פיל יאָרן אין לאַנד, איז געווען זייער פריינטלעך. ער האָט כסדר אויס־געדרייט דעם קאָפּ און דערקלערט די געשיכטע פון די אַרומיקע געגנטן. מיר האָבן אים שוין עטלעכע מאָל באַמערקט, אַז ער זאָל האַלטן די אויגן אויפן וועג, אבער ער האָט געקוקט אומעטום אַחוץ אויפן שאָסיי. ער האָט נים געקענט אָפרייסן די אויגן פון די פעלדער און געוואָרן אַלץ מער און מער באַריידעוודיק.

ער האָט געגוי געוווסט, ווען יעדער קיבוץ איז אַנטשטאַנען, וואָס און וויפל ער פּראָדוצירט, ווי אַזוי די ווירטשאַפט ווערט געפירט און מיט התפעלות גערעדט פון קי, שעפסן, הינער, ווי אַזוי מען דאַרף זיי באַהאַנדלען און פֿאַרהיטן פון פֿאַרשידענע קראַנקהייטן.

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ ? — האָבן מיר אים געפרעגט. אנשטאט צו ענטפערן האָט ער אַ צופרידענער געהויבן מיט די פּלייצעס און אַריינגעשמייכלט אין די אַקסלען. ערשט ווען מיר זיינען שוין אָפּגע־פֿאָרן דריי פערטל וועג, האָט ער זיך מודה געווען, אַז ער האָט אַכצן יאָר געלעבט אין אַ קיבוץ און ערשט מיט אַ יאָר צוריק אַרויס פון דאָרט און זיך באַזעצט אין שטאָט.

— פֿאַרוואָס זענט איר אַוועק פון דאָרט ? — האָבן מיר אים גע־פרעגט פֿאַרוואונדערט. זיין קול האָט זיך אַביסל אַראָפּגעלאָזט. ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל אומגעקוקט אויף אונדז און מיט פֿאַרלוירנקייט אַרויסגע־מורמלט : — הע, סע ניט דאָס, וואָס געווען. — וואָס הייסט ניט דאָס ? האָבן מיר ניט געקענט פֿאַרשטיין. די קיבוצים זיינען דאָך די שענסטע ווינקעלעך אין לאַנד שוין דערפֿאַר, ווייל דאָרט געפינען זיך דאָך אַרבעטס־

מענטשן, דאָרט זיינען דאָך ניטאָ קיין ספעקולאַנטן, קיין לופטמענטשן. ווי קען מען עס נאָך אַכצן יאָר אַוועק פון דאָרט?

דער שאָפער האָט אַ ווייל געשוויגן, דערנאָך אָנגעפאַנגען ריידן און ווידער אויפגעהערט, ווי ער וואָלט זיך שלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל פאַרזעצן דעם געשפרעך, וועלכער איז פאַר אים ווייזט אויס געווען פיינ־לעך. ער האָט אַרויסגעקוקט דורך דעם אָפענעם פענצטער און מיט זיין האַנט אָנגעוויזן: — איר זעט די פעלדער? איר ווייסט דען, וויפל יונגע לייט עס זיינען דאָרט אומגעקומען ביים אויסטריקענען די בלאָטעס? איר האָט דען אַ באַגריף מיט וויפל מסירת־נפש מען האָט געאַרבעט? איר קענט דען פאַרשטיין, וויפל אידעאַליזם עס איז געווען ביי די יונגע מענטשן, וועלכע זיינען געקומען בויען אַ לאַנד? נו, קען מען היינט האָבן דעם זעלבן ענטוזיאַזם ווי אַמאָל, ווען מען זעט, וואָס עס טוט זיך ביי אונדז? קען מען דען בויען אַ מדינה מיט די עטלעכע צענדליק קליינע אינדזעלער, ווי עס זיינען די קיבוצים? ווען אַ גאַנצער קערפער ווערט קראַנק, קען מען דען אנשטאָט אויסהיילן דעם אָרגאַניזם, זיך פאַרנעמען מיטן אָפּהיטן עטלעכע גלידער? סע ניט דאָס, וואָס געווען — האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט. — די קיבוצים זיינען אַריין אין אַ פאַזע פון קריזיס און ירידה. דאָס עקאָנאָ־מישע און געזעלשאַפטלעכע לעבן איז דאָרט קראַנק. מען אַרבעט שווער און מען האָט גאָרניט. אַליץ גייט פאַר די פּראָצענטן, וואָס מען צאָלט פאַר די מאַשינען און אַנדערעווירטשאַפטלעכע אויסגאַבן. כמעט אַלע קיבוצים, חוץ די, וואָס האָבן אין צייט פון קריג געמאַכט פאַרשידענע ספעקולאַציעס, האָבן גרויסע חובות און מוזן כסדר צאָלן דער פאַלעסטינער באַנק און דער אַגענץ. פאַר די מאַשינען רייסן די קאַפּיטאַליסטן די הויט און פאַר די פּראָ־דוקטן צאָלט מען רעגירונג־פּרייזן. ווען אַן איי האָט אויפן שוואַרצן מאַרק געקאָסט פון 8 ביז 12 פיאַסטער, האָט דער קיבוץ בלויז געקראָגן צוויי פיאַסטער און צוויי מיל. ווי קען ער אויסהאַלטן, אַז ער מוז אַרום 30 פּראָ־צענט פון זיינע פּראָדוקטן קויפן אויפן שוואַרצן מאַרק? — האָט ער אונדז געפרעגט מיט אַ טאָן פון פאַרענטפערונג.

ער האָט אונדז דערציילט, ווי ער האָט די גאַנצע צייט געוווינט אין אַ קליין צימערל אָן די מינדסטע באַקוועמלעכקייטן, שווער געאַרבעט און גע־לעבט אַן אָרעם לעבן: — פריער האָט מען געמוזט. מען האָט זיך ניט געקענט העלפן. אַרבעט איז געווען שווער צו באַקומען, מען האָט געמוזט ווינען צוזאַמען. היינט גייען איינציקע אַוועק פון דאָרט אין שטאָט אַריין.

ער איז װידער שטיל געװאָרן און אַ לענגערע צײַט זײַן קאָפּ ניט אױס־געדרײט, װי ער װאָלט זיך ניט װעלן באַגעגענען מיט אונדזערע בליקן.

— אָבער דערפֿאַר איז דאָרט פֿאַראַן אַ רײַכערער קולטור־לעבן װי אין די שטעט. דער פֿאַרלאַג פֿון „השומר הצעיר" זעצט דאָך איבער פּראָ־גרעסיװע װערק, און מען לײענט דאָך דאָרט געװיס פֿיל מער װי אין שטאָט — האָבן מיר אים אונטערגעכאַפּט. ער האָט אױסגעצױגן אַ לאַנגזאַמען: י—אָ, אָבער דאָס איז בלױז אין די לינקע קיבוצים, און אַפֿילו דאָרט לײענט מען אױך װײניק. מערסטנטײל װײַזט מען אַמעריקאַנער פֿילמען, זײַנען זײ אָבער פּוסט און אינהאַלטסלאָז.

אונדזער שאָפֿער האָט דערצײלט, אַז אין פֿיל קיבוצים קומען לעצטנס פֿאָר גרױסע רײַבונגען, װעלכע פֿאַרסמען די אַטמאָספֿערע און ברענגען צו שפּאַלטונגען. אין אײנעם פֿון זײ איז די רײסעניש צװישן די מיטגלידער פֿון מפּ״ם און מפּא״י דערגאַנגען אַזױ װײַט, אַז די מוטערס האָבן אַרױסגעכאַפּט זײערע קינדער פֿון די שולן און געפֿאָדערט באַזונדערע קלאַסן. די קינדער־לעבן האָבן דורכגעפֿירט אַ דעמאָנסטראַציע און געפֿאָדערט, מען זאָל זײ ניט אָפּרײַסן אײנע פֿון צװײטן און ניט אַרומרינגלען מיט שנאה.

— די קינדער — האָט ער אין אַ װײַלע אַרום צוגעגעבן, — זײ זײַנען דאָרט דער גאַנצער נחת. גלײַך נאָך דער אַרבעט לױפֿט מען צו זײ און מען פֿאַרברענגט מיט זײ די פּאָר שעה, אײדער מען גײט שלאָפֿן. פֿאַר זײ קאַרגט מען קײן זאַך ניט. זײ איז װירקלעך גוט. אין אַ סך קיבוצים קריגן זײ אַ פּראָגרעסיװע דערציאונג. איר האָט געדאַרפֿט זען, װי שײן זײ פֿײַערן דעם טאָג פֿון דער אָקטאָבער־רעװאָלוציע און אונדזערע פּראָגרעסיװע יום־טובים. הע, אַ שײנע יוגנט, אַ שײנע יוגנט! האָט ער אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט — ניט קײן װוּנדער, װאָס בן־גוריון איז קעגן די קיבוצים. פֿון זײ איז געקומען דער פּלמ״ח. ער האָט מורא פֿאַר אָט דעם קעמפֿעריש כוח, װאָס קען קומען פֿון דאָרט. זײ טױגן ניט פֿאַר אים צוליב דעם שידוך מיט אַמעריקע.

— װי זשע קומט עס, װאָס אַפֿילו פֿון די לינקע קיבוצים, װוּ מען פֿײַ־ערט די אָקטאָבער־רעװאָלוציע, װוּ מען גיט אַרױס מאַרקסיסטישע ליטע־ראַטור און מען איז פֿרײַנט פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, האָט מען אַרױסגעװאָרפֿן מיטגלידער נאָך דעם, װי זײ האָבן דאָרט אָפּגעאַרבעט צענדליקער יאָרן בלױז דערפֿאַר, װײַל זײ האָבן געשטימט פֿאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ?

— האָבן מיר אים געפֿרעגט.

אױף דעם האָט ער גאָרניט געענטפֿערט.

— און ווי האָט איר זיך צוגעפּאַסט צום שטאָטישן לעבן נאָך דעם, ווי איר האָט אַכצן יאָר אָפּגעלעבט אויפן לאַנד ?

אויף דער צווייטער פראַגע האָט ער אויך ניט תיכף געענטפערט. ער האָט זיך פאַרטראַכט, פאַרלאַנגזאַמט דאָס פאָרן און שטילערהייט פאָרגע־זעצט :

— אין קיבוץ דאַרף מען פאַר קיין זאַך ניט זאָרגן. מען איז פריי פון אַלע פליכטן חוץ פון דער אַרבעט. מען דאַרף ניט דאגהן פאַר קליידער, פאַר עסן, פאַר אַ דירה, פאַר קינדער־דערציאונג, מען האָט ניט קיין מורא פאַר אַ קראַנקהייט, פאַר דער עלטער, פאַר אַרבעטסלאָזיקייט. מיט איין וואָרט מען איז ניט אַליין אין קאַמף פאַר דער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ. דאַקעגן אין שטאָט איז פונקט פאַרקערט. וויפל מען פאַרדינט, איז ניט גענוג. דער יקרות שטייגט. מען מוז אַלץ קויפן אויפן שוואַרצן מאַרק. מען איז ניט זיכער מיט די פאַרדינסטן. היינטיקע ציטן איז ביי אונדז אין לאַנד נאָר גוט פאַר די סוחרים, פאַבריקאַנטן און די רעדל־פירער.

שמועסנדיק, האָבן מיר זיך דערנענטערט צום קיבוץ, וווּ די מערהייט באַשטייט פון מפ״ם־מיטגלידער. אונדזער מאַשין איז אַריינגעפאָרן אין אַ ברייטער אַלייע פון צעבליטע ביימער. פרעכטיקע סעדער און בלומען־גער־טנער האָבן זיך געוויקלט אַרום לאַנגע רייען שטיבלעך. די דעמערדיקע שטילקייט איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויף מיילן ווייט און פון צייט צו צייט געוואָרן איבערגעריסן פון אַ קלינגענדיקן קינדערשן געלעכטער. מענער און פרויען מיט האַנטעכער און קליידער אויף די הענט האָבן זיך דאָ און דאָרט מיט לאַנגזאַמע טריט פאַרנומען צו די וואַש־צימערן. זיי זיינען שוין, ווייזט אויס, געוווינט צו געסט. קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף די צענדלי־קער גייע פּנימער, וועלכע זיינען אָנגעקומען צום סדר. אפילו די אויסלענ־דישע געסט האָבן ניט געצויגן קיינעמס אויפמערקזאַמקייט. מען האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין שום אינטערעס, פון וואַנען זיי קומען און וואָס זיי האָבן צו דערציילן. צום אַלעם ערשטן האָבן מיר באַזוכט דעם עס־צימער. דאָרט איז געווען ציכטיק, יום־טובדיק, פריש און אויסגעפּאַרבט. אויף די פענצטער האָבן געהאָנגען אויסגעוואַשענע פאַרהאַנגלעך באַצירט מיט גרינע בלעטער. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ פּיאַנאָ. אויף אַ וואַנט איז געהאָנגען אַ גרוי־סער זייגער. אויף דער סטעליע האָבן זיך געפונען לופט־קילערס. עטלעכע יונגטלעכע האָבן פאַרענדיקט אַ פּלאַקאַט. פון אַלע ווענט האָבן אַראָפּגעקוקט פאַרשידענע לאָזונגען, באַצירטע מיט פאַרביקע אוזאָרן, בלויע, צאַרטע בלימעלעך און העל גרינע בלעטלעך.

אָט זײַנען עטלעכע פֿון די דאָזיקע אויפֿשריפֿטן:

„די פֿעלדער װעלן זינגען מיט פֿרילינג" „די צײַט פֿון נאַכטיגאַל איז געקומען", „די װײַנגערטנער שמעקן מיט פֿרישן ריח". די איבעריקע פּלאַ־קאַטן, סײ די בילדער זײַנען געװען ענלעך סײ אין די קאָלירן און סײ אין אינהאַלט.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט זיך דאָס דעקאָרירן דעם זאַל און דאָס גרייטן די טישן געענדיקט. דער עולם האָט זיך ביסלעכװײַז צונױפֿגעזאַמלט. עלטערן זײַנען געזעסן צוזאַמען מיט קינדער. אין זאַל איז געװען שטיל. דער פֿאָרזיצער האָט אָנגעפֿאַנגען דעם סדר מיט אַ קורצער רעדע װעגן פּסח. דערנאָך האָט מען פֿאָרגעלײענט די הגדה. מען האָט אונדז איבערגעגעבן, אַז יעדע פּאַרטײ האָט אַרױסגעגעבן אַן אײגענע הגדה צוגעפּאַסט צו איר פּאָ־ליטישער אײַנשטעלונג. קײן גרױסער אונטערשייד איז דאָרט אָבער ניטאָ. די רעװאָלוציאָנערישקײט און פּראָגרעסיװקײט פֿון דער „לינקער הגדה" באַ־שטײט אין דעם, װאָס מען האָט אַרױסגענומען די ענדלאָזע מכות, מיט װעלכע גאָט האָט געשטראָפֿט פּרעה׳ן.

נאָך דער הגדה איז פֿאָרגעקומען אַ קינסטלערישער פּראָגראַם. סײ פֿון דעם געזאַנג און סײ פֿון די רעציטאַציעס האָט מען געקראָגן דעם אײַנ־דרוק, אַז אין ישראל עקזיסטירן שױן מער ניט קײן קלאַסן, אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק איז אײן גרױסע משפּחה אין אַ גליקלעכער, פֿרידלעכער, באַפֿרײַטער װעלט.

נאָך דעם סדר איז דער עלטערער עולם אַװעק שלאָפֿן. די יוגנט איז געבליבן. יונגע בחורים און מײדלעך האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין אַ װינקל און געזונגען סאָװיעטישע און העברעאישע פֿאָלקס־לידער. אַנדערע האָבן פֿלײסיק אַרױסגעטראָגן די בענק און צוגעגרייט דעם זאַל צום טאַנצן.

אַ יונגער בחור אין אַ װײַסער, צעשפּיליעטער העמד איז געשטאַנען אינמיטן פֿון דער זינגענדיקער חברה און מיט בײדע הענט דיריגירט „מאָי מילי גאָראָד". זײַן צעשױבערטער קאָפּ האָט זיך געװיגט אין בײדע זײַטן און פֿון צײַט צו צײַט האָט ער זיך אומגעקוקט אויפֿן זאַל און מיט אַ זשעסט אונטערגעאײַלט די, װאָס האָבן געטראָגן די שטולן. פֿון דער פֿרײלעכער, זינגענדיקער יוגנט האָט געװײעט מיט פֿרילינג, מיט לעבן, מיט האָפֿענונג. די שײנע, פֿון זון אָפּגעברענטע פּנימער זײַנען געװען צעפֿלאַמט. פֿון די צעפֿינקלטע אויגן האָט אַרױסגעקוקט אַ פֿאַרטרױמטע בענקשאַפֿט.

אין אַ צװײטן װינקל האָט אַ גרופּע דיסקוטירט די עקאָנאָמישע און

פּאַליטישע לאַגע אין לאַנד. די טעמפּעראַטור האָט זיך דאָרט כּסדר געהויבן און איבערגעריסענע קולות, אָפּגעהאַקטע ווערטער און אַ לאַנגער אויסגע־צויגענער „פּאַ־וואָ־ליע“ פון אַ פרוי האָט זיך געטראָגן פון דאָרטן. די זינ־גענדיקע האָבן זיך עטלעכע מאָל געווענדעט צו זיי, אַז זיי זאָלן אויפהערן צו שרייען און לאָזן זינגען.

אַ פרוי מיט אַ ווייסן טיכל אויפן קאָפּ האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר אונדז, אַז די לינקע ווילן כּסדר ענדערן די רעגירונג אין לאַנד. „ענדע־רונגען, יאָ, אָבער מאַכן מוז מען עס פּאַ־וואָ־ליע...“ זי האָט אונדז דער־ציילט, אַז זי איז מיט דרייסיק יאָר צוריק געקומען אַלס סטודענטקע פון ר־ו־ס־ל־אַ־נ־ד. דאָס לעצטע וואָרט האָט זי שטאַרק אויסגעצויגן און דערביי געמאַכט אַ זשעסט פון אומצופרידנקייט. אַהער אין „לינקן“ קיבוץ אַריין קומט זי נאָר אויף פּסח צום סדר, ווייל איר טאָכטער און איר איידעם זיי־נען שוין דאָ אַריבער צען יאָר, אָבער ווינען ווינט זי אין ירושלים, ווייל טאַקע דאָרט אַרבעט זי אַלס אַן אָנגעשטעלטע ביי דער רעגירונג.

— נו ווי פילט זיך עפּעס אַ מפּא״יניצע ביי אונדז? — האָט איר אַ יונגער בחורל אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע, פאַרבייפליענדיק מיט אַ מעשע־נער טאַץ אין איין האַנט.

— דאָס איז מיין איידעמס חבר. ער האָט אַ גוטן קאָפּ אויף די פּלייצעס, אָבער אַ לינקער — האָט זי צוגעגעבן שוין מיט אַ מידער און נידעריקע־רער שטימע.

אין אַ וויילע אַרום האָט זיך שוין פון זאַל געטראָגן אַ פרייליכער געהילך פון די טאַנצנדיקע בחורים און מיידלעך. די פרוי מיטן ווייסן טיכעלע אויפן קאָפּ האָט ביסלעכוויז אָנגעפאַנגען גענעצן און פּאַוואָליע אַהיים גע־נאַנגען שלאָפן. אָבער דאָס געזאַנג פון דער יוגנט האָט זיך צעטראָגן איבער די צעבליטע פעלדער פון עמק.

אין נצרת

נצרת ליגט צופוסנס פון זיבן רונדע בערג, אַרומגערינגלט מיט זייערע שפּיצן ווי מיט אַ קרוין. די בערג זיינען ניט צו הויך און פאַרשטעלן ניט די בלויע ווייטקייט פון דער וועלט. פאַרקערט, די באַרגיקע האַלב־קרייזן נעמען אַריין צווישן זיך שטיקער בלויען הימל, וועלכע זעען אויס ווי פראַגע־צייכנס,

וואָס וואָלטן כסדר געפרעגט צי מען ווייסט, וואָס דאָרט, אויף יענער זייט ווייטקייט, קומט פאָר.

נצרת איז רונד און קוקט אויס ווי אַ ריזיקער אַמפיטעאַטער. די קליינע, ווייסע כאַטקעס, די הויפן, דיביימער, די גערטנער זעען אויס ווי דעקאָראַציעס פון אַלטע, אָפּגעשפּילטע דראַמעס. די הייזער קלעטערן אויף די בערג און אַ דאַך פון איין הויז וואָלט געקענט דינען פאַר אַ טיש פון אַ צווייטן. זיי שטייען שוין דאָ פון דורות און זייער אַנטשטייאונג האָט ניט פאַרענדערט די אַרומיקע נאַטור. די בלוילעך-ווייסע כאַטקעס מיט די קנייטשן פון צייט, די ווייסע זאַמדיקע ערד, די ווייסע פלעקן אויף די פלייצעס פון די בערג און דער הויכער בלויער הימל זיינען אָרגאַניש פאַרבונדן איינער מיטן צווייטן. דער הימל איז דאָ אַ הערלעכער און עס ווילט זיך כסדר קוקן אויף אים.

אויף יעדן ווינקל פון דער שטאָט הוידעט זיך אַ לעגענדע. מען פילט דאָ דעם אָטעם פון געשיכטע. מען זעט דאָ דעם פאַרחלומטן שלייער פון אַלטערטום.

אָט שטייען מיר פאַרן באַרג פּרעספּים. די ווייסע פאַסן אויף זיין לייב זעען אויס ווי אויסגעריסענע בלעטער פון ספרים, די אַרויסגעשטאַרצטע שטיינער — ווי שטיגן.

אַהער קומען טויזנטער פּילגרימען יעדעס יאָר פון אַלע עקן וועלט. אָט דאָ שלעפּן זיך לאַנגע עשאַלאָנען און זוכן די פוסטריט פון אַן אַלטער לעגענדע.

אַהער קומען פאַרשידענע געסט, אָבער די ציוויליזאַציע האָט אויסגעמיטן די שטאָט. אין נצרת האָט זיךווירקלעך זייער ווייניק געענדערט. די גויט, די אָרעמקייט, די פּיין פון פאָלק איז דאָ אַן אַלטע, אַן איינגעזעסענע. דער הונגער איז גרויס. מען לעבט נאָך אין באַדינגונגען פון אַלטערטום. גאַנצע פאַמיליעס וווינען אין איינציקע קאַמערלעך, אָן וואַסער און אָן עלעקטרישער באַלייכטונג. נצרת איז מער פון אַלץ אַ דורשטיקע שטאָט.

וואַסער איז דאָ דאָס טייערסטע אַרטיקל. מען ציילט די טראָפּנס ביים וואַשן זיך, ביים באַגיסן אַ קווייט, ביים צוואָגן אַ קינד. פאַרשטויבטע, פאַרשמוציקטע קינדער, וואָכן- און חדשים-לאַנג ניט געוואַשענע, יאָגן זיך אַרום איבער די גאַסן און לעכצן נאָך אַ שטיקל באַסיין, וו זיי זאָלן זיך קענען אויסבאָדן און אָפּקילן אַ ביסל פון דער ברענענדיקער היץ.

מרים'ס קוואַל, וואָס געפינט זיך אינמיטן שטאָט, איז שטענדיק באַלאַ-

נערט פון הונדערטער פרויען מיט קאַנען, פושקעס, קעסלען און מיט טעפּ אויף די קעפּ.

פון דערבייאיקע דערפער קומט מען אַהער און מען טראָגט די קעסלען וואַסער מײלן ווייט. דאָס דריבנע, צאַנקענדיקע שטראָמל ריזלט אין די עמערס אַריין אַ גאַנצן מעת־לעת. אַ גאַנצע נאַכט ציען זיך אַהער מחנות פרויען און קינדער.

אַלע וועגן פירן אַהער. דער ריטמישער קלאַנג פון בלעכענע פּושקעס, ווייכע באָרוועסע טריט פון די שלאַנקע אַראַבישע פרויען, שטילע באַגרי־סונגען פון איינער מיט דער צווייטער, דאָס פּליעסקען זיך פון דעם וואַסער אין די עמערס אויף אַ שטיינערדיקן באַרג אַרויף, איז די שטענדיקע סימ־פאָניע פון נצרת׳ס נויט און אָרעמקייט, וואָס באַגעגנט דעם טוריסט באַלד ביי זיין אָנקומען.

אַן אַראַבישע פרוי מיט אַ מילד פריינטלעך פּנים, פינקלענדיקע אויגן, לאַנגע, שוואַרצע צעפּ, אָנגעטאָן אין אַ בלוי קלייד, אַרומגעוויקלט מיט אַ פאַרביקן טוך, דערציילט מיר, אַז אַ פרויען־דעלעגאַציע איז מיט עטלעכע טעג צוריק געגאַנגען אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג זיך באַקלאָגן, אַז זיי האָבן ניט מיט וואָס צו וואַשן די וועש און מיט וואָס צו באָדן די קינדער, האָט מען זיי געענטפערט, אַז זיי זאָלן נוצן גאַזאָז (סאָדע־וואַסער) אָנשטאָט וואַסער...

די אַראַבישע פרוי, וועמען אַלע רופן דאָ „מוטער“, און וועלכע איז די פירערין פון די „דעמאָקראַטישע פרויען“, האָט געשמייכלט צו מיר מיט אירע קלוגע אויגן, אָנגעוויזן אויף אייניקע רייכע הייזער, וווּ עס וווינען די אַראַבישע עפענדים און צוגעגעבן:

— זיי שטייען ניט ביי מרים׳ס קוואַל. זיי פעלט קיין זאַך ניט. פאַר זיי זאָרגט זיך די בן־גוריון־רעגירונג.

„אַן אַראַבישער פריינט דערציילט מיר, אַז דער מאַנגל אין וואַסער האָט געקענט גיך געלייזט ווערן. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מען אויפן באַרג פּרעספּים געגראָבן און 180 מעטער טיף געפונען וואַסער. עס פעלן בלויז די פּאָמפּע־אינסטאַלאַציעס, וועלכע מען קען קריגן אין אויסלאַנד, אָבער אויף דעם איז ניטאָ קיין וואַליוטע.

אין נצרת פעלן שולן, לערער, ביכער, צייטונגען, שוין אָפּגערעדט פון וועלכע ניט איז קולטור־אינסטיטוציעס.

פאַר אַ העלפט פון די קינדער איז ניטאָ קיין פּלאַץ אין די קלאַסן. זיי וואַלגערן זיך אָן שום אויפזיכט איבער די גאַסן. צוואַנציק פון די בעסטע לע־

רער האָט מען מיט אַ יאָר צוריק אָפּגעזאָגט פון זייערע פּאָסטנס צוליב זייערע פּראָגרעסיווע אָנשויאונגען.

נצרת איז אַ געטאָ און אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. דאָ הערשט נאָך אַלץ קריגסצושטאַנד. צו פאַרלאָזן די שטאָט מוז יעדער איינוווינער האָבן אַ דערלויבעניש, וועלכע מוז יעדע עטלעכע טעג באַנייט ווערן. בלויז פיר הונדערט מענטשן פון דער באַפעלקערונג זיינען באַשעפטיקט אין שטאָט, די איבעריקע אַרבעטן אויף די וועגן פון לאַנד, ביי שטיין־האַקעריי און אַנדערע פאַכן, פאַר זיי איז די דערלויבעניש אַ פראַגע פון ברויט און דערפאַר ווערט זי אַזוי קונציק אויסגענוצט פון דער רעגירונג צו טעראָריזירן די אַראַבער. אַלע אויטאָבוסן, וואָס פאָרן פון טבריה קיין נצרת, ווערן אָפּגעשטעלט און קאָנטראָלירט, צי דאָרט געפינען זיך ניט קיין אַראַבער.

דער שאָוויניזם און די ברוטאַליטעט פון דער ישראל־פּאָליציי לגבי די אַראַבער איז דער זעלבער, ווי פון דער אַמעריקאַנער פּאָליציי לגבי די נע־גער, מעקסיקאַנער, פּאָרטאָריקאַנער און ניט אַנדערש, ווי פון די אַמאָליקע צאַרישע און פּילסודסקי־זשאַנדאַרן קעגן די יידן אין יענע לענדער.

אין נצרת קענען זיי אָבער ניט זיין אַזוי הפקרדיק, ווי אין די אַראַבישע דערפער, ווו די באַפעלקערונג איז אַ קליינע, אַ ווייניקער אָרגאַניזירטע.

ניט לאַנג צוריק זיינען בן־גוריונס „העלדן" באַפאַלן דאָס פרידלעכע דאָרף אַראַבאַ, כלומרשט זוכנדיק געווער. זיי האָבן דערקלערט דריי טעג באַלאַגערונגס־צושטאַנד, ניט אַרויסלאָזנדיק קיינעם פון הויז. זיי זיינען באַ־פאַלן איינוווינער, גערויבט, געשלאָגן, אָנגערייצט זייערע הינט, און כדי די באַפעלקערונג זאָל ניט זען זייערע פאַרברעכנס, האָבן זיי די פאַרוווּנדעטע אַוועקגעשלעפּט אין תפיסה.

אין דער צייט פון די וואַלן האָבן זיי געדראָט די אַראַבישע פעלאַכן, אַז זיי וועלן פאַרברענען זייערע הייזער און צונעמען די פעלדער, אויב זיי וועלן שטימען פאַר די קאָמוניסטן.

דער טעראָר קעגן די אַראַבער האָט דעם זעלבן ציל, ווי דער טעראָר אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער קעגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. מיט דעם טעראָר האָט מען פיל אַראַבישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן שוין געוווינט אויף דער דאָזיקער ערד זינט דורות, פאַרטריבן פון לאַנד און די פאַרבלי־בענע געצוווּנגען צו אַרבעטן פאַר אַ העלפט פונעם לוין, וואָס עס קריגט אַ יידישער אַרבעטער. אָפטמאָל פאַר אַזוי ווייניק ווי 60 פּיאַסטער אַ טאָג.

כדי צו דערגרייכן איר ציל, פאַראייניקט זיך די מפא"י־רעגירונג מיט

רייכע אַראַבישע פעאָדאַלן, עפענדים און מיט דער רעאַקציאָנערער קאַטױ־לישער קירכע.

דעם רייכן עפענדי זאַבי, וועלכער הערשט איבער 7 דערפער, האָבן זיי געהאָלפן אויסגעוויילט צו ווערן אין דער כנסת און נוצן אים צו פּראָוואָצירן געשלעגן קעגן די קאָמוניסטן פון נצרת, שיקנדיק שטענדיק די פּאָליציי צו באַשיצן זיינע חברה־לייט.

בן־גוריונס אויסגעפּאַשעטע זשאַנדאַרן מיט די גומענע פּאַלקעס, מיט רעוואָלווערן אין די קעשענעס שפּאַנען הוצפּהדיק איבער די גאַסן פון נצרת און קוקן ווי „אויבער־האַרן" אויף דער אַראַבישער באַפעלקערונג.

דאָס אַראַבישע פאָלק וואַכט אויף. נצרת איז אַ קלײנע פעסטונג פון קאַמף קעגן פאַרשקלאַפונג. מען טרעפט שוין דאָ אַ גאַנץ אַנדערע יוגנט ווי אין גאַנצן לאַנד. זיי האָבן שוין באַוווסטזיין. זיי זיינען נייגעריק צו לערנען און צו פאַרשטיין די געזעצן פון דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט. עס שטראָמט מיט פרישע געזונטע כוחות. מען טרעפט דאָ אַ געזונט, איינגע־וואָרצלט פאָלק, וועמען ס'איז פרעמד האַס צו אַנדערע פעלקער. עס שטראָמט פון זיי מיט פריינטשאַפט און ברידערלעכקייט. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן, מיט וואָס פאַר אַ וואַרעמקייט די אַראַבישע זין און טעכטער, געפּייניקטע פון יידישע זשאַנדאַרן, האָבן מיך, אַ יידישע דיכטערין, אויפ־גענומען. מיט וואָס פאַר אַ געטריישאַפט, איבערגעגעבנקייט די אַראַבישע חברים האָבן מיך אַרומגערינגלט שפּעט ביינאַכט איבער די גאַסן פון נצרת.

די אַראַבישע אויפגעוואַכטע מאַסן האָבן ליב די יידישע פאָלקס־מענטשן און האַסן דעם יידישן הערשנדיקן קלאַס, פּונקט ווי יעדער ערלע־כער ייד. זיי ווייסן שוין, ווער ס'איז זייער שונא.

— מיר האָבן אָנגעהויבן זינגען און מיר וועלן שוין קיינמאָל ניט אויפ־הערן — האָט געזאָגט צו מיר דאָס פּרעכטיקע אַראַבישע מיידל מיט די ברע־נענדיקע אויגן און פעך־שוואַרצע האָר, אַנאַ קורי. זי האָט מיר דערציילט, אַז זיי האָבן געגרינדעט אין נצרת אַ כאָר, וו אַראַבישע פרויען און מענער זינגען צוזאַמען רעוואָלוציאָנערע לידער.

— זיי האָבן מורא פאַר אונדזער געזאַנג, זיי האָבן געטאָן אַלץ, כדי צו צעברעכן דעם כאָר, זיי האָבן געשריגן, אַז ס'איז ניט מאָראַליש פרויען זאָלן שטיין אויף איין פּלאַטפאָרמע מיט מענער.

אַנאַ קורי דערציילט מיר, אַז דער גלח האָט איר געדראָט, אַז ער וועט זיך אָפּזאָגן דורכצופירן איר חתונה־צערעמאָניע, אויב זי וועט ניט אַרויס־

טרעטן פון כאָר. זעענדיק, אַז דאָס האָט ניט געמאַכט אויף איר קיין אײנ־דרוק, האָט ער איר געדראָט ניט צו באַגראָבן, ווען זי וועט שטאַרבן.

— זיי מאַכן אַ פאַלשן חשבון. זיי זײנען עובר בטל. דער אַלטער גלח פאַרגעסט, אַז איך בין אַ יונג מיידל און ווען איך וועל האַלטן ביים שטאַרבן, וועט ער שוין לאַנג זיין פאַרגאַנגענהייט — דערקלערט מיר אַנאַ, ווישנדיק דערביי מיט אַ טיכעלע די צאַרטע הויט אויף איר דורכזיכטיק פּנים.

— מיר האָבן אויסגעטאָן די שוואַרצע שלייערס פון אונדזערע פּנימער און ווילן זיי שוין מער ניט אָנטאָן! — זאָגט מיר דאָס חנעוודיקע מיידל פון דער דעמאָקראַטישער פרויען־ליגע און קעמפערין פאַר שלום, עדלין אַסאַל.

— מיר זײנען אַרויס פון די שטיבער און אַוועק צו די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס צו קעמפן פאַר פרידן — האָט מיר געזאָגט דאָס מאַכמעדאַ־נישע מיידל, וועלכע האָט צום ערשטן מאָל אין מיין קעגנוואַרט אויסגעטאָן דעם שוואַרצן שלייער פון איר פּנים און געזעסן מיט פאַרשעמטע אויגן אַנטקעגן די חברים ביים שלום־קאָנגרעס פון נצרת און זיך כסדר געריטלט.

נצרת איז אַ רויטע שטאָט. אַרום 50 פּראָצענט פון די שטימען אין די לעצטע וואַלן זײנען אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַהער ציען זיך אַלעמענס אויגן, האָפענונגען און גלויבן.

אַהער ציען זיך אפילו די קינדער. באָרוועסע, אָפּגעריסענע, הונגעריקע מחנות קליינע שוואַלבן שפּאַרן זיך אַריין אין די ענגע צימערלעך פון די יונגט־קלובן, זאַפּן איין די לידער, די לאָזונגען און צעטראָגן זיי צוזאַמען מיט פּעק פלוג־בלעטלעך איבער די גאַסן פון שטאָט.

באַזונדערס האָט מען דאָס אָפּגעפילט אין דער צייט פון די וואַלן.

אויף אַלע גאַסן האָבן פון די הייזער אַראָפּגעקוקט קאָמוניסטישע לאָ־זונגען. אפילו אויף רעגירונגס־געביידעס איז געווען אויסגעמאָלן מיט רוי־טער פאַרב דער „ק" (קאָמוניסטן).

די דריי חדשים תפיסה־שטראָף האָט די „רויטע מאַלער" ניט דער־שראָקן. אַראַבישע מענער און פרויען האָבן די לעצטע טעג אויפגעגעבן זייער אַרבעט און זיך אינגאַנצן געווידמעט דער וואַל־פּראָפּאַגאַנדע. אפילו ביי מרים׳ס קוואַל זײנען געהאָנגען רויטע „קופּן" און ווייסע טויבן. דאָס האָבן די מוטערס מיט די עמערס אויף די קעפּ צוגעטראָגן זייער ביישטײַער.

רירנדיק איז געווען די באַגעגעניש פון די אַראַבישע פאָלקס־מאַסן מיט דעם סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ערב די וואַלן. זיי זײנען אַרויס אינמיטן וועג, אַרומגערינגלט זיין מאַשין מיט אַ קייט פון

צונויפגעפלאָכטענע הענט און פאַרוואַנדלט זיין קומען אין אַ פאָלקס-פּראָצעסיע.

מיט וויפל ליבשאַפט זיי האָבן אים אויפגענומען! דער אַראַבישער כאָר, צוזאַמען מיט דעם יידישן כאָר, האָבן אים באַגלייט מיט געזאַנג. אַלט און יונג האָט געטאַנצט אינמיטן גאַס, אַפילו די קליינע קינדער האָבן געהאָלפן צום ריטמישן פּאַטשן מיט די הענט און צו די אויסגעשרייען „מ—אַ—ר—כ—אַ, מ—אַ—ר—כ—אַ מיקונים“.

זיי האָבן דערקענט זייער אמתן פריינט, וועלכער האָט זיי געבראַכט דעם רוף צום קאַמף פאַר ברויט, פאַר פרייהייט און פאַר שלום.

מיט שלום-קעמפער

אַ ברענענדיקער יולי-פרימאָרגן האָט מיט טויזנטער אומזעבאַרע רעדלעך געצאַפּט דעם שווייס פון מיינע גלידער. די זון האָט צעריסן די קליינע וואָלקנדלעך, וואָס האָבן זיך באַגינען צונויפגעזאַמלט אַרום איר, און זי קוקט שוין ווידער אַראָפּ מיט אנגעברענטע פייערדיקע פיילן. מיר שלעפּן זיך איבער דער זאַמדיקער געגנט פון רמת-ישראל. די קליינע ווייסע הייזלעך מיט די דורשטיקע גערטנדלעך אַרום זיינען אָנגעפילט מיט קינדערשע געלעכטערס. עטלעכע יונגע פרויען און מענער באַגעגענען אונדז אויפן וועג און פירן אונדז צום פּלאַץ, וווּ עס דאַרף פאָרקומען דער שלום-מיטינג. אַ יונגע פרוי פון מאַראָקע מיט אַ דין סענסיטיוו געזיכט גיט אונדז איבער מיט אַן איינגעהאַלטענער פרייד, אַז ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס עס איז אַ חמסין, און דער זאַל האָט בלויז אַ שטיקל דאַך, וואָס די אַרבעטער האָבן צונויפגעקלאַפּט, און דערצו נאָך איז עס שבת, ווען די אויטאָבוסן גייען ניט, איז שוין פאַראַן אַ גרויסער עולם.

— ווי גייט עס די אַרבעט ביי אייך? — פרעג איך זי און איר שיין פּנים פאַרכמאַרעט זיך:

— עד, שווער, גאָר שווער, מיר זיינען דאָ אַלע נייע איינגעוואַנדערטע, מען האָט מורא ניט צו קריגן קיין דירה און קיין אַרבעט. די מפּא״י קאָנטראָלירט אַלץ און אַלעמען, אָבער פונדעסטוועגן דערגרייכט מען צו ביסלעך.

מיר גייען פאַרביי אַ קליין גערטנדל פון בוראַקעס, אַ יונגער ייִנגל פון

אַ יאָר פּערצן שטייט מיט אַ לעבערדיקער פּושקע און באַגיסט די אויסגע־טריקנטע גרינסן.

— דוד, מיר פאַנגען אָן, שיק צו דיינע עלטערן — האָט דאָס מאַראָ־קאַנער מיידל צו אים אויסגערופן, באַמערקנדיק דערביי:

— אַ טייערער יינגל, ער האָט אויסגעקלעפּט אַלע אַפישן אין דער שכונה און צעטיילט די פלוגבלעטלעך, ער העלפט צו, זיינע עלטערן אויך, גאָר פיינע מענטשן, פון איראַק שטאַמען זיי, קעמפערישע מענטשן, אַז זיי טוען עפּעס, איז עס מיטן גאַנצן האַרצן.

אַ בלאָנדער יונגערמאַן פון איסטאַמבול, אין אַ ווייס העמדל מיט קורצע אַרבל און אַ פּאָר ידים ווי צוויי בראָנזענע פּרענטן, האָט מיר אַריינ־געררוימט אַ סוד:

— איר זאָלט זיך ניט איבערנעמען, טאָמער קומען די ספּעציעל צוגע־שיקטע צעשטערער, זיי וועלן אוודאי פּרובירן איבעררייסן די רעדנער, צע־טרייבן דעם עולם, אבער מיר זיינען ניט קיין שיפּע זיבעלער.

— מיט וואָס באַשעפטיקט איר זיך? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן און ער האָט שטיפעריש אַ צי געטאָן מיטן קאָפּ הין און צוריק און אָפּגעענטפערט:

— ביי וואָס עס מאַכט זיך, ווייל קיין פאַך האָב איך ניט, אין דער היים געווען אַ סטודענט, אבער מיין פאָטער — אַ מאַנופאַקטור־סוחר, האָט זיך דערשראָקן פאַר מיינע ראַדיקאַלע געדאַנקען. ער האָט באַשלאָסן מיך אַריבערצושיקן אַהער, געהאָפט, אַז אין ישראל וועל איך זיך פון זיי אויס־היילן.

— נו — האָב איך אים אונטערגעכאַפּט.

— ווייס איך וואָס, ערשט דאָ האָבן זיך מיינע אידייען פאַרפעסטיקט. ווי קען מען שטיין אין אַ זייט, ווען מען זעט אַזויפיל אומגערעכטיקייט און עלנט? ווי קענען יידן שווייגן, ווען מען שטעלט צוריק אויף די נעכטיקע אומברענגער פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק?

אַ צאָל שלום־קעמפער זיינען אונדז אַנטקעגנגעגאַנגען מקבל־פּנים זיין. די לאַנגע בענק אַרום די טישן זיינען געווען באַזעצט מיט פאָלקס־מענטשן. מוטערס זיינען געזעסן און געהאַלטן אויף די שויסן קליינע קינדערלעך. גרעסערע קינדער זיינען געזעסן אויף דער ערד און מיט נייגעריקע פּנימלעך אַרויפגעקוקט צו אונדז. אויסגעמאַטערטע מענער מיט אויגן, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז זיי האָבן פיל דורכגעמאַכט און פיל פּיין איינגעזאַפּט,

זיינען געשטאַנען דאָ און דאָרטן אַרום די בענק און מיט זייערע שאָטנס געוואָלט באַשיצן די פרויען פון דער זון.

בײַ מײַן לינקער זײַט איז געזעסן אַ מיטליאָריקער ייִד מיט אַ קליין שפּיציק בערדל. ער האָט יעדע רגע געווישט דעם שווייס פון זיין שטערן און אונטערגעזיפצט. פון זיינע טיפע באַוואַקסענע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אי מילדקייט, אי צאָרן. אויף זיין האַנט איז געווען אויסגעקריצט אַ נומער פון אוישוויץ. אויף זיין שוים איז געזעסן אַ קליין בלאָנד מיידעלע מיט בלאָנדע צעפּעלעך, פאַרבונדן מיט ברייטע ווייסע שלייפעלעך. זי האָט מיט די קליינע הענטלעך געצופּט זיין קורץ בערדל.

— אַ פיין בת־מלכהלע — האָב איך אים פּרובירט צו צעשטרייען.

— עד — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — קוקסט אויף דעם קליינעם אומשולדיקן נפשל און טראַכסט וועגן היינטיקער צייט און ס׳ווערט דיר גאָר אומעטיק אויפן האַרצן. געמיינט, כ׳וועל שוין דאָ קענען רואיק אויסלעבן מיינע יאָרן, פאַרגעסן אין דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר ניטאָ קיין פּלאַץ, וווּ זיך צו באַהאַלטן. ניטאָ מער, וווּ צו לויפן. אויב עס וועט קומען צו אַ נייעם קריג, וועלן מיר אַלע אומקומען. טאַקע צוליב איר, צו־ליב אָט דעם קליינעם טעכטערל ווילט זיך עפּעס טאָן. מיינע פריערדיקע קינדער זיינען אומגעקומען דאָרט אין דעם אויוון... נאָכאַמאָל זיצן און וואַרטן אויף דעם קען איך ניט. היינט שטויסט מיר צוצולייגן אַ האַנט, כדי דאָס זעלבע זאָל זיך ניט איבערחזרן.

ס׳איז מיר אויסגעקומען אויפצוטרעטן אויף איבער דרייסיק שלום־מיטינגען אין ישׂראל און טרעפן זיך מיט אַ גרויסער צאָל מוטיקע קעמפער פאַר פרידן.

*

ס׳איז געווען אַן אויגוסט פרייטיק־צונאַכטס. דער הימל איז געהאַנגען נידעריק איבערן כרמל. די שטערן האָבן אויסגעזען ווי פרישע מאַראַנצן און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אָט אָט קען מען זיי דערלאַנגען מיט די הענט.

אונדזער מאַשין האָט זיך געטראָגן איבער די בערג צו אַ ניי אויסגע־בויטער שכונה הינטער חיפה. מיר זיינען געפאָרן לענגאויס דעם ים. אונדזער מאַשין האָט זיך יעדע רגע געמוזט אָפּשטעלן. דער שאָסיי איז געווען פול מיט שפּאַצירנדיקע פאַמיליעס פון די אַרומיקע עולים־לאַגערן.

פון צייט צו צייט האָט אונדז פון ווייטע טאָלן נאָכגעיאָגט אַ ניגון און באַלד איז ער פאַרשווונדן געוואָרן צווישן די בערג און ווידער אויפגעוואַכט מײלן ווײטער, אין אַן אַנדער געגנט, באַגלייט מיט ווערטער פון אַן אַנדער שפּראַך.

אויף דעם זייטיקן וועג, וואָס האָט געפירט צו די ווייסע געסלעך פון דעם נייעם שטעטל, האָבן אויף אונדז געוואַרט די אָנפירער פון דער דאָר־טיקער שלום־באַוועגונג — אַ יונג פּאָרל פון אַלזשיר. זיי האָבן אונדז איינ־געלאַדן צו זיך אַהיים, ביז דער מיטינג וועט זיך אָנפאַנגען.

— מען דאַרף זיין פּאָרזיכטיק, פאַראַן ביי אונדז אַזוינע פאַרשווינע, וואָס זוכן צו צעברעכן אונדזערע אונטערנעמונגען — האָט אַ קלוגג געטאַן איר זיכערע שטימע — די אַרבעט איז זייער שווער, איך האָב געמיינט, אַז אין אַ יידישער מדינה, וועט מען ניט קענען געפינען קיין איין ייד, וואָס זאָל זיין קעגן פרידן, אבער ס׳איז ליידער ניט אַזוי — האָט זי צוגעגעבן אין אַ זאַפטיקן יידיש מיט אַ ליטווישן דיאַלעקט.

— פון וואַנען קענט איר אַזאַ פיינעם יידיש — האָב איך זיך ניט גע־קענט איינהאַלטן און מיט נייגער אַ פרעג געטאַן.

— מיין פאָטער שטאַמט פון ווילנער גובערניע און מיין מוטער פון אָדעם — האָט ווידער אַ קלונג געטאַן איר לעבעדיקע שטים.

איר מאַן איז די גאַנצע צייט געגאַנגען אַ שווייגנדיקער. ער האָט גע־מיינט, אַז ער קען זיך מיט אונדז ניט פאַרשטענדיקן. ער קען נאָך ניט קיין העברעאיש און ניט קיין יידיש. ער האָט בלויז גוטמוטיק אונטערגעשמייכלט און גאָר זעלטן אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער אויף פראַנצויזיש.

אין עטלעכע מינוט אַרום זיינען מיר שוין געשטאַנען אין אַ קליין האַלב באַלויכטן שטיבל. אַן אָריענטאַלישער פאָרהאַנג האָט איבערגעטיילט דעם צימער אויף צוויי. אין דער ערשטער שטוב איז געשטאַנען אַ טאַפּטשאַן, אַ טיש מיט עטלעכע בענקלעך און אַ קליין שאַפקעלע מיט ביכער. פון דער ערשטער ריי האָט אַרויסגעקוקט שלום עליכמס „טביה דער מילכיקער".

דער פאָרהאַנג האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן און ס׳האָט זיך מיט־אַמאָל באַוויזן אַ קליין בלייך קינדערש הענטל און דערנאָך אַ באַנדאַזשירט קעפל פון אַ ייִנגל :

— אימאַ, גברת סאַלאמאָן איז דאָ געווען און געזאָגט, אַז איר זאָלט שוין קומען.

ווי נאָר ער האָט געענדיקט די רייד, האָט זיך די טיר האַסטיק צעעפנט און ס׳איז אַריינגעפלויגן אַ פאַרסאַפּעטער יאַטל פון אַ יאָר זיבן־אַכט מיט

אַ טונקל־ברוין פנימל און קויל־שוואַרצע האָר. די ברענענדיקע אויגעלעך האָבן פלינק אַרומגעטאַנצט איבער יעדן איינעם פון אונדז. אין די קליינע הענטלעך האָט ער געהאַלטן אַ פּעקל געדרוקטע קאַרטלעך און מיט איין אָטעם האָט ער אַרויסגעשאָסן, אַז מען האָט אַראָפּגעריסן אַלע אַפישן פון די ווענט און אַז דער פּלאַץ איז שוין געפּאַקט.

— אָט דאָס זיינען אונדזערע צוויי סאָלדאַטן — האָט די יונגע מוטער מיט דעם ברוינעם סאַמעטענעם פּנים דערקלערט, אָנווייזנדיק אויף די צוויי יינגלעך.

— אָט דעם זון מיינעם האָט אַ פּאָליציאַנט צעשלאָגן פאַרן פאַרטיילן פלוג־בלעטלעך קעגן דער באַוואָפענונג פון נאַצי־דייטשלאַנד.

איר יונג געזיכט איז באַצויגן געוואָרן מיט אַ שטייגערנער פאַרהאַרטע־וועטקייט :

— מיר זיינען געקומען אַהער צו בלייבן. דאָ וועט זיין אונדזער היים. דאָ וועלן מיר דערציִען אונדזערע קינדער. ישראל איז אונדזער פאָטערלאַנד און מיר וועלן ניט קאַרגן אונדזערע לעבנס, כדי דאָס לאַנד זאָל ניט פאַר־וואַנדלט ווערן אין קיין גיהנום פאַר אונדז און פאַר אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער — האָט זי דערקלערט פאַרן פאַרלאָזן איר הויז.

דער מיטינג איז פאָרגעקומען אין אַ גאָרטן. די ביימער זיינען געווען באַהאנגען מיט קאָלירטע לעמפּלעך. צווישן די צווייגן זיינען געשטאַנען לאַנגע בענק באַזעצט מיט הונדערטער מענטשן מיט פאַרשידענעם אויסזען, און וואָס האָבן גערעדט אין פאַרשידענע שפּראַכן. אויפן גראָז צווישן די בלומען־בייטן איז געזעסן די יונגנט מיט ברוינע אָפּגעברענטע פּנימער און פריידיק געפּלאַפּלט און געלאַכט.

— דאָס זיינען אונדזערע „סאַברעס“. זיי האָבן אַ שיין ביסל אריינגע־אַרבעט אין דער אונטערנעמונג — האָט מיר מיט שטאָלץ דערקלערט אַ מיטליאָריקע פרוי, מיט אַ גרויסן קאָפּ, מיט אַ בליי־פעדער הינטערן אויער און אַ פּעקל בילעטן אין האַנט. זי איז קענטיק געווען איינע פון די פירע־רינס. זי האָט די גאַנצע צייט אַרומגעשמייעט, באַזעצט די ניי־אַריינגעקו־מענע און געהאָלפן איינשטעלן דעם פילם־אַפּאַראַט, וואָס האָט געדאַרפט גלייך נאָכן רעפעראַט, טאַקע דאָ אויף דער ווייסער וואַנט פון הויז, ווייזן אַ פילם פונעם ערשטן שלום־קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין פּאַריז.

די פרוי מיט די גרויע האָר האָט יעדעס מאָל ביים פאַרביישוועבן אונדזערע בענקלעך צוגעוואָרפן אַ פּאָר ווערטער.

אַט, האָט זי מיר אָנגעוויזן אויף אַ זקן מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד און מילדע בלויע אויגן:

— איר דאַרפט זיך באַקענען מיט אַט דעם רב, אַ טייערער מענטש, ער העלפט מיט לייב און לעבן אונדזער באַוועגונג. דערצו האָט ער אַזאַ פיינעם הומאָר, יידן קוויקן זיך מיט זיינע מעשהלעך און משלים. איר האָט שוין געמעגט הערן זיינע רעדעס. דעם גאַנצן תנ״ך פּאַסט ער צו צו היינטי־קער צייט. ער זאָגט, אויב די נביאים וואָלטן היינט געלעבט, וואָלטן זיי גע־ווען שלום־קעמפער, אַזוי ווי מיר.

אַ צווייט מאָל האָט זי מיר אָנגעוויזן אויף אַ מיטליאָריקן מאַן מיט אַ גרויסן קאָפּ, אַן ערנסט פּנים, מיט דיקע וואָנצעס און טונקעלע ברילן מיט גרויסע שוואַרצע ראַמלעך.

— דאָס איז אונדזער דאָקטער, פון איטאַליע שטאַמט ער. ניט לאַנג אין לאַנד. מען זאָגט, אַז ער איז געווען בעת דער מלחמה ביי די פּאַרטי־זאַנער. היינט איז ער אַ געטרייער און איבערגעגעבענער שלום־קעמפער. אַט דאָרט זיצט זיין פרוי, אַ קליינע, אַ טונקעלע, ווי אַ ציגיינערין זעט זי אויס, זי איז אַמאָל געווען אַן אָפּערע־זינגערין, זי טוט דערוויל גאָרניט, זי קען ניט קיין יידיש און ניט קיין העברעאיש.

די גרויע מוטער האָט אונדז נאָך דער פאַרזאַמלונג ביינאַנד מיט איר מאַן, אַ לערער, מיט וועמען זי איז ניט לאַנג צוריק געקומען פון עגיפּטן, באַגלייט ביז דעם הויפּטשאָסיי.

אַ רויטע לבנה, אַן אויסגעבאָדענע אין מיטללענדישן ים, איז אונדז נאָכגעגאַנגען און גערולדיק געגישטערט צווישן די טיפע זאַמדיקע שליאַכן.

דער לערער האָט מיט אַ גוטמוטיקער שטים דערציילט וועגן די באַ־פרייאונג־שטימונגען אין עגיפּטן, פון וואַנען ער איז ניט לאַנג צוריק גע־קומען:

— ניט נאָר עגיפּטן, די גאַנצע ערד פון מיטעלן מזרח ציטערט. די אַראַבישע פאָלקס־מאַסן וואַכן אויף פון לאַנגן שלאָף.

איך האָב אים געפרעגט, צי דאָס וועט אויך האָבן אַ ווירקונג אויף ישראל.

— מסתמא ווייסט איר — האָט ער געענטפערט — ווען דער ניל גייט אַרויס פון די ברעגן, ווערט ביי אונדז שטיקנדיק און וואָלקנדיק, ווען אין אַראַבישן מדבר הייבט זיך אויף אַ ווינט, ווערט ביי אונדז אַ חמסין. דער ציטער פון דער אַראַבישער ערד וועט זיך אויך ביי אונדז דער־

הערן. מיר זיינען דאָך אַ קליין אינדזעלע, אַרומגערינגלט מיט אַ ים פֿון אויפֿברויזנדיקע אַראַבישע מאַסן.

ביים געזעגענען זיך האָט די מוטער מיט די גרויע האָר האַרציק געדריקט מיין האַנט. צוויי זילבערנע טרערן זיינען געבליבן אויף אירע בלייכע באַקן, ווי די לבֿנה וואָלט זיי צוגעהאַלטן, זיי זאָלן ניט אַראָפּפֿאַלן:

— אַזוי לאַנג ווי מיינע פֿיס וועלן מיך טראָגן און מיינע אויגן וועלן מיר ווייזן דעם וועג, וועל איך ניט אויפֿהערן צו גיין פֿון הויז צו הויז און רופֿן אַלע מוטערס ניט צו דערלאָזן צו אַ נייעם קריג...

דער וואַלד פֿון פֿריינטשאַפֿט

ווי אַ לויטערער קוואַל קלינגט די שם פֿון דער „ליגע פֿאַר פֿריינטשאַפֿט מיטן ראַטנפֿאַרבאַנד“.

אירע פֿאַרשידענע אונטערנעמונגען זיינען שטענדיק אַ דערפֿאָלג. איר איינפֿלוס וואַקסט און באַווירקט אַלץ ברייטערע שיכטן פֿון די פֿאָלקסמאַסן.

ס'איז מיר אויסגעקומען צו זיין ביי אַ מאַסן־פֿייערונג, וועלכע זי האָט איינגעאָרדנט לכּבֿוד דעם זעקסטן יאָרטאָג פֿון סאָוועטישן זיג איבער דעם נאַציזם. ס'איז געווען דער יאָרטאָג פֿון אויפֿגעשטעלטן מאָנומענט און געפֿלאַנצטן וואַלד אויפֿן נאָמען פֿון דער רויטער אַרמיי. טויזנטער מענטשן האָבן זיך פֿון שטעט, שטעטלעך און קיבוצים, אין אויטאָבוסן, אין לאַסטוועגענער און צופֿוס געצויגן צו די בערג פֿון ירושלים.

ס'איז געווען אַ ברענענדיקער חמסין. די ווייסע, נאַקעטע סקאַלעס האָבן געבלאָזט אויף אונדזערע טריט מיט אַ הייסן מדבריקן אָטעם. דאָס גרינגע סאָסנע־וועלדל, וואָס איז געשטאַנען צופֿוסנס פֿון די בערג, האָט מיט דורשטיקע און נייגעריקע בליקן באַגלייט די לאַנגע פֿריידיקע רייען מיט רויטע און בלוי־ווייסע פֿאָנען, וועלכע האָבן אָנגעפֿילט די שטיינערנע ווייסקייט מיט מונטערע סאָוועטישע געזאַנגען.

מחנות האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום דעם הויכן באַרג מיט דעם באַשיידענעם מאָנומענט און מיט דעם יונגן אַרויסשפּראָצנדיקן וואַלד. אויגן, וואָס האָבן נאָך טיף אונטער די שוואַרצאַפּלען געטראָגן די וויזיעס פֿון גרויזאַמע נאַצי־גיהנומס, האָבן מיט דאַנקבאַרקייט אַרויפֿגעקוקט אַהין, ווו עס

זיינען געשטאַנען די מיטגלידער פון דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדע און פאָרשטייער פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס.

ווען דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר פ. י. יערשאָוו האָט אָנגעהויבן ריידן, האָט זיך דער מעכטיקער באַרג אַ הויב געטאָן און פאַרוואַנדלט אין אַ הילכיקן, צעשטורעמטן מענטשן־וואַלד. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אויך די שטיינער האָבן מיילער און אויך זיי האָבן געשוואָרן: „מיר וועלן קיינמאָל ניט זיין אין זעלבן לאַגער מיט די שונאים פון ראַטנפאַרבאַנד".

עס האָט זיך געדאַכט, אַז אויך די שטיינער האָבן אַפּלאָדירט, ווען דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר האָט פאַרענדיקט זיין איבערבליק וועגן דער שלום־פּאָליטיק פון זיין פאָטערלאַנד און גערופן צו פרידן און פריינטשאַפט צווישן אַלע פעלקער אויף דער וועלט.

אַ יונגער פאַרט־אַרבעטער פון חיפה אין אַ ווייסן לייַנענעם רעקל אוןברייטן שטרויענעם הוט האָט מיר אָנגעוויזן אויף זיין לינקער האַנט, אויף וועלכער עס האָבן געפעלט די צוויי לעצטע פינגער:

— איך בין געווען אין דער הגנה. איך געדענק גוט יענע טעג, ווען מיר זיינען געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט די פיינטלעכע אַרמייען און מיר האָבן גערופן נאָך הילף. איך געדענק גוט די קאַנאָנען, אַעראָפּלאַנען, טאַנקען און דאָס גאַנצע געווער, וואָס איז צו אונדז אָנגעקומען פון די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס.

— מיר האָבן דאָך יעדן קאַנאָן אַרומגענומען ווי אַ לעבעדיקן ברודער! זיי ווילן, מיר זאָלן פאַרגעסן, אָבער דאָס וועט קיינמאָל ניט פּאַסירן. אונדזערע אייגענע לעבנס דערמאַנען דאָך טאָג־טעגלעך, ווער עס זיינען אונדזערע פריינט.

אַ יונגע פרוי מיט אַ קליין מיידעלע ביי דער האַנט, ווישנדיק די טרערן, דערציילט:

— מיר זיינען געווען אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער צוויי יאָר מיט דריי חדשים. זיי האָבן אונדז יעדן טאָג געפירט צו דער אַרבעט. אַכצן מאַן זיינען מיר געווען, ווען זיי האָבן אונדז דאָס לעצטע מאָל אַרויסגעפירט פון לאַגער, זיך אָפּגעשטעלט אויפן וועג צו דער פאַבריק און געהייסן גראָבן גריבער.

— און פּלוצים אַ שיסעריי, אַ געלויף, און איידער מיר האָבן זיך אומגעקוקט, זיינען מיר שוין געווען אַרומגערינגלט פון רויטאַרמייער. איך פרעג אייך, קען מען דאָס פאַרגעסן? זיי האָבן דאָך אונדז אויף די הענט געטראָגן, געשפּייזט, אָפּגעהיט.

אַ קליין דאַר באַבעלע מיט אַ פּנים פון אַ געטרוקנט עפּעלע האָט אונטערגעכאַפּט מיט אַ שוואַכער הייזעריקער שטים:

— אַ געזונט אויף זיי, זיי האָבן דאָך גראַטעוועט מיינע צוויי טעכ־טער מיט מיין איידעם.

איך בין לאַנג געשטאַנען אויף דעם באַרג, געקוקט אויף די צעשטראַלטע פּנימער און געטראַכט פון דעם וואַלד מיט ליבשאַפט, וואָס דער ראַטנ־פאַרבאַנד האָט פאַרזייט אין די הערצער פון מיליאָנען. אַ וואַלד, וועלכן קיין שונא וועט שוין קיינמאָל ניט קענען אויסהאַקן און ניט פאַרברענען.

דער נייער כוח

ס'איז געווען דער לעצטער אָוונט פאַר די וואַלן. חיפה האָט אויסגעזען ווי אַ פייפנדיקע שיף מיט אַלע פּאַסאַזשירן אויפן דעק, וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו אַ נייעם אויסגעחלומטן ברעג. לאַסט־וועגענער און לימו־זינען, אויסגעצירטע מיט צווייגן און מיט בלומען, האָבן אַרומגעפירט איבער די גאַסן גרויסע פּלאַקאַטן מיט אַלערליי צוזאָגן אויף אַ בעסער און שענער לעבן. דורך הילכערס האָבן זיך צעטראָגן די פונקען פון פייערדיקע רעדעס פון פאַרשידענע פאַרטיי־פאַרשטייער.

דאָס שטענדיקע מענטשן־רעדל אַרום אונדזער האָטעל איז יענעם אָוונט גרעסער און לעבהאַפטער געווען. מענטשן זיינען אַוועק, מענטשן זיינען גע־קומען, אָבער דאָס רעדל האָט זיך גאָרניט געענדערט. כמעט אַלע פאַרטיי־מיינונגען האָט מען דאָרט געקענט הערן. מען האָט זיך געהיצט, געקאָכט, און פונדעסטוועגן געלאָזט אויסריידן איינער דעם צווייטן. ווי נאָר אָבער ס'האָט זיך געיאַוועט אַ קאָמוניסט, האָט שוין די דיסקוסיע אָפּטמאָל אָנגע־נומען אַן אַנדער כאַראַקטער. כמעט אַלע פאַרטייען האָבן זיך דאַן פאַראיי־ניקט קעגן אים און דאָס רעדל איז צעשפּאַלטן געוואָרן אויף צווייען.

יענעם אָוונט בין איך, פּונקט ווי אין איטלעכע פריערדיקע אָוונטן, גע־שטאַנען אין אַ זייט און זיך איינגעהערט צו די דיסקוסיעס. איך האָב שוין געקענט די אַלע אָנטיילנעמער, זייערע באַשעפטיקונגען, זייערע מיינונגען און זייער אופן פון ריידן.

דער הויכער יונגערמאַן מיט די לאַנגע פיס און קורצע גרינע הויזלעך

און גרינעם העמד, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן איבערגעוואַקסענער סקויט, איז שוין געשטאַנען אינמיטן ראָד און אַגיטירט פאַר דער מפא"י.

דער קליינער מאָגערער יונגערמאַנטשיק מיטן בלייכן, אויסגעווייקטן געזיכט און גרויסע אַמביציעזע אויגן האָט שוין געפּאָכעט מיט זיין צינג, איינגעוויקלט הארט ווי אַ שטעקן און אַ צעהיצטער איבערגעחזרט: „ישראל מוז האָבן אַ שטאַרקע האַנט!" „ישראל דאַרף ווערן אַ גרויסע מאַכט!" „נאָר מיטן פויסט קען מען אַריינקלאַפּן אין די גויאישקע קעפּ, אַז זיי זאָלן האָבן דרך־ארץ פאַר אונדז".

דער ברייטער ייד מיטן רונדן קאָפּ, וואָס וואַקסט אַרויס גלייך פון די אַקסלען, דער סוחר פון דער גרויסער האַלץ־ און בוימאַטעריאַל־פירמע אונטן ביים פאָרט, האָט שוין געהאַלטן זיין ליולקע אין האַנט און געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט זיך אַריינצומישן און מיט זיין שמייכלענדיק פּנים און געלאַסענער שטימע, ווי ער איז געוויינט צוריידן צו זיינע קונים, ווידער צו פאַרזיכערן, אַז די ציונים כּללים וועלן ראַטעווען דאָס לאַנד פון אונטערגאַנג, מיט דעם, וואָס זיי וועלן אָפּשאַפן אַלע שטייערן אויף אימפּאָרטירטע סחורות און געבן סוחרים אַ פרייע האַנט.

אַ יונגער בחור מיט אַ פּעקל ציטונגען האָט פאַרביילויפנדיק אַ פרעג געטאָן, ווער עס וויל אַ „קול העם" אָדער אַ „פריי ישראל". עטלעכע שטימען האָבן שטילערהייט אַ בורטשע געטאָן. דער דאַרער יונגערמאַנטשיק האָט אַרויסגעשאָסן: „וואָס שוויצט איר אַזוי אַרום? איר זענט דאָך סיי ווי ניט מער ווי דריי פּראָצענט, און דאָס ביסל שטימען, וואָס איר האָט, וועט איר דאָך סיי ווי אין די וואַלן פאַרלירן. וואָס זשע שטופּט איר זיך אַזוי?"

דער יונגער בחורל האָט אָפּגעענטפערט, שוין זייענדיק אינמיטן שאָסיי ביים אַריבערגיין די גאַס: „זאָגט ניט קיין נביאות, ווייל איר וועט בלייבן אַ נאַר, און וואָס איז שייך די דריי פּראָצענט, זאָלט איר ניט פאַרגעסן, אַז אין אַנדערע לענדער איז אַמאָל קיין דריי פּראָצענט אויך ניט געווען".

דער בחור מיט די ציטונגען איז אַוועק, אָבער די טעמע איז געבליבן.

דער האָלץ־סוחר האָט מיט אַ מיושבדיקן קול זיך אָנגערופן:

— זאָל גאָט אויסהיטן, אַז זיי, די לינקע, זאָלן קומען צו דער מאַכט. אויב דאָס זאָל חלילה פּאַסירן, וועט מען מוזן זוכן אַ נייעם קאָלומבוס און אים שיקן אַנטדעקן פאַר אונדז אַן אַנדער מדינת ישראל, וווּ מען וועט קענען אומגעשטערט אנגיין מיט אַ שטיקל מסחר.

דער הויכער יונגערמאַן האָט עטלעכע מאָל אונטערגעשטראָכן מיטן גראָבן פינגער:

— „זיי“ קען מען ניט מעסטן לויט די פּראָצענטן ווי אַנדערע פּאַר־טייען. איין קאָמוניסט באַשטייט באַשטייט פאַר אַנדערע הונדערט. זיי זיינען דאָך פאַנאַטיקער, קענסט זיי דען מיט עפּעס אָפּציען פון זייערע אידייען? יעדער איינער פון זיי איז דאָך גרייט אַוועקצוגעבן זיין לעבן פאַר דער פּאַרטיי.

אַ פאַרבייגייער האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אונדז און אויפן קול אויס־גערופן: „ס'אַ טייערע זאַך די וואַלן. ווען זיי קומען פאַר איין מאָל אַ חודש, וואָלט אונדז גאָרניט געפעלט. הייגט קריגט מען אַלץ אומזיסט! זיי טיילן הייסע וורשטלעך, קאָקאַ־קאָלאַ, אייז און גיבן אפילו אַרבעט, אַבי שטים פאַר זיי. די ציונים כּללים האָבן נעכטן צעטיילט אַ גאַנצן לאַסטוואָגן מיט אייז אין מיין געגנט. יידן, הלוואי האָבן מיר אָפטער וואַלן!

אַ מיטליאָריקע פרוי מיט אַן ענערגישן אויסזען און קרעפּטיקער שטים האָט זיך מיטאַמאָל אַריינגעמישט:

— אָבער די קאָמוניסטן גיבן גאָרניט, האַ? זיי קויפן קיינעם ניט אונטער, האַ? נעמט נאָר אַוועק דעם טעראָר און איר וועט זען וויפל שטי־מען זיי וועלן קריגן. עטלעכע יידן האָבן זי איבערגעריסן:

— ס'טייטש, וואָס קענען זיי טאָן מער פון דער רעגירונג? ס'איז דאָך אַן אָרעם לאַנד און זיי וועלן אפילו פון אַמעריקע קיין הלוואה אויך ניט קריגן.

— ווער דאַרף די הלוואות? — האָט די פרוי געענטפערט — מיר זייגען גאָרניט אַזאַ אָרעם לאַנד ווי מען פּרובירט אונדז איינריידן. ווען מיר נוצן אויס די אוצרות פון ים המלח, פון נגב, ווען מיר בויען פאַבריקן, באַאַרבעטן דאָס לאַנד אַנשטאָט בויען באַזעס פאַר אַמעריקע און ניט לאָזן, אַז טויזנטער יידן זאָלן זיך פאַרנעמען מיט ספּעקולאַציע און לופט־פּרנסות, וואָלטן מיר צו קיינעם ניט געדאַרפט אָנקומען. איין וואָך פּראָדוקטיווע אַרבעט פון גאַנצן פאָלק באַטרעפט מער ווי זייערע אַלע הלוואות.

— שלום און אַרבעט, אָט דאָס דאַרפן מיר — האָט געדונערט איר שטים צווישן אַ האָגל פון אַלערליי צווישנרופן.

אַ דין ווינטעלע האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף דעם הר־הכּרמל און געבראַכט אַ קילע פרישקייט פון מיטללענדישן ים. אַ הילכיקער געלעכטער פון די שפּאַצירנדיקע תּימנער דינסט־מיידלעך האָט זיך אָפּגעקלאַפּט אין די שווערע פּאַלמעס און זיך צעשאָטן אויף די ברייטע סאַמעטענע בלעטער. אַ שטילער יונגערמאַן מיט אַ מילד פּנים, וואָס האָט די גאַנצע צייט

געשווינג, האָט זיך צו מיר געוואָנדן, אָנווייזנדיק אויף די צעהיצטע יידן אין דעם קאָכעדיקן רעדל :

— קוקט זיי נאָר אָן ! זעט נאָר, וויפל פּאַרטייען עס זיינען פאַראַן ביי אונדז. מען קען ווירקלעך מיינען, אַז זיי האָבן פאַרשידענע פּראָגראַמען, אָבער עס הייבט זיך גאָרניט אָן. דאָס זיינען אַלץ קעפּ פון דעם זעלבן אַש־מדאי. אַמאָל איז געווען גרינג צו דערקענען דעם שונא. עס זיינען געווען שקלאַפן און זייערע באַלעבאַטים. היינט פאַרשטעלן זיך שונאים פאַר אונ־דזערע פריינט, אַנדערע רופן זיך אפילו אַרבעטער־פירער, רעדן פון גערעכ־טיקייט, סאָציאַליזם און ווענן וואָס איר ווילט, מען דאַרף האָבן אַ קלוגן קאָפּ אויף די אַקסלען, כדי צו קענען זיך פונאַנדערקלייבן ווער איז ווער.

— און פאַר וועמען וועט איר שטימען ? — האָב איך אים געפרעגט.

— הע — האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — זאָלן אַזוי אַנדערע וויסן, ווי איך ווייס. איך בין שוין דרייסיק יאָר אַ פאַבריק־אַרבעטער, כ'האָב זיך שוין פיל יאָרן צוגעקוקט צו די פּאַרטייען, וואָס האָבן אונדז צוגעזאָגט אַלערליי גליקן און צום סוף פאַרקויפט. — ביי די לעצטע וואַל־טער האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּעקל צעטעלעך מיט דער אות „ק", און אָנגעוויזן אויף זיי, מאַכנדיק דערביי אַ זשעסט : — אָט צו זיי געהערט די צוקונפט.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז צו אונדז צוגעקומען די פרוי, וואָס האָט די גאַנצע צייט דעבאַטירט מיט די יידן און מיך אייגנגעלאַדן מיטצוגיין מיט איר אין אַרבעטער־קלוב אַריין : — קומט, קומט, וועט איר זען די איבער־געגעבנקייט פון אונדזערע חברים. ניט נאָר גיבן זיי אַוועק די לעצטע כוחות, נאָר די לעצטע גראָשנס אויך.

אַראָפּגייענדיק פון אַ צאָל שטיגן, האָבן מיר זיך געפונען אין אַן ענג, שמאָל געסל מיט קליינע, אָפּגעקראָכענע הייזער. אויף אַן אַרומגעצאַמטן ליידיקן הויף געפינט זיך דער קלוב. פון דער אָפענער טיר האָט געפלייצט מיט ליכט און מיט לעבהאַפטע שטימעס. דער מענטשן־שטראָם האָט זיך כסדר געצויגן אַהין און צוריק. אַרבעטער זיינען אַריין און זיך צוריקגעקערט מיט פּעקלעך ליטעראַטור אונטער די אָרעמס.

דער קליינער זאָל איז געווען געפּאַקט. אַרום די לאַנגע טישן זיינען גע־זעסן יונגע מיידלעך און בחורים. זיי האָבן געשיקט אויסגעטיילט וואַל־מאַ־טעריאַל און פלינק געענטפערט די, וואָס האָבן זיך צו זיי געוואָנדן.

אויף אַ וואַנט איז געהאָנגען אַ טאָוול מיט נעמען און מיט אַ רויט פענדעלע אין סאַמע מיטן. אַרום אים זיינען געשטאַנען אַ גרופּע אַרבעטער

און אַרויסגעלייענט די שלאָגלער. אַז אַרבעטער מיט אַ פּנים פול מיט שפּרינקעלער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אַ גרין כאַקי־קאַפּעלושל, האָט זיך גאָר שטאַרק איבערגענומען, וואָס דווקא זיין קלוב האָט געוווּנען די פאַן. און ער האָט צוגעזאָגט, אַז קיינער וועט זי ביי זיי ניט צונעמען.

מיטאַמאָל איז אַריינגעקומען אַ פאַרשוויצטער מיטליאָריקער אַרבע־טער מיט אַ קעסטעלע אין האַנט. ער האָט נאָך געטראָגן דעם אויסגע־שמירטן קאָמבינעזאָן און קענטיק זיך נאָרוואָס אומגעקערט פון דער אַר־בעט. ער איז אַרומגעגאַנגען פון טיש צו טיש מיט צוואַנציק פונט אין האַנט און זיך נאָכגעפרעגט אויף דער סעקרעטאַרין און געוואָלט, אַז זי זאָל ביי אים צונעמען דאָס געלט און איבעררוקן די פאַן אויפן נאָמען פון זיין פאַבריק. די סעקרעטאַרין איז אָבער ניט געווען און אַלע האָבן אים געהייסן קומען מאָרגן.

— ס'טייטש מאָרגן, איך קום צו לויפן גלייך פון דער אַרבעט, מיר יאָגן זיך אַרויס די נשמה צו זיין די ערשטע און זיי לייגן גאָר אָפּ אויף מאָרגן — האָט ער געטענהט אומצופרידן.

אין אַ ווייל אַרום האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ שטול, אַליין איבערגערוקט דאָס פענדל, צושפיליענדיק צו אים די צוואַנציק פונט און מיט אַ שמייכל אויף זיין מידן פּנים פאַרלאָזט דעם קלוב, אומקוקנדיק זיך פאַרן אַרויסגיין נאָכאַמאָל אויפן טאָוול מיט דעם דורכגעשטאָכענעם באַנ־קנאָט.

— אָט אַזעלכע מענטשן טרעפט מען ביי אונדז — האָט זיך אָנגערופן צו מיר אַ יונגער בחור אין יידיש מיט אַ ליטווישן אַקצענט. איך האָב אים געפרעגט, פון וואַנען ער שטאַמט. ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט זיינע חברים און צעלאַכט. זיינע צוויי יונגע פיין־געבויטע פריינט האָבן געענט־פערט פאַר אים: — אַ סאַברע, געבוירן אין גליל.

איך האָב זיך נאָכגעפרעגט, צי עס זיינען פאַראַן אַסך „סאַברעס" אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג און זיי האָבן מיך אָנגעקוקט פאַרחידושט:

— וואָדען ? ס'איז דאָך אונדזער פאָטערלאַנד, מיר האָבן זיך געשלאָגן פאַר יעדן ברעקל ערד און ווילן, עס זאָל זיין אַ היים מיט אַ שיין לעבן פאַרן גאַנצן פאָלק. מיר ווילן שלום און פריינטשאַפט מיט אונדזערע שכנים. מיר האָבן ניט געלאָזט אין קיין לאַנד קיין מאַיאָנטקעס און וואַרטן ניט, אַז אַמעריקע זאָל עס אונדז צוריק אומקערן.

אָבער דער וועג פון די פּראָגרעסיווע קעמפער אין ישראל איז ניט

קיין לייכטער. דער שונא זוכט מיט אַלע מיטלען אָפּצושטעלן זייער גאַנג פאָרויס.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין ירושלים. ס'איז געווען אַ קילער, דערפרישנדיקער פאַרנאַכט. נאָך אַ לאַנגן שפּאַציר איבערן שטאָט האָבן מיר זיך אָפּגערוט ביי אַ גלעזל טיי אין קאַפע „יהו־דה". אַ יונגע סטודענטין מיט חן־גריבלעך אויף איר שיין, רונדיק געזיכט און אַ יונגער סטודענט מיט אומרואיקע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטער די לאַנגע ברעמען ווי פייגל פון שטייגן, זיינען געווען אונדזערע באַגלייטער.

זיי האָבן כסדר געטרוימט די צוויי שיינע יונגע מענטשן פון באַוואַ־דיקן, אינדוסטריאַליזירן און אויפבויען דאָס לאַנד.

— מיט אַטאָמישער ענערגיע קען מען פאַרוואַנדלען מדבריות אין בליענדיקע גערטנער. מיט פאַראייניקטע כוחות קען מען באַזייטיקן אַלע שווע־ריקייטן אויפן וועג צו אַ גליקלעך לעבן. — מיט ליבשאַפט און מיט יושר־דיקייט איז מען אומבאַזיגבאַר — זייערע פאַנטאַזיעס האָבן זיך צעשפּילט און זיי האָבן געוואַנדערט מיט פאַרבענקטע בליקן איבער די שליאַכן פון דער ווייטער צוקונפט.

ווען מיר האָבן זיך שוין געקליבן גיין אַהיים, האָבן ביידע „סאַברעס" פאָרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן פאָרן אָפּפאָרן באַזוכן זייער קלוב. מיר זיינען געווען זייער מיד און זיך געבעטן, מען זאָל עס אָפּלייגן אויף אַ צווייט מאָל. אָבער דער יונגער סטודענט איז באַשטאַנען אויף זיינס: — קומט, איר וועט הנאה האָבן. מיר האָבן נאָרוואָס פאַרענדיקט דעם דעמאָנט. מיר האָבן אַליין פאַריכט די ווענט, געפאַרבט, געמאָלן און איינגעראַמט בילדער. מיר האָבן אַן אַלטע חורבה פאַרוואַנדלט אין אַ פּרעכטיקן לאָקאַל.

— דערצו וועט איר זיך באַקענען מיט חברים, וועלכע זיינען געבוירן אין לאַנד און מיט די, וועלכע זיינען געקומען פון איראַק, עגיפּטן, מאַראָקע, אינדיע, טוניזיע, פּוילן, רומעניע, אונגאַרן, בעלגיע, בראַזיל, אַרגענטינע און אַנדערע לענדער — האָט אונטערגעכאַפּט דאָס יונגע מיידל.

מיר האָבן זיך אין אַ ווייל אַרום פאַרנומען אין דער ריכטונג פון זכריה־נאָס. די צוויי יונגע מענטשן האָבן דעם גאַנצן וועג גערעדט וועגן זייער קלוב ווי אַ יונג פּאָרל פון אַ ניי איינגעאָרדנטער היים.

ווען מיר האָבן זיך דערנעענטערט צום הויף פון לאָקאַל, איז אונדז אַנט־קעגנגעלאָפן אַ יונגער בחור און מיט אַ צעפלאַמט פּנים און מיט אַן איינ־געהאַלטענער אויפרעגונג צוגעפאַלן צו מיינע באַגלייטער און זיי עפּעס

האַסטיק אַריינגעסודעט און זיך צוריק אומגעקערט אין דער אָפענער טיר, פון וואַנען ער איז אַרויסגעקומען. די צוויי יונגע מענטשן האָבן זיך איבער־געקוקט מיט פאַרלאָרנקייט, געשוויגן אַ ווייל און דערנאָך זיך געקלאַפּט אין די פּלייצעס, ווי זיי וואָלטן זיך אייננאַנדער וועלן טרייסטן.

מיר זיינען אַריין אין קלוב. דער גרויסער זאַל האָט אויסגעזען מאָדנע־דיק. אויפן דיל האָבן זיך געוואַלגערט צעריסענע בילדער, צעהאַקטע ראַמען, בלעטער פון ביכער, שטיקער גלאָז, טיילן פון פּאָרטרעטן פון קאַרל מאַרקס און ענגעלס, האַלבע ווערטער פון לאָזונגען האָבן אַרויסגעקוקט פון אונטער איבערגעקערטע טישן און בענק.

— ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז איך וועל אַזוינס זען אין ישראל — האָט זיך אָנגערופן צו מיר אַ יונגערמאַן מיט עטלעכע שטיקלעך פון אַ פּאָרטרעט אין זיין האַנט.

עטלעכע יונגע אַרבעטער זיינען געשטאַנען ווי פאַרגליווערטע און קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. אַ יונגער איראַקער בחור האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן: — ניט געדאַגהט, חברה, מיר וועלן אויפסניי איינאָרדנען אונדזער קלוב. עס פאַרדריסט זיי די שונאים, וואָס מיר האָבן אין די לעצטע צוויי יאָר פאַרגרעסערט אונדזער מיטגלידערשאַפט און וואָס אונדזער איינפלוס צווישן די פּאָלקס־מאַסן האַלט אין איין וואַקסן.

ווען מיר האָבן פאַרלאָזט דעם לאָקאַל, האָבן שוין די יונגע אַרבעטער אָנגעפאַנגען אויפסניי פאַרריכטן זייער היים.

אין די פאלקס-דעמאקראטיעס

פראַג — די שטאָט פון אַרבעט און ביכער

אַ זוניקער פרימאָרגן באַגלייט מחנות מענער און פרויען צו דער אַרבעט. זיבן אַזייגער אינדערפרי און די גאַנצע שטאָט איז שוין אויפגע־שטאַנען. אַ הודזשעריי פון אויטאָמאָבילן, מאָטאָציקלען און מאַשינען מישט זיך אוים מיט דער קלאַפּעריי פון שטיין־העקער, וואָס פאַרריכטן דאָ און דאָרטן אַלטע גאַסן.

פון ריזיקע אַפּישן ווינקען אַראָפּ לאָזונגען : „מֿשעשטש פראַצי“ (אַ לויב דער אַרבעט).

ברייטפּלייציקע מענער, רונדע, פיין געקליידעטע פרויען מיט קעסטע־לעך אונטער די אָרעמס שטייגן איין אין אויטאָבוסן. מען וויצלט זיך, מען לאַכט. נישטאָ אויף זייערע פּנימער דער עלנט, די זאָרג און די מורא פאַר אַרבעטסלאָזיקייט.

באַלאָדענע לאַסט־אויטאָס יאָגן זיך פאַרביי פון גאַס צו גאַס און פילן אָן די קראָמען מיט גרינסן, פרוכטן, פליישן און מילכיקס. די שוי־פענצטער זיינען אָנגעפילט מיט פּרעכטיקע מעבל, ראַדיאָס, קעלטערס, פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן, טעפּיכער, קליידער און אַלערליי סחורות.

מיט גוטן געשמאַק זיינען די געשעפטן איינגעאָרדנט. אַ גרויסע צאָל אָנגעשטעלטע באַגעגענען די קליענטן מיט העפלעכקייט. ניט סערוויליש און הכנעהדיק איז דאָ דער אָנגעשטעלטער, נאָר פריינטלעך.

פראָג מיט אירע געסלעך, געביידעס, פּאַרקן, דעקאָרירטע מיט פּאַר־שידענע סטאַטועס, קלויסטערס און פּאַלאַצן איז זייער ענלעך צו פּאַריז. אויך זי האָט גאָרנישט געליטן פון קריג.

זעלטן ווען מען טרעפט אויף אַ וואַנט שפּורן פון קוילן. מען טרעפט אָבער יאָ גאַנץ אָפט זכרונות פון אויפשטאַנד קעגן די נאַציס.

אָט שטייען מיר ביי אַ וואַנט אַנטקעגן דער אַלטער פּראָגער שול. אויף אַ שוואַרץ בלעכל איז אויסגעקריצט דער נאָמען „פּראַנצישעק קלי־קאל“, אונטערן בלעכל אַ פּאָליצע צוגעפּגעקלאַפּט פון ברעטער און אויף דער פּאָליצע — בלומען, מיט אַן אויפשריפט : „פאַר אונדזער העלד, וואָס איז געפאַלן, פאַרטיידיקנדיק דאָס פאָטערלאַנד“.

אויף אַ דערבייאיקער גאַס געפינט זיך אַ צווייטער דענקמאָל : אויף

אַ װאַנט הענגט אַ בילד פון אַן אַרבעטער, אײנגעראַמט אין אַ שװאַרץ רעמל, זײן נאָמען איז שורער, פֿאָטער פֿון 7 קינדער. געפֿאַלן דעם 7־טן מאַי 1945. אױף דער ערד שטײען באַשײדענע טעפּעלעך מיט בלומען.

אַזעלכע דענקמעלער געפֿינען מיר גאַנץ אָפֿט אױף אַ סך גאַסן. די פֿאַרבײגײער שטעלן זיך אָפּ, פּוצן אָפּ די רעמלעך און ברענגען בלומען.

דער טײך מאָלדאַװע, װי די סענע אין פּאַריז, גײט זיך שפּילערהײט פֿאַרבײ די שטאָט. פֿון דער קאַרלסבריק קען מען גאַנץ גענױ זען אירע אַלע טײלן.

די בראָנזענע סטאַטועס אױף בײדע זײטן בריק, די רונדע טױערן בײ די ברעגן, די װײַטע קלױסטער־שפּיצן, די קאָנטורן פֿון דעם קײזערלעכן פּאַלאַץ, דער טאָן־האַל מיטן זײגער פֿון דעם 15־טן יאָרהונדערט, מיט די צװײ בראָנזענע שטערנס אױף די סאַמע שפּיצן מאַכן דעם אײנדרוק פֿון אַ מיטלאַלטערלעכער שטאָט.

אײנער פֿון די שענסטע קװאַרטאַלן איז דער סט. װענצלאַװ־סקװער. אַ ביסל ענלעך אױף שאַנז עליזײ. די שטימונג און דער טעמפּאָ זײנען דאָ אָבער אַנדערע. עס זײנען דאָ נישטאָ די טױזנטער לײדיקגײער, אױסגעזעצט אין דרױסן פֿון די קאַפֿעען.

אָן אַ שיעור ביכער־געשעפֿטן. זײ פֿאַרכאַפּן ממש די אױגן. אַזױפֿיל ביכער, צו צען און צו פֿופֿצן קראָמען אױף אײניקע גאַסן. ביכער אין אַזױ־פֿיל פֿרעמדע שפּראַכן, ציטונגען, זשורנאַלן, בראָשורן פֿון די װײטסטע לענדער. די שענסטע גײסטער פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײט און פֿון דעם הײנט קוקן אַרױס צו אונדז פֿון די שױ־פֿענצטער.

טאָלסטאָי, גאָרקי, פּושקין, מאַרקס, לענין, סטאַלין, שעקספּיר, דזשעק לאָנדאָן, באַלזאַק, אַנדערסען־נעקסע, פּאַבלאָ נערודא, אַראַגאָן, פּאָל עלואַר, מאַרק טװען, האַװאַרד פֿעסט, געטע, שילער װאָלט װיטמאַן, אַמאַדאָ, מיצ־קעװיטש, שענקעװיטש און נאָך אַנדערע.

ספּעציעלע ביכער־געשעפֿטן פֿאַר מוזיק, פֿאַר װיסנשאַפֿט, פֿאַר פֿילאָ־זאָפֿיע. און אַלע קראָמען זײנען געפּאַקט און אױף אַלע ביכער זײנען פֿאַראַן קונים.

עס גלױבט זיך קױם, אַז פּראָג מיט איר אײן מיליאָן אײנװױנער האָט אַזאַ לײענערשאַפֿט. מיר גײען אַרײן אין די קראָמען און פֿרעגן זיך נאָך בײ די אָנגעשטעלטע, װו עס קומען אַהין אַזױפֿיל ביכער. זײ קוקן אױף אונדז מיט פֿאַרװונדערונג. בײ זײ איז דאָס גאַנץ נאַטירלעך.

הײנט לײענט מען דרײ, פֿיר מאָל אַזױפֿיל װי אַמאָל, דערקלערן אונדז

די אָנגעשטעלטע מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל. זיי פרעגן זיך נאָך, ווי עס האַלט מיטן בוך ביי אונדז אין דער גאָלדענער מדינה און מיר שטעמען זיך צו דערציילן, אַז ביי אונדז דאַרף מען אָפּט אויספאָרן צענדליקער גאַסן, איידער מען געפינט ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל אַ קליין, פאַרשעמט, איינזאַם ביכער־קרעמל, וווּ דער איינגעטימער קוקט אויף אייך ווי אויף אליהו הנביא, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט צו אים פון אַנדערע וועלטן.

שיין זיינען דאָ די שוי־פענצטער פון די פאַרשידענע געשעפטן. אפילו דאָרט, ווו מען פאַרקויפט קליידער, כלים און אַלערליי אַנטיקן, קען מען אויך געפינען ביכער. דאָס בוך איז נישט אָפּגעזונדערט. אָט גייען מיר פאַרביי אַ קראָם פון פרויען־צירונג, פאַרשידענע בראַסליעטן און אויריננגלעך. אויך דאָרט געפינען זיך אין שוי־פענצטער זייט ביי זייט מיט קרעלן פאַר־שידענע ביכער.

מיר גייען אַריין אין אַ נייַ סלאָוואַקיש ביכער־געשעפט. דאָ איז פריער געווען אַ באַנק. אין אַ ווינקל שטייט אַ ראַדיאָ מיט אַ פּאַטעפאָן. פאָלקס־לידער שפּילט מען, לידער פון קאַמף, פון אויפבוי, פון אַרבעט. אויף די ווענט הענגען בילדער פון אָנגעזעענע מאָלער.

פריינטלעך זיינען צו אונדז די אָנגעשטעלטע פון סלאָוואַקישן ביכער־געשעפט. אַ יונג בחורל טראָגט אונדז אונטער אַ ריי קינדער־ביכער, וועלכע זיינען נאָרוואָס דערשינען. די אָנגעזעענסטע שרייבער און מאָלער האָבן צוזאַמען געאַרבעט איבער זיי. יעדעס ליד, יעדע דערציילונג איז אילוסטרירט מיט קאָלירטע בילדער. מען זעט מיט וויפל ליבשאַפט און מי זיי זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן.

— פאַר אונדזער יוגנט איז קיין זאַך ניט צו טייער, — דערקלערט אונדז דאָס יונגע בחורל אין ענגליש, און פרייט זיך דערביי אַליין ווי אַ קינד.

אַ צווייטער אָנגעשטעלטער, אַן עלטערער מאַן מיט בלויע אויגן און טונקל־גרויע האָר, ווי ס'וואָלט דער רויך פון זיינע ציגאַרעטן זיך דאָרט פון יאָרן אָפּגעזעצט, ברענגט אונדז צו אַ נייַ בוך און דערקלערט דערביי מיט שטאָלץ:

— דאָס איז אונדזער ליבלינג, דער קלאַסיקער פון 19־טן און אָנהויב 20־טן יאָרהונדערט, פּאַוועל כוויעזדאָסלאַוו. ער מישט די בלעטער און לייענט פאַר אונדז טיילן פון די „בלוטיקע סאָנעטן“, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער פירט אונדז אַרום איבער דער קראָם. ער שטעלט זיך אָפּ ביי די ביכער פון דעם באַליבטן שרייבער פון סלאָוואַקישן פאָלק, יעסענסקי.

זײנע װערק אין דרײסיק בענדער װערן אַרױסגעגעבן אין צװײ הונדערט טױזנט עקזעמפּלאַרן און װערן גיך אױספאַרקױפט. די „שװאַרצע טעג פון דער אָקופּאַציע", „דער װעג צו פרײהײט", זײנען זײער פּאָפּולער בײם פאָלק, װײל געשריבן האָט ער פון אַן עפּאָכע, װעלכע איז אַלעמען גוט באַקאַנט.

דאָ איז דער שרײבער ניט עלנט און ניט אָפּגעריסן פון פאָלק. דאָ נעמט איבער אַ שרײבער שעפטום איבער אַ פאַבריק, אָדער אַ לאַנדװירט־שאַפט און פירט אַן מיט זײער קולטור־אַרבעט. טײלמאָל אַרבעט ער דאָרט אַ לענגערע צײט גלײך מיט אַלע, באַקענט זיך מיטן לעבן פון די אַרבעטער און שעפּט פון זײ דעם מאַטעריאַל פאַר זײנע װערק.

אַזעלכע באַרימטע שרײבער װי מאַריאַ מאַיעראָװאַ, טאַטאַרקאַ, מאַ־רעק, דאָמיניק האָראַק און די יונגע אָלענע בערנאַשקאָװאַ זײנען אַװעק אין די פאַבריקן און באַרײכערט די טשעכאָסלאָװאַקישע ליטעראַטור מיט װיכ־טיקע װערק פון אַרבעטער־לעבן.

נישט נאָר דערנענטערט די רעגירונג די שרײבער, די מאָלער, צום פאָלק, זי ברענגט אױך צונױף דאָס דאָרף מיט דער שטאָט.

יעדע שטאָטישע פאַבריק האָט אַ לאַנדװירטשאַפט, װו זי העלפט פאַרריכטן מאַשינען, אַראָפּנעמען די תבואה פון פעלד אין צײט פון שניט א.א.װ.

אָט פאָרט פאַרבײ אַ ריזיקער אױטאָ מיט זינגענדיקע אַרבעטער. בלו־מען און גרינס האַלטן זײ אין די הענט, פון אַ פאָרם קערן זײ זיך אום פרײלעכע, לוסטיקע װי קינדער פון אַן אױספלוג. פאַרבײגײער כאַפּן אונטער די לידער, אַרבעטער באַגלײטן זײ מיט אױסגעשרײען „טשעשטש פּראַצי" (אַ לױב דער אַרבעט). אומעטום פרײנטלעכע אױסרופן, אומעטום חברישע באַגריסונגען. נאָר אין די פּראָגער קאַפעען זיצן נאָך דאָ און דאָרט די „געװעזענע" שבעה נאָך זײער פאַרגאַנגענהײט, װאַרטן אױף אַ נס און האָפן, עס זאָל אױסברעכן אַ קריג, כדי אַמעריקע זאָל זײ אומקערן די שלים־לען צו זײערע אַמאָליקע געשעפטן, צו זײערע פאַבריקן און צו זײערע פּאַלאַצן.

כאָטש זײ זיצן און האָפן, װײסן זײ שױן, אַז זײער גורל אין דער זעלבער, װי דער גורל פון די אױסגעשטאָפּטע פײגל, װאָס הענגען אױף די װענט פון די קאַפעען.

פײגל, װעלכע װעלן שױן קײנמאָל מער ניט פליען.

אין שרייבער-שלאָס

פאַרבייפאָרנדיק שטעטלעך און דערפער, איינגעוויקלט אין יונגע סאָסנאָווע וועלדער, קומען מיר אָן קיין דאבזשיש, ווו עס געפינט זיך דער שרייבער-שלאָס.

מיר פאָרן אַריין אין דאָרף מיטאָג-צייט, אַלץ אַרום שלאָפט. די קורצע האַלב-קרייזיקע געסלעך מיט ווייסע נידעריקע כאַטקעס קוקן אויס, ווי עס וואָלט דאָרט קיינער ניט געווען. די קראָמען פאַרמאַכט. ניטאָ קיין לעבעדיקער מענטש אין דרויסן.

אַ ווייסע סטאַדע גענדז לאָזט זיך אַרויס פון אַ הינטער-געסל מיט אַ גראַגעריי, און גייט אין דער ריכטונג פון קלויסטער. די ערשטע גאַנדז, זייער פירערין, שטעלט אַריבער אַ פיסל איבער דער אָפענער טיר פון קלויסטער, גראַגערט עפעס אַריין און לאָזט זיך ווייטער איבערן שאָסיי.

אַ רויטער האָן קרייעט אויס עטלעכע מאָל, צעפאָכעט זיינע פליגל אויף די שטאַכעטן פון אַ ווייסן פאַרקאַן און פאַרשווינדט ערגעץ אין אַ גאָרטן.

ווו זיינען אַלע מענטשן? פרעגן מיר מיט נייגער ביי אונדזערע באַגלייטער און מיר דערוויסן זיך, אַז פון צוועלף ביז צוויי איז מיטאָג-צייט און דאַן רוען אַלע, ווער עס שלאָפט, ווער עס לייענט.

הינטערן דאָרף אַנטקעגן קלויסטער געפינט זיך דער באַרימטער פּאַלאַץ, וועלכן די רעגירונג האָט אָפּגעגעבן צו די שרייבער.

אַ בלאָנדע, מיטליאָריקע פרוי מיט צוויי בלאָנדע יינגעלעך עפענען דעם טויער און באַגעגענען אונדז מיט אַ פריינטלעכן „דאָברי דען". דאָס איז די אויפזעערין פון שלאָס. זי נעמט צו אונדזערע וואַליזעס און פירט אונדז אַריין אין די צימערן, פאַרבייגייענדיק דורכן הויף מיט בלומען מיט אַ פאָנטאַן און פיל שטיינערנע סטאַטועטן.

ברייטע לאַנגע קאָרידאָרן, ווייסע מאַרמאָרנע שטיגן מיט רויטע פּלושענע טעפּיכער פירן צו ווייסע הויכע טירן. אויף די ווענט הענגען בילדער פון פירשטן, שלאַכטלייט און פרינצעסינס. האַנטגעשניצטע מעבל, זעלטענע אַנטיקן קוקן אַרויס פון יעדן ווינקל.

ברייטע, הויכע צימערן, אין יעדן פון זיי וואָלט געקענט אָפּגעהאַלטן ווערן אַ באַנקעט פאַר דריי אָדער פיר הונדערט מענטשן.

פֿאַר דער מלחמה האָט דער פּאַלאַץ געהערט צום פֿירשט קאַלאָרעדאָ מאַנספֿילד. אין צײַט פֿון קריג האָט דער פֿירשט אַהער די נאַציס אײַנגע־לאַדן. אין די צימערן זײַנען אײַנגעשטאַנען די באַרימטע מערדער ווי הײַד־ריך און פֿראַנק, וועלכע האָבן דערמאָרדעט הונדערטער טויזנטער ייִדן, טשעכן און סלאָוואַקן.

דאָ איז אונטערגעשריבן געוואָרן די פֿאַרניכטונג פֿון לידיצע מיט איר גאַנצער באַפֿעלקערונג אַלס נקמה־אַקט פֿאַר דער עקזעקוציע איבער הײַד־ריכן.

אויף די שוואַרצע סטאַטועס ליגט נאָך דער רויך פֿון זייערע ציגאַרעטן. אויף די הויכע ביימער פֿון וואַלד ליגט נאָך די שרעק פֿון קליינע קינדער אויף די ברוסטן פֿון זייערע דערמאָרדעטע מאַמעס. אויף דעם רונדן טײַך מיט די שפּרינגענדיקע פֿיש, וואָס שלענגלט זיך אַרום פּאַלאַץ און ווערט פֿאַרלאָרן אין די טיפֿענישן פֿון וואַלד, ליגט נאָך דער עכאָ פֿון די נאַצישע געלעכטערס אין זומערדיקע נעכט.

צענדליקער אַרומיקע דערפֿער מיט אַלע זייערע אײַנוווינער האָבן גע־אַרבעט פֿאַר דעם פּאַלאַץ.

פּויערים און פּויערטעס האָבן פֿון פֿאַרטאָג ביז נאַכט געזייט, געאַ־קערט, געבויט, געשטריקט און געזאַמלט אוצרות, אַז דער פֿירשט זאָל קע־נען מאַכן גרויסע בעלער פֿאַר זײַנע פֿרײַנט, פֿאָרן קיין מאָנטע־קאַרלאָ יעדן ווינטער און לייגן זייער שווייס אויף די ווײַסע צײַן פֿון דער שוואַרצער רולעטקע.

הײַנט זײַנען די פּויערים פֿרײַ, הײַנט זינגען זיי יעדן אינדערפֿרי, ווען זיי גייען צו דער אַרבעט און ווען זיי קומען צוריק. אַזאַ וווּנדערלעכער געזאַנג רײַסט זיך יעדן טאָג אַרײַן צו אונדז דורך די פֿענצטער פֿון פּאַלאַץ. אַ געזאַנג, וועלכן דער פֿירשט האָט קיינמאָל ניט זוכה געווען צו הערן. אַ געזאַנג פֿון פֿרײַע מענטשן, וואָס קען קיינמאָל ניט געהערט ווערן פֿון זייערע באַצווינגער.

*

הײַנט איז דער פּאַלאַץ אַ היים פֿאַר שרײַבער. אַהער קומען זיי אויף אַ לענגערער צײַט אַרבעטן אויף זייערע ווערק. אַהער קומען געסט פֿון פֿאַר־שידענע לענדער. באַרימטע שרײַבער ווי איליאַ ערענבורג, פּאַבלאָ נערודאַ,

אַראַגאָן, פּאָל עלואַר, אַמאַדאָ, און אויך אונדזער ליבער פּאָל ראָבסאָן זיינען דאָ געווען. מיר געפינען הונדערטער אונטערשריפטן אין געסט־בוך פון קינסטלער, אַרבעטער־פירער, דענקער, מוזיקער, סקולפּטאָרן און פיל אַנדערע פּערזענלעכקייטן.

אויך אַרבעטער פון פאַבריקן קומען אַהער שטודירן. שולן זיינען דאָ איינגעשטעלט געוואָרן, ווו מען העלפט אויסברייטערן זייער וויסן.

עלטערע און יונגע שלאָגלער פון פאַבריקן אין פאַרשידענע טיילן לאַנד קומען אַהער לערנען מאַרקסיזם.

זיי פילן זיך צווערשט אַביסל אומבאַקוועם און פרעמד אין די גרויסע זאַלן, מיט די דיקע פלושענע טעפּיכער, ווי קינדער מיט אָפּגעפרעמדטע עלטערן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך לאַנג ניט געזען. זיי פּרובירן זיך „אירצן" אין סאַמע אָנפאַנג, אָבער ווי זיי נעכטיקן איבער אין דער היים, דערפילן זיי זיך ווידער ווי אייגענע. אויך ביי די אַרבעטער, וואָס האָבן געבויט, געפאַרבט און געוואַשן די פּאַלאַצן, פאַרשווינדט די פרעמדקייט נאָכן איבער־נעכטיקן.

איך האָב דעם ערשטן טאָג אויף די ווייסע מאַרמאָרנע שטיגן גע־טראָפן אַ רונדע מיטליאָריקע פויערטע מיט אַ ווייס־געבלימלט טיכעלע אויפן קאָפּ און אַ צעשמראָלט פּנים. זי האָט זיך געוויגט אויף די שטיגן, ווי זי וואָלט געטראָגן צוויי שווערע קוישן איןביידע הענט.

— „טשעשטש פּראַצי" — האָב איך איר געזאָגט, און איר ליכטיק פּנים האָט זיך נאָך מער צעשמייכלט. מיר האָבן זיך געדריקט די הענט ווי אַלטע באַקאַנטע. איר פוכקע האַנט האָט מיר מאַמעדיק געקלאַפּט איבער דער פּלייצע און אַלע מאָל אונטערגעכאַפּט: „ס'וועט זיין גוט, מען וועט זיך צוגעוווינען". וועלנדיק דערביי מאַכן קלאָרער, וואָס זי מיינט, האָט זי מיר אָנגעוויזן אויף אירע פּיס און דערביי דערקלערט: „זיי פּלאָנטערן זיך אויף די פּלושענע טעפּיכער, ניט געוווינט צו פּאַלאַצן".

אַרויסגעזאָגט די ווערטער און זיך פּלוצים הילכיק צעלאַכט, ווי זי וואָלט איצט צום ערשטן מאָל באַנומען די גאַנצע גרויסקייט פון דער נייער צייט. דער געלעכטער האָט זיך אָוועקגעקייקלט אין דעם לאַנגן שטיינער־נעם קאָרידאָר פון שטיג צו שטיג, פון וואַנט צו וואַנט, ביז די שווערע סאַ־מעטענע פאָרהאַנגען האָבן אים איינגעשלונגען.

אַזאַ האַרציקן, אַזאַ אמתן געלעכטער האָבן די ווענט פון פירשט קאָל־לאָרעדאָ מאַנספילד מסתמא קיינמאָל ניט געהערט.

זי איז אַ שלאָגלערין פֿון אַן עלעקטרישער פֿאַבריק. אויף אַ חודש שטודירן האָט די רעגירונג זי אַהער געשיקט.

— מען קען ניט מאַכן קיין עלעקטרישע לעמפּלעך בלויז מיט די הענט, מען מוז אויך נוצן דעם קאָפּ, — האָט זי מיר דערקלערט, פֿאַרבינדנדיק דערביי שטייפֿער דאָס טיכל אויף איר האַלדז.

ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין אַ פּראָגרעסיווע דיכטערין אַזש פֿון אַמעריקע, האָט זי אַרויסגעצויגן אַ העפֿט פֿון קעשענע און געבעטן מיין אונטערשריפֿט. זי קלייבט אונטערשריפֿטן פֿון גוטע מענטשן. און הענגט זיי אויף די ווענט פֿון איר הויז. „ס'איז היימלעכער מיט זיי“. פּאָל ראָבסאָן, פּאַבלאָ נערודאַ, איליאַ ערענבורג, אַמאַדאָ און נאָך אַ סך אַנדערע האָבן זיך שוין אַריינגעשריבן אין איר העפֿט, ווען זיי זיינען דאָ געווען צו דער שלום־קאָנפֿערענץ.

מיט טרערן אין די אויגן האָב איך צוגעקוקט, ווי אַ טשעכישע פּויערטע האָט אַזוי מאַמעדיק געצערטלט אַן אונטערשריפֿט, פֿון אַ יידישער דיכטערין מיט יידישע אותיות אין אַ פּאַלאַץ פֿון אַן אַמאָליקן פֿירשט, אַנטקעגן אַ פּאָרטרעט פֿון אַן אַלטן לאָרד מיט לאַנגע, פֿאַרקייַלעכטע וואָנצעס.

אַ צווייטע פּויערטע האָבן מיר געטראָפֿן אין גאָרטן ביי די בלומען. אַ זשוואַווע אַלטיטשקע מיט ראָזע בעקלעך האָט זיך פֿלינק באַוועגט אויף אַ בייט. אָפּגעריסן די געלע בלעטלעך, אַראָפּגעשאַרט די ווערעמלעך פֿון שטאַנגען, אויפֿגעהויבן אַראָפּגעפֿאַלענע קנאָספּן און אונטערגעבונדן דאָ און דאָרטן אַן אויסגעבויגן צווייגל.

— דאָברי דען באַבעשי, — און זי האָט געענטפֿערט מיט אַ שטיפֿעריש פֿאָך מיט די הענט און אַ יונגטלעכער שטים „טשעשטש פּראַצי“.

— ווי לאַנג אַרבעט איר שוין דאָ, באַבעשי? — האָבן מיר זי געפֿרעגט, אָבער זי האָט אָנשטאָט ענטפֿערן אַרויסגעצויגן אַ גרויע פּאַסמע האָר פֿון אונטערן גרין טיכל, מיט די רונדע קינדערשע אויגן זיך ערגעץ וייט פֿאַרקוקט, ווי זי וואָלט זיך עפּעס וועלן דערמאָנען, און מיט די פֿינגער אָנגעוויזן:

—זינט די האָר זיינען יונג און בלאָנד געווען.

זי האָט זיך זייער גערן צערעדט, די באָבעשי, ניט געוואַרט אויף קיין פֿראַגן.

זי האָט דרייסיק יאָר געאַרבעט פֿאַרן פֿירשט קאָללאַרעדא מאַנספֿילד, „בלומען יעדן אינדערפֿרי אין פּאַלאַץ אַריינגעטראָגן, און שכירות — אַ פֿייג“.

היינט צאָלט איר די רעגירונג 3000 קראָנען אַ מאָנאַט און נייע ציין גע=

מאַכט. „גייע ציין", האָט זי עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, „די אייגענע ציין האָבן די נאַצים אויסגעהאַקט", אַגוואַלדיק דערביי מיט ביידע פויסטן, ווי אַזוי זיי האָבן עס געטאָן.

— אַלע ציין אויסגעהאַקט און איך האָב ניט געוויינט! אַ טרער ניט געלאָזט, זיי האָבן ליב געהאַט צו זען, ווי אונדזערע וויינען.

— וויינען זי, פאַרפלוכטער שווין — האָט זיך דער פריץ געקאָכט, דערלאַנגענדיק מיר אַלע מאָל אַ זעץ אין פנים אַריין, אָבער איך שווייג. וויינען איז מיר דווקא גרינג, — האָט זי צוגעגעבן, און אירע אויגן זיינען שוין פול געווען מיט טרערן, — אָבער פאַרן הונט אין די אויגן, ניין! — זי האָט אונדז דערציילט, ווי די נאַצים האָבן דערשאָסן איר מאַן און איר זון, פאַרברענט איר הויז און זי צוזאַמען מיט אַנדערע פויערים אַוועקגע־פירט קיין אַשוויענטשים, וווּ זי איז אָפּגעווען צוויי יאָר.

מיר האָבן זיך געזעגנט מיט דער אַלטער פויערטע און זי האָט אונדז מיטגעגעבן אַ ווייסע קוויט, שמייכלענדיק דערביי פון די רויטע בעקלעך ביז די ווייסע קנעפּ אויף איר אויסגעשטריקטער קאָפּטעטשקע:

— נעמט, נעמט, די רעגירונג וועט ניט האָבן דאַקעגן!

— בלומען זיינען פאַר די מענטשן, זאָגט אונדזער דירעקטאָר — האָט אונדז נאָכגעשריגן מיט אַ דין־קלינגענדיקער יונגער שטימע די אַלטע פוי־ערטע.

צווישן אויפגעריכטע מענטשן

די באַן האָט פאַרלאָזט דעם וואָקזאַל.

אַ הויכער, מיטליאָריקער פאָרטער, אין בלויע לייוונטענע אַרבעט־קליידער, האָט יעדן איינעם איינגעאָרדנט אין זיין שלאָף־וואַגאָן, אָפּגעריסן די בילעטן, אויסגעשטעלט די וואַליזעס און העפלעך געענטפערט אויף פאַר־שידענע פראַגן.

ער האָט גאַנץ פליסיק גערעדט אויף פיר שפּראַכן, און איז אָן שום פּאַוזעס איבערגעגאַנגען פון איינער אויף דער צווייטער.

ער איז געגאַנגען מיט זיכערע און געמאָסטענע טריט. גערעדט געלאַסן. מיט קלוגע, דורכדרינגלעכע אויגן געקוקט גלייך אין פנים אַריין און אויף אַלע בקשות געענטפערט: „יאָ, מען וועט דערליידיקן, מען קען דאָס קריגן,

מען װעט אײך פרי אױפװעקן". „מען" האָט ער באַנוצט, אָנשטאָט „איך".

— פון װאַנען קענט איר אַזױפיל שפּראַכן ? — פרעג איך אים.

— ע, — מאַכט ער אַװעק מיט דער האַנט. — קײן גימנאַזיעס ניט געענדיקט.

— פון װאַנען זשע פאָרט ? — בין איך שױן אײנגעשפּאַרט, װעלנדיק אים דערבײ אַרײנציען אין אַ שמועס. אָבער ער זוכט זיך נאָר אױסצודרײען פון אַ שמועס. ער ענטפערט מיר, גײענדיק הין־און־צוריק, װאַרפנדיק פון צײט צו צײט אַ פאַרשנדיקן בליק אױף אונדזערע טשעמאָדאַנעס, אױף װעלכע עס איז מיט גרױסע װערטער אָנגעשריבן „ניו־יאָרק". דער אַדרעס איז אים, קאָנטיק, ניט צום האַרצן און במילא דער, װאָס קומט פון דאָרט. מען קען דאָס זען פון די קנײטשלעך, װאָס לױפן זיך פלינק צונױף צװישן בײדע ברעמען, לאָזנדיק אױף זײן געזיכט אַן אױסדרוק פון זאָרג, יעדעס מאָל װען ער קוקט אַהין.

איך לײען זײנע געדאַנקען. איך װײס, װאָס ער טראַכט. איך דערקען די בליקן, מיט װעלכע ער קוקט אױף מיר. איך האָב זײ באַגעגנט אין גאַנץ אײראָפּע. מיט אומצוטרױ קוקט מען הײנט אומעטום אױף אַמעריקאַנער.

אַ יונגע פראַנצױזישע פרױ רײסט איבער אונדזער געשפּרעך.

„מעסיע ! מעסיע !" רופט זי דורך דער אָפענער טיר פון איר װאַגאָן. זי קען ניט פאַרמאַכן די צענטראַלע באַהײצונג.

ער גײט אַרײן צו איר אין װאַגאָן און קערט זיך אין אַ רגע אום צוריק, ער עפנט דעם פענצטער לעבן מיר, אָנשפּאַרנדיק זיך אױף אים מיט די עלנבױגנס. אַ קאַלטע כװאַליע לופט שטראָמט אַרײן פון דרױסן און װאַשט אַראָפּ די מידקײט און דעם שלאָף פון מײן געזיכט. ער קוקט שװײגנדיק אין דער װײט אַרײן, און אין אַ װײל אַרום זאָגט ער, װי ער װאָלט זיך פּלוצים דערמאָנט אין מײן פראַגע :

— איך האָב בלױז געענדיקט עטלעכע קלאַסן פון אַ פאָלקס־שול. איך בין אַ זון פון אַ װעשערין, װי האָב איך זיך געקענט לערנען ? אַלס ייִנגל נאָך בין איך אַװעק אין דער װעלט אַרײן זוכן ברױט. בײ אונדז אין אונגאַרן האָט געהערשט נױט. געװען פינף יאָר אין פראַנצױזישן פרעמדן־לעגיאָן, געאַרבעט אין פאַרשידענע לענדער, געװאַלגערט זיך איבער דער װעלט און אױסגעלערנט זיך אַ סך זאַכן, יאָ, אַ סך זאַכן און דערצו פרעמדע לשונות.

ער האָט גערעדט װי צו זיך אַלײן. ס'איז אים גאָרניט אָנגעגאַנגען, צי

איך הער אָדער ניט. ער האָט זיך אַפילו ניט אויסגעדרייט צו מיר. דער־מאָנט אין מיין אָנוועזנהייט האָט אים בלויז מיין וויטערדיקע פראַגע:

— נו, און היינט ווי לעבט זיך עס אייך?

— ע, היינט, — האָט ער גאָר אויפגעלעבט. — היינט איז גאָר עפּעס אַנדערש. היינט קומען שוין אונדזערע אונגאַרישע ברידער צוריק אַהיים פון דער פרעמד. אָט זיינען לעצטע וואָך געקומען אַכט און דרייסיק פאַמי־ליעס פון קאַנאַדע, עטלעכע פון אַמעריקע און אויך פון אַנדערע לענדער.

— היינט, — האָט ער שוין געריבן די הענט, — היינט זיינען גאָר נייע ציימן. עס איז דאָ אַרבעט און ברויט פאַר אַלע. דאָס לעבן ווערט בעסער פון טאָג צו טאָג. מען בויט נייע הייזער, נייע פאַבריקן, נייע שולן. עטלעכע יאָר נאָכן קריג, און ס'איז שוין באַלד קיין שפּור ניטאָ פון איר. בודאַפּעשט איז פיר און פופציק טעג און פיר און פופציק נעכט באָמבאַ־דירט געוואָרן נאָכאַנאַנד, בערג מיט רואינעס זיינען דאָרט געווען. און היינט, וועט איר עס שוין ניט דערקענען, שוין כמעט אינגאַנצן אויפגעשטעלט.

ער האָט זיך ווידער אָנגעבויגן אויפן שויב און מיט פאַרזשמורעטע אויגן נאָכגעפאָלגט די פאַרבייַלויפנדיקע שטעטלעך, באַלויכטענע פאַבריקן, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי ריזיקע קאַסטנס מיט פייער. מיטאַמאָל האָט ער אויסגעצויגן זיין האַנט און מיט די פינגער אָנגעוויזן:

— איר זעט, די פאַבריקן אַרבעטן. טאָג און נאַכט אַרבעטן זיי. מיר בויען און איר, — האָט ער אַראָפּגענומען זיין בליק פון פענצטער און מיט פאָרוואורף אין זיין עטוואָס־געהעכערטן קול פאָרגעזעצט: — איר ווילט צעשטערן. פאַרניכטן שטעט און מענטשן איז גרינג, אָבער בויען... — האָט ער לאַנגזאַם אויסגעצויגן.

די באַן האָט זיך געגליטשט דורך דער נאַכט, און די פינצטערניש איז אָפּט איבערגעשניטן געוואָרן מיט כוואַליעס ליכט פון פאַרבייפליענדיקע סטאַנציעס. פאַרטאָג האָט אונדז דער פאָרטער אויפגעוועקט און אָנגעזאָגט, אַז מיר געפינען זיך אויף דער טשעכישער גרענעץ.

באַלד האָבן זיך באַוויזן צוויי יונגע טשעכישע באַאַמטע, זייער העפ־לעך זיך באַגריסט און גענומען אונדזערע פּאַספּאָרטן, נאָכפרעגנדיק זיך דערביי, וואָס מיר פירן און וויפל געלט מיר האָבן מיט זיך. ווען מיר האָבן זיי דערציילט, אַז מיר זיינען פראָגרעסיווע שרייבער און פאָרן צו אַ שלום־קאָנגרעס, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט פון עפענען אונדזער באַגאַזש און קאָנ־טראָלירן אונדזער געלט. זיי האָבן אויף אַלץ גענומען אונדזער וואָרט, זייער פריינטלעך זיך געזעגנט און געווונטשן אַ גליקלעכע רייזע. אונדזער פאָרטער

איז דערביי געווען דער איבערזעצער. אַ ברייטער שמייכל האָט זיך אויס־געלייגט אויף זיין געזיכט. נאָך אַ רגע שווייגן האָט ער מיט אַ שולד־געפיל צוגעגעבן:

— יאָ, מיר פאַרגעסן אָפט, אַז עס זיינען דאָ צוויי סאָרטן אַמעריקאַנער.

פון דאַן אָן האָט ער שוין נאָכגעזוכט אונדזער געזעלשאַפט. ער האָט מיר כסדר געוואָלט מיט עפּעס העלפן. דאָ האָט ער צעעפנט דאָס טישל, צוגעמאַכט דאָס פענצטער, אָפּגעפּוצט די סאָפע, און ווען ער האָט באַמערקט, אַז איך צעעפן די שפּייז־פּעקלעך און גרייט פרישטיק, איז ער אַרויסגעלאָפן און זיך צוריקגעקערט מיט אַ האַלבן לאַבן ברויט אין האַנט און מיט שטאָלץ אָנגעוויזן:

— אָט זעט, דאָס איז ברויט! אַזוינס איז אין דער גאַנצער וועלט ניטאָ, אַזוי ווי די אונגאַרן באַקן, קען ניט קיינער. אַדרבא, פּאַרזוכט און זאָגט אַליין.

ער איז ניט אָפּגעטראָטן, ביז מיר האָבן אונדזער ברויט אַוועקגעלייגט, גענומען זיינס און באַשטעטיקט זיינע רייד.

ער האָט ממש אָנגעקוואָלן פון אונדזער פּאָסמאַקעווען זיך און באַלד צוגעשטאַנען צו אונדזער סעודה.

אונדזער פּאָרטער איז נאָכן עסן גאָר ריידעוודיק געוואָרן.

— ניט נאָר ברויט איז היינט ביי אונדז פּאַראַן. אַלץ איז דאָ, און פּאַר אַלעמען. אמת, מען אַרבעט נאָך היינט גאַנץ שווער, אָבער וואָס מיר שאַפן, ווערט שוין מער ניט אַרויסגעפירט קיין מאָנטע־קאַרלאָ.

דערביי האָט ער פון זיין בוזעם־קעשענע אַרויסגענומען אַ בילד, מיט די פינגער עס געווישט, ווי ער וואָלט וועלן דייטלעכער מאַכן די פּנימער, און זיך אַליין גוט איינגעקוקט, צוגעבנדיק מיט פרייד:

— אָט־דאָס איז מיין פרוי מיט מיינע צוויי זין; זיי וועלן שוין האָבן נאָר אַן אַנדער לעבן ווי זייער פאָטער. פאַר זיי זיינען אַלע טירן אָפן. אָט דאָס איז מיין עלטערער זון. ער לערנט זיך גוט. אַז אָפּענעם קאָפּ האָט ער, זאָגן זיינע לערער, אָט באַלד וועט ער אַריין אין אוניווערסיטעט און ווער ווייסט? — האָט ער זיך פאַרהאַלטן און אויסגעצויגן, ווי ער וואָלט זיך מיט דעם געדאַנק ניט וועלן אַזוי גיך שיידן: — ער וועט נאָך אויסוואַקסן אַ זשעני!

אונדזער פּאָרטער איז אַלץ ריידעוודיקער געוואָרן. עס האָט אַרויסגערעדט פון אים דער נייער מענטש, דער מענטש, וועלכער פילט זיך ווי אַ

שותף צו אַלץ, וואָס זיין לאַנד פאַרמאָגט, ווי אַ מיטבויער צו אַלץ, וואָס ווערט געבויט.

די באַן איז געפלויגן און שווער אונטערגעסאָפּעט ביי יעדער סטאַנציע. וואַגאָנעס האָבן זיך אָנגעשטויסן איינער אין צווייטן, ווי ריזיקע טאַץ און פאַרענדיקט די לעצטע טענער פון די רעדער ביי יעדן וואָקזאַל.

מחנות קינדער מיט רענצלעך אויף די פּלייצעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט און באַגריסט די פּאַסאַזשירן מיט הילכיקע געלעכטערס און פייפערייען. פויערטעס מיט קוישלעך עופות אין די הענט האָבן שעמעוודיק אויפגעהויבן שפּיצן פון פאַטשיילעס און געפּאַכעט צו די אָפענע פענצטערלעך פון וואַגאָנעס. די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע מינוט און זיך ווידער געטראָגן איבער אָפענע וועגן, דורך וועלדער, פעלדער, דורכשניידנדיק דאָ און דאָרט ריזיקע בערג. די באַן האָט זיך דערנענטערט צו בודאַפּעשט. טייכן ליכט האָבן זיגזאַגיק געהויבן זיך צום הימל און אויסגעמישט מיט שטערן.

פּונקט 11.30 אין אָוונט זיינען מיר שוין געשטאַנען אויפן וואָקזאַל. ס'האָט זיך געטומלט. ס'איז געווען ליכטיק, געפּאַקט מיט מענטשן. פאָטאָגראַפן האָבן גענומען בילדער פון דעם זינגענדיקן עולם. מ'האָט זיך געדריקט די הענט, געקושט. מיר האָבן זיך דערנענטערט צו איינעם פון די אָנוועזנדע און זיך פון אים דערוווּסט, אַז דאָס באַגלייטן אונגאַרישע שריפטשטעלער און אַרבעטער פון פאַבריקן אַן אויסלענדישע דעלעגאַציע, וועלכע איז געקומען צום 150־יאָריקן יובילײ פון דער אונגאַרישער וויסנשאַפטאַקאַדעמיע.

אינמיטן ראָד זיינען געשטאַנען סאָוויעטישע וויסנשאַפטלייט, כינעזישע געלערנטע, קאָרייאישע מוטערס מיט בלומען און זיך געזעגנט מיט די אונגאַרישע בירגער. אַ הויכער מאַן מיט אַ גרויער באָרד אין אַ לאַנגן פוטער, זייער ענלעך צו לעוו טאָלסטאָי, האָט זיך געזעגנט מיט אַ יונגן אונגאַרישן פּראָפעסאָר ווי אַ פאָטער מיט אַ זון, קלאַפּנדיק דעם אונגאַר אין די פּלייצעס, אויסרופנדיק עטלעכע מאָל אויפן קול „בודטע זדאָראָווי“ (זייט געזונט).

אַ קאָרייאישע פרוי אין אַ שוואַרצן מאַנטל און מיט אַ ווייסן פוטערנעם קאָלנער אויפן האַלדז האָט זיך געקושט מיט אַן אונגאַרישער אַרבעטערפרוי און זיך גאָרניט געקענט אָפּרייסן פון איר. די באַן האָט זיך גערירט. הענט האָבן געפּאָכעט. אַ פריידיקער געזאַנג האָט זי באַגלייט. אין דרויסן

איז געווען קיל, אָבער אויפן הארצן איז געווען ווארעם. אַלץ אַרום האָט געאָטעמט מיט פרידן און מיט פעלקער־ברודערשאַפט.

די גאַסן פון בודאַפּעשט זיינען געווען העל־באַלויכטן. נעאָן־לאָמפּן האָבן געפינקלט אויף די ראַנד. שילדן האָבן געווונקען פון הויכע געביידעס מיט ליכטיקע וויטרינעס, אָנגעפילטע מיט אַלערליי סחורות. בודאַפּעשט האָט געשמעקט מיט לעבן, מיט אַרבעט און מיט זעט.

אין דער בודאַפּעשטער אָפּערע

בודאַפּעשט פאַרמאָגט אַ פּרעכטיקע אָפּערע־הויז. אָפּערע און באַלעט, פּונקט ווי אין אַלע פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, זיינען דאָ זייער פּאָפּו־לער. די מייסטערווערק פון מוסאָרגסקי, טשייקאָווסקי, ווערדי און ביזע זיינען דאָ זייער באַליבט און ווערן אָפט געשפּילט.

די אָפּערע און דער באַלעט האָבן דאָ דורכגעמאַכט אַ רענעסאַנס. אַלטע אָפּערעס אויף פאָלקס־מאָטיוון ווערן כסדר אויפגעלעבט און נייע אויף העראָאיש־רעוואָלוציאָנערע טעמעס ווערן געשאַפן.

איינער פון די באַלעטן, מיט וועלכן עס קאָכט זיך שוין איבער אַ יאָר אין בודאַפּעשט, איז „די פלאַמען פון פּאַריז“, מיט מוזיק פון דעם סאָוויע־טישן קאָמפּאָזיטאָר אַנאַסעיעוו, און די כאָרעאָגראַפיע פון די צוויי רוסישע קינסטלער אַרמאַשעווסקאַיאַ און וואָינאָנין.

בילעטן צו דעם באַלעט ווערן אויספאַרקויפט מיט וואָכן פאָרויס. פאַר אונדז איז דער ספּעקטאַקל געווען אַן איבערלעבעניש, וועלכע מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן. באַזונדערס איינדרוקספול איז געווען די אַטמאָ־ספּערע פון יענעם אָוונט, און דאָ מיין איך ניט די פּרעכטיקע מאַלערייען, די ווייסע מאַרמאָרנע סטאַטועז, די גאָלדענע לאָזשעס און די גאַנצע פּראַכט פון דער געביידע. שטאַרק איינדרוקספול איז געווען דער עולם.

איידער דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, האָט זיך שוין אין זאַל אָפּגעשפּילט דער ערשטער אַקט פון דעם נייעם לעבן.

נייע פּנימער, נייע געשטאַלטן, און גאָר אַ אַנדערע שטימונג ווי אין אַן אָפּערע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

אין די לאָזשעס זיינען מער נישט געזעסן די האַלב נאַקעטע, מיט ברילִיאַנטן באַהאָנגענע מאַנעקענען מיט ציניש פאַרגליווערטע פּנימער און

ניט די שטייפע, לוסט־גיריקע פראַנטן מיט די ווייסע בלעכענע וועסט־לעך און שוואַרצע זיידענע פראַקן, נאָר געזונטע, לאַכעדיקע פויערטעס אין פאַרביקע נאַציאָנאַלע קאָסטיומען, יום־טובדיק אויסגעפּוצטע קוילן־גרעבער, גוטמוטיק שמייכלענדיקע אַרבעטער.

קאָלירטע סאַמעטענע היטעלעך, געבלימלטע טיכלעך, אויסגעהאַפּטענע בלוזעס, פאַרביקע טוכן, קרעלן, לענטעס, פרילינג און יוגנט האָבן זיך גע־הוידעט אין זאַל.

אָנשטאָט שנאָה און אייפערזוכט האָט זיך געטראָגן פון לאָזשע צו לאָזשע, פון שטול צו שטול אַ פריידיקער געלעכטער, אַ מענטשלעכע וואַ־רעמקייט. ס'האָט אויסגעזען, ווי אַ משפּחה־צוזאַמענקום.

אַ יונגע פויערטע מיט אַ קאָלירטן שאַל, קונציק אַרומגעדרייט איבער אירע בלאָנדע האָר, ווי זי וואָלט אַ קוישל בלומען געטראָגן אויפן קאָפּ, האָט צו מיר זייער פריינטלעך געשמייכלט און אַ צופרידענע אָנגעוויזן אירע חברטעס אויף דעם שלום־זשעטאָן מיט דער ווייסער טויב אויף מיין לאַץ און אין אַ רגע אַרום גוטמוטיק געקלאַפּט מיר אין פּלייצע, אויסרופנדיק דערביי: „בעיקע, בעיקע“, דאָס הייסט: שלום! און מיט אַ ברייטער, מוס־קולירטער האַנט אַ כאַפּ געטאָן מיין האַנט און שוין גאָר וואַרעם געדריקט.

— זענט איר פאַר דער רעוואָלוציע אויך געגאַנגען אין דער אָפּערע?

— האָב איך זי געפרעגט און זי האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און אַרויס־געשאָסן מיט אַ געלעכטער. „איך — אין דער אָפּערע?“ — האָט זי זיך אַליין עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט.

— אפילו קיינמאָל אין בודאַפּעשט ניט געווען. ווי האָב איך געקענט זיין? געאַרבעט טאָג און נאַכט ביי אַ רייכן פויער פאַרן שטיקל ברויט, ביז צען יאָר אַפילו ניט געוווּסט דעם טעם פון פּוטער, און ווען מיין מוטער האָט עס מיר שוין יאָ אַמאָל געגעבן, האָב איך ניט געוווּסט, וואָס דאָס איז, און ניט געוואָלט עסן. מיין פאָטער האָט זיין גאַנץ לעבן בלויז געקויפט איין פּאָר הויזן און די מאַמע האָט זיי שטענדיק געלאַטעט.

איר פּנים איז אַ ביסל פאַרטרויערט געוואָרן ביי די לעצטע רייד, ווי זי וואָלט דאָס נאָכאַמאָל איבערגעלעבט.

— און היינט, ווי לעבט איר? — האָב איך געפרעגט און איר פּנים האָט גאָר אויפגעלויכטן, אירע אויגן האָבן זיך האַלב צוגעמאַכט, ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס גאָר אָנגענעמס וועלן גוט איינקוקן. איר פּנים איז ווייכער געוואָרן און זי האָט אויסגעזען, ווי אַ מאַמע, וועלכע קוקט אויף איר נייגע־בוירן קינד, וועלנדיק גוט דערקענען זיינע שטריכן.

— הײנט איז גאָר עפּעס אַנדערש. הײנט האָב איך ניט קײן מורא פאַר קײן זאַך. הײנט בין איך אַ בױערין, אַרבעט אין דער נײער שטאָט דונאַפּענטעלע, װױן אין אײנער פון די נײע געבײדעס און האָב אפילו גע־קראָגן אַ מעדאַל פאַר מײן אַרבעט — דערבײ האָט זי אָנגעװיזן אױף דעם שלאָגלער־מעדאַל אױף איר ברוסט.

— יאָ, יאָ, זי איז גאָר אַ גוטע אַרבעטערין — האָט אונטערגעכאַפּט איר שכנה, מיט װײסע פּוכיקע בעקלעך, אין אַ רױט קאַפּטורעקל מיט זיל־בערנע גלעקלעך אױף איר בלאָנדן קאָפּ. אױף אירע שמאָלע אַקסלען האָט זי געטראָגן אַ װײסע װאָלענע פּאַטשײלע מיט לאַנגע פרינדזשעס און אַ ברײטע געבלימלטע ספּודניצע, װעלכע האָט אױסגעזען װי אַ צעעפנטער אַקאָרדעאָן און זיך כסדר געװיגט בײ יעדן טראָט, װאָס זי האָט געשטעלט.

— אַ פײן קלײד טראָגט איר — האָב איך באַמערקט און צוגעקוקט זיך דערבײ מיט פאַרװוּנדערונג, ניט קענענדיק פאַרשטײן, פאַרװאָס עס איז אַזױ אױפגעבלאָזן.

—ס'איז ניט אײן קלײד — האָט זי מיך אױסגעבעסערט — פון אַכצן קלײדער װערן געמאַכט אונדזערע נאַציאָנאַלע קאָסטיומען, איך טראָג זײ אײנס אױפן אַנדערן און דערפאַר זע איך אױס אַזױ רונדיק.

איך האָב זיך אײנגעבױגן און מיט די אײגענע הענט איבערגעצײלט אַכצן קלײדער פון פאַרביקן װאָל פון אַכצן פאַרשידענע מוסטערן.

זי האָט מיר געדולדיק נאָכגעפאָלגט און טריאומפירנדיק נאָכן צײלן צוגעגעבן :

— בײ אײך, אין אַמעריקע, שרײבט מען, אַז מיר האָבן נישט װאָס אָנצוטאָן, נו, זעט, און פאַרגעסט נישט, אַז דאָס איז נישט מײן אײנציקער קאָסטיום, הײנט קױפן מיר זיך אַלץ, װאָס מיר דאַרפן. גײט אין אונדזערע קראָמען און איר װעט זען, װי פּױערטעס קױפן זיך אײן סחורות אױף קלײ־דער, אױף קאָסטיומען פאַר די מענער און פאַר די קינדער, אַנדערע צײטן הײנט — דערצײלט זײ אין אַמעריקע.

אַ מיטליאָריקע פּױערטע מיט אַ פול פּנים האָט זיך אַריבערגעבױגן איבער אירע שכנטעס און זיך נאָכגעפרעגט אױף די אַמעריקאַנער פאַר־מער, אױף די נעגער, אױף פאָל ראָבסאָנען, װעלכן זי האָט געהערט דורך ראַדיאָ אין קולטור־קלוב פון איר דאָרף.

—פאַרװאָס קענען מיר ניט לעבן בשלום מיטן אַמעריקאַנער פאָלק, װי מיט די פעלקער פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער ? — האָט זי מיך געפרעגט און נישט װאַרטנדיק אױף קײן ענטפער, פאָרגעזעצט :

— אָט בין איך די לעצטע וואָך געווען אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד, אַ גאַנצע גרופּע פּויערים זיינען איינגעלאַדן געוואָרן צו באַזוכן די דאָרטיקע קאָלווירטן, און ווי פריינטלעך זיי האָבן אונדז אויפגענומען און נאָך געגעבן מתנות פאַרן אָפּפאָרן, אָט זעט, וואָס איך האָב געקראָגן אין מאָסקווע — האָט זי דערביי אָנגעוויזן אויף אַ פּרעכטיק זייגערל אויף איר האַנט.

— אַמאָל האָט מען אונדז געלערנט האַסן אונדזערע שכנים, מען האָט אונדז דערציילט פיל ליגנס און כסדר פאַרסמט די הערצער קעגן זיי, אָבער היינט איז נישטאָ קיין שום סיבות דערויף, אונדזער רעגירונג וויל נישט פירן קיין מלחמות מיט קיינעם. מיר ווילן אַרבעטן, בויען, זייען, טאַנצן און זינגען, פאַרוואָס־זשע וויל אייער רעגירונג מלחמה מיט אונדז ? פאַר־וואָס סטראַשען זיי כסדר מיט דער אַטאָמישער באָמבע ? פאַרוואָס קענען מיר ניט לעבן אין שלום ? — האָט זי מיך ווידעראַמאָל איבערגעפרעגט אַ פאַרזאָרגטע, מיט פאָרוואורף אין איר שטים.

איך האָב איר נישט באַוויזן צו ענטפערן. אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך דערהערט אין זאַל. דאָס האָט דער עולם באַגריסט דעם דיריגענט. דער אָרקעסטער האָט אָנגעהויבן מיט דער אוווערטיורע צו דער אָפּערע.

מענער פון אָפּטימיזם, גלויבן, גבורה האָבן אָנגעפילט דעם זאַל און אין געוויסע מאָמענטן דערמאָנט אין בעטהאָווענס סימפאָניעס.

דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן. די פּרעכטיקע דעקאָראַציעס, קאָסטיומען און די הונדערטער טענצער האָבן פאַרגעשטעלט פאַרשידענע סצענעס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. איין סצענע שטאַרקער פון דער צווייטער. מען ווערט מיטגעריסן, מען וויל זיך פאַראייניקן מיט די קעמפער, מען אידענטיפיצירט זיך מיט זיי, ווי מיט אייגענע ברידער. ס'איז נישט קיין באַלעט פון געקינצלטע באַוועגונגען. ס'איז קאַמף ! ס'איז פאַרמעסט אויף טויט און אויף לעבן, און פאַר יעדן איינעם אין זאַל זיינען דאָס נישט קיין אַבסטראַקטע געשטאַלטן, מען קען זיי, מען האָט זיך מיט די זעלבע שונאים געטראָפן אין שלאַכטן. מען זעט די אַריסטאָקראַטן אין אַלע דריידלעך פון זייערע גאַוועדיקע טענץ אויף זייערע בעלער, ביז זיי לויפן ווי צעשראָקענע מייז אונטער די פעסטע טענער פון דער מאַרסעליעזע.

מען זעט דאָס פאָלק ערב דער רעוואָלוציע, ווען עס שטורעמט דעם פּאַלאַץ. מען זעט די „הימל־שטורמער“, ווי קאַרל מאַרקס האָט זיי גערופן, די באַריקאַדן, די טויערן, דעם רויטן ברענענדיקן הימל פון פּאַריז, אַן אויפגעברויזטע מחנה מיט ביקסן, מיט שווערדן, איינגעקלאַמערט איינער

אין צװײטן, פֿאַראײניקט מיטן זעלבן געדאַנק, טאַנצן אױס מיט גבֿורה־דיקער דינאַמיק דעם װילן און כּוח פֿון פֿאָלק.

די אָפּערע האָט זיך פֿאַרענדיקט מיטן זיג פֿון פֿאָלק. מחנות אַרבעטער האָבן אַרױסגעטראָגן אַ טענצערין מיט אַן אָליװן־צװײגל אין האַנט אַלס סימבאָל פֿון זיג.

דער פֿאָרהאַנג איז געפֿאַלן און דער עולם האָט איבערגענומען און פֿאָרגעזעצט מיט געזאַנג דעם װײטערדיקן אַקט.

מען האָט זיך נישט געאײלט צו פֿאַרלאָזן די אָפּערע. דאָס פֿאָלק האָט ליב די קינסטלער, װעלכע זײנען אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט אים.

מיר האָבן פֿאַרלאָזט די אָפּערע, אַרומגערינגלט מיט צענדליקער נײַע פֿרײַנט.

אין דרױסן איז געװען פֿראָסטיק. די קראָמען זײנען שױן געװען צוגע־שלאָסן, אָבער די שױ־פֿענצטער, זײנען נאָך געװען העל באַלױכטן. אינדי־קעס, גענדז, װורשטן, געטריקנטע פֿלײשן, פֿישן, קעזן, פֿאַרשידענע גע־בעקסן, טאָרטן, שאָקאָלאַדן, גרינסן און אַלערלײ קאָנסערװן האָבן אַרױס־געשײנט פֿון די אַנטקעגנדיקע פֿענצטער. בוך־געשעפֿטן מיט טױזנטער נײַע ביכער װעגן ליטעראַטור, געשיכטע, װיסנשאַפֿט, מאַרקסיזם האָבן אונטער־געשטראָכן דעם קולטור־אױפֿבלי אין לאַנד.

אױפֿן ראָג, אַנטקעגן דער אָפּערע, זײנען געשטאַנען פֿױערטעס אין רעדלעך, געװאַרט אױף די אױטאָבוסן און גערעדט צװישן זיך. מיטאַמאָל האָט אײנע פֿון זײ אינדערשטיל פֿאַרצױגן אַ ניגון, אַ צװײטע האָט אים אונטערגעכאַפּט און באַלד האָט עס זיך פֿאַרשפּרײט פֿון מױל צו מױל, פֿון רעדל צו רעדל און אַלע האָבן זיך צעזונגען אױפֿן קול.

סאָװיעטישע און אונגאַרישע פֿאָלקס־לידער האָבן זיך צעהילכט און אין אַ מינוט אַרום האָבן זיך די רעדלעך פֿאַראײניקט אין אײן גרױסן ראָד, אַרײנשלעפּנדיק די אָנװעזנדיקע אַרבעטער און געטאַנצט. פּשוט, נאַ־טירלעך און ספּאָנטאַן איז עס אַלץ פֿאָרגעקומען. ס'האָט אױסגעזען װי אַ פֿאָרזעצונג פֿון דעם נאָרװאָס פֿאַרענדיקטן באַלעט אין דער אָפּערע, אַ נײַער אַקט, װאָס האָט אָפּגעשפּיגלט דעם הײנט.

װי שטאַרק זײ זײנען, — האָב איך געטראַכט בײַ זיך, זעענדיק זײער זיכערקײט און זײער לעבנסלוסטיקײט.

אַ פֿאָלק, װאָס האָט סאָציאַליסטישן באַװוסטזײן, איז פֿיל שטאַרקער פֿון דעם אַטאָם, װײל אים קען שױן קײנער ניט שפּאַלטן.

אין נייעם שפיטאָל

מיר האָבן באַזוכט אַ צאָל שפיטעלער אין בודאַפּעשט. אונדז האָט באַזונדערס צוגערשט איבעראַשט זייער אויסזען און זייערע מאָדערנע איינריכטונגען.

ווייסנדיק וויפל חורבן און צעשטערונג ס׳איז אין די לענדער געבליבן פון דעם לעצטן קריג, איז מיר אין אָנפאַנג שווער געווען צו באַגרייפן, פון וואַנען און ווי אַזוי האָבן זיי באַוויזן אין אַזאַ קורצער צייט אויסצובויען אַזעלכע ריזיקע סאַנאַטאָריעס, דיספּאַנסערן, קינדער־ און מוטער־אינסטיטוציעס. איך האָב געשטעלט די פראַגע דעם דר. בענעדיקט, דעם הויפּט־שעף פון איינעם פון די גרעסטע בודאַפּעשטער שפּיטאָלן, און ער האָט מיר מיט אַ שטילער איראָניע דערקלערט: — איר האָט ווייזט אויס פאַרגעסן, אַז צום ערשטן קומט ביי אונדז דער מענטש, און פריער פון אַלץ דער אַרבעטער־מענטש.

ער האָט אונדז אַרומגעפירט איבער אייניקע שפּיטאָלן, אָנגעוויזן אויף די נייע, מאָדערנסטע לאַבאָראַטאָריעס, רענטגען־ און דיאַטערמיע־צימערן, כירורגישע איינריכטונגען, אַספּיראַטאָרן, ליכטיקע, זויבערע קראַנקן־פּאַלאַטעס, אויסגעצירטע מיט בילדער און פאַרשידענע וואַזאָנעס אויף די פענצטער. ער האָט אונדז אפילו אַרומגעפירט איבער די קיכן, אָנגעוויזן די נייעסטע אַפּאַראַטן און די אויטאָמאַטישע וואַש־מאַשינען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט אונדז אויף אַ פּאָר מינוט אין איינעם פון די עס־צימערן, וווּ די אַרבעטער צוזאַמען מיט די דאָקטוירים האָבן פּונקט אין יענער צייט ביי ווייס־געדעקטע טישן געמיטאָגט.

דער דאָקטער אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס לעבט ווירקלעך גאָר אַן אַנדער לעבן ווי אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. ער איז ניט מער קיין סוחר, וואָס האַנדלט מיט מענטשלעכע ליידן. ער איז ניט מער פאַרהאָרעוועט, באַלאָדן מיט דאגות חיונה. דער דאָקטער אין די פאָלקס־דעמאָקראַטיעס אַרבעט געוויינלעך זעקס שעה אַ טאָג, ער איז פאַרזיכערט מיט זיין פולן איינקונפט, מיט אַ דירה, מיט אַן אויטאָמאָביל און מיט אַלץ, וואָס ער דאַרף האָבן צו פאַרבעסערן זיין ווייטערדיקע קענטשאַפט און דערפאַרונג. נאָך דער אַרבעט איז ער אַ פרייער מענטש. ער קען זיך אָפּגעבן מיט וויסנשאַפ־

טלעכער פאָרשונג, פאַר וועלכער ער ווערט באַלוינט מיט פרעמיעס און מיט כבוד. ער קען נעמען אַן אָנטייל אין פאַרשידענע אַקאַדעמיעס, זיך אָפּגעבן מיט קולטור אָדער מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

אַלע אַרבעטער=קוואַרטאַלן אין די שטעט פון די פאָלקס=דעמאָקראַטיעס האָבן זייערע אייגענע לאָקאַלע מעדיצינישע צענטערס. מיר האָבן באַזוכט אייניקע פון זיי און דערזען, אַז זיי זיינען גאָרניט אַזוי קליין. דאָס זיינען גרויסע געביידעס מיט מאָדערנע איינריכטונגען, פאַרשידענע אָפּטיילונגען, צימערן, ווו די אַרבעטער קומען פאַר פאַרשידענע אונטערזוכונגען. פאַר די, וואָס דאַרפן בלייבן עטלעכע טעג, זיינען פאַראַן ליכטיקע, וואַרעמע און ציכטיקע צימערן מיט ביבליאָטעקן, לייען=זאַלן און אפילו קינאָס.

אַ דאָקטער האָט אונדז מיט שטאָלץ אַרומגעפירט און אָנגעוויזן אויף די נייע לאַבאָראַטאָריעס, אויף פאַרשידענע מאַשינען, פון וועלכע פיל האָבן געטראָגן דעם שטעמפּל פון לעניגראַדער פאַבריקן.

—אָבער איצט מאַכן מיר שוין אייגענע מאַשינען — האָט ער מיט צופרידנקייט באַמערקט.

אַרבעטער קומען אַהער ווי צו זיך אַהיים. זיי פילן, אַז ס׳איז זייער דיספּאַנסער, זייער דאָקטער און זייערע קראַנקן=שוועסטער. די באַציאונג צווישן די פּאַציענטן און דאָקטוירים איז אַ פריינטלעכע, אַן אינטימע.

מיר זיינען פּונקט געשטאַנען אין אויפנעם=צימער, ווען ס׳האָבן זיך אַריינגעשאָטן עטלעכע צענדליק לאַכנדיקע, שטיפערישע, זיך וויצלענדיקע פויערטעס. די קראַנקן=שוועסטער האָט אונדז דערקלערט, אַז דאָס זיינען זיי געקומען אַהער פון דערבייאיקן דאָרף זיך אונטערזוכן. ווייל עס גייט איצט אָן אַן אַנטי=ראַק=קאָמפּאַניע און אַלע פרויען איבער פערציק מוזן קומען איין מאָל אַ יאָר זיך אונטערזוכן, כדי צו פאַרהיטן זיך פון דער קראַנקייט.

אַ פויערטע אין אַ פאַרביקן קלייד און אַ טונקל=בלויער, וואָלענער פאַטשיילע דערציילט מיר אין אַ גוטמוטיקן טאָן, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן, ווען זי ווערט אונטערזוכט פון אַ דאָקטער:

—ביי אונדז אין דאָרף איז אפילו קיינמאָל קיין דאָקטער ניט געווען. ווען מען איז שטאַרק איינגעפאַלן און אַלע באַבסקע רפואות האָבן ניט געהאָלפן, האָט מען ניט געשיקט נאָך קיין דאָקטער נאָר נאָך אַ גלח.

איך האָב געקוקט אויף די פויערטעס, דאָקטוירים, קראַנקן=שוועסטער און געטראַכט פון די אַמעריקאַנער שטאָטישע שפּיטאָלן און דיספּאַנסערן, פון די לאַנגע, פינצטערע, שמוציקע קאָרידאָרן מיט הונדערטער אויס=

געמאַטערטע און ליידנדע פּאַציענטן, וואָס וואָלטן געדאַרפט זיין אייזן־געזונט אויסצוהאַלטן די אַלע מאַטערנישן, לאַנגע וואַרטענישן, ביז זיי קומען ענדלעך אָן צו אַ דאָקטער, וועלכער פּטרט זיי באַלד אָפּ מיט אַ פּאַרטיקן רעצעפּט און אַ פּאָר ווערטער.

וויפל טויזנטער מענטשן גייען עס אַרום אין אַמעריקע חדשים־לאַנג מיט זייערע קראַנקייטן, ווייל ס'איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר זיי אין די שפּיטאָלן. מיליאָנען ליידן פון נערוון־קראַנקייטן — אַ חולאת, וואָס איז שטאַרק פאַרשפּרייט אין אַמעריקע. ניט אומזיסט וואַקסן אויס ווי שוואמען נאָך אַ רעגן אומעטום איבער די גאַסן פון אַמעריקאַנער שטעט די פּסיכיאַטער־שילדלעך.

איך בין געווען נייגעריק צו וויסן, ווי גרויס ס'איז די צאָל נערוון־ליידנדיקע אין אונגאַרן, ווו לויט דעם, וואָס די באַפעלקערונג האָט דורכגעמאַכט אין לעצטן קריג, וואָלט דער פּראָצענט באַדאַרפט זיין אַ פיל גרעסערער ווי אין אַמעריקע. גרויס איז געווען מיין איבעראַשונג, ווען איינער פון די דאָקטוירים האָט מיר דערקלערט, אַז אין זיין שפּיטאָל, ווו עס אַרבעטן 120 פאַרשידענע דאָקטוירים, זיינען בלויז צוויי באַשעפטיקט מיט נערוון־קראַנקע, אין אַ צווייטן שפּיטאָל איז בלויז געווען איין דאָקטער פון פופציק, וועלכער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פּסיכיאַטריע.

איך דערמאָן זיך אין דער מיטליאָריקער אַרבעטערין פון דעם האָטעל אויף דעם מאַרגאַרעטן־אינדזל אין בודאַפּעשט. זי האָט פאַרלוירן אין לעצטן קריג איר מאַן, פיר קינדער, שוועסטער און ברידער און געבליבן איינע אַליין. פונדעסטוועגן האָט זי ניט אַרויסגעוויזן קיין דעפּרעסיע, קיין נערוון־דערשיטערונג. זי האָט אפילו אויסגעזען גאַנץ לעבנס־לוסטיק. איך האָב זי אַמאָל געפרעגט, ווי אַזוי איז עס איר געלונגען צו באַהאַלטן פון איר פּנים די גרויליקע שפּורן פון איר טראַגעדיע און זי האָט מיר געענטפערט:

— ביי אונדז אין לאַנד איז שווער צו טרויערן, ווייל מען איז קיינמאָל ניט איינזאַם. ניט נאָר האָבן מיר אַ קאָלעקטיוו פון אונדזער פאַרמעגן און שאַפן נאָר אויך פון אונדזער ליידן. מיר זאָרגן איינער פאַרן צווייטן. אַרבעטער זיינען ווי איין גרויסע פאַמיליע. מיר זיינען אַלע פּאַרטנאָרן אין דעם גרויסן אויפבוי פון דעם נייעם לעבן, מיר האָבן קלובן, כאָרן, דראַמאַטישע סעקציעס, מיר גייען אין טעאַטערס, אָפּערעס, און פירן אַליין אויף פּיעסעס, קאָנצערטן און זיינען שטענדיק אין פאַרמעסט איבערצושטייגן דאָס, וואָס מיר האָבן נעכטן דערגרייכט.

מיט וואָס פאַר אַ מסירת־נפשדיקייט היט מען דאָרט אָפּ יעדעם לעבן.

מיר האָבן באַזוכט אַ ספּעציעלע אינסטיטוציע פאַר פּריצייטיק געבאָרענע קינדער. מיט וואָס פאַר אַ געטריישאַפט איז דער דאָקטער אַרומגעגאַנגען איבער די אינקובאַטאָרן מיט די קליינע צווייפונטיקע נפשלעך. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן גלאָז־צימערל, פאַרגעליענט די דיאַגראַמעס, דער־קלערט די מעטאָדן פון די באַהאַנדלונגען. מיט וואָס פאַר אַ פאַרזאָרגטקייט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי איין עופהלע מיט אַן אַנגערירטן שאַרבן, וואָס איז געשעדיקט געוואָרן ביים געבורט. ער האָט שטודירט די רענטגען־ביל־דער און געהאָפט, אַז ס'וועט אים געלינגען דאָס קינד צו ראַטעווען.

— הונדערטער קינדערלעך גייען אַרויס פון אונדזער אינסטיטוציע געזונט און שטאַרק צו זייערע מוטערס. אַמאָל זיינען זיי אַלע אומגעקו־מען און היינט ראַטעווען מיר כמעט אַלע פון זיי — האָט אונדז דער דאָק־טער מיט אַ צעשטראַלט געזיכט איבערגעגעבן.

מיטאַמאָל האָט זיך די טיר האַסטיק אָן עפן געטאָן. אַ יונגערמאַן מיט צוויי קראַנקן־שוועסטער האָבן אַריינגעבראַכט אַ קליין, וויס־איינגעוויקלט קוישל מיט אַ נייגעבאָרן צווײ און אַ פערטל פונטיק מענטשעלע.

דער דאָקטער מיט עטלעכע קראַנקן־שוועסטער האָבן זיך מאָמענטאַל אַהין אַ לאָז געטאָן, ווי דאָרט וואָלט זיך געפונען דאָס טייערסטע אויף דער וועלט.

— אַ מענטשלעך לעבן ליגט דאָ אין קליינעם קוישעלע — האָט ער אויסגערופן, אָנטועענדיק דעם וויסן פאַרטוך, דאָס ווייסע היטל אויפן קאָפּ, פאַרבינדנדיק עס איבער זיין מויל, פאָכענדיק צו אונדז מיט דער האַנט, מיר זאָלן זיך חלילה ניט דערנענטערן אין דער ריכטונג פון מענטשעלע, וואָס האָט זיך אַזוי געאײלט אַריינצוקומען אין אונדזער וועלט.

*

אַרבעט איז געוואָרן אַ כבוד און מיט ליבשאַפט פירט מען זי דורך אין די לענדער אויפן וועג צום סאָציאַליזם.

מיט וואָס פאַר אַ ליבע און פליים די אַרבעטער האָבן פאַרענדיקט איינעם פון די נייע בודאַפּעשטער פרויען־שפיטאָלן, וועלכע מיר האָבן באַזוכט.

אַ גרויסע צאָל פון די אַרבעטער זיינען געווען פרויען. זיי האָבן גע־שלעפּט דעם צעמענט, אויסגעלייגט די קאַכלעס, געוואַשן די ווענט, אַרויס־

געטראָגן שטיקלעך ציגל, אייזערנע רערן, טרובעס, פּרענטן, און אַריינגעטראָגן פאַרשידענע מאַשינען.

יעדע איינע פון זיי האָט פיבערדיק געאַרבעט, ווי ס'וואָלט געווען אַ פאַרמעסט.

— וואָס איז דאָ די יאָגעניש ? — האָב איך ביי אַ מיטליאָריקער פרוי אין אַ ווייס טיכעלע אויפן קאָפּ, וואָס האָט זיך דאָ געפּאָרעט ווי אויף אַ חתונה, אַ פרעג געטאָן.

— וואָס איר ווייסט ניט ? ס'איז דאָך סטאַלינס געבורטסטאָג און מיר ווילן פונקט דאַן עפענען דעם שפּיטאָל — האָט זי, ניט אָפּווענדנדיק אירע אויגן פון דער אַרבעט, געענטפערט.

— און איך האָב אַ ספּעציעלע סיבה, כדי זיך צו איילן — האָט זי סודותפול אַרויסגעמורמלט, צוגעבנדיק באַלד :

— מיין טאָכטער וועט דאָ אינגיכן געלעגן ווערן — דערביי האָט זי מיר אָנגעוויזן אויף די ווונדערלעכע צימערן מיט די טעלעפאָנען ביי די בעטן און מיט קליינע גלעזערנע קאַמערלעך אַנטקעגן פאַר די ניי-געבאָרענע, ווו די מוטער זאָל די גאַנצע צייט קענען זען איר עופעלע און פאַרשפּאָרן איבערטראַכטן און דענערווירן זיך.

— זעט נאָר דעם גאָרטן — האָט זי מיר גערופן צום פענצטער און מיר אָנגעוויזן אויף די ברייטע אַלייען מיט די פריש-פאַרפלאַנצטע ביימער און בלומען.

— זעט, נאָר, זעט נאָר דעם נחת, וואָס אונדזערע טעכטער וועלן האָבן דערלעבט ! ס'איז ניט אַמאָליקע צייטן, ווען מיר האָבן געהאַט קינדער מיט דער הילף פון אַן אַלטער בעזגראַמעטנער „באָבען".

זי האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר און שטילערהייט דערציילט, אַז זי האָט געבאָרן אַכט קינדער, פון וועלכע דריי זיינען געשטאָרבן ביים געבורט און צוויי, ווען זיי זיינען נאָך געווען פּיצעלעך. געבליבן זיינען איר בלויז דריי און פון די דריי האָט היטלער צוויי צוגענומען. איז איר גאַנץ פאַרמעגן בלויז די טאָכטער, וואָס גרייט זיך שוין אַ ליאַדע טאָג געלעגן צו ווערן.

— אַנדערע צייטן, הייגט לוינט זיך צו געבאָרן ווערן און צו לעבן — האָט זי, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, אַריינגערעדט אין דער פינקלענדיקער שויב.

ס'איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז דאָרט, ווו אַרבעטער זיינען אַליין די געניסער פון זייער מי, פעלט ניט קיין ענטוזיאַזם און קיין ליבע צו דער אַרבעט.

אין אַ טעקסטיל-פאַבריק

ס'איז געוועזן אַ בלויער פאַרחלומטער פרימאָרגן. אַלץ האָט אויסגעזען ווי אונטער דינעם, געשליפענעם גלאָז. דער רעגן האָט שוין לאַנג אויפגעהערט, נאָר די ביימער און פעלדער זיינען נאָך געוועזן באַדעקט מיט זילבערנע שנירלעך קרעלן.

די זון האָט זיך אויסגעפלאָנטערט פון צעלעכערטע פיש-נעצן, אַ שפריץ געטאָן מיט ליכטיקייט און ווידער פאַרשוווּנדן אין ווייסע, דיגע פעדעם-קנוילן.

אונדזער מאַשין האָט זיך געטראָגן פאַרביי די פלאַכע פרוכטבאַרע פעלדער פון אונגאַרן, פאַרבייפאָרנדיק לעבעדיקע שטעט און שטעטלעך, וואָס טראָגן נאָך דאָ און דאָרט דעם זכר פון לעצטן קריג.

הינטער דער שטאָט סעגעט האָט צוגעצויגן אונדזער אויפמערקזאַמקייט אַ נייע ווייסע געביידע, אַ פאָר בלאָק די גרויס, אַרומגערינגלט מיט אַ פרעכטיקן גאָרטן. — וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַלאַץ? — האָט עמעץ געפרעגט.

— ניין ס'איז ניט קיין פאַלאַץ, ס'איז די נייע טעקסטיל-פאַבריק, די פאַבריק פון מאָרגן. מיר האָבן פיל אַלטע פאַבריקן, כאָטש זיי ווערן אויסגערעמאָנטירט און אויסגעבעסערט, זיינען זיי אָבער ניט קיין פאַרגלייך צו אָט דער נייער פאַבריק. אָבער אין דער צוקונפט וועלן אַלע פאַבריקן אַזוי אויסזען — האָט מיט אַן ערנסטן טאָן דערקלערט אונדזער באַגלייטער.

די צוויי אינדישע סטודענטן און דער בעלגישער אַרבעטער, וואָס זיינען צוזאַמען מיט אונדז געפאָרן אָנקוקן אַ נייע אונגאַרישע לאַנדווירטשאַפט, האָבן דורכאויס באַשטאַנען, אַז מיר זאָלן זיך אָפשטעלן באַקוקן די פאַבריק.

מיר האָבן אַלע איינגעשטימט און דער שאָפער האָט אַרויסגעקירעוועט די מאַשין און זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג פון דער נייער ווייסער געביידע.

אַ לאַנגער גאָרטן מיט ביימער, בלומען-בייטן און בענק האָט אַרומגערינגלט די ריזיקע געביידע. פון איין זייט האָט זיך געפונען דאָס טעניספעלד.

— דאָרט וועט היינטיקן זומער פאַרטיק ווערן דער שווים-באַסיין, ווו

די אַרבעטער וועלן זיך מיטאָג־צייט קעגען באָדן — ווייזט אונדז אָן אונדזער פירער.

אַריינקומענדיק אין אַ ברייטן, הויכן און ליכטיקן קאָרידאָר, טרעפן זיך די אויגן באַלד אָן מיט דער ווייסער מאַרמאָרנער סטאַטוע פון אַ מוטער מיט אַן אָליוון־צווייג אין איר האַנט. זי שטייט אַרומגערינגלט מיט פּאַל־מעס, בלומען און פאַרשידענע פלאַנצן. די ווענט זיינען פאַרהאַנגען מיט פאַרשידענע בילדער, לאָזונגען און פּראָגראַמען פון אָפּערעס, טעאַטערס, פילמען, קאָנצערטן, מיטינגען, רעפּעטיציעס פון דעם כאָר, פון דער דראַ־מאַטישער סעקציע, טאַנץ־גרופּעס א. אַז. וו.

ווייסע מאַרמאָרנע שטיגן ציען זיך אַרויף צו די אויבערשטע שטאָקן. אַלערליי ליכטיקע קאָרידאָרן פירן צו פאַרשידענע זאַלן, קאַבינעטן, פאַר־ווייַלונג־ און פאַרזאַמלונג־ צימערן, צו דער שפּיטאָל־אָפּטיילונג, קינדער־היים, ביבליאָטעק און וואַש־קאַמערן.

דער דירעקטאָר, אַ יונגער בחור פון מיטעלן וווקס מיט אַ שאַרפן פאָרזיכטיקן בליק, איז אונדז אַרויסגעקומען באַגעגענען. לאַנגזאַם געגעבן יעדן איינעם די האַנט, פריינטלעך אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט געהאַט אַ פּער־זענלעכן אינטערעס אין יעדן איינעם פון אונדז. לענגער ווי אויף יעדן האָט זיך פאַרהאַלטן זיין בליק אויף די אַמעריקאַנער. זיין לינקע ברעם האָט אפילו לייכט אַ ציטער געטאַן. זיין פּילבאַר דין געזיכט איז אַ ביסל ערנסטער גע־וואָרן. ערשט ווען ער האָט זיך דערוווסט, אַז מיר זיינען שלום־קעמפער, האָט ער אַ שאָקל געטאַן מיטן קאָפּ און, שמייכלענדיק, אַ פרעג געטאַן, וואָס עס מאַכט פּאָל ראָבסאָן און האָוואַרד פאַסט, וועמענס ראָמאַן „פרידאַם ראוד“ ער האָט נאָרוואָס פאַרענדיקט לייענען. אין אַ וויל אַרום האָט ער זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער מוז זיך אומקערן צו זיין אַרבעט און פאָרגעשטעלט פאַר אונדז אַ יונגע טעכניקערין, וואָס זאָל אונדז אַרומפירן איבער די פאַרשידענע אָפּטיילונגען.

דאָס יונגע מיידל מיט די ברוינע צעפּ אַרום איר קאָפּ און ווייסן קאַפּטל מיטן געפּאַלבעוועטן, גראַנאַטענעם קליידל האָט אויסגעזען ווי אַ סטודענ־טין. זי איז האַסטיק געפלויגן איבער די שטיגן, איבערגעבנדיק קורצע שטריכן פון איר ביאָגראַפיע:

— ניט לאַנג צוריק געענדיקט די טעכנאָלאָגישע קורסן אין בודאַ־פּעשט. די רעגירונג האָט מיך געשיקט זיך לערנען. מיין פאָטער איז געווען אַן אָרעמער אַרבעטער, דערצו אַ גרויסע פאַמיליע — זעקס ברידער און

צוויי שוועסטער. וואָס האָבן מיר פריער געקענט ווערן אַחוץ פּאַסטוכער און דינסטן ?

מיר קומען אַריין אין איינער פון די פאַבריק־אָפּטיילונגען. דער זאַל זעט אויס ווי אַ לאַנג פעלד. אַ וואַלד מיט נייע מאַשינען שטייען אויסגע־שטעלט אין רייען. ווי טייכן מילך פליסט דער ווייסער וואָל אַרויס פון זייערע מיילער.

פרויען אין ציכטיקע פאַרטעכער און לייכטע הויז־שיכלעך שוועבן אַרום ביי די ווייסע אָנגעצויגענע פעדעם, וואָס זעען אויס ווי האַרפע־סטרו־נעס, און היטן, אַז דער ווייכער וואָלענער ניגון זאָל ניט איבערגעריסן ווערן.

אויף דעם דיל קען מען קיין פּיצעלע וואָל ניט געפינען. די לאָזונגען אויף די ווענט וואָרענען כסדר קעגן פאַרשווענדונג און נאַכלעסיקייט. די ווענט זיינען ווי צעעפנטע זייטן פון ביכער.

פון איין וואַנט קוקן אַראָפּ לאָזונגען, אַרומגעצירט מיט פאַרביקע אוזאָרן :

„זעלבסטקריטיק איז די לייזונג פון אַלע שוואַכקייטן“ ; „אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך“; „דער פרידן וועט באַזיגן דעם קריג“; „צוזאַמען זיינען מיר אומבאַזיגבאַר“; „פריינטשאַפט, ליבשאַפט און באַ־וווסטזיין איז דער כוח פון אונדזער דערפאָלג“; „אַלע מוזן זיך לערנען און גיין פאָרויס“.

אויף אַ צווייטער וואַנט הענגען אַ ריי אינטערעסאַנטע קאַריקאַטורן, וואָס לאַכן אָפּ פון ביוראָקראַטיע. דאָ און דאָרט הענגען פּאָרטרעטן פון שלאָגלער.

מיר קענען זיך ניט אָפּוווּנדערן פון דער פאַרהעלטנישמעסיקער שטיל־קייט, מיט וועלכער עס אַרבעטן די מאַשינען און פון דער ריינקייט פון דער לופט.

אונדזער טעכניקערין פירט אונדז צו צו איינער פון די מאַשינען און באַווייזט אונדז אַ רוסישן שטעמפּל פון אַ סאָוויעטישער פאַבריק :

— דאָס זיינען נייע מאַשינען, ניט לאַנג צוריק אָנגעקומען פון סאָ־וויעטן־פאַרבאַנד, זיי שפּילן ווי פידעלעך... זיי מאַכן ניט קיין טומל און פּראָדוצירן פיל מער ווי די אַלטע, אָבער ניט נאָר די מאַשינען, אַפילו די ערשטע וואָל אַנצופאַנגען די אַרבעט האָבן זיי אונדז געשיקט.

וואָס שייך דער ריינקייט פון דער לופט, איז עס אויך ניט קיין נס. אונדזער באַגלייטערין פירט אונדז אַריין אין איינעם פון די צימערן, וווּ עס געפינען זיך ספּעציעלע איינריכטונגען, וואָס רייניקן און קאָנטראָלירן די

לופֿט, אָנפֿילנדיק זומער אַלע צימערן פֿון דער פֿאַבריק מיט אַ פֿרישער און ציכטיקער קילקייט און ווינטער מיט אַ קלאָרער און מחיהדיקער וואַרעמקייט.

אין איינעם פֿון די צימערן, וואָס זעט אויס צוליב די פֿיל גרויסע פֿענצטער ווי אַ גלעזערנער זאַל, ליגן פּרויען אויף הויכע בערג מיט געוואַנט און רוען, אייניקע לייענען. — ס'איז אָפּרו=צייט — דערקלערט אונדז אונדזער באַגלייטערין און פֿירט אונדז אָנקוקן די קינדערלעך.

אין קינדער=היים איז שטיל. די קינדערלעך שלאָפֿן אין קליינע, ווייסע בעטלעך. אַ פּאָר קליינע נייגעריקע אויגעלעך האָבן פּאַרטאַיעט אַרויסגעקוקט אויף אונדז פֿון אונטער אַ קישעלע און זיך באַלד פֿאַרמאַכט. פֿון אַ ווינקל האָט אַ צווייט שטיפֿערל באַגלייט דעם סקריפּ פֿון דער האַלב=אָפֿענער טיר.

די פֿאַרוואַלטערין האָט אונדז אַריינגעפֿירט אין שפּילצימער און באַוויזן די שפּילצייג: באַנעלער, טראַקטאָרס, טאַטשקעס, מאָטאָרן, אויטאָס, קעסטלעך צו בויען הייזער, ליאַלקעס און אַלערליי אויסגעשטאָפּטע קעצעלעך, הינטעלעך, העלפֿאַנטן, הירשלעך, פֿאַרב=פֿודעלעך, און אָן אַ שיעור אַנדערע שפּילצאַצקעס. זי האָט דערביי באַמערקט: — ווי איר זעט זיינען דאָ ניטאָ קיין ביקסן, קיין טאַנקען, קיין קאַנאָנען און אַנדערע מלחמה=שפּילצייג. אונדזערע קינדער ווערן דערצויגן אין גייסט פֿון שלום, ליבשאַפֿט און פֿריינטשאַפֿט.

אין דעם פּרעכטיקן וואַשצימער מיט די פֿיל נומערירטע קאַמערלעך פֿאַר קליידער, וווּ אַרבעטער קענען ביים וואַשן זיך אויך הערן מוזיק, האָבן מיר געטראָפֿן אַ מיטליאָריקע פֿרוי מיט דריי מעדאַלן אויף איר ברוסט. דאָס גרינע וואָלענע טיכל איז אַראָפּגעהאַנגען איבער אירע אַקסלען. זי האָט אַרויסגענומען אַ פֿאַרטעך פֿון אַ קליין אויפֿגעבונדן פּעקל.

אויף אונדזער פֿראַגע ווי אַזוי עס געפֿעלט איר דאָס נייע לעבן, האָט זיך איר פּנים באַצויגן מיט אַ טיפֿער פֿאַרלאָרנקייט, איר קול האָט אויסגעדריקט אַ שטילן ווייטיק:

— איך בין איין און פֿופֿציק יאָר אַלט, אַ שאַד, עס וואָלט זיך היינט וועלן אויפֿסניי געבאָרן ווערן און קענען אַ סך יאָרן געניסן פֿון אָט דעם לעבן. — עס וואָלט זיך וועלן געבן מיין לאַנד די אַמאָליקע כוחות, וואָס איך האָב געלאָזן אין דער אַלטער פֿאַבריק ביים אַמאָליקן באַלעבאָס. ער האָט עס גאָרניט אָפּגעשאַצט, געוווסט נאָר איינס, אַרויסזאָגן די נשמה און צאָלן

וואָס ווייניקער. און היינט, אַז מען אַרבעט, גייען די פּראָפיטן פאַר אונדז און פאַר אונדזערע קינדער.

זי האָט אונדז דערציילט פון דרייסיק יאָר שקלאַפעריי אין אַ טעקסטיל־פאַבריק, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו אַן ענגלישע פירמע:

— קוקט מיך אָן, אָט קער איך זיך נאָרוואָס אום פון מיין וואַקאַציע אין דעם ווונדערלעכן אָפּרו־פּלאַץ גאַליאַטעטי. אַמאָל פלעגן אַהין פאָרן די באַלעבאַטים. — ביי די רייד האָבן אירע ליפּן אַ ציטער געטאָן און צוויי טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט אויף אירע באַקן. ס'איז געווען שווער צו באַשליסן, צי זי וויינט צוליב דעם אַמאָליקן פיין אָדער צוליבן היינטיקן נחת.

— דרייסיק יאָר האָב איך געאַרבעט און קיינמאָל ניט געוווסט פון קיין אָפּרו, שטענדיק מורא געהאַט צו פאַרלירן די אַרבעט, און היינט גיט מען מיר אורלויב און מעדאַלן. — דערביי האָט זי אונדז אָנגעוויזן יעדן מעדאַל און דערקלערט די געלעגנהייט און די סיבות, צוליב וועלכע זי האָט זיי באַקומען.

אויף די שטיגן איז אונדז פאַרבייגעפלויגן אַ יונג מיידל מיט אַ קאָפּ געדיכטע קאַשטאַן־קאָלירטע האָר, וואָס האָבן אונטערגעטאַנצט אויף אירע שמאָלע אַקסלען. זי האָט זיך געאיילט צום ראַדיאָ מיט אַ פּעקל פּאַפּירלעך אין האַנט. — מיר האָבן פיל אַריבערגעשטיגן אונדזער פּלאַן — האָט זי אויסגעשריגן, פאַרביילויפנדיק, צו אונדזער טעכניקערין.

פאַרלאָזנדיק די פאַבריק, וווּ אַרבעט איז מער ניט קיין אָפּקומעניש, קיין שטייער פאַר דער עקזיסטענץ, נאָר אַ פרייד און אַ כבוד, זיינען מיר אַרויפגעשווומען בילדער פון אַמעריקאַנער „שאָפּן".

איך האָב זיך דערמאַנט אין דעם לאַנגן, פינצטערן, שטיקעדיקן גיהנום אויף דער זעקס און דרייסיקסטער גאַס פון ניו־יאָרק, ווו איך האָב צווישן די גליענדיקע אייוונס און געדיכטער, בראַנדיקער פאַרע צעשמאָלצן אַזויפיל יאָרן.

פאַר מיינע אויגן זיינען אַרויפגעשווומען די האַלב נאַקעטע „בלאָקער" מיט די נאַסע הענט ווי צעשמאָלצענע ליכט, די געבויגענע „אָפּרייטערס" מיט די רויטע פאַרגאָסענע אויגן, ביי די קליינע לעמפּעלעך, אַרומגעוויקלטע מיט די פאַרשוויצטע פאַסן שטרוי, וואָס האָבן אויסגעזעזן, ווי זיי וואָלטן אַריינגעפאַלן אין אַ שלאַנגען־נעסט און זיך געראַנגלט מיטן טויט.

איך האָב געטראַכט פון יענעם גידעריקן מאַן, מיט דעם גלאַנציקן רונדן פּנים און קליינע אייגעלעך, וואָס האָבן פון יעדן ווינקל געזען דורך די דיקע וואָלקנס שטויב און פאַרע די באַוועגונגען פון אַלע אַרבעטער.

איך האָב געטראַכט פון די ברענענדיקע יולי־ און אויגוסט־טעג, ווען דער איינציקער טרוים פון יעדן איינעם פון אונדז איז געווען עטלעכע מאָל דורכן טאָג, אומבאַמערקט פון מר. בראַנד, זיך אַריינכאַפּן אין דעם קליינעם פינצטערן קאַסטן, וואָס האָט זיך גערופן וואַשצימער, און דאָרט ביים פאַר־זשאַווערטן קראַן זיך אָפּפּרישן מיט אַ ביסל קאַלטן וואַסער, אויסגלייכן די ביינער און אַריינציען אַ פּאָר זופּן לופט.

איך האָב געטראַכט פון די נאָך גרויזאַמערע טעג, ווען דער שאַפּ איז געוואָרן אַ בית־עולם און די אַרבעטער זיינען געשטאַנען ווי מצבות ביי די טויטע מאַשינען און אומגעדולדיק געוואַרט טעג, וואָכן און חדשים, ווידער אַ שליידער צו טאָן אויף די פאַרזשאַווערטע טישן דעם הונגעריקן צאַפּל פון דער גוצלאָזער, אַנגעזאַמלטער ענערגיע.

איך האָב געטראַכט פון די שאָפּן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווו דער אַרבעטער איז מקנא זיין מאַשין.

דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַטיוו „דאַזשאַ“

אַ בלויער פרימאָרגן ליגט אויף די הויכע קאַשטאַן־ביימער און די ווייסע בערעזעס, וואָס ציען זיך אין לאַנגע שורות אויף ביידע זייטן פון גלאַטן, ברוקירטן שאָסיי. די זון טרינקט זיך ערגעץ אין ווייטע בערג־כוואַ־ליעס און שיקט ליכט־סיגנאַלן דער וועלט.

אונדזער מאַשין גליטשט זיך איבער דעם לאַנגן, ווייסן וועג, פאַרביי־פאָרנדיק צענדליקער דערפער און שטעט.

אומעטום שפּרודלט מיט לעבן, פּויערים אין הויכע פוטערנע היטלען, פויערטעס אין פאַרביקע קליידער און קאָלירטע פאַטשיילעס אויף די קעפּ פאָרן פאַרביי אויף ראָווערן, אויף מאָטאָציקלען, אויף וועגענער, פאָכנדיק מיט די הענט און פריידיק באַגריסנדיק די פאַרבייגייער.

ווי צעוואָרפענע קרעלן ליגן די קאָלירטע דאָרפישע שטיבלעך, צווישן בערג, צווישן וועלדער, ביי טייכן. לאַנדשאַפטן וויקלען זיך פאַר אונדזערע אויגן ווי לענטעס פון אַ פילם.

אין יעדן דאָרף, ווו מיר קומען אַריין, באַגעגענען אונדז ריזיקע אַפישן מיט גרויסע רויטע אותיות: „זאָל לעבן דער שלום אויף דער וועלט“. רויטע פאָנען פלאַטערן אויף די קולטור־הייזער.

פרײַלעכע פֿאָלקס־לידער דערגײיען צו יעדן פֿאַרבאָרגענעם ווינקל און וועקן די אײַנוווינער דורך די קלײנע דאָרפֿישע פֿענצטערלעך.

דאָ און דאָרט פֿאָרן אויטאָס מיט זינגענדיקע אַרבעטער, וואָס קומען פֿון שטאָט אַרויסהעלפֿן די פּויערים פֿאַרריכטן זײערע מאַשינען, בויען נײַע הײַזער, שולן, און העלפֿן פֿאַרוואַנדלען די אָפּגעשטאַנענע דערפֿער אין נײַע מעכאַניזירטע קאָלעקטיוון.

צוזאַמען מיט דער פֿרײד באַגעגנט אונדז אויפֿן וועג דער שטומער טרויער פֿון סאָוועטישע בית־עלמינס, ווו עס ליגן טויזנטער געפֿאַלענע רויטאַרמײער, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זײערע לעבנס פֿאַר באַפֿרײַען דאָס לאַנד פֿון פֿאַשיזם.

אָט שטעלן מיר זיך אָפּ בײַ אײנעם פֿון זײ, אין דעם שטעטל סע־קעשפֿעהערווּר, און לײענען די הונדערטער נעמען פֿון פֿאַרשידענע סאָוועטישע העלדן.

— דאָ זײַנען פֿאָרגעקומען שווערע קאַמפֿן — דערצײלט אונדז אונדזער וועג־ווײַזער, אַ יונגער אונגאַרישער בחור, וואָס איז אַנט־לאָפֿן פֿון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער און אַזוי אַרום זיך געראַטעוועט פֿון די נאַציס.

פֿיר מאָל האָבן די נאַציס פֿאַרכאַפּט די שטאָט און פֿיר מאָל האָט די סאָוועטישע אַרמײ זי באַפֿרײַט.

אַ באַרג רואינעס איז געבליבן פֿון דער שטאָט, אָבער הײַנט איז שוין קײן סימן פֿון דעם אַלעם נישטאָ. די שטאָט איז צוריק אויפֿגעבויט און אָטעמט אויפֿסנײַ מיט לעבן.

מיר פֿאָרן פֿאַרבײַ דאָס שטעטל קעטשקעמייט, וואָס ליגט אַרומגע־רינגלט מיט דערפֿער, וואָס זײַנען אַנטשטאַנען מיט הונדערטער יאָרן צוריק, אין די צײַטן פֿון די שלאַכטן מיט די טערקן. די באַפֿעלקערונג האָט פֿאַר־לאָזט די הײמען און זיך באַזעצט הינטער דער שטאָט, צווישן וועלדער, כּדי ניט אויסגעשאָכטן צו ווערן פֿון די אָנפֿאַלער.

אָט זײַנען מיר שוין אין דער פּרעכטיקער שטאָט סעגעט, וואָס פֿאַר־מאָגט 120.000 אײַנוווינער. די אָרטיקע קראָמען זײַנען געפּאַקט מיט אַלערלײ סחורות, פּויערים גײען איבער די גאַסן מיט אײַנגעקויפֿטע פּעק אין די הענט.

מיר פֿאָרן אַריבער דעם טיסע־טײַך אויף אַ לאַנגער, שמאָלער בריק און קומען אין עטלעכע מינוט אַרום אָן צום פּראָדוקציר־קאָאָפּעראַטיוו „דאָזשאַ" — דאָס איז דער נאָמען פֿון אַ העלדישן פּויער, וואָס האָט זיך

באַטייליקט אין דעם קאָשוט־אויפשטאַנד אין יאָר 1848 און וועמען די רעאַקציאָנערן האָבן לעבעדיקערהייט פאַרברענט.

אַ מיטליאָריקער פויער אין אַ פּאַפּאַכע און אַ קורץ פּעלצל עפנט דעם טויער און מיר פאָרן אַריין אין אַ לאַנגן הויף. אונטער אַ דעכל, ווו עס געפינט זיך אַ סטויג היי, שטייט אַ יונגער פויער מיט אַן עמער היים וואַסער און וואַשט די פיס פון אַ פערד. אַ יונגע פויערטע מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און אַ טיכל, וואָס איז פאַררוקט איבער די אויערן, לויפט פאַרביי מיט אַן אויסגעשריי: — „שוין דאָ“.

דאָס מיינט זי דאָס נייע קעבל, וואָס איז נאָרוואָס געבוירן געוואָרן.

צוויי פויערטעס מיט גרויסע ווידלעס אין די הענט לאַדעווען אַ וואָגן מיסט, באַטראַכטנדיק דערביי אונדזער מאַשין, וואָס שטעלט זיך אָפּ ביי אַ לאַנגער ווייסער געביידע.

יונגע און עלטערע פויערים מיט קעסלען און באַרשטן אין די הענט לויפן אַרום פון די שטאַלן און רינגלען אונדז אַרום.

אַ הויכער, ברייטפּלייציקער פויער מיט שאַרפע, דורכדרינגלעכע אויגן און לאַנגע, שוואַרצע וואָנצעס באַגריסט אונדז פריינטלעך. ער איז דער פאָרזיצער פון קאָאָפּעראַטיוו. זיין נאָמען איז נאַדזשי פּאַל, דערקלערט ער אונדז מיט אַ וואַרעמער שטים, און פירט אונדז אַריין אין הויז, וואָס פאַרמאָגט עטלעכע צימערן.

אין ערשטן צימער זיצן פויערים אויף לאַנגע בענק און עסן, אַרומגעמענדיק שפּייז פון אויפגעעפנטע פּאַפּירענע בייטלען, אין צווייטן צימער, אַ גרעסערער ווי דער ערשטער און פיל ליכטיקערער, קומט פאָר אַ מיטינג. אַרום אַ לאַנגן טיש זיצן עטלעכע צענדליק פויערטעס און פויערים. אַ יונגע מיידל איז די פאָרזיצערין.

אין ביידע צימערן ווערט שטיל. עס הערט זיך בלויז דער שאָרך פון די פּאַפּירענע פּעקלעך, וואָס פאַרמאַכן זיך באַלד. פון אַלע זייטן ווענדן זיך צו אונדז פאָרשנדיקע אויגן. אַלע פויערים פון קאָרידאָר און פון די אַרומיקע צימערן שטראָמען אַריין אין דעם לאַנגן זאַל. די וואַנט־צייטונגען ווערן פאַרשטעלט פון הויכע ברייטע פּלייצעס. די רויטע פאָן, וואָס הענגט איבער איינעם פון די שלום־לאָזונגען, פלאַטערט לעבן אַ הויך פּוטערן היטל פון אַ פויער און שפּאַרט זיך אָן אויף די אַקסלען פון אַ יונג בחורל, וועלכער איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ באַנק און קוקט אַריבער צו אונדז.

דער פאָרזיצער שטעלט אונדז פאָר.

דאָס שוויגן האַלט אָן עטלעכע רגעס און ווערט ערשט איבערגעריסן

און פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אָוואַציע, ווען מיר הויבן אויף אונדזערע הענט און רופן אויס „סאַבאַטשאַק“ (פאַר פרייהייט). אַלע ענטפערן מיט א „סאַבאַטשאַק“.

די פויערים דערנענטערן זיך צו אונדז. מען קלאַפּט אין פּלייצעס, זיי גלעטן די שלום־זשעטאָנען אויף אונדזערע לאַצן, מען רעדט זיך צונויף מיט אַ שפּראַך פון פינגער, פון אויגן. „בעיקע“ (שלום), דאָס איז דער שליסל צו זייערע הערצער. ווער עס איז פאַר שלום, איז זייער פריינט.

מיר זעען פאַר זיך גאָר אַנדערע פויערים ווי פאַר דער מלחמה. ניטאָ מער אויף זייערע פּנימער די פאַרלוירנקייט, די צעשראָקנקייט.

אַנטקעגן אונדז זיצט אַ יונג מיידל איבער אַ באַרג מיט פּאַפּירן. פון אונטער אַ געבלימלט טיכל קוקט אַרויס אַ רונד, צאַרט געזיכט מיט גרויסע, בלויע אויגן. איר געזיכט בייט יעדע רגע דעם אויסדרוק, אָט קוקט זי אויס ווי אַ קינד און אָט ווי אַ רייפע, דערפאַרענע פרוי. מיט קלוגע, דורכדרינג־לעכע בליקן וואַנדערט זי איבערן זאַל און קערט זיך צוריק אום אויף אירע פּאַפּירן.

אירע באַוועגונגען זיינען רואיקע, געלאַסענע און ווירדיקע.

— זי איז נאָרוואָס געקומען צוריק פון בודאַפּעשט, וו זי האָט גע־ענדיקט אַ בוכהאַלטונג־קורס און וועט דאָ פירן די ביכער — דערקלערט אונדז דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר — אַ יונגער בחור מיט אַ סטודענטישן אויסזען. אויך דער פּאָרזיצער האָט זיך צוריקגעקערט פון שטאָט, ער האָט געענדיקט אַן אַגראַר־שול און וועט קענען לערנען אַנדערע. — און זיי זיינען נישט די איינציקע — כאַפּט ער אונטער — אַ סך פויערים לערנען זיך. טייל פון זיי פאָרן אין שטאָט אַריין שטודירן. ספּעציעל ווערן זיי געשיקט ווינטער־צייט, ווען ס'איז נישטאָ קיין סך אַרבעט.

מיר ווילן וויסן די געשיכטע פון דעם קאָאָפּעראַטיוו, פון זיין אַנט־שטייאונג, פון זיין אַנטוויקלונג און פון לעבן פון זיינע מיטגלידער.

אַלעמענס אויגן ווענדן זיך צום פאָרזיצער. מיט פאַרערונג קוקן זיי אויף אים. ער איז זייער פירער און זייער עלטסטער.

נאַדזשי פּאָל קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן צי אַלע זיינען דאָ. ער גלעט מיט דער רעכטער האַנט זיינע וואָנצעס און פאַנגט אָן, פאַרהוסטנדיק זיך אויף אַ רגע:

— גאַנץ פּשוט, די געשיכטע פון אונדזער קאָאָפּעראַטיוו איז די גע־שיכטע פון פיל אַנדערע קאָאָפּעראַטיוון אין אונדזער לאַנד. די רעגירונג האָט געגעבן ערד. פויערים, וועלכע זיינען זייער גאַנץ לעבן געווען שקלאַפן

און נישט פאַרמאָגט מער ווי דאָס שטיקל פּאַרלאַטעטע העמד אויפֿן לייב, זיינען מיטאַמאָל אויפגעריכט געוואָרן. אַ טייל פון אונדז האָבן באַשלאָסן צו אַרבעטן צוזאַמען. ס'איז פיל גרינגער די אַרבעט. די רעגירונג גיט אונדז טראַקטאָרן, לערנט באַנוצן זיך מיט וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן. די רעזול־טאַטן זיינען פיל בעסערע, ווי בעת מען אַרבעט אַליין.

— דער קאָאָפּעראַטיוו איז געגרינדעט געוואָרן אין אָקטאָבער 1948 מיט צוועלף מיטגלידער, און פאַרמאָגט האָבן מיר בלויז אָט דאָס קליינע שוואַרצע הינטל, וואָס דרייט זיך אַרום צווישן אונדז. היינט אָבער פאַר־מאָגן מיר שוין 500 העקטאַר באָדן, 95 קי, 300 חזירים, עטלעכע צענדליק פערד, עטלעכע טויזנט הינער. חוץ דעם האָט זיך אונדזער מיטגלידערשאַפט פאַרגרעסערט ביז הונדערט, צוזאַמען מיט די פאַמיליעס זיינען מיר צוויי הונדערט צוואַנציק מענטשן, יעדער איינער פון אונדזערע מיטגלידער פאַר־מאָגט אויך זיין אייגן הויז, אַ שטיקל ערד, אַ גאָרטן אַרום זיין שטוב, אַ בהמה, אַ פערד און פיל הינער.

—צוויי מיליאָן פלאָרינט פּלאַרינט האָבן מיר פאַרדינט אין די צוויי יאָר פון אונדזער עקזיסטענץ — דערציילט דער פאָרזיצער, רייבנדיק זיך פרייליך די הענט.

מיר דערוויסן זיך, אַז די פאַרדינסטן נוצן זיי צו פאַרגרעסערן, מאָדער־ניזירן און פאַרשענערן דעם קאָאָפּעראַטיוו, צו בויען נייע הייזער פאַר די מיטגלידער. גאָר אינגיכן טרעטן זיי צו צו בויען זייער ניי קולטור־הויז, וואָס וועט פאַרמאָגן אַן אייגענעם טעאַטער־זאַל, אַ ביבליאָטעק, אַ קינדער־היים און קלוב־צימערן.

— וויפל פויערים־קינדער זיינען פאַרן קריג געגאַנגען אין שול? — פרעגן מיר. עס ברעכט אויס אַ געלעכטער.

— וועלכע שול מיינט איר, די חזירים־שול? — פרעגט אונדז דער פאָרזיצער. — בלויז דאָרט זיינען אונדזערע קינדער געגאַנגען, בלויז פאַר פאַסטוכער האָט מען זיי געלערנט, היינט גייען אָבער אַלע אונדזערע קינ־דער אין שול. נישטאָ מער קיין פאַרמאַכטע טיר פאַר אונדז. אַלע טויערן זיינען פאַר אונדז אָפן.

— פאַרשטייט איר שוין, פאַרוואָס מיר לאַכן פון דעם אַמעריקאַנער ראַדיאָ, ווען ער רעדט צו אונדז וועגן „פרייהייט“, וועגן „דעמאָקראַטיע“ — כאַפּט אונטער אַ מיטליאָריקער פויער מיט איין אויג. דאָס אַנדערע אויג — דערקלערט אונדז דער פאָרזיצער — האָט אים אַ קולאַק אויסגעהאַקט פאַר דער באַפרייאונג, ווייל ער האָט געלייענט אַ פּראָקלאַמאַציע. אָט אַזאַ פריי־

היימ ווילן זיי אונדז ברענגען, די אַמעריקאַנער — זאָגט אַ צווייטער פויער. די, וואָס האָבן שוין פאַרזוכט דעם טעם פון אמתער פרייהייט, וועלן וויסן, ווי אַזוי זי צו פאַרטיידיקן.

אין ענגן זאַל הייבט זיך פּלוצים אָן אַ וואַנדערונג. פויערים און פויער־טעס שפּאַרן זיך דורך און פאַרשווינדן אין צווייטן צימער. עטעצער פרוווט אָפּשטעלן די באַוועגונג, אָבער עס געלינגט אים ניט.

— ווו גייען זיי אַלע ? — פרעגן מיר זיך איינער דעם צווייטן.

נאָך פּלוצים דערטראָגט זיך צו אונדז פון צווייטן צימער אַ געזאַנג. דאָס האָט דער כאָר זיך שטילערהייט אָרגאַניזירט און באַשלאָסן דורכצו־פירן אַ שטיקל קאָנצערט.

זיי הייבן אָן מיטן „אינטערנאַציאָנאַל“. אַלע שטעלן זיך אויף, אַ טייל זינגען מיט. אַ הויכער, קרעפטיקער פויער מיט דיקע באַוואַקסענע ברעמען, און אַ שטרענג פנים ווישט פלינק אָפּ אַ טרער פון זיינע באַקן און קוקט זיך פאַרזיכטיק אַרום, צי קיינער האָט נישט באַמערקט.

— ווער איז דער דאָזיקער פויער — פרעג איך אין עטלעכע מינוט אַרום ביים סעקרעטאַר, און ער דערציילט מיר, אַז דאָס איז איינער פון די בעסטע קאָאָפּעראַטיוו־מיטגלידער. ער איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַ קנעכט און אַלס קינד מיט די אייגענע אויגן צוגעזען, ווי אַ פריץ האָט פאַרשמיסן זיין פאָטער צום טויט.

דער כאָר זינגט פאַרשידענע פאָלקסלידער און פאַרענדיקט מיט אַ שלום־ליד.

נאָך דעם קאָנצערט פירט אונדז דער פאָרזיצער אַרום איבער די שטאַלן. ער ווייזט אונדז די קי, די נייע מעלק־מאַשינען, די פערד, די חזירים, די שפּייכלער מיט תבואה. ער שטעלט זיך אומעטום אָפּ און קוקט מיט אַזויפיל ליבשאַפט, מיט אַזויפיל פרייד אויף יעדער קו, אויף יעדן קעלבל, גלעטנדיק דערביי און רעדנדיק צו זיי ווי צו קינדער.

— ווער קען דען פאַרשטיין אונדזער פרייד — זאָגט ער, פאַרלאָזנדיק די שטאַלן און גייענדיק מיט אונדז איבער די ווייטע, ברייטע פעלדער פון קאָאָפּעראַטיוו.

אַ באַגעגעניש מיט סאָוויעטישע מענטשן

ס'איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. דער אָרקעסטער האָט נאָרוואָס אויפגעהערט צו שפּילן. אין טאַנצזאַל איז שוין געווען פינצטער. פון די צענדליקער יונגע פּאָרלעך איז קיינער ניט געבליבן. אין די אונטערשטע צימערן זיינען אַלע לאָמפּן געווען אויסגעלאָשן, בלויז אין פּראָנט=צימער און אין עס=צימער איז נאָך געווען ליכטיק.

ביים ביוראָ איז נאָך געזעסן דער אַלטער האָטעל=אויפזעער, מיטן גרויען קאָפּ איבערגעבויגן איבער זיינע ביכער.

אַלע האָטעל=אַרבעטער האָבן זיך נאָך געפונען אונטן אין טעאַטער=זאַל, ווו זיי האָבן נאָרוואָס פאַרענדיקט שפּילן סימאָנאָווס פּיעסע „די פרעמדע שאָטנס". דער יונגער פּאָרטער, וואָס האָט אַזוי פלינק אַרויפגעטראָגן מיינע וואַליזעס, האָט געשפּילט די ראָל פון דעם פּראָפעסאָר, דאָס הגעוודיקע מיידל מיט די טונקל=ברוינע האָר און גרויסע ברוינע אויגן, וואָס האָט גערייניקט מיין צימער, האָט געשפּילט פאַר דער פרוי פון דעם פּראָפעסאָר און אַזוי אַלע אַנדערע, פון דעם בוכהאַלטער ביז צום געשיר=וואַשער.

מיר זיינען געזעסן אין ווינקל פון עס=צימער און גערעדט וועגן דער פאָרשטעלונג, וואָס האָט אונדז פאַרשאַפט פיל פאַרגעניגן.

אַרום איז געווען שטיל און ליידיק. בלויז איין טיש אַנטקעגן אונדז איז געווען באַזעצט מיט אַ גרופּע יונגע רוסן. זיי האָבן געפירט אַ הייסן געשפּרעך און אַלע ווײַלע איבערגעריסן מיט אַ פריידיקן און זאָרגלאָזן געלעכטער, וועלכער האָט זיך צעקלונגען אין ליידיקן זאַל און אַרויסגעקייקלט זיך צו די איבעריקע צימערן.

מיר זיינען געזעסן אַנטקעגן און געקוקט אויף די געזונטע, לאַכעדיקע מענטשלעכע פּנימער און געהערט די קוואַליקע מונטערע קלאַנגען פון זייער שפּראַך. אומגעצאַמטע, אוממיטלבאַרע פרייד האָט געשפּריצט פון זיי.

— זאַ מיר, זאַ מיר — (פאַר שלום, פאַר שלום) האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אַ פּעסטע, באַסאָווע שטימע און זעקס יונגע, ברייטפּלייציקע רוסן האָבן זיך אויפגעשטעלט און זעקס הענט האָבן זיך אויפגעהויבן מיט זעקס פינקלדיקע גלעזער וואָדקאַ.

— זאַ מיר, זאַ מיר — האָט ווי אַ דינער עכאָ אָפּגעענטפערט אונדזער טיש און צוויי גלעזער האָבן זיך אויך אַ הויב געטאָן אין אונדזערע הענט. די רוסן האָבן דערהערט אונדזער שטילן ווי פּאַר זיך אַליין אַרויסגעזאָגטן „זאַ מיר". זיי האָבן אַלע אויסגעדרייט זייערע צעשטראַלטע געזיכטער און זיך פריינטלעך באַגריסט מיט אונדז.

איינער פון זיי, אַ יונגער, הויכער, בלאָנדער רוס מיט אַן אויסזען פון אַ ריז האָט זיך פּאַמעלעך דערנענטערט צו אונדז. זיינע אָרעמס זיינען געווען ברייט צעעפנט, אָבער זיינע גרינע, פריינטלעכע און שטיפערישע אויגן האָבן געוואָרפן פאָרשנדיקע בליקן אויף אונדז פון דער ווייט, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן ווער מיר זיינען.

— מיין נאָמען איז סעמיאָן מאַקסימענקאָ — האָט ער באַשיידן אַ זאָג געטאָן. דער נאָמען איז אונדז געווען גוט באַקאַנט. מיר האָבן פיל מאָל וועגן אים געלייענט אין דער פּרעסע. דער טרעגער פון אַ סטאַלין־פּרעמיע, דער סטאַכאַנאָוויעץ, וועלכער איז אויך אַ מיטגליד פון העכסטן סאָוויעט, האָט זיך זשענירט ווי אַ קינד, ווען מיר האָבן דערמאַנט דאָס, וואָס מיר האָבן געלייענט וועגן אים. ער האָט ניט געוואָלט הערן וועגן זיך.

ער האָט גערעדט וועגן דער נייער שטאָט דונאַפּענטעלע און דער־ציילט, אַז ער מיט אַ גרופּע פון אַכט און צוואַנציק סאָוויעטישע אַרבעטער זיינען געקומען לערנען די אונגאַרישע אַרבעטער די סאָוויעטישע בויאונג־מעטאָדן. בעת אַ דורכשניטלעכער אַרבעטער באַווייזט נאָר צו לייגן 1500 ציגל אַ טאָג, באַווייזט מאַקסימענקאָ מיט זיין גרופּע צו לייגן 185000 ציגל אין פאַרלויף פון אַכט שעה.

— דאָס איז דער העכסטער רעקאָרד אין דער וועלט, — האָט ער זיך אָנגעבויגן צו אונדז און מיט אַ באַגייסטערטער שטימע אויסגערופן.

זיין פּנים האָט געשטראַלט, ווען ער האָט גערעדט פון אַרבעט. זיינע גרינע, שטיפערישע אויגן האָבן פינקלדיק אַרומגעוואַנדערט איבער אונ־דזערע פּנימער, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי מיר זיינען פּעאיק צו באַנעמען אָט די גרויסע פרייד, וועגן וועלכער ער האָט צו אונדז גערעדט.

— אַרבעט, דאָס איז ביי אונדז אַ כבוד. דורך איר ווערן מענטשן דער־הויבן. אָט זעט, איך בין געווען אַ פּראָסטער מוליער, אַ ציגל־לייגער און דאָס לאַנד האָט מיך דערהויבן און דערוויילט אַלס אַ מיטגליד פון העכסטן סאָוויעט. אונדזער רעגירונג נעמט אַ קליין צווייגעלע און מאַכט פון דעם אַ שיינעם פרוכטבאַרן בוים!

אזויפיל חכמה איז געווען אין זיינע ווערטער, אזויפיל ליבע צו זיין פאטערלאנד און צו דער מענטשהייט האט געשטראמט פון אים.

— נו, דארף מען האבן קריג — האט ער זיך אין א ווייל ארום געווענ־דעט צו אונדז, הייבנדיק מיט ביידע פלייצעס, — אז אלע די, וואס גייען זיך שלאגן, זיינען גוטע פאכלייט און קענען שאפן אזויפיל גוצלעכע זאכן פאר דער וועלט. — ביי די לעצטע רייד האט ער אונדז אנגעוויזן אויף צווי לאנגע שראמען אויף ביידע זייטן פנים און צוגעגעבן:

— דאס האב איך געקראגן אין דער לעצטער מלחמה, נאך וועלכער איך האב געמיינט, אז כ'וועל שוין מער קיינמאל ניט טראגן קיין מיליטערישן מונדיר — אין דעם מאמענט האט ער קונציק א פיר געטאן מיט דריי פינגער איבער זיינע ליפן און ס'האט זיך דערהערט א שווישטש פון צווישן זיינע ציין, סז־סז־סז־סז־סז, און ס'האט זיך געדאכט, אז א סטאדע פייגל איז דא פלוצים פארבייגעפלויגן. דאס האט ער שטענדיק איבערגע־חזרט, ווען ער איז געקומען צו באצייכענען עפעס אויסערגעוויינלעכעס.

נאכדעם האט ער זיך אראפגעבויגן אין זיין שטול, ווי אויבן וואלטן געפלויגן קוילן איבער אונדז און פארגעזעצט:

— ס'איז געווען אין דער צייט פון פינישן קריג. ס'איז געווען א באַ־יאנעטן־שלאכט. מיר זיינען געשטאנען אין א טאל, ארומגערינגלט מיט פינישע סאלדאטן און געקעמפט. דאס בלוט האט געטריפט. איך האב אפילו ניט באמערקט, אז מיין באק איז געווען איינגעשניטן און געהאנגען אויף א האר. פלוצים האט זיך דערהערט אן אויסגעשריי „פרידן", „פרידן", „קריג פארענדיקט".

— א פארבלוטיקטער פינישער סאלדאט אנטקעגן מיר, אין וועלכן איך האב זיך געצילעוועט און שיעור ניט אוועקגעלייגט, האט פלוצים אויך אויסגעשריגן „פרידן".

—אין איין אויגנבליק האבן זיך אונדזערע אָרעמס ארומגעכאפט. אויף אים איז געפלאסן מיין בלוט, אויף מיר זיין בלוט און דאס בלוט פון אונדז ביידן האט זיך אויסגעמישט אויף אונדזערע מונדירן.

— קיינער וויל ניט קיין קריג חוץ די קאפיטאליסטן — האט ער גע־שאקלט צו אונדז מיטן קאפ און זיין געזיכט האט זיך ווידער אויסגעלייטערט. פון די שווערע וואלקנס פון זיינע דערינערונגען איז בלויז געבליבן א דין רימשקעלע טרויער ביי די ברעגן פון זיין מויל און אין א פאר מינוט ארום איז אויך דאס פארשוווּנדן.

ס'איז שוין געווען גאר שפעט. זיינע חברים זיינען שוין לאנג אוועק

שלאָפֿן. דער זײַנער אױפֿן װאַנט איבער דער ביוראָ האָט שױן געװיזן 15 מינוט נאָך דרײַ. אַרום אונדז איז געװען לײדיק און פּוסט. פֿון דרױסן אױף לעניז־קאַרוט האָט זיך פֿון צײַט צו צײַט געהערט דאָס פֿאַרבײַפֿאָרן פֿון דעם טראַמװײַ.

אָבער מאַקסימענקאָ איז נאָך געװען פֿריש, לעבעדיק און מונטער. כאָטש ער דאַרף אַזױ פֿרי אױפֿשטײן, האָט ער זיך גאָרניט געאײַלט צו גײן שלאָפֿן.

ער איז גאָרניט שלעפֿעריק און װעט נאָך אַרבעטן אַ פּאָר שעה אױף זײַן בוך, האָט ער אונדז דערקלערט בײַם געזעגענען זיך און מיר האָבן זיך דערװוּסט, אַז ער שרײַבט אַ בוך װעגן זײַן אַרבעט און די מענטשן, מיט װעלכע ער טרעפֿט זיך.

אַ צװײטן מאָל האָבן מיר זיך מיט סעמיאָן מאַקסימענקאָ געטראָפֿן אין עטלעכע טעג אַרום.

ס'איז געװען אַרום עלף אַזײגער אין אָװנט. דער ניגון פֿון „זשדי מעניאַ“ און אַ קלאַפּן צום טאַקט פֿון דער מעלאָדיע האָט זיך דערהערט אױף אונדזער טיר. בײַם עפֿענען האָבן מיר דערזען מאַקסימענקאָ מיט אַ פּאַק ביכער און צײַטונגען אין די הענט.

ער איז געװען זײער פֿרײלעך און אונדז גלײַך אָנגעזאָגט אַ בשורה, אַז זײַן אַרבעט איז געענדיקט און ער פֿאָרט אַהײם, פֿאַרשלאָגנדיק דערבײַ מיר זאָלן לײענען די אַלע גוטע ביכער.

ער האָט די גאַנצע צײַט געזונגען. דאָס געזאַנג איז אַרױסגעשװוּמען פֿון אים, װי עס װאָלט געװען אומאָפּהענגיק פֿון זײַן װילן. ער האָט גע־רעדט, געלאַכט, באַגלײט פֿון פֿאַרשידענע ניגונים:

— אין פֿיר און צװאַנציק שעה אַרום װעל איך זען מײַנע רעביאַטאַס און מײַן לוסינקאַ — דערבײַ האָט ער אונדז געװיזן אַ רײ פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון זײַן פֿרױ און קינדער. זײַן לוסינקאַ איז גאָר אַ פֿעאיקער אינזשעניער, האָט ער אונדז דערצײלט מיט שטאָלץ. אַ טיפֿע אומעטיקע בענקשאַפֿט האָט זיך פּלוצים אױסגעשפּרײט אױף זײַן געזיכט, ער האָט אַ לענגערע צײַט פֿאַרהאַלטן זײַנע בליקן אױף איר בילד און אַרױסגעמורמלט:

— זאַמעטשאַטלנאַיאַ זשענשטשינאַ מײַן לוסינקאַ, אַן אמתער מאָלאָדיעץ!

מאַקסימענקאָ איז דעם אָװנט געקומען צו אונדז פֿון אַ באַנקעט, אײַנגעאָרדנט פֿאַר זײַן גרופּע סטאַכאַנאָװצעס דורך די אונגאַרישע אַרבעטער.

— צופיל באַנקעטן גיט מען פאַר אונדז, און אומעטום דאַרף מען צופיל עסן און צופיל טרינקען, איך פיל זיך מיד — האָט ער זיך האַלב שמייכלענדיק באַקלאָגט. ווייסנדיק, אַז איינער פון אונדז איז אַ דאָקטער, האָט ער זיך אין אַ ווייל אַרום נאָכגעפרעגט, אויב צופיל רייכערן קען שאַדן פאַרן האַרצן.

מיר זיינען באַלד צוגעשטאַנען צו אים, אַז ער זאָל זיך לאָזן אונטער־זוכן, אָבער ער האָט זיך אויסגעלאַכט און ניט געוואָלט הערן פון דעם, ווי ס'וואָלט פאַר אים געווען אַ שאַנדע צו פאַרנעמען זיך מיטן אייגענעם איך.

ערשט נאָך לאַנגע אמפּערנישן האָט ער זיך אונטערגעגעבן, אָבער באַלד חרטה געקראָגן און ניט געוואָלט אויספירן אַלע נויטיקע איבונגען אין צייט פון דער אונטערזוכונג. ער האָט זיך זשעניִרט און געשעמט ווי אַ קינד און זיך כסדר געוואָלט אַרויסדרייען פון גאַנצן ענין :

— ער מיר, סאָוויעטישע מענטשן, זיינען ניט קיין צעפּיעשטשעטע קינדער, מיר האָבן קיינמאָל קיין צייט ניט צו טראַכטן וועגן זיך. מיר זיי־נען שטענדיק פאַרנומען מיט פאַרשענערן און פאַרבעסערן אונדזער אַלעמענס לעבן, און זיי די שונאים קענען עס ניט פאַרטראָגן. מיר בויען און זיי ווילן צעשטערן. מיר שאַפן און זיי ווילן פאַרניכטן, מיר ווילן פרידן און זיי קריג.

ביי די רייד איז זיין פּנים געוואָרן איין שטיק פלאַם, און זיינע פריינטלעכע, גרינע אויגן האָבן געשפּריצט מיט פייערדיקן צאָרן. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ קליין ביכעלע און עס אַ שליידער גע־טאָן אויפן טיש :

— אָט זעט, זעט, וואָס אייערע אַמעריקאַנער טוען אָפּ אין קאָרייע מיט אַ פאָלק ! אויפן טיש איז געלעגן אַ באַריכט, וואָס האָט קלאָר און דייטלעך איבערגעגעבן די פאַרברעכנס, וועלכע די אַמעריקאַנער אַרמייען האָבן דאָרט באַגאַנגען. מיר זיינען אַלע אויף אַ רגע שטיל געוואָרן. זיין שטים האָט ווידער אַ דונער געטאָן :

— מיר זיינען מיד פון די רוקזעק און סאָלדאַטסקע מונדירן ! אָבער אויב מיר וועלן ווידער זיין געצוווּנגען זיי אָנצוטאָן, וועלן מיר שוין אויס־לאָזן דעם גאַנצן צאָרן צו די שונאים. מיר וועלן קעמפן אַזוי ווי נאָך קיינ־מאָל, קיינמאָל ניט אין דער געשיכטע.

אין עטלעכע מינוט אַרום ווען די אונטערזוכונג האָט פעסטגעשטעלט אַז זיין האַרץ איז פולקאָם געזונט און אַז ער איז שטאַרק ווי אַ ריז, אָבער ער דאַרף זיך אָפּזאָגן פון צופיל רייכערן, האָט ער זיך אויפגעשטעלט

אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אַ געשריי געטאָן: — פּראַווילנאָ! איך רויבער לעצטנס, זינט איך בין ווייט פון דער היים, דריי פּעקלעך ציגאַ־רעטן אַ טאָג. ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט „פּראַווילנאָ" און זיך פאַר־טראַכט אויף אַ רגע. דערנאָך מיט אַנטשלאָסנקייט אַרויסגעשלעפּט פון זיינע קעשענעס צוויי אויפגעעפנטע פּעקלעך ציגאַרעטן און זיי האַסטיק אַוועקגע־לייגט אויפן טיש, אויסרופנדיק דערביי:

—אַ רוס וויל ניט פאַרקירצן זיין לעבן. אַ רוס האָט ליב דאָס לעבן. אויב ער מוז עס אָפּגעבן, איז ניט צוליב נאַרישקייטן, „יעסלי אומיראַט טאַק ס מוזיקאָי" האָט ער פאַרענדיקט, אַרויפלייגנדיק זיינע דריי פינגער אויפן מויל, און אַרויסגעלאָזט זיין אייגנאַרטיקן סז־סז־סז־סז.

מיר האָבן זיך דעם אָוונט האַרציק געזעגנט. דאָס לעצטע וואָרט אויף אונדזערע ליפּן איז געווען „זאַ מיר".

אויף פּוילישע וועגן

פּוילישע וועגן זיינען מער ניט עלנט און וויסט. היינט בראָדיען דאָרט מער ניט קיין הונגעריקע, אַרבעטסלאָזע פּויערים מיט שטעקנס אין די הענט, מיט קלומעקלעך אויף די פּלייצעס, וואָס פּלעגן זיך אַמאָל לאָזן אין וועלט אַריין נאָך אַ שטיקל ברויט.

עס וואַלגערן זיך דאָרט מער ניט קיין מחנות היימלאָזע קינדער, איינ־געוויקלטע אין שמאַטעס מיט טאָרבעס אויף די אַקסלען, און ניט קיין בעטלער, און ניט קיין פּעדלער, וואָס פּלעגן אַרומפירן זייערע קראָמען אויף די פּלייצעס פון דאָרף צו דאָרף.

היינט הערט מען דאָרט מער ניט די גלעקלעך פון ברימשקעס, דאָס שמייסן פון קוטשערס און דאָס פּוסטע געלעכטער פון שכורע פּריצישע זינדלעך און טעכטער.

די לאַנגווייליקע, דרימלענדיקע פּוילישע וועגן האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און קוקן מיט וואַכעדיקע מעת־לעתן אויף די נייע אימפּעטיקע טריט און הערן מיט זייערע גרינגע וואַלדיקע אויערן די נייע סימפאָניע פון נייעם לעבן.

וועגן, וועלכע פּלעגן אַמאָל צעטיילן דאָרף מיט שטאָט, פאַראייניקן זיי

היינט. ווענן, וועלכע פלעגן אַמאָל שרעקן מיט זייערע געדיכטע קוסטן און ביימער, דערפרישן היינט און דערפרייען.

דאָס געזאַנג פון מאָטאָרן איז היינט דער לייטמאָטיוו, וואָס טראָגט זיך כסדר איבער זיי און באַגלייט אַלע אַנדערע לידער, וואָס שוועבן פאַרביי דורך די טעג און נעכט. אויטאָבוסן, לאַסטווענער, מאַשינען, מאָטאָציקלען און פורן יאָגן זיך נאָכאַנאַנד אימפעטיק פאַרביי מיט פאַרשידענע סחורות.

נאָך קיינמאָל האָבן די פוילישע ווענן ניט געזען אַזויפיל קאַמיאָנען מיט ביכער, וואָס פאָרן פון דאָרף צו דאָרף, פון שטעטל צו שטעטל, שטעלן זיך אָפּ ביי די ביכער־געשעפטן, קולטור־הייזער און פילן אָן זייערע שווי־פענצמער און זייערע שאַפעס מיט די בעסטע שאַפונגען פון מענטשלעכן דענקען, ניט נאָר פון היינטיקן דור, נאָר פון אַלע דורות, ניט נאָר פון זייער לאַנד, נאָר פון אַלע לענדער.

אָט פאָרן אונדז פאַרביי אַ ריי אויטאָבוסן מיט יונגע פרייוויליקע אַרבעטער־בריגאַדעס. זיי פאָרן אַרויס צו די לאַנדווירטשאַפטן אַרויסהעלפן די פויערים אַראָפּצונעמען די תבואה פון די פעלדער, פאַרריכטן די מאַשינען און העלפן אָרגאַניזירן די קולטור־אַרבעט. אין אַנדערע אויטאָס פאָרן יונגע פויערים אין שטאָט אַריין זיך לערנען.

דער נייער וועג, וואָס פירט קיין קראָקע, זעט אויס ווי אַ קאָנווייער מיט מאַשינען, אויטאָבוסן און מאָטאָציקלען, וועלכע פירן מחנות פויערים צו דער נייער שטאָט נאָוואָ־הוטאַ. זיי האַלטן רויטע פאָנען אין די הענט און זינגען. וואָס פאַר אַ פרייד עס פליסט פון זייערע יונגע פרישע פנימער. זיי בויען היימען, אין וועלכע זיי אַליין וועלן וווינען. זיי בויען פאַבריקן, אין וועלכע זיי וועלן אַרבעטן. זיי לייגן שינעס, בויען טראַמווייען, שלעפן די בעטאָן־רערן, לייגן ציגל און זינגען, ווייל צום ערשטן מאָל וועלן זיי אַליין זיין די געניסער פון זייער אַרבעט.

אָט פאָרט אַ לאַנגער עשאַלאָן מיט וועגענער, באַלאָדענע מיט תבואה, אַרומגעצירט מיט רויטע לענטעס און מיט פאָנען. הויך אויף די פאַרבונדענע זעק מיט קאָרן, צוזאַמען מיט די פויערים, קוקט אַראָפּ לענין און פירט מיט זיי צוזאַמען דאָס ברויט אין שטאָט אַריין. די ריזיקע פאָרטרעטן פון לענינען וויגן זיך הין און צוריק, זיינע וואַרעמע פאָטערלעכע אויגן שמייכלען און עס דאַכט זיך, אַז לענין רעדט צו די אַלטע פּאַסאַזשירן אויף די נייע ווענן און לערנט זיי האַלטן די לייצעס און ווייזט זיי דעם וועג.

אונדזער מאַשין טראָגט זיך איבער פוילישע ווענן. אויףביידע זייטן

שאָסיי פּליען דערפֿער און שטעטלעך פֿאַרבײַ און פּאָר מײַנע אויגן שוועבן בילדער פון סלאַמס אין ניו־יאָרק, טשיקאַגאָ, פּיטסבורג, קליוולאַנד, דע־טראָיט, וווּ עס לעבן מיליאָנען פּאָליאַקן; זיי אַרבעטן אין די קוילנ־גרובן, אין די שטאָל־פֿאַבריקן און אַנדערע שווערע אינדוסטריען, אָבער זיי ווערן נאָך תּמיד באַטראַכט פון געוויסע מענטשן ווי צווייטראַנגיקע ביר־גער ווי אַלע אַנדערע פֿרעמד געבוירענע. די רײַכע פּױלישע ערד האָט אַמאָל פֿאַר זיי קיין ברויט ניט געהאַט. אין זייער אייגן פֿאָטערלאַנד זײַנען זיי אַמאָל געווען איבעריק און הײַנט פֿעלן דאָרט אַרבעטער.

די זון נידערט לאַנגזאַם אַראָפּ הינטער די בערג און לאָזט אַ רויטן פּייער־שליאַך הינטער זיך, ווי זי וואָלט פֿאַרברענט די שפּורן פון איר באַ־העלטעניש. פון די שוואַרצע צעאַקערטע פעלדער גייט אַ דינע בלויע פּאַרע און עס זעט אויס, ווי די ערד וואָלט געאָטעמט.

אונדזער מאַשין האָט פּלוצים זיגזאַגיק אַ פּאָר געטאַן, אַרויסגעלאָזט אַ הייזעריקן סקריפּ און שטיין געבליבן, ווי אַ קויל וואָלט דורכגעשאָסן איינע פון אירע רעדער.

מיר זײַנען אויסגעשטיגן און דער שאָפער האָט זיך אַ נעם געטאָן צו פֿאַרריכטן די ראָד.

אַ קוילן־לאַסטוואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט הינטער אונדז, צוויי פּויערים זײַנען צוגעקומען און ס'האָט זיך דערהערט אַ ברוסטיקער „דאָברי וויע־טשער".

איינער פון זיי, אַ יונגער פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, האָט זיך באַלד אַ נעם געטאָן צו אונדזער מאַשין און געהאָלפן אַראָפּנעמען די ראָד. דער צווייטער פון אַ יאָר פופציק מיט אַ הויכער פוטערנער היטל, אַ קאָזשוכל און גרויע הויזן, אַרײַנגעטאָן אין די שטיוול, האָט אַרויסגעשלעפּט פון קע־שענע אַ זעקעלע מיט מאַכאָרקע, פֿאַרוויקלט אַ ציגאַרעט און פֿאַררויכערט.

— סקאָנד פּאַנאָוויע? — האָט ער אונדז אַ פרעג געטאָן, הערנדיק, אַז מיר ריידן צווישן זיך אויף אַ פרעמדער שפּראַך.

— פון אַמעריקע — האָבן מיר אים געענטפערט און ער האָט אַ פּיר געטאָן מיט די פינגער די וואָנצעס און אונטערגעכאַפּט:

— הע, הע, הע, אַזש פון אַמעריקע, אַמאָל געהאַט דאָרט אַ ברודער, הע, הע שוין גאָר לאַנג צוריק, ער איז דאָרט אומגעקומען אין אַ קוילנ־גרוב־אויפרייס.

— העד דאָ דיאַבלאַ, ער האָט געוואָלט אָנקלייבן געלט, כדי צו קענען

אַהיימקומען און זיך קויפן אַ שטיקל לאַנד. — היינט וואָלט ער שוין ניט געדאַרפט פאָרן קיין אַמעריקע, — האָט ער אין אַ ווייל אַרום צוגעגעבן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך דערנעענטערט צו אונדז דער יונגער פּויער, אַ ביסל אַן אויסגעשמירטער, מיט עטלעכע שטיקלעך געצייג אין די הענט און זיך פריינטלעך באַגריסט מיט אונדז און איינגעלאַדן זיך אָפּשטעלן ביי זיי אין דאָרף אויף היינטיקן אָוונט, ווייל ס'קומט דאָרט פאָר אַ גרויסע פייערונג לכבוד דער עלעקטריפיקאַציע, וועלכע איז דאָרט נאָר־וואָס פאַרענדיקט געוואָרן.

— קומט, קומט, איר וועט זען, ווי ביי אונדז איז פּלוצים ליכטיק געוואָרן, הונדערטער יאָרן איז געווען פינצטער און היינט ברענט אין אונדזערע כאַטעס עלעקטריע און מיר האָבן אַ ראַדיאָ און אַ קינאָ, — האָט דער עלטערער פּויער צוגעגעבן ווי אַ קינד.

— ס'איז ניט געווען לייכט — האָט צוגעגעבן דער יונגער און דער־ציילט, ווי די רייכע קולאַקעס, די פּריצים און די גלחים טוען אַלץ ניט צו דערלאָזן, אַז די פּלענער פאַרן אויפבוי און אינדוסטריאַליזאַציע פון לאַנד זאָלן זיין דערפאָלגרייך. זיי האָבן פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די דראָטן זייגען אַן אומגליק פאַר קינדער און דערשראָקן און אַנטמוטיקט די מער אָפּגע־שטאַנענערע, אָבער עס האָט זיי ניט געהאָלפן, — האָט ער אויסגערופן און צוגעשטאַנען, מיר זאָלן מיטפאָרן מיט זיי, אָנווייזנדיק דערביי מיט דער האַנט דעם ערשטן דאָרף, וואָס איז געלעגן אַנטקעגן אונדז, פון וואַנען עס האָבן געפינקלט אַ ריי הייזער, ווי זיי וואָלטן איינגעשלונגען ברעקלעך פון זון.

מיר האָבן די פריינטלעכע איינלאַדונג ניט געקענט אָננעמען, ווייל מיר האָבן נאָך דעם זעלבן אָוונט געדאַרפט זיין אין וואַרשע.

ביים געזעגענען זיך האָט דער עלטערער פּויער ווי מיט פאָרוואורף אַרויסגעמורמלט :

— וואָס ווייסט איר, וואָס דאָס איז אַזוינס, ווען אין איינזאַמע, אָפּגע־זונדערטע, פינצטערע דאָרפישע כאַטעס ווערט פּלוצים ליכטיק.

מיר פאָרן קיין וואלבזשיך

דער וועג פון וורצלאַוו קיין וואַלבזשיך איז אַ ברייטער, אַ גלייכער, אַ גלאַטער און ציט זיך ווי אַ לענטע צווישן די קופּערנע צווייגן פון די ביימער, וואָס וואַקסן אויף ביידע זייטן שאָסיי. ס'איז אַ האַרבסטיקער פאַרנאַכט. אַ ווייכער בלוי־גרויער נעפּל ליגט אויף די שפּיצן בערג, וואָס שטייען ביים ראַנד פון האָריזאָנט מיט אויסגעשטרעקטע העלדזער, ווי זיי וואָלטן וועלן כאַפּן די זון.

אַ טונקל־בלויער הימל מיט העל־פּורפּורנעם גאַרטל לאָזט זיך אַלץ מער און מער אַראָפּ צו דער ערד, ווי אויך ער וואָלט זיך וועלן לייגן שלאָפן.

די פּרוכטבאַרע פּוילישע ערד ליגט אַ צעאַקערטע, אַ זאַטע, אַ וואַרעמע, ווי אַ מוטער נאָכן געבערן.

בערג מיט בלויען און גרינעם קרויט, קאַרטאָפל און, מער פון אַלץ, בוראַקעס ליגן צונויפגעזאַמלט און וואַרטן, מען זאָל זיי אַרויספּאַקן אויף די וועגענער.

פּויערים און פּויערטעס אַרבעטן אויף די פעלדער ביים אויסגראָבן די לעצטע קאַרטאָפל און בוראַקעס.

מיר פאָרן פאַרביי פיל דערפער מיט ברוינע און ווייסע הייזעלעך, אַרומגערינגלט מיט בוימער, און וואָס זעען אויס ווי נעסטן.

ביים דערנענטערן זיך צו אַ דאָרף בייטן זיך די ריחות און די קלאַנגען. די שטילקייט ווערט איבערגעריסן פון אַ געראַגעריי פון גענדז, אַ קרייען פון הענער, אַ מעקען פון ציגן, אַ מוען פון קי און אַ הירזשען פון פערד.

דער פרישער ריח פון ערד און גרינסן ווערט דורכגעמישט מיטן ריח פון מילך, אויבסטן, תבואה און אַנדערע צענדליקער ריחות פון פריש צעזעגענעם האָלץ, פון געטריקנטע שוואָמען, פון שטאַלן, שטייגעלעך און פון שמאַלץ, זאַמדיקע געסלעך, וואָס זאַפּן איין דעם אָטעם פון אַלץ, וואָס גייט זיי פאַרביי.

אויפן וועג ציען זיך לאַנגע עשאַלאָנען מיט וועגענער, אָנגעפּאַקטע מיט בוראַקעס, צו דער צוקער־פאַבריק.

אונדזער מאַשין גליטשט זיך זיגזאַגיק פאַרביי די וועגענער און טרעפט זיך יעדע ווײַלע אָן מיט נייע פנימער.

אויף אַ לאַסט־אויטאָ זיצן פיר יונגע פּויערטעס אין קאָזשוכלעך

און קאָלירטע טיכלעך אויף די קעפּ. זיי באַגלייטן אונדז מיט פרייִדיקע אויסגעשרייען. און אָט פאָרט אונדז פאַרביי אַ געלע ברישקע מיט צוויי פערד און אַ יונגע פּויערטע, איינגעוויקלט אין אַ פּאַטשיילע, האַלט די לייצעס און פאָרט שטייענדיק, אונטערשמייכלענדיק זיי פון צייט צו צייט.

זי טראָגט זיך שנעל פאַרביי און זעט אויס, ווי זי וואָלט געוואָלט אַריבעריאָגן דעם פאַרנאַכט, וואָס לייגט זיך אויס אויפן ווייסן שאָסיי און פאַרשטעלט אונדז דעם וועג.

פּלוצים האָט זיך אַלץ אָפּגעשטעלט. די פּויערים אויף די פעלדער האָבן זיך אויסגעגלייכט, אויפגעהויבן די קעפּ און די אויגן געווענדט אַהין, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן דער שטורעמדיקער אַפּלאָדז און די אויסגעשרייען.

די אויסגעשרייען און די אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך ווי ים־כוואַליעס דערגענטערט צו אונדז צוזאַמען מיט אַ לאַנגער ריי קאַמיאָנען באַלאָדענע מיט טראַקטאָרן.

אַלעמענס אויגן האָבן באַגלייט די שטאָלענע גיגאַנטן, וואָס קומען אַהער אַזש פון מאָסקווע און טראָגן צוזאַמען מיט דעם אויסגעקריצטן אַדרעס אויף זייערע ברוסטן די פרייַנטשאַפט און ברידערלעכקייט פון סאָוויעטישן פאָלק.

„ניעך זשיע סטאַלין!“ „ניעך זשיע ביערוט!“ האָט זיך געטראָגן צו דער ווייט, אָפּגעקלאַפּט זיך אין די בערג און צוריקגעקערט זיך.

דער ווייסער וועג איז געוואָרן אַ בינע, וווּ פּויערים האָבן מיט די אייגענע אויגן געזען איין סצענע פון דער גרויסער ראָלע, וואָס עס שפּילט הייַנט דער ראַטנפאַרבאַנד אין אויפבוי און אַנטוויקלונג פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער.

די טראַקטאָרן זייַנען שוין ווייט הינטער אונדז, אָבער די וועגענער רירן זיך נאָך ניט פון אָרט. פּויערים שטייען נאָך אַלץ אויף די פעלדער און קוקן נאָך די גרויע קאַנטורן פון די טראַקטאָרן מיט פרייִדיקע געזיכטער און צעבליצטע אויגן.

אַנדערע זייַנען אַראָפּ פון די וועגענער און זיך פאַרזאַמלט אין רעדלעך.

מיר שטייגן אויס פון אונדזער מאַשין און דערנענטערן זיך צו איינעם פון די רעדלעך.

אַ מיטליאָריקער פּויער, מיט אַ לענגלעך געזיכט, מיט טיפע פאַר⸗

שטענדלעכע אויגן און אַ ברייטן שמייכל באַגעגנט אונדז מיט אַ וואָרע־מען : „דאָברי וויעטשור" און אַ וואַרעמען דרוק פון אַ האַנט, אויף וועלכן עס פעלן צוויי פינגער.

— אין קריג — באַמערקט ער, זעענדיק אונדזערע פרעגנדיקע בליקן.

מיר ציען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. אַלע באַקוקן אונדז נייגעריק. יינגלעך דרייען זיך אַרום אונדז מיט די הענט אין די קעשענעס און הערן זיך אונטער צו די עלטערע. פויערטעס מיט בוראַקעס אין די הענט און פאַרקאַטשעטע אַרבל שמייכלען צו אונדז גוטמוטיק.

אַ יונגע פויערטע מיט צוויי גרויסע בלויע אויגן און אַ לאַכעדיק ראָ־זעווע געזיכט שטופט זיך דורך די אַרומיקע, דערנענטערט זיך צו אונדז און פרעגט אונדז מיט שטאָלץ :

— נו, וואָס זאָגט איר אויף די סאָלאָווייטשיקעס, האַ ? איי וועלן זיי זינגען !

— ס'איז דאָך אָבער בלויז פאַר די קאָאָפּעראַטיוון — ענטפערט איר אָפּ אַ מיטליאָריקער פויער מיט אַן אומצופרידענער שטים.

— ווער זשע לאָזט דיך ניט אַריין אין אַ קאָאָפּעראַטיוו ? — ענטפערט אים באַלד אַ באַסאָווער קול הינטער מיין פּלייצע.

— ווען ווילסטו זאָל מען פריער געבן די טראַקטאָרן, אפשר צו די פּריוואַטע לאַנדבאַזיצער, צו די קולאַקעס, האַ ? — פרעגט אים די יונגע פויערטע מיט אַן אַרויסרופנדיקער מינע.

— זאָל נאָר זיין פרידן און יעדן איינעם פון אונדז וועט זיין גוט. דאָס לאַנד וועט רייך ווערן און דאָס מאָל וועט די רייכקייט ניט גיין צו די פּריצים און צו די סוחרים, נאָר צו די, וואָס שאַפן דאָס רייכטום — האָט זיך אָפּגערופן אַ יונגער, נידעריקער פויער מיט אַ קלוגן, ענערגישן אויסזען, וועמען די אַרומיקע האָבן גערופן „שאַפען".

מיר פרעגן זיך פאַרוואונדערט, פון וואַנען עס קומט צו אים דער נאָ־מען פון גרויסן פּוילישן קאָמפּאָזיטאָר. אונדזערע פראַגן ווערן איבערגע־ריסן מיט אַ האַרציקן געלעכטער.

— מיך רופט מען שאָפען, ניט ווייל כ'האָב עפּעס אַ שייכות צום גרויסן מייסטער, נאָר דערפאַר ווייל איך שפּיל אין אָרקעסטער — דער־קלערט אונדז דער יונגער פויער, אָנווייזנדיק דערביי אויף אַ נייער געביידע פון דערנעבנדיקן דאָרף.

— דאָס איז אונדזער קולטור־הויז, מיר האָבן אַן אייגענעם אָרקעסטער און שפּילן פון נאָטן. מיר האָבן לעצטע וואָך אָפּגעגעבן אַ קאָנצערט און

איך שפּיל אויף אַ פּלייט. אַלע יאָרן געוואָלט שפּילן. פּלעג קליינערהייט אויסשניצן פייפעלער פון האָלץ און אויספייפן פאַרשידענע מעלאָדיעס, אָבער היינט לערן איך מוזיק און שפּיל אויס גאַנצע סימפאָניעס.

— נו און ווען כאָר, ווענן דער דראַמסעקציע, ווענן אונדזער ביבליאָ־טעק און אונדזערע קורסן האָסטו גאָר פאַרגעסן? — כאַפּן אים אונטער עטלעכע שטימען מיט פאַרוואורף. אַ מיטליאָריקע פויערטע ווייזט אונדז אָן אויף איר מאַן, קלאַפּנדיק אים דערביי אין פּלייצע: — ער האָט זיך לעצטע וואָך געקויפט אַ נייעם קאָסטיום — אירע אויגן לייכטן דערביי פון פרייד.

אויף אונדזער פראַגע, ווען ער האָט געקויפט דעם לעצטן קאָסטיום, ענטפערט אונדז דער פויער מיט אַ קוועטש מיט די פּלייצעס, אַ שאָקל מיטן קאָפּ און אַ הייזעריקן „ווער געדענקט“, צוגעבנדיק אין אַ ווײַלע אַרום:

— אפשר פאַרן ערשטן וועלט־קריג, אפשר נאָך פריער, ווער האָט זיך געקענט פאַרגינען צו קויפן קליידער, מען האָט אפילו ניט געהאַט אויף ברויט, מען האָט געהאַט איין פּאָר הויזן און מען האָט זיי כסדר געלאַטעט. אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, אַזוי איז מען געגאַנגען. אָבער היינט איז גאָר עפּעס אַנדערש. היינט קויפן מיר נייע קליידער, מעבל, אונדזערע קינדער גייען אין שולן און מיר פאָרן אויף וואַקאַציע אין די בעסטע אָפּרו־פּלעצער פון לאַנד. נייע צייטן. נייע פויערים.

אין קאַטאָוויץ

קאַטאָוויץ — דאָס האַרץ פון אויבערשלעזיע מיט די רייכע אינדוס־טריעלע געגנטן פון לאַנד אָטעמט טאָג און נאַכט דורך הויכע, שוואַרצע קוימענס און שרייבט אויס אויף דעם הימל מיט לאַנגע, רויכיקע בלייפע־דערס דעם אומבאַזיגבאַרן מאַרש צום סאָציאַליזם.

דאָ פּראָדוצירט מען אייזן, שטאָל, מאַשינען און כעמישע שטאָפן. קאַטאָוויץ איז דער צענטער פון פּוילנס קוילן־געביט. דאָ, פּונקט ווי אין פּיטס־בורג, זיינען די אַרבעטער־קוואַרטאַלן איינגעטונקען אין שטויב און אין רויך, אָבער דאָ, וווּ מענטש איז דאָס גרעסטע פאַרמעגן, קען מען זיך ניט דער־לויבן, אַז די, וואָס פּראָדוצירן די רייכקייטן פון לאַנד, זאָלן לעבן אין די זעלבע באַדינגונגען ווי אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

אַכצן מייל פון דאַנען בויט זיך איצט די נייע שטאָט טיכי. אין די

גרינע װעלדער פון אַן אַמאָליקן גראַף װאַקסן הײנט מאָדערנע אַפּאַרטאַמענט־הײזער מיט אַלע נײַסטע אײַנריכטונגען. אַהין װעלן זיך אַריבערקלײַבן די אַרבעטער, װעלכע האָבן דורות געװױנט און געאָטעמט די רױכן און די גאַזן פון די פאַבריקן.

ס'איז מיטאָג־צײַט און די גאַסן זײַנען געפּאַקט מיט אַרבעטער. די טראָטואַרן זעען אױס װי װיגנדיקע פּאָנטאָן־בריקן. רעסטאָראַנען, געשעפטן, ביכער־קראָמען זײַנען פול מיט מענטשן. די שטימונג איז אַ ערב־יום־טובדיקע. קינדער מיט רענצלעך אין די הענט, סטודענטן און זינגענדיקע הילכערס פילן אָן די לופט מיט געזונטע, אָפּטימיסטישע טענער.

פון פאַרשידענע געבײַדעס פאָכען צו פאַרבײַגײערס רױטע פאָנען. אַ טײל געבײַדעס זײַנען אינגאַנצן באַװאַקסן מיט פאָנען און זעען אױס װי בײמער מיט רױטע בלעטער. די ריזיקע געבײַדע פון װאָיעװאָדישן קאָמיטעט פון דער אַרבעטער־פּאַרטײ איז אינגאַנצן אײַנגעװיקלט אין רױט. פון די װענט קוקן אַראָפּ די פּאָרטרעטן פון לענין און סטאַלין פיר שטאָק די גרױס. פון אַ הױכן באַלקאָן פון אַ דערבײַאיקן הױז קוקט אַראָפּ קאַרל מאַרקס. עס זעט אױס, װי ער װאָלט געשאָקלט מיט זײַן װײַסער באָרד צו די פאַרבײַגײענדיקע און געשמײכלט.

אױף די אַפּישן פון די װענט אַנאָנסירט מען אַ באַד־קאָנצערט, אַ מאַריאָנעטן־פאָרשטעלונג פאַר קינדער פון אַ ביעלסקאָ־טרופּע, אַ רײ נײַע פילמען, און פאַרשידענע לעקציעס.

דער קװאַרטאַל, װו ס'איז געװען דער אױבערשלעזישער מוזײ, איז אױפגעריסן געװאָרן פון די נאַציס. הײנט בױען דאָרט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען אַ גאַנצע גאַס מיט נײַע געבײַדעס פאַר זײערע מיטגלידער. עקס־קאַװאַטאָרס, װי פאַנטאַסטישע מאָנסטערס מיט שטאָלענע צײן, ציען אױס זײערע לאַנגע העלדזער צו די פאַרבליבענע רואינעס און בײַסן זיך אײַן מיט די ברײטע, צעעפנטע מײַלער אין די שטיקער זריבן, הױבן אױף מיט טײװולאָנישער פלינקײט האַלבע װענט און לײגן זײ אַרױף אױף קאַמיאָנען. פאַר־בײַגײער שטעלן זיך אָפּ און קוקן אױף דעם אױסטערלישן ספּעקטאַקל. זײ באַטראַכטן די סאָװיעטישע גיגאַנטן מיט דעם אױפשריפט אױף זײערע הערצער: „װאָראָניעזשסקי עקסקאַװאַטאָרסקי זאַװאָד“.

— ניט נאָר עקסקאַװאַטאָרס, זײ האָבן אונדז אױך געשיקט אינזשעניערן, אָט דאָרט שטײט אײנער פון זײ! — דערקלערט מיר אַ פּױלישער אַרבעטער, אָנװײַזנדיק דערבײַ אױף אַ ברײטפּלײציקן יונגנמאַן אַרומגערינגלט מיט אַ גרופּע בױער אין קורצע פּאָדיאָװקעס, באַשפּריצטע מיט צעמענט.

מיר שפּאַצירן איבער די גאַסן און שטעלן זיך אָפּ ביי געביידעס באַ־האַנגענע מיט פּאָרטרעטן פון שלאָגלער. אָט איז אַ פּאָרטרעט פון אַ יונג פּרעכטיק מיידל אַ בוכהאַלטערין, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר געטרייער, איבערגעגעבענער אַרבעט, און אָט איז אַ פּאָרטרעט פון אַ שאָ־פער, אַ מיטליאָריקער מאַן מיט אַן עקשנותדיקן, שטרענגן בליק. ער איז ניט סתם אַ שאָפער, וואָס פאָרט מיט זיין מאַשין איבער די גאַסן, ער איז אויך אַ שאָפער פון גייעם לעבן און העלפט זיין לאַנד פאָרן אויפן וועג צום סאָציאַליזם, זאָגט די אונטערשריפט אונטערן פּאָרטרעט.

די ווענט זיינען באַצירט מיט הונדערטער שלאָגלער. זיי זיינען די העלדן פון דער היינטיקער, נייער צייט. אויף זיי קוקן די פאַרבייגייער מיט שטאָלץ און מיט יראת הכבוד.

אָט שטייען מיר ביי דעם גרעסטן קולטור־הויז פון דער גאַנצער געגנט. דאָ זיינען פאַראַן קלאַסן פאַר וויסנשאַפט, ליטעראַטור, מוזיק, טאַנץ, מאָלעריי, סקולפּטור און אַנדערע. דאָ לערנען זיך אַרבעטער־קינדער און דערוואַקסענע. דאָ גרייט מען צו קינסטלער־טרופּעס און מען שיקט זיי אַרויס איבער די פאַבריקן, וו זיי גיבן אָפּ מיטאָג־צייט קאָנצערטן.

אַהער קומען יונגע קולטור־טוער, לעקטאָרן, כאָר־דיריגענטן, רעזשיסאָרן פון דראַמאַטישע קרייזן, פאַרברענגען שעהן אין דער רייכער ביבליאָטעק, בלעטערן די פאַרשידענע זשורנאַלן און געפינען דאָ אַלץ, וואָס זיי דאַרפן פאַר זייער אַרבעט.

צוויי רעפּערטאַן אַ טאָג ווערן דאָ אָפּגעהאַלטן, חוץ דעם קומען דאָ פאָר טעאַטער־פאָרשטעלונגען, מוזיק־קאָנצערטן, באַלעטן און פאַרזאַמלונ־גען. די ברייטע גלעזערנע טירן מאַכן זיך דאָ קיינמאָל ניט צו. זיי וויגן זיך כסדר הין און צוריק פון די קומענדיקע און גייענדיקע יוגנטלעכע און אַר־בעטער.

די טרעפּ, די צימערן זיינען איבערגעפילט מיט פעסטע איילנדיקע טריט און געזונטע יוגנטלעכע שטימעס. די שטראָמענדיקע מחנה האָט אַ ציל און אַ זין. יעדער איינער ווייסט, וואָס ער דאַרף און אין וועלכן צימער עס צו זוכן. מיר ווערן מיטגעריסן מיטן עולם און שפּאַנען איבער די צי־מערן. איך קוק זיך אַרום אויף די בילדער, אויף שאַפעס מיט פאַרשידענע קאָ־סטיומען, אויף די ווענט מיט ביכער און בלאָנדזשע איבער דעם וואונדערלעכן קולטור־ פּאַלאַץ ווי אין אַ חלום איבער די וועגן פון אַ פאַרכישופטן וואונ־דערלאַנד.

אין איינעם פון די זאַלן קומט פאָר אַ בילדער־אויסשטעלונג פון

קוילנגרעבער־מאַלערייען. אייניקע פון זיי קענען זיך גאָרניט פאַרשעמען לגבי די אַרבעטן פון פּראָפעסיאָנעלע מאָלער. צוויי פון די קוילנגרעבער, דערציילט מיר דער דירעקטאָר, זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן שטודירן אין דער קונסט־אַקאַדעמיע.

אָט איז אַ פּאָרטרעט פון אַ גרופּע שטאָל־אַרבעטער, און אָט איז אַ בילד פון אַ געזונטן, יונגן קוילנגרעבער אויף אַ באַרג מיט פינקלדיקע קוילן און מיט ווייסע טויבן אין די הענט. בילדער פון נייע אַרבעטער־קוואַרטאַלן, פון אָפּרו־פּלעצער, פון קינדער־היימען, פון ספּאָרטלער.

אין אַ צווייטן זאַל מיט גלעזערנע שאַפעס, אָנגעפילטע מיט פאַרשי־דענע טעאַטער־קאָסטיומען, שטייען אַרבעטער ביי לאַנגע טישן און בלעטערן שווערע זשורנאַלן מיט קליידער־צייכענונגען פון פאַרשידענע עפּאָכעס.

אַ הויכער יונגערמאַן אין אַ טונקל־בלוי רעקל און גרויע הויזן מיט אַ שוואַרץ בלעכן קעסטל אין האַנט ווענדעט זיך צום דירעקטאָר פון דער אָפּטיילונג נאָך קליידער פאַר אַ פּיעסע פון מאָליער.

אויף מיין פראַגע ווער עס נעמט אָנטייל אין דער פּיעסע, ענטפערט ער מיט אַ שנעלן, אָפּגעכאַפּטן „מיר".

— ווער איז דאָס דער „מיר ?" — פרעג איך אים איבער און ער ענטפערט, אויסדרייענדיק די אויגן צו מיר, ווי דאָס וואָלט געווען גאָר אַ פּשוטע זאַך, וואָס יעדער איינער ווייסט :

— מיר, די קוילנגרעבער פון מיין שאַכטע !

אין אַ צווייטן צימער ביי אַ טיש מיט ביכער, זשורנאַלן און צייט־שריפטן זיצט אַ מיטליאָריקע פרוי און לייענט אַ זשורנאַל, אַרויסשרייבנדיק פון צייט צו צייט געוויסע טיילן אין אַ קליין שוואַרץ נאָטיץ־ביכעלע.

כאָטש אירע טונקעלע האָר זיינען דורכגעוועבט מיט זילבערנע פעדעם, זעט זי נאָך אויס צו זיין גאָר יונג. איר העל געזיכט, באַשאָטן מיט שפּרינג־קעלעך ווי מיט קימל, און די טונקל־ברוינע אויגן טראָגן אויף זיך אַ געוויסע פייערלעכקייט, פון אַ מענטשן, וועמען מען האָט אָנפאַרטרויט אַ גאָר וויכ־טיקע מיסיע, און ער אַליין איז ניט זיכער, צי ער וועט עס קענען דורכפירן.

זי הויבט אויף פון צייט צו צייט אירע מילדע ברייט־צעעפנטע אויגן און קוקט זיך אַרום, ווי זי וואָלט געהאַט אַ גוטע בשורה פאַר עמעצן און געזוכט דעם יעניקן, וועמען זי דאַרף עס אָנזאָגן.

איך דערנענטער זיך צו איר און מיר צעשמועסן זיך אויף אַ גאַנץ אינטימען אופן, ווי מיר וואָלטן זיך געקענט פון לאַנג.

זי דערציילט מיר אַ טייל פון אירע איבערלעבונגען, אירע דערגריי־

כונגען, צו וועלכע זי איז נאָך ווייזט אוים אַליין ניט געוווינט און וויגט זיך צווישן דעם „איך" פון נעכטן און דעם „איך" פון היינט ווי אַ צינגל פון אַ וואָגשאָל, אויף וועלכן די משא בייט זיך כסדר.

אויף איר פנים בייט זיך יעדע רגע דער אויסדרוק.

אַט איז זי זיכער, אַנטשלאָסן, פאַרטראַכט, און אַט איז זי אומרואיק, אומזיכער, באַרערעוודיק און אַראָפּגעפאַלן ביי זיך:

— ס'איז ניט גרינג פאַר אַ מענטש, וואָס איז 15 יאָר געווען אַ דינסט, אַן אַנאַלפאַבעט, צו ווערן „פּשאָדאָווניק פּראַצי" (שלאָגלערין), פאַרדינען גלייך מיט מענער, לערנען זיך און וווינען אין אַ נייער וווינונג, און דאַרפן שטיין און ריידן צו אַן עולם, — דערקלערט זי מיר, שמייכלענדיק.

— וועגן וואָס דאַרפט איר ריידן? — פרעג איך זי און זי דערציילט מיר, אַז זי געהערט צו דער קולטור־סעקציע אין פאַבריק און מען האָט איר פאַרגעבן, זי זאָל קומענדיקע וואָכן ריידן וועגן לעבן און שאַפן פון אַנרי באַרביס.

— אַ גרויסער מענטש געווען און ליב געהאַט די אַרבעטער, פיינט געהאַט קריג, פיינט געהאַט די, וואָס לעבן פון בלוט און שוויים — שאָקלט זי צו מיטן קאָפּ.

— אַלע מוזן זיך לערנען ביי אונדז אין פאַבריק, די אַלטע באַקלאָגן זיך אפילו אויף דעם, ניטאָ קיין געדולד, ניטאָ קיין חשק, אָבער מען מוז, מען מוז. היינט איז מיר שוין גרינגער, אָבער דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב געדאַרפט אויפטרעטן פאַר די אַרבעטער, איי, איי, איך וועל דאָס קיינ־מאָל ניט פאַרגעסן!

איך בעט איר, זי זאָל מיר דערציילן און זי פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע און פאַנגט אָן, קוקנדיק ערגעץ ווייט, ווי זי וואָלט דאָרט געזען די אַלע איינצלהייטן:

— ס'איז געווען פאַרן אַכטן מערץ. מיין סעקרעטאַר האָט מיר געבעטן צוגרייטן אַ רעדע צו דער פייערונג פון פרויען־טאָג. „די פרוי אין קאַמף פאַר פרייהייט" איז געווען מיין טעמע.

— איך בין צוויי וואָכן אָפּגעזעסן ביז שפּעט ביינאַכט אין ביבליאָ־טעק, צוגעגרייט, אויסגעלערנט, איינגעחזרט די נעמען, די דאַטעס און צום סוף ניט פאַרלאָזט זיך אויף מיין זכרון און די גאַנצע רעדע אויסגעשריבן אויף פאַפּיר און באַשלאָסן פאַרצולייענען.

— איך געדענק עס אַזוי ווי איצט. ס'איז געווען אַ געפּאַקטער זאַל. אין דער ערשטער ריי זיינען געזעסן דער דירעקטאָר פון פאַבריק און איינגע־

לאָדענע געסט. ס'איז געווען אַ יום־טובדיקע שטימונג. די פרויען זיינען געווען אויסגעפּוצט ווי אויף אַ שמחה. איך בין געווען אומרואיק. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט ווי ביי אַ גזלן. די פיס האָבן געציטערט און מיט די הענט האָב איך יעדע רגע אָנגעטאַפּט דעם מאַנוסקריפּט און זיך געוואָלט איבערציייגן, אַז איך האָב עס ניט פאַרלאָרן. צום סוף האָב איך עס שוין ניט אַרויסגעלאָזט פון האַנט און עס שטייף, שטייף צוגעהאַלטן.

— איך האָב געהערט אויסרופן מיין נאָמען. איך האָב זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום טישל, ניט אויפהויבנדיק די אויגן אויפן עולם. די הענט האָבן געציטערט. איך האָב אַרויסגענומען די רעדע, צוגעטאָן די ברילן.

— איך בויג זיך איין און וויל אָנפאַנגען לייענען און — אַ קלאָג האָט מיך געטראָפן. איך זע ניט קיין וואָרט. אַלע ווערטער טאַנצן פאַר די אויגן ווי שוואַרצע פליגן. די פליגן פאַראייניקן זיך, ווערן שוואַרצע פלעקן און פאַרדעקן דאָס גאַנצע זייטל. אין קאָפּ לויפן דורך פאַרשידענע געדאַנקען. אין זאַל איז שטיל. אַ רגע, צוויי. איך הויב אויף מיין קאָפּ, איך וויל זיך אַנטשולדיקן, איך וויל דערקלערן, פאַרוואָס איך וועל היינט ניט קענען ריידן, איך טו אויס די ברילן און פּלוצים, איך זע, איך זע דעם עולם, דעם דירעקטאָר. די ברילן, פאַלט מיר איין אַ געדאַנק. איך האָב פאַרביטן די ברילן מיט מיין שכנה אין ביבליאָטעק.

— נו, און וואָס האָט פּאַסירט, — פרעג איך זי מיט אומגעדולד, ווען זי האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט און אויפגעהערט דערציילן.

— אָנשטאָט וועגן „דער פרוי אין קאַמף פאַר פרייהייט" האָב איך גערעדט וועגן עפּעס אַנדערש: איך האָב גערעדט פון מיין אייגענעם לעבן, פון מיין מוטער, פון אונדזער דאָרף און פון אונדזער נײַ לעבן אין אונדזער באַפרייט פאָטערלאַנד. די חברים זיינען געווען זייער גערירט. דאָס האָט מיר געגעבן קוראַזש. איך האָב באַשלאָסן, אַז מען קען אַלץ דערגרייכן, אויב מען האָט מוט און מען איז וויליק צו לערנען.

איך האָב פאַרלאָזט דאָס קולטור־הויז. די פרוי, וואָס איז געכטן געווען אַן אַנאַלפאַבעטקע און היינט אַ שלאָגלערין פון אַ פאַבריק, וואָס גרייט זיך צו צו ריידן וועגן לעבן און שאַפן פון אַנרי באַרביס, דער קוילנגרעבער, וואָס שפּילט אין מאָליערס אַ פּיעסע, זיינען מיר פאַרבליבן אין זכרון.

איך האָב געטראַכט פון די הונדערטער טויזנטער מיינערס און שטאָל־אַרבעטער פון אַ פּיטסבורג, די שטאָט וועלכע איז אין אַזויפיל הינזיכטן ענלעך צו קאַטאָוויץ.

פאַר די אויגן איז ווידער אַרויפגעשווומען דער שוואַרצער, פאַררויכערטער וואַשינגטאָן־באַרג, פון וועלכן איך האָב אַזויפיל מאָל אַראָפּגעקוקט אויף דער דינאַמישער, גיגאַנטישער שטאָט, וואָס ליגט אין טאָל אַריבערגעבונדן מיט דריי טונקל־בלויע טייכן און זעט אויס ווי אַ גרויסער שוואַרצער זודיקער טאָפּ.

איך זע די קליינע פינצטערע אַרבעטער־כאַטקעס, וואָס הענגען אַראָפּ פון די בערג ווי נעסטן, איינגעוויקלט אין קנוילן רויך, ווי נאָגעס אין זייערע שוואַרצע טרויער־קליידער.

אין די קליינע כאַטקעס, וואָס באַשטייען ניט מער ווי פון אַ פּאָר קליינע צימערלעך, וועלכע זעען אויס ווי ענגע שאַפעס, וווינען גאַנצע פאַמיליעס פון פיר ביז אַכט פּערזאָן.

דאָרט האָט זיך גאָרניט געענדערט. אויף די משופעדיקע, קרומע געסלעך וואַלגערן זיך אָפּגעריסענע קינדער, אויף די ראָגן ביי די קענדי־סטאָרס זאַמלט זיך צונויף די יוגנט פון די געסלעך און זאַפּט איין די ביליקע לידלעך, מאָרד און פּאָרנאָגראַפיע פון די זשורנאַלן, ראַדיאָ און פילמען.

אָנשטאָט קולטור־הייזער געפינען זיך אויף טריט און שריט, קנייפּעס, שענקען, ביר־סאַלאָנען און זנות־הייזלעך פאַר די דערוואַקסענע, וואָס שלעפּן אַרויס פון קוילנגרעבערס קעשענעס די פּאָר דאָלאַר, איידער ער ברענגט זיי נאָך אַהיים צום ווייב.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן אַ בילד, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון בשעת איינעם פון מיינע באַזוכן אין דער שטאָט בעת אַ שטרייק. ס'איז געווען האַלבע נאַכט אין אַ קאַלטן פראָסטיקן דעצעמבער. די פאַבריקן זיינען געשטאַנען ווי פּאַראַליזירטע מאָנסטערס, וועמענס אָטעם האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט. אַרום ברענענדיקע פעסער זיינען געשטאַנען טויזנטער אַרבעטער און געהיט די פאַבריקן, אַז קיין שטרייק־ברעכער זאָלן זיך אַהין ניט אַריינרייסן. ביי די פלאַקערדיקע פייערן האָבן זיך שווייגנדיקע, אָפּגעריסענע יינגלעך געוואַרעמט מיט אויסגעשטרעקטע הענט, צוהערנדיק זיך גלייכצייטיק צו די רעדעס פון די יוניאָן־פירערס.

די קינדער זיינען דאַן אין שול ניט געגאַנגען. זיי האָבן געשטרייקט צוזאַמען מיט די טאַטעס.

אַן איינגעדאַרטער יינגל פון אַ יאָר עלף מיט אַ קרענקלעך געזיכט, רויט געפרוירן נעזל און רויטע פאַרשלאָפענע אויגן איז געשטאַנען לעבן מיר און געוואַרעמט די פינגער פון זיינע פיס, וועלכע האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון שוואַרצע איינגעוויקלטע שמאַטעס. ער איז געשטאַנען באַוועגלאָז, ווי

ער וואָלט שטייענדיק געדרימלט. פּלוצים איז ער אויפגעשפּרונגען און אַ הויב געטאָן די הענטלעך ווי פליגל און אויסגעזען ווי אַ פליענדיקע שוואַלב. ער צוזאַמען מיט אַלע קינדער האָבן זיך פּלוצים אַ לאָז געטאָן אַהין, וווּ ס'איז געווען די קיך פאַר די שטרייקערס.

נאָך די קינדער האָבן פיל עלטערע זיך געלאָזט אין דער זעלבער ריכ־טונג. איך האָב שפּעטער באַמערקט דעם פאַרסאַפּעטן ייִנגל, וועלכער האָט געבראַכט די ידיעה, אַז די באַלעבאַטים האָבן געשיקט זייערע משרתים צו צעברעכן די קיך, וואָס האָט זינט עטלעכע טעג פונקציאָנירט.

מיט וואָס פאַר אַן עקשנות די יוגנט האָט געקעמפט קעגן די כוליגאַ־נעס און קעגן די פּאָליציייִשע קלאָבס צו באַשיצן זייערע אָרעמע קיך.

דער קאַמף פאַר דער קיך איז כאַראַקטעריסטיש פאַר קאַפּיטאַליסטי־שע לענדער. אַנשטאָט קעמפן צו דערציִען אַ העכערן טיפּ מענטש — ווי אין די לענדער פון סאָציאַליזם — מוז מען נאָך אַלץ קעמפן פאַר דער קיך...

אַ פרימאָרגן אין ווראָצלאַוו

פאַרטאָג. די זון קריכט אַרויס פון ווייטע חורבות און קלעטערט אַרויף אויפן הימל.

איך קוק אַרויס דורך די שויבן פון מיין האָטעל־צימער. אַנטקעגן בויט מען איבער דעם אַלטן דראַמאַטישן טעאַטער. אַרום די גרויע ווענט שטייען רושטאָוואַניעס. אויסגעהאַקטע שויבן, אָפּגעריסענע טיילן דאַך, ווענט מיט אָפּגעשפּאָלטענעם צעמענט, דורך וועלכע עס קוקן אַרויס ווונדן פון רויטע ציגל, לעבער פון קוילן און אויסגעקרימטע, הענגענדיקע אייזנס פון באַלקאָנען, דערציילן די טרויעריקע געשיכטע פון זייערע איבערלעבע־נישן.

פאַררויכערטע פיגורן מיט צעשפּאָלטענע קעפּ, אָפּגעהאַקטע נעז, אויס־געשטאָכענע אויגן אויף דער גרויער וואַנט פון דעם טעאַטער וואַרטן גע־דולדיק אויף געזונטע הענט פון בויער, וואָס וועלן זיי צוריק אויפלעבן. פירשטן, ביי וועלכע די אויגן זיינען געבליבן גאַנץ, קוקן פון אונטערן שטויב מיט פאַרקילטע בליקן אויף דער גאַס.

אפשר זיינען זיי, די דייטשישע פירשטן אין שטיינערנער וואַנט, מקנא

זייערע בלינדע שכנים, וואָס זעען ניט דעם ווייסן שילד מיט די ליכטיקע אותיות: „אוליצאַ סטאַלינגראַדאַ“. איך גראָב איין מיינע אויגן אין די אותיות, ווי אין פּנימער פון אַלטע גוטע פריינט, און לייען און לייען צום הונדערטסטן מאָל. איך טראַכט וועגן די רויטאַרמייער, רוסישע מאַמעס, טאַטעס, זיידעס, קינדער, וועלכע זיינען אַזוי העלדיש געפאַלן פאַרטיידיקנדיק די שטאָט סטאַלינגראַד.

מחנות קינדער גייען שוין אין שול אַריין מיט רענצלעך און פּעקלעך אין די הענט. זיי גייען שטיפעריש, קאָפּען זיך מיט די פיס, וואַרפן שטיינדלעך, טייל שטעלן זיך אָפּ ביי דער זיך בויענדיקער געביידע, לייגן אַוועק אַ ברעט אויף אַ באַרג מיט שטיינער, מאַכן אַ הוידע און הוידען זיך מיט די רענצלעך אויף די פּלייצעס, אונטערשרייענדיק אויפן קול.

אין האָטעל גייט מיט שטילע טריט אַרום אַ מיטליאָריקע פּוילישע פרוי און רייניקט מיין צימער, אונטערמורמלענדיק אַ ניגון פון אַן אַלט פּויליש פאָלקס־ליד. ביים אויסקלאַפּן די קישנס ווערט איר קול אַ ביסל העכער און פאַלט אַראָפּ ביים ווישן דעם שטויב פון די קאַרניזן אויף די ברוינע, הויכע הילצערנע בעטן.

דאָס גרויע צלמל אויף איר ביינערדיקן האַלדז און די גרויע פּאַסמעס האָר פון איר קאָפּ פאַלן אַראָפּ אין דער זעלבער צייט און ציען זיך צו דער ערד יעדעס מאָל, ווען זי בויגט זיך איין.

גערולדיק לייגט זי צוריק דאָס קייטעלע מיטן צלמל אַריין אין בוזעם, שאַרט אַרונטער די האָר אונטערן אויער, און ציט ווייטער דעם איבערגעריסענעם ניגון.

פּלוצים האָט זיך איר ניגון ווידער איבערגעריסן און איך האָב דערפילט אירע אויגן אויף מיר, און דערהערט איר וואַרעמע, מוטערלעכע שטים:

„פּראָשען פּאַני, פּראָשען פּאַני“!

איך האָב זיך אויסגעדרייט און דערזען איר צעקנייטשט בלייך פּנים און יונגע, טיפע, צערפּולע אויגן.

— איר האָט ניט קיין מורא צו שלאָפן אין דעם בעט? — האָט זי מיך מיט אַ קינדערשער פאַרלוירנקייט אַ פרעג געטאָן, און ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער פאַרגעזעצט:

— דאָ, אין דעם בעט, איז געשלאָפן היטלער, — האָט זי לאַנגזאַם אַרויסגעזאָגט, פאַרשנדיק דערביי, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס וועט אויף מיר מאַכן.

זעענדיק מיין פולשטענדיקע רואיקייט, האָט זי ווי פאַר זיך אַליין צו־געגעבן: — אַ סך מענטשן זיינען אַבערגלויבעריש. זיי האַלטן, אַז ס׳איז ניט מזלדיק צו וווינען אין אַזאַ צימער, ווו ס׳איז איינגעשטאַנען אַזאַ טייוול.

— מיט עטלעכע חדשים צוריק איז אַהער געקומען אַן אויסלענדישע אָפּערע־זינגערין. גאָר אַ באַרימטע זינגערין איז זי געווען. דאָס צימער איז געווען פול מיט בלומען. פאָטאָגראַפן און רעפּאָרטערס האָבן אָפּגע־האַקט די שוועלן און זי האָט זיך כסדר געגריסט און געזעגנט.

— און איינמאָל, איך געדענק, ווי איצט וואָלט דאָס פּאַסירט, האַלבע נאַכט איז דאָס געווען. זי האָט צו מיר געקלונגען, איך זאָל איר ברענגען טיי. זי איז שוין געלעגן אין בעט און עפּעס ניט געקענט איינשלאָפן.

— איך האָב איר אַריינגעבראַכט אַ גלאָז טיי, אַוועקגעשטעלט אָט־דאָ אויף דעם טישעלע ביים בעט און ביים אַרויסגיין דערציילט וועגן היטלערן, וועלכער איז געשלאָפן אין אָט דעם בעט. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן יענע סצענע. זי איז אין נאַכט־העמד אַרויסגעשפּרונגען פון בעט, ווי ס׳וואָלט זי דאָרט אַ שלאַנג צעביסן. זי האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און געבעטן בייטן דעם צימער. זי וועט ניט שלאָפן אין אַ בעט, וווּ ס׳איז געלעגן אַזאַ מאַניאַק, ס׳איז ניט מזלדיק, האָט זי עטלעכע מאָל איבערגע־חזרט.

פאַרענדיקנדיק דעם אינצידענט מיט דער זינגערין, האָט מיך די פּוי־לישע פרוי פאַרשנדיק אָנגעקוקט און ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס אויך איך ווער ניט דערשראָקן פאַר דעם צימער.

— ניין — האָב איך דערקלערט — איך האָב ניט קיין מורא צו שלאָפן אין דעם בעט, צו שפּייזן אין דעם צימער, אָדער צו עסן אויף דעם טיש, ביי וועלכן היטלער איז אַמאָל געזעסן. פאַרקערט, דאָס איז דאָך דער בעסטער באַווייז, אַז ער איז טויט און איך לעב.

די פּוילישע פרוי מיט די יונגע ברוינע אויגן אין דעם בלייך־צע־קנייטשטן פּנים האָט זיך צו מיר דערנענטערט, ווי זי וואָלט זיך וועלן בעסער איינקוקן אין מיר. פלוצים זיינען אירע ברוינע אויגן פאַרשוווּנדן אונטער די האַריקע אויגן־דעקלעך, אירע ליפּן זיינען שטייף געוואָרן, אירע באַקן זיינען איינגעפאַלן, און זי איז אַ רגע אומבאַוועגלעך געשטאַנען, ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס גרוילהאַפטיקעס דערמאָנט און ווי צו זיך אַליין געמורמלט:

— אוי, פּראָשען פּאַני! איר האָט ניט געקענט דעם היטלערישן הונט און זיינע צוויגן, וועלכע האָבן אים געדינט. איך האָב זיי געזען. איך האָב

זיי באַדינגט אין איינעם פון די שענסטע האָטעלן פון לוואָוו. אַז ווי שלעכט זיי זיינען געווען, אפילו די ברעקלעך פון די טישן נאָכן עסן פלעגן זיי גיכער אַרויסוואַרפן, איידער לאָזן פאַר די אַרבעטער.

— דעם גענעראַלס באַדינער האָט מיר איינמאָל צוגעזאָגט די ברעקלעך נאָכן מיטאָג פאַרן אָפּטאָן זיין אַרבעט און אויסרייניקן די קיך און די צי־מערן. אָפּגעאַרבעט אַ גאַנצן טאָג און אַרויסגייענדיק פון זיינע צימערן מיט אַ טאָץ און עטלעכע ברעקלעך, האָב איך פונקט אָנגעטראָפן דעם גענעראַל. ווי בייז ער איז געוואָרן, דער הונט, ווען ער האָט אַריינגעקוקט אין טאָץ און דאָרט געפונען די פּאָר סקאָרינקעלעך. מיט זיינע פיס האָט ער די טאָץ פון מיינע הענט אַרויסגעשטויסן, מיך אַ שליידער געטאָן, אַז איך האָב שיעור הענט און פיס ניט צעבראָכן, און ער האָט זיין דינער אין קאָרידאָר פאַר אַלעמען אין די אויגן געפּאַטשט. אוי, סאַרא טייוולאָנים זיי זיינען געווען!

— איינמאָל, — האָט זי פאָרגעזעצט, — בין איך אַרויס פון האָטעל אין שטאָט אַריין, וואָס איך האָב זעלטן געטאָן, מורא האָבנדיק צו זען מיט די אייגענע אויגן זייערע גרויליקע מעשים, וועגן וועלכע מיר האָבן בסוד־סודות געהערט צווישן די באַדינער אין פאַרבאָרגענע ווינקלעך. ס'איז מיר אָבער פּאָרט באַשערט געווען דאָס צו זען.

— אָ, הייליקע מאַריאַ! איז דאָס געווען אַ בילד! איך וועל עס ביזן טויט ניט פאַרגעסן. טייל מאָל, ווען איך פאַרבעט די בעטן, דערזע איך עס ווידער אויף די לייַלעכער, אויף די קישנס, אויף די ווענט.

— אויף איינעם פון די הינטערשטע געסלעך פון לוואָוו איז דאָס גע־ווען, אָן אַ שיעור פראַכט־אויטאָס זיינען דאָרט געשטאַנען. איר ווייסט דאָך, וועלכע אויטאָס איך מיין, נו, די אין וועלכע מען פירט קעלבער. קינ־דער מיט צעשראָקענע אויגן, מיט צעפּלאָשעטע האָר, מיט אויפגעהויבענע הענטלעך. אָ, יעזוס הייליקער, ניט געוויינט האָבן זיי, נאָר געפּישטשעט ווי פייגל, פאַרפּלאָנטערטע אין ברענענדיקע נעסטן.

— נו, וואָס האָבן מיר געקענט טאָן? — האָט זי ווידער איבערגעחזרט, דערנענטערנדיק זיך צו מיר, וועלנדיק ביי מיר אַ טרייסט פאַר איר ווייטאָק געפינען.

— מיר האָבן געוויינט אינדערשטיל — האָט זי ווידער פאָרגעזעצט.

— געוויינט און געהיט, אַז דער שונא זאָל די טרערן ניט זען.

מיטאַמאָל האָבן זיך אירע אומעטיקע אויגן צעפינקלט. זי האָט די רעכטע האַנט מיטן פעדער־בערשטל אויפגעהויבן און עס צוריק ווי אַ בייטש

אַראָפּגעלאָזט; מיט דער צווייטער האַנט דאָס ווייסע קאָפּצודעקל טיפער אויף דעם קאָפּ אַרויפגעזעצט און מיט אַ דין שמייכעלע אויף די בלויע אויסגעצויגענע ליפּן אַרויסגעשעפּטשעט :

— אָבער די רוסן האָבן זיי פאַר אַלץ באַצאָלט, פאַר די 6 מיליאָן אומגעקומענע יידן, פאַר די 3 מיליאָן אומגעקומענע פּאָליאַקן, און פאַר אונדז, צעבראָכענע שאַרבנס, וועלכע וועלן יענע יאָרן ביזן קבר ניט פאַר־געסן. איך האָב זיי געזען די רוסן ! — האָט זי מיט שטאָלץ צוגעגעבן. — איך האָב געאַרבעט ביי זיי. אין זעלבן האָטעל זיינען זיי איינגעשטאַנען, נאָך דעם ווי זיי האָבן די בעסטיעס פאַרטריבן.

— מיינע אַלטע אויסגעווייינטע אויגן האָבן דערלעבט צו זען די רוסן. זיי זיינען אַריינגעקומען ווי ברידער, באַרואיקט די אַרבעטער און מיט ברויט זיך געטיילט. טייערע מענטשן זיינען זיי, און גאָלדענע הערצער האָבן זיי. אָ, יעזוס מאַריאַ, איך האָב זיי אַליין געזען. — די פּוילישע פרוי האָט זיך אויסגעדרייט און זיך גענומען צו דער אַרבעט, ציענדיק ווידער דעם ניגון פון פּוילישן פאָלקס־ליד.

אויף מיין באַלקאָן האָט דער פּאָרטיע אַרויסגעהאַנגען אַ יום־טוב־פאָן, דערקלערנדיק מיר דורכן פענצטער, אַז ס'איז היינט דער „פּויליש־סאָוויע־טישער פריינטשאַפט־טאָג", און פאָרן אַוועקגיין צוגעגעבן מיט אַ הייזערי־קער שטימע : — פון אָט דעם באַלקאָן, פראַשן פּאַני, האָט היטלער אַליין געהאַלטן זיין רעדע אין 1941 און צוגעזאָגט אַ טויזנט־יאָריקן רייך...

דער פּאָרטיע איז אַוועק. די פרוי איז אַוועק. פאַר די אויגן האָבן זיך געצויגן שאָטנס פון היטלער־געשפּענסט. די העלע זון האָט פאַרטריבן פון מיינע אויגן די פינצטערע שאָטנס.

נאָוואַ־הוטאַ — די שטאָט פון דער צוקונפט

מיר פאָרן אָנקוקן די שטאָט נאָוואַ־הוטאַ, וועלכע ווערט געבויט 15 קילאָמעטער פון קראָקע און וועט צום סוף פון זעקס־יאָר־פּלאַן פּראָדוצירן מער שטאָל, ווי דאָס גאַנצע לאַנד פאַרן קריג.

די אַלטע קראָקע וועט יונג ווערן. אַ געזונטער אַרבעטער־גייסט וועט אויסלופטערן איר אַלטע אוניווערזיטעט, אָנפילן אירע אָדערן מיט פרישן יונגן בלוט און אויפלעבן איר פאַרגליווערט האַרץ.

אונדזער אויטאָ יאָגט זיך אויף אַ ווייסן, גלאַטן שאָסיי, וועלכער איז ספּעציעל אויפֿגעבויט געוואָרן צוליב דער נייער שטאָט. אַ נייער טראַמוויי פֿאָרט אָן מיט זינגענדיקע אַרבעטער. קאַמיאָנען מיט רויטע פֿאָנען פֿירן צו דער אַרבעט פֿרייוויליקע בריגאַדעס, וועלכע גיבן אָפּ זייער פֿרייע צייט צו העלפֿן בויען די גאָוואַ־הוטאַ. מען פֿאָכעט מיט די הענט. מען גריסט זיך. מען זינגט.

מיט שפּאַנונג דערוואַרט איך דעם אָנבליק פֿון דער נייער שטאָט, וועלכע ווערט געבאָרן אין אַ לאַנד, וואָס בויט דעם סאָציאַליזם.

איך מאַך צו מיינע אויגן און פּרוביר זיך פֿאָרשטעלן אַ שטאָט, וואָס האָט נישט קיין איין חורבה, קיין איין איינגעפֿאַלן הויז, קיין איין צעבראָכענע גאַס מיט אויסגעקנופּטע טראָטואַרן, ווו אַלץ איז שפּאָגל־נײַ.

מיר דערנענטערן זיך צו די ראָזעווע פּאַסן ווי צו אַ זון־אויפֿגאַנג אויף דעם סוף פֿון אונדזער וועג. מיר קומען אָן צו אַ ריזיקן פֿעלד, איבער וועלכן עס טראָגן זיך מוזיק־קלאַנגען פֿון דערבייאיקע הילכערס. אַ וואַלד מיט שפּאָגל־נײַע, דריישטאָקיקע הייזער שטייט אויסגעשטעלט אין לאַנגע, גראָדע בלאָקן. טייל פֿון זיי זײַנען שוין באַוווינט, טייל זײַנען שוין אויסגעפֿאַרבט, געגלאָזט, און מען ציט שוין אַרײַן אין זיי עלעקטריע און באַלד וועלן זיי שוין אויך זײַן גרייט, מען זאָל זיך אין זיי באַזעצן.

דאָ ליגן בערג מיט ציגל, זאַמד, שטיינער און קאַנטהאָלץ. אויף אַ צווייטער זייט ליגן הויפֿנס מיט בעטאָן־רערן פֿאַר קאַנאַליזאַציע און שטאָלרערן פֿאַר וואַסער־לייטונג און צענטראַל־באַהייצונג.

אומעטום טרעפֿט מען די נייסטע סאָוויעטישע בוי־מאַשינען, ערדגראָבערס, אייזנבויגערס, טראַנספּאָרטערן און קאַלך־מאַשינען. טויזנטער מענטשן באַוועגן זיך הין און צוריק. יונגע פֿרויען אין הויזן און שטיוול פֿירן וועגעלעך מיט ציגל, אַנדערע לייגן זיי אויס בײַ די רושטאָוואַניעס. איבער אַ לאַנגער טאַשמע פֿון הענט וואַנדערן בערג פֿון ציגל צו די מויערס, וועלכע שטייען אויבן אויף די ווענט.

עס שווינדלט פֿאַר די אויגן פֿון דער פֿאַנטאַסטישער שנעלקייט, מיט וועלכער זיי אַרבעטן. עס הויבן זיך ווענט. עס פֿאַרשווינדן בערג. אַלץ באַוועגט זיך און וואַנדערט איבער פֿון איין פּלאַץ אויפֿן צווייטן אין אַ געפּלאַנטער אָרדענונג.

אַ מיידל לויפֿט פֿאַרבײַ מיט אַ פּאַק צייטונגען. אַ ייִנגל לייגט אויס בײַכער אין אַ פֿענצטער פֿון אַ פּאַרטיקער געביידע. אַ פֿויער טראָגט אַ קאַסטן מיט פֿרישע, וואַרעמע ברויטן, אַ צווייטער — אַ בעטאָן־רער און לויפֿט

מיט דער שווערער משא, ווי ס'וואָלט געווען אַ דין צווייגל. דער ראַדיאָ שפּילט אַרבעטער־לידער און די קעלניעס אין די פּלינקע הענט און די טריט באַ־וועגן זיך צום טאַקט פון די טענער.

אַ יונגער עלעקטראָטעכניקער דערציילט אונדז, אַז מיט אַכט חדשים צוריק האָט ער דאָ געפּאַשעט קי און געוווינט אין אַן אַלטער כאַטע נישט ווייט פון דעם פּלאַץ, וווּ עס בויט זיך די נייע שטאָט. אַכט חדשים צוריק איז דאָ־געווען אַ פּוסט פעלד, באַשטעטיקן די אַנדערע. טויזנטער פּויערים קומען אַהער, גייען דורך די דריי־חדשימדיקע פאַך־שול, ווערן קוואַליפי־צירטע אַרבעטער און העלפן בויען די שטאָט.

פאַרן קריג פלעגן די היגע פּויערים אויסגיין פון הונגער. די האַרטע באַרגיקע, קאַרפּאַטישע ערד האָט נישט געקענט שפּייזן צו דער זעט די, וואָס האָבן פון פרי ביז שפּעט אויף איר געאַרבעט. צענדליקער טויזנטער פּויערים פלעגן מיט קלומעקלעך אין די הענט אויסוואַנדערן איבער דער וועלט און זוכן אַ שטיקל ברויט.

אַ בלאָנדער יונגערמאַן מיט טרוימערישע אויגן פירט אונדז אַרום איבער די גאַסן און זעט שוין די שטאָט פון מאָרגן. ער קוקט אויף אַ בערגל ציגל און רעדט פון אַ ריזיקער געביידע, וועלכע וועט זיין אַ טעאַטער. ער ווייזט אונדז אָן אויף אַ בערגל זאַמד און זאָגט: — דאָ וועט זיין אַ שול — און שילדערט איר אויסזען, ווי ער וואָלט שוין דאָרט געווען. ער גייט מיט אונדז איבער פרייע פעלדער און זעט שוין די מאָרגנדיקע מענטשן, זייערע דערגרייכונגען, זייער לעבן, זייערע אַקטיוויטעטן. ער רעדט צו אונדז מיט אַ שטילן, ווייכן קול און קוקט ערגעץ ווייט, ווי ער וואָלט דאָרט געזען דעם פּילם פון דער מאָרגנדיקער שטאָט. ער איז נישט נאָר אַ טרוימער, ער העלפט אויך פאַרווירקלעכן דעם טרוים.

זיין נאָמען איז רישאַרד שטשעפּאַניק און ער שטאַמט פון אַ דער־בייאיקן דאָרף. זעקס יאָר איז ער געווען אין געפאַנגענשאַפט און איבער־געלעבט מאַטערנישן. ניין קינדער זיינען זיי געווען אין דער פאַמיליע און אויסגעגאַנגען פון הונגער.

— ווער האָט עס געקענט האָבן אַ געלעגנהייט זיך צו לערנען! ווינ־טער האָט זיך אונדזער כאַטע געטונקען אין בלאָטעס און ס'איז אַפילו נישט געווען קיין פּאָר גראָשן אויף אַ ביסל קעראָסין אָנצוצינדן אַ לעמפּעלע און קענען עפּעס לייענען; זומער האָט מען מיט די נעגל געריסן די האַרטע שטיינערנע ערד אַרויסצוקריגן פון איר אַ שטיקל ברויט. פּויערים האָבן פאַרלאָזט זייערע פאַמיליעס, זייערע היימען און זיך אַוועקגעלאָזט אין

פרעמדע לענדער צו געפינען אַרבעט, און היינט — דערציילט ער אונדז מיט צעשטראָלטע אויגן, — קומט מען צוריק פון ווייטע לענדער אַהיים. ביי אונדז פעלט נישט קיין אַרבעט און נישט קיין ברויט.

רישאַרד שטשעפּאַניק, דער זון פון אַ פּויער און אַליין אַ שטיין־האַקער, איז היינט דער רעדאַקטאָר פון דער היגער צייטונג „מיר בויען דעם סאָ־ציאַליזם". ער אַרבעט בייטאָג און לערנט זיך אין אוניווערזיטעט, כדי צו פאַרפולקומען זיך אַלס זשורנאַליסט. ער האָט ניט לאַנג צוריק געקראָגן אַ פּרעמיע פון דרייסיק טויזנט זלאָטעס פאַר זיינע דערגרייכונגען.

— אָט דאָס איז סאָציאַליזם, אָט דאָס איז דאָס נייע לעבן. עס נעמט אַראָפּ די הויקערס, טוט אַרויף פליגל און זאָגט: פלי! — דערקלערט אונדז דער יונגער רעדאַקטאָר אין דער נייער סאָציאַליסטישער שטאָט, צוגעבנדיק ביים געזעגענען זיך, אַז דאָס אַלץ האָבן זיי צו פאַרדאַנקען דעם ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער האָט זיי ניט נאָר באַפרייט, נאָר העלפט צו אויך בויען די נייע ווירטשאַפט. ניט נאָר די בוי־מאַטעריאַלן און די מאַשינען, נאָר אויך די סאַמע בעסטע אינזשעניערן האָבן זיי אַריינגעשיקט און אַ דאַנק זיי וועט אויסוואַקסן די נאָווע־הוטאַ, וועלכע וועט באַאיינפלוסן די פּראָדוקציע פון גאַנצן לאַנד און ענדערן דעם גורל פון טויזנטער מענטשן.

מיטאַמאָל האָט זיך צו אונדז דערטראָגן אַ נייער מאַסן־געזאַנג, וועל־כער האָט זיך אַלץ מער און מער דערנענטערט און אַלץ הילכיקער געוואָרן, ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן איבערצושטייגן דאָס געזאַנג, וואָס טראָגט זיך פון די הילכערס.

אַ ריי אויטאָבוסן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן פרייען פעלד און אַ מחנה יונגע, זינגענדיקע סטודענטן זיינען פון דאָרט אַרויסגעשפּרונגען און זיך אַ לאָז געטאָן צו די בערג מיט ציגל.

— דאָס זיינען זיי געקומען אַרויסהעלפן בויען די נייע שטאָט — דער־קלערן אונדז די אַרבעטער.

עס וואַקסט אויס אַ לאַנגע ריי און אַ באַרג מיט ציגל באַוועגט זיך. אַ וואַרעמער שטראָם פליסט איבער אַלע געזיכטער. אַ פיבערדיקע היץ גייט איבער פון האַנט צו האַנט און די ציגל ווערן וואַרעם. עס דאַכט זיך, אַז דאָס זיינען ניט קיין ציגל, נאָר פרישע, וואַרעמע ברויטן און דער גאַנצער הויף אַ ריזיקע בעקעריי. יונגע סטודענטן מיט פאַרביקע היטלעך, מיט ראָ־זעווע, פאַרשוויצטע פּנימער, שוועבן פאַרביי, ווי זיי וואָלטן איצט אָפּגע־האַלטן אַן עקזאַמען, פון וועלכן עס הענגט אָפּ זייער גאַנץ לעבן.

איך טראַכט פון די אַמאָליקע סטודענטן אין אַלטן פוילן, וועלכע זיינען

דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון גרינגשעצונג און פאַראַכטונג צום פאָלק. און היינט קומען גייע סטודענטן מיט אַזויפיל ליבשאַפט צוהעלפן די פּויערים בויען אַן אַרבעטער־שטאַט.

זייער אימפּעט גיסט זיך אַריבער צו די באַאָבאַכטער. מיר פילן גאָר־נישט, ווי מיר שטייען שוין צוזאַמען מיט זיי אין דער זעלבער ריי און האַלטן אין די הענט די וואַרעמע ציגל. און עס דאַכט זיך, אַז מען האָט אָנגערירט דאָס האַרץ פון דעם מאַרגנדיקן גיגאַנט נאָוואַ־הוטאַ און דערפילט דעם אָטעם פון דער צוקונפט. איז דען אַ וואונדער, וואָס מען בויט מיט אַזאַ אימפּעט, מיט אַזויפיל ענטוזיאַזם?

אויך די פרויען נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער בויאונג פון דער נאָוואַ־הוטאַ. אויך צווישן זיי זיינען פאַראַן שלאָגלערינס, וועלכע מאַכן ביז איצט נאָך נישט געהערטע דערגרייכונגען. אַ פרויען־בריגאַדע בויט אַ היים פאַר זויג־קינדער און זיי וועלן עס פאַרענדיקן אַ חודש פריער, ווי דער פאַרגעזעענער טערמין — דערקלערט מיר זייער פירערין, די שלאָג־לערין מאַריאַ וולאַדעק — אַ יונגע פּויערטע מיט אַ העל געזיכט און גרינגע אויגן.

פון אַ פאַרביק, געבלימלט טיכל קוקן אַרויס פּאַסמעס בלאָנדע האָר. איר בלויע וואַטענע פאָדיאָווקע, די בלויע הויזן און די גלאַנציקע שטיוועלעך באַהאַלטן אין זיך אַ שלאַנק, ענערגיש מיידל מיט אַן אַנטשלאָסענעם אויס־דרוק פון פּנים. זי זעט אויס ווי אַ פאַראַשוטיסטין, וועלכע וואָלט זיך נאָר־וואָס אַראָפּגעלאָזט פון אַן אַעראָפּלאַן.

אַ זעלטענע קראַפט שלאָגט פון איר, אַזאַ, וועלכע מען טרעפט ביי העלדישע פרויען אויף די פראָנטן.

מיר דריקן זיך די הענט און קוקן זיך אָן, ווי מיר וואָלטן זיך וועלן דערמאָנען, ווו און ווען מיר האָבן זיך שוין אַמאָל באַגעגנט.

— ווו נעמט איר כוח צו לייגן צוויי טויזנט ציגל אַ טאָג? — פרעג איך זי.

זי שלעפּט אַרויס פון קעשענע אַ רויט טיכל, צעעפנט עס ברייט און ענטפערט מיר, קוקנדיק אויף דעם:

— ווען איך זע דאָס רויטע טיכל און טראַכט וויפל בלוט עס האָט איינגעזאַפּט, כדי מיר דאָ זאָלן קענען זיין פריי, צעיאָגן זיך אַליין די הענט און עס איז זייער גרינג אַריבערצושטייגן אַלע נעכטיקע נאָרמעס.

זי דערציילט מיר וועגן דער נויט און דער אָרעמקייט, אין וועלכער זי איז דערצויגן געוואָרן — און איצט וועלן מיר, פּויערים, ווינען אין אַט

די נייע דירות, וועלכע מיר בויען; אונדזערע קינדער וועלן האָבן שולן און זיך קענען לערנען, אונדזערע לײדן זײנען פאַרענדיקט, — האָט זי טריאומפירנדיק אויסגערופן און אַ כוואַליע פרייד האָט אַ פלייץ געטאָן פון איר.

ביים געזעגענען זיך האָט זי מיר געגעבן אַ בילד פון איר פרויען־בריגאַדע, באַמערקנדיק, אַז זיי זײנען נישט נאָר שלאָגלערינס, נאָר אויך קעמפערינס פאַר פרידן:

— נעמט און באַווייזט אונדזערע פרייַלעכע פנימער צו די אַמעריקאַנער פרויען און זאָגט זיי, זיי זאָלן גלייך מיט אונדז קעמפן פאַר פרידן. ווער ווייסט נאָך בעסער פון אונדז די לײדן, וועלכע ווערן פאַראורזאַכט דורך קריג. ס'איז נישט גענוג בלויז צו געבן דאָס לעבן, מיר מוזן עס פאַרטיידיקן!

אירע רייד האָבן נאָך געקלונגען אין מיינע אויערן, ווען זי איז שוין געווען אויף די רושטאָוואַניעס.

די מוזיק פון די הילכערס, דאָס געזאַנג פון די אַרבעטער, די טריט פון די שטיוול, דאָס סקריפּען פון די ציגל, די ריטמישע קלאַפּעריי פון די וועגעלער, קעלניעס, בעטאָן־רערן, הובל, האַמערס, האָט זיך אויסגעמישט אין איין גרויסער בויאונג־סימפאָניע, אין איין גרויסן לויב־געזאַנג צו אַרבעט און צום מענטש.

די יידישע מלוכהשע י. ל. פרץ־שול

ווען דער קולטור־אָוונט אין ליגניץ איז שוין לאַנג געווען פאַרענדיקט און דער זאַל ליידיק, זײנען נאָך אַלץ געשטאַנען אַרום אונדז אײנגעקשנטע אַרבעטער און אייננעטענהט, אַז מיר זאָלן ביי זיי איבערנעכטיקן און מאָרגן דעם גאַנצן טאָג באַזוכן זייערע קולטור־אינסטיטוציעס, פאַבריקן, קאָאָפּעראַטיוון און זען מיט די אייגענע אויגן זייערע דערגרייכונגען אין די לעצטע עטלעכע יאָר.

— אונדזער דראַמקרייז האָט מאָרגן אַ רעפּעטיציע פון „וויסן מלאך“, קומט און זעט, ווי אַרבעטער שפּילן טעאַטער.

— אונדזער כאָר טרעפט זיך מאָרגן. אונדזער מיטגלידערשאַפט איז געשטיגן פון פינף און צוואַנציק אויף אַכט און פערציק. איר וואָלט געדאַרפט זען ווי מיר זינגען.

— אונדזער קולטור־הויז איז שוין באַלד אַרויסגעענדיקט, דער בעס־טער אַרכיטעקט פון לאַנד איז אַראָפּגעקומען אַהער העלפן בויען, דאָס איז שוין איינמאָל אַ פּאַלאַץ, ס'איז דאָ וואָס אָנצוקוקן. איר קענט ניט אַוועק־פאָרן און דאָס ניט זען.

אַ מיטליאָריקער אַרבעטער, קענטיק דער ביבליאָטעקאַר, האָט ניט אָפּ־געלאָזט: — סטייטש איר וועט ניט זען אונדזער ביבליאָטעק? אונדזער פאַרלאַג „יידיש בוך" האָט דאָך אויפגעלעבט, איבער דרייסיק בענדער פון וואגיקע ווערק האָבן זיי דאָך היינטיקס יאָר אַרויסגעגעבן. עס גייט אָן אַ פּאַרמעסט אין די פאַבריקן, ווער עס וועט שאַפן מער אַבאָנענטן. ס'זיינען שוין פאַראַן 3500 יערלעכע אָפּנעמער פון יידישן בוך, און ס'וועט אינגיכן זיין 5000 אויך. אדרבא, אין וויפל עקזעמפּליאַרן גייט ארוים ביי אייך אין אַמעריקע אַ יידיש בוך? — האָט ער מיר פּלוצים אַ פרעג געטאָן און איך האָב זיך געשעמט צו ענטפערן, אַז ביי אונדז אין אַ ישוב פון איבער 5 מיליאָן יידן איז 1500 עקזעמפּליאַרן דער העכסטער טיראַזש פון אַ יידיש בוך, און וועגן דעם אופן, ווי אַזוי ער ווערט פאַרשפּרייט און פון די הונ־דערטער עקזעמפּליאַרן, וואָס וואַלגערן זיך אין די קעלערס פון פאַרלאַגן, איז שוין בעסער ניט צו ריידן...

אַ צווייטער אַרבעטער האָט פאָרגעשלאַגן צו זען די ליגניצער פּרץ־שול:

— ס'איז דאָ וואָס צו זען: אַ יידישע מלוכה־שול, וו די לאָקאַלן, די איינריכטונגען, די שכירות פאַר די לערער און אַלץ, וואָס מען דאַרף, ווערט אויסגעהאַלטן פון דער רעגירונג. איר מעגט אָנקוקן אַ צאָל פון אונדזערע שולן, וו טויזנטער יידישע קינדער איבערן לאַנד לערנען זיך. צוויי מיטל־שולן און אָוונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע פאַרמאָגן מיר און אַלץ ווערט גע־פירט מיט די פאָנדן פון מלוכה־בודזשעט.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָבן שוין אויף אונדז געוואַרט מיטגלידער פון דער קולטור־קאָמיסיע און צוזאַמען מיט אונדז צום אַלעם ערשטן געפאָרן צו דער יידישער מלוכה־שול.

אויפן הויף און אַרום דער גרויסער מער־שטאָקיקער געביידע איז גע־ווען שטיל. בלויז דורך די שויבן האָבן דאָ און דאָרט אַרויסגעשטעקט קינ־דערשע קעפּלעך. אויך אויף די שטיגן איז געווען שטיל, בלויז איין פּאָר קינדערשע אויגעלעך האָבן פון ערגעץ אַ באַהעלטעניש אַרויסגעבליצט און פאַרשוואונדן.

אַלע קינדער זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט אין דער גרויסער אוידיטאָ־

ריע. ווי בלומען־בייטן האָבן אויסגעזען די לאַנגע, אויסגעפּוצטע קינדער־רייען מיט די קאָלירטע שלייפן אין די בלאָנדע און טונקעלע קעפּלעך.

הונדערטער בלויע און שווארצע אויגעלעך האָבן אַ כוואַליע געטאָן אויף מיר מיט זומערדיקער, טייכיקער פרישקייט.

איך האָב געקוקט אויף די קליינע פאַרחלומטע פּנימלעך מיט די בלאָנדע און שוואַרצע צעפּעלעך, איבער די דינע פאַרשנירעוועטע גאָמבעלעך, איבער די צעפּאַדלטע ייִנגלישע שויבערלעך און געטראַכט פון די שווערע ליידן און גרויזאַמקייטן, וועלכע די קליינע קינדערלעך האָבן שוין אין זייערע יונגע לעבנס אויסגעשטאַנען און מיט די קינדערשע אויגעלעך צוגעזען.

דער פאַרוואַלטער האָט נאָך אַ קורצן פאָרוואָרט אָנגעפאַנגען דעם קינסטלערישן פּראָגראַם, פאַרשטעלנדיק די אָנטיילנעמער.

דער פּראָגראַם איז געווען אַ לאַנגער און אַ רייכער. נאָך דעם קינדער־כאָר איז אויפגעטראָטן דער מאַנדאָלין־אָרקעסטער. קינדער פון פאַרשיידענעם עלטער האָבן מיט אַ סך געפיל און פאָלקסטימלעכקייט רעציטירט יידישע, סאָוויעטישע און פּוילישע לידער. אַ קליין מיידעלע פון אַכט יאָר מיט אַ קאָפּ בלאָנדע לאָקן האָט מיט אַ פיינער דיקציע און אינטערעסאַנטער אינטערפּרעטאַציע רעציטירט אַ שלום־ליד. אַ ייִנגל פון עלף יאָר האָט אויפגעשטורעמט דעם זאַל מיט זיין פאָרלייענען אין רוסיש מאַיאַקאָווסקים פּאָעמע „לעוואי".

אַ שילערין פון אַרום ניין יאָר מיט אַ טונקל פּנימל און לאַנגע שוואַרצע צעפּעלעך מיט רויטע לענטעס האָט אויסגעטאַנצט אַ ציגיינער־מאָטיוו. דאָס פּייקעלע אין אירע הענטלעך האָט אויסגעזען ווי אַ פייער־טעצל און די לאַנגע צעפּעלעך מיט די רויטע לענטעס האָבן זיך דאָרט אָנגעצונדן און אַריבערגעטראָגן די פונקען אין איר קליין עלאַסטיש קערפּערל.

—כמעט אַלע פון אָט די קינדער זיינען געווען אין ראַטנפאַרבאַנד, טייל זיינען אפילו דאָרט געבוירן געוואָרן. — האָט מיר דערקלערט אַ מורער, אַ מיטגליד פון דער עלטערן־פאַרוואַלטונג. ביים פאַרענדיקן דעם קאָנצערט האָבן זיך אַלע קינדער אויפגעשטעלט און מיט גרוים פּאַטאָס געזונגען: „זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג".

ביים געזעגענען זיך האָבן מיר די קינדער איבערגעגעבן אַ מתנה: אַן אַלבאָם מיט לידער און באַגריסונגען פון די שילער אין נאָמען פון די קינדער, לערער און עלטערן פון דער י. ל. פּרץ מלוכה־שול אין ליגניץ.

נאָך דעם האָט אונדז איינער פון די לערער אַרומגעפירט איבער די ציכ־

טיקע, פיין־איינגעאָרדנטע קלאַסן און קינדער־קלובן. ער האָט אונדז אָנגע־וויזן אויף די האַנט־אַרבעטן, וואַנט־צייטונגען, צייכענונגען, מאָלערייען, אויסשטעלונגען. ער האָט זיך פאַרהאַלטן נעבן אַ וואַנט מיט צייכענונגען, זיך פאַרטראַכט אויף אַ ווייל און דערנאָך דערקלערט:

— אַמאָל איז זיין אַ יידישער לערער געווען אַ מאַטערניש, מען האָט לאַנג קיין שכירות ניט געקראָגן, געלערנט אין חורבות. ס'איז אויסגעקומען צו זיצן מיט צענדליקער קינדער אין אַ קליין צימערל און די שילער איז מער געלעגן אינזינען, ווי אַזוי צו שטילן דעם הונגער איידער די לימודים. דערצו די וויזיטן פון די פאָרשטייער פון בילדונג־מיניסטעריום, וואָס האָבן פאַר דערשמעקן אַ פראָגרעסיוו וואָרט געקענט צו יעדער צייט צומאַכן אַ שול. וואָס פאַר אַ פחד זייער אָנוועזנהייט האָט אריינגעבראַכט אין אונדזע־רע קלאַסן. היינט איז זיין אַ לערער אַ פאַרגעניגן. מיר האָבן די בעסטע מעגלעכקייטן זיך אָפצוגעבן מיטן געשטאַלטיקן און פורעמען אָט די יונגע בירגער פון אונדזער נייער געזעלשאַפט. די רעגירונג קאַרגט ניט קיין זאַך פאַר זיי.

איך האָב זיך נאָכגעפרעגט ביים לערער, צי די היינטיקע קינדער אונ־טערשיידן זיך מיט עפּעס פון זיינע אַמאָליקע שילער.

— געוויס — האָט ער, גאָרניט טראַכטנדיק, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — די נייע באַדינגונגען ברענגען אַרויס דאָס בעסטע און דאָס שענסטע אין זיי. דערצו מוז מען געדענקען, אַז זיי האָבן כמעט אַלע דורכגעמאַכט די לעצטע מלחמה און צוזאַמען מיט דער מוטערס מילך אַריינגעזויגן דעם ביטערן פיין פון יענע טעג. זיי האָבן אינטעליגענץ פון צוויי מאָל זייערע יאָרן, וויטאַליטעט, פעאיקייטן און אומבאַגרענעצטן ווילן זיך צו לערנען און צו זיין נוצלעך. זייערע אויגן מאָנען... און מיר לערער פילן זיך שטענ־דיק שולדיק קעגן זיי. עס ווילט זיך פאַרגיטיקן פאַר אַלץ, וואָס זיי האָבן געליטן. עס ווילט זיך זיי געבן מער, וויפל מען פאַרמאָגט.

מיר האָבן פאַרלאָזט די שול מיט אַ געמישטן געפיל פון צער און פרייד. איך האָב געטראַכט פון אָט דעם אָנהייב פון אַ נייעם לעבן און פון דעם באַרג מיט קינדערשע שיכלעך, וועלכן איך האָב געזען אין מאַידאַנעק.

אויף די שטיגן און אויפן הויף האָבן אונדז אָפּגעוואַרט אַ צאָל שילער מיט ביכער אונטער די אָרעמס און מיט נייגעריקע, פריינטלעכע אויגעלעך.

אַ יונגער סקויט מיט אַ שפּיציקער גאָמבקע און צעשויבערטן טשוביק האָט מיר צוגעטראָגן אַ מתנה, אַ צייכענונג פון אַ מלוכה־ווירטשאַפט, ווו

די שילער פון זעקסטן און זיבעטן קלאַס זיינען אַרויסגעפאָרן לכבוד דעם 34־טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

ביים איבערגעבן די איינצלהייטן פון יענעם טאָג האָבן זיך זיינע העלע אויגן ברייט צעעפנט פאַר פרייד, דער טעמפּאָ פון זיין ריידן איז שטאַרק פאַרשנעלערט געוואָרן און דאָס קליינע פּנימל איז אָנגעגאָסן געוואָרן מיט פאַרבן:

— אַן אויטאָבוס איז אונדז פאַרטאָג געקומען נעמען. ס'איז געווען אַ פריילעכע רייזע. מיר האָבן נאָך קיינמאָל אַזויפיל ניט געלאַכט. דאָרט האָבן מיר באַגעגנט אַזויפיל גענדז, הינער, קאַטשקעס, קי, פערד און יונגע לאָשעקעס. מיר האָבן זייער פלייסיק געאַרבעט. אַ גרויסן באַרג מיט קאַר־טאָפל האָבן מיר אָנגעגראָבן. דער דירעקטאָר האָט געזאָגט, אַז מיר קענען זיך גאָרניט פאַרשעמען קעגן די דערוואַקסענע. ס'איז געווען אַ גרויסער יום־טוב, מיר זיינען געריטן אויף פערד און זיך גוט פאַרווײַלט.

—ניט נאָר דאָס טוען מיר לכבוד דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — האָט איבערגעריסן אַ צווייטער ייִנגל, און איידער ער האָט נאָך באַוויזן אויסצו־רעכענען, האָבן אים אונטערגעכאַפּט אַ ריי קלינגענדיקע קולכעלעך:

—מיר באַקענען זיך מיט די דערגרייכונגען פון ראַטנפאַרבאַנד, מיר באַזוכן אויסשטעלונגען, געווידמעט דער וויסנשאַפט, ליטעראַטור און בויאונג פון דעם גרויסן לאַנד. מיר גייען זען סאָוויעטישע פילמען און דיסקוטירן וועגן זיי דערנאָך אין קלאַס.

—מיר אָרדענען איין אַן אויסשטעלונג פון די אַלבאָמען, וואָס אי־לוסטרירן די סטאַלינישע קאָנסטיטוציע און מאַכן אַ קאָנקורס פון די וואָנט־צייטונגען וועגן דעם ראַטנפאַרבאַנד — האָט אויסגעזונגען אַ דין שטימעלע פון אַ מיידעלע.

— און דער עיקר זיך גוט לערנען און העלפן די אָפּגעשטאַנענע שילער אָניאָגן די פאָרויסגייענדיקע, — האָט אונטערגעכאַפּט אַ צווייט מיידעלע.

אַ צווייטער שילער פון אַ יאָר צען מיט אַן ערנסט, פאַרטראַכט פּנימל האָט מיך געפרעגט, צי זיי וואָלטן זיך געקענט דורכשרייבן מיט די אַמערי־קאַנער קינדער אַזוי ווי מיט די סאָוויעטישע פּיאָנערן און זיך נאָכפרעגן, וואָס זיי טוען פאַרן שלום.

אַ חנעוודיקע שילערין פון אַ יאָר צען — עלף, מיט שוואַרצע צעפּעלעך, איבערגעבונדן מיט ווייסע לענטעס, האָט שטאַרק געוואָלט וויסן, צי איך וועל זיין אין אוזבעקיסטאַן.

— איך האָב דאָרט אַ גוטע באַבושקאַ און וואָלט וועלן מיטשיקן אַ גרוס. — איר טונקל פּנימל איז פאַרדרייט געוואָרן, זי האָט געדרייט מיטן קעפּעלע הין און צוריק, ווי זי וואָלט זוכן אַ באַשטעטיקונג ביי אירע חברטעס.

— זי האָט מיך ליב פּונקט ווי איר וואַסינקען. זי האָט מיך די גאַנצע צייט פון קריג אָפּגעהיט פּונקט ווי אים. ווען איך בין געווען קראַנק, איז זי יעדן טאָג געגאַנגען צוויי קילאָמעטער צו אַ שכנישן דאָרף, כדי מיר פון דאָרט צו ברענגען אַ ביסל מילך. זי האָט ניט געוואָלט, אַז איך זאָל אַוועקפאָרן. ווען מיין פּאַפּאַ קומט מיך ניט אָפּנעמען, וואָלט איך דאָרט געבליבן.

—און וווּ איז געווען דיין פּאַפּאַ ? האָב איך זי געפרעגט.

—אין דער רויטער אַרמיי

—און דיין מאַמע ?

אָבער אויף מיין לעצטער פראַגע האָט זי מיר שוין ניט געענטפערט. אין אירע טונקל-שוואַרצע אויגעלעך האָבן זיך באַוויזן טרערן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס קעפּעלע, אַריינגעכאַפּט דעם בלייפעדער אין מויל, עס דאָרט אַרומגעדרייט אַ וויילע און מיטאַמאָל זיך האַסטיק אַ קער געטאָן און אַריינגעלאָפן אין שול-הויף.

— איר מוטער איז אומגעקומען פון די נאַציס — האָט מיר אַ דין קולעכל אונטערגעזאָגט.

—די נאַציס האָבן אַסך מוטערס אומגעבראַכט — האָט אונטערגעכאַפּט אַ צווייט שטימעלע.

אַ וואָלקנדל טרויער איז אַרויפגעקראָכן אויף די שיינע קינדערשע פּנימלעך. דאָס וואָרט „נאַציס" האָט אויפגעפרעסן זייער פרייד. יעדן פון זיי האָט עס אין עפּעס גרויזאַמעם דערמאָנט. זיי האָבן מיך באַגלייט עטלעכע גאַסן. שווייגנדיקע זיינען זיי געגאַנגען, גאַרניט ווי קיין קינדער.

זיי האָבן געפּאַכעט מיט די קליינע, צאַרטע הענטלעך, ווען מיין אויטאָ האָט זיך גערירט. אייניקע האָבן אפילו געשמייכלט, בלויז דער יונגער סקויט האָט עפּעס נאָכגעשריגן. דאַכט זיך „בריוו", האָט ער געשריגן. „בריוו ווי די פּיאָנערן."

די מאַשין האָט זיך געוויגט און איך בין שוין געווען וויט, וויט פון ליגניץ און איך האָב זיי נאָך אַלץ געזען, די יונגע קינדער, וועלכע האָבן אָנשטאָט וויג-לידער געהערט דאָס קנאַלן פון קאַנאָנען.

איך האָב געמישט די בלעטער פון דעם אַלבאָם און צענדליקער מאָל געלייענט די זעלבע שורות פון זייערע לידער:

„דאָרט ווו באָבע־זיידע שוועבן,
בויען מיר אַ נייעם לעבן.“ (שילעריו פון 7־טן קלאַס.)

„יונגע, שטאָלצע וועבן מיר און שמידן
אַ וועלט פון ליבשאַפט און פון פרידן“ (שילער פון 6־טן קלאַס.)

„מיר האָבן שוין גענוג געליטן
מיר ווילן בויען, מיר ווילן פרידן!“ (שילער פון 7־טן קלאַס.)

דער וועג איז געווען אַ לאַנגער, אַ ווייסער, אויסגעשטריקט מיט קו־פער־רויטלעכע פליינען, און פייגל האָבן געזונגען. נאָר איך האָב אין אַלע פייגל געזען די הונדערטער און הונדערטער קינדערלעך, מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון נידערשלעזיע. און איך האָב אין אַלע טרילערן געהערט דאָס שלום־ליד, וואָס דאָס בלאָנדע מיידעלע האָט רעציטירט אין דער פרץ־שול.

אַ קולטור־אָוונט אין שווידניץ

אַ פרישער, האַרבסטיקער אָוונט און אַ יונגע לבנה זיינען צוזאַמען מיט אונדז אָנגעקומען קיין שווידניץ. אין דער שטאָט איז געווען יום־טובדיק. לאַנגע יוגנט־רייען מיט פאָנען און פאַקלען האָבן מאַרשירט מיט אָרקעס־טערם איבער די גאַסן. כוואַליעס לויכטנדיקע פנימער האָבן דורך דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט ווי דורך אַ דינעם דורכזיכטיקן שלייער פאַרביי־געשווומען פאַר די אויגן. טראָטואַרן, אָנגעפיקעוועטע מיט מענטשן, האָבן זיך געוויגט ווי פאָנטאַן־בריקן. דאָ און דאָרט זיינען געשטאַנען מאַסן אַר־בעטער און זיך צוגעקוקט צו די מאַרשירנדיקע, אַנדערע זיינען אַראָפּ פון די טראָטואַרן און דורכן שאָסיי מיט איילנדיקע טריט זיך געיאָגט אַהיים. קינדער אין סקויטישע קליידער זיינען אַרומגעלאָפן צווישן די פאַרבייגייער און געטשווירקעט מיט דינע, פריילעכע קולכעלעך ווי סטאַיעס יונגע פייגל, וואָס זיינען צום ערשטן מאָל אַרויסגעפלויגן פון די נעסטן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ יום־טוב ? — האָבן מיר זיך נאָכגעפרעגט בײ אַ חברה פאַרבײפליענדיקע סקויטן. עטלעכע שטימען האָבן אָפּגעהילכט איבערן גאַס : „טאָג פון פרײנטשאַפט מיטן ראַטנפאַרבאַנד !“

אויפגעמונטערטע און אָפּגעפרישטע פון דער פײערלעכער אַטמאָס־פערע האָבן מיר לאַנג אַרומגעשפּאַנט איבער דער שטאָט.

ווען מיר זײנען אָנגעקומען צום קולטור־צענטער, האָבן אונדז האַרציק באַגעגנט אַ צאָל חברים. זײ האָבן שוין, ווײזט אויס, לאַנג אויף אונדז גע־וואַרט. כאָטש דער זײגער האָט נאָך קײן אַכט ניט געוויזן, איז שוין דער גרויסער זאַל געווען איבערגעפּאַקט און גרייט, מען זאָל אָנפאַנגען דעם אָוונט. אַן אַרבעטער האָט אונדז אָנגעוויזן אויף די דערבײיאיקע לאַסטווע־גענער, וואָס זײנען געשטאַנען בײם טויער, אַרומגעצויגענע מיט ברעזענט, און מיט אַ באַסאָווער שטימע דערקלערט :

— אָט אין זײ זײנען מיר געקומען פון די אַרומיקע געגנטן, איך האָב געבראַכט מײן גאַנצן קאָאָפּעראַטיוו. די פאַבריק האָט באַזאָרגט מיט טראַנ־ספּאָרט־מיטל. איר האָט שוין געמעגט הערן, ווי מײן פאַבריק־דירעקטאָר האָט מיר געכטן אָוונט טעלעפאָנירט און געבעטן איבערגעבן אַלעמען, אַז זײ זאָלן ניט פאַרגעסן זײן צום הײנטיקן שלום־מיטינג. ער אַלײן איז אויך מיטגעפאָרן. ער איז ניט דער אײנציקער פּוילישער אַרבעטער, וואָס וועט דאָ הײנט זײן. מיר אַרבעטן צוזאַמען און פאַרברענגען צוזאַמען — אַנ־דערע צײטן. —

דערבײ האָט ער פרײלעך געריבן די הענט און מיט אַ זשעסט זיך גע־לאָזט צום זאַל.

אויף די שטיגן האָבן אַרומגעטאַנצט קינדערלעך, אויסגעפּוצטע אין יום־טובדיקע קלײדעלעך און זיך אײנגעחזרט שורות פון לידער און באַ־גריסונגען, מיט וועלכע זײ זײנען אויסדערוויילט געוואָרן אויפצוטרעטן. אַ ריח פון געבראָטענע פלײשן, געקאָכטע פישן און פרישע געבעקסן האָט אַ שפּאַר געטאָן פון אַ צעעפנטער טיר. צווײ פאַרפּאָרעטע פרויען אין פאַרטע־כער, אין טיכלעך אויף די קעפּ, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און צעפלאַמטע פּנימער האָבן פון דאָרט אַרויסגעקוקט. מיטאַמאָל האָבן מוטערלעכע אָרעמס מיך אַרומגענומען ווי אַמאָל, ווען איך פלעג זיך צוריקקערן פון אַ לאַנגער רײזע אַהײם.

זײ האָבן מיך אַרײנגעפירט אין אַ צימער, וווּ עס זײנען געשטאַנען טישן, אָנגעפילטע מיט אַלערלײ גוטע מאכלים.

— וואָס איז דאָ, אַ חתונה ? — האָב איך נייגעריק געפרעגט. ביידע האָבן האַרציק געלאַכט.

— דאָס איז פאַרן הייגטיקן באַנקעט. אַ קולטור־אָוונט איז ביי אונדז אַ גרויסער יום־טוב. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט אונדז ביידן באַפרייט פון דער אַרבעט, כדי מיר זאָלן דאָס אַלץ צוגרייטן. — האָט מיר איבערגעגעבן איינע פון די פרויען, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ יונגע מחותנתטע.

די צווייטע מיט אַ מאַטעוון געזיכט און לאַנגע, טונקעלע צעפּ, דורכגע־וועבט מיט זילבערנע פעדעם, האָט אונטערגעכאַפּט :

— עס איז דאָ פאַרוואָס זיך צו פרייען. זינט איר זענט דאָ געווען אין 1947, האָט זיך ביי אונדז דאָס לעבן אַ שיין ביסל געענדערט. מיר האָבן אַ שיינעם שפּרייז געטאָן באַרג אַרויף. זאָל נאָר זיין שלום. — דער־ביי האָט זי אַ קרעכץ געטאָן און ווי די געוווינהייט ביי יידישע מאַמעס איז די פרייד אויף איר פּנים באַלד באַגלייט געוואָרן מיט אַ טרער.

אונדזער געשפּרעך איז מיטאַמאָל איבערגעריסן געוואָרן. אין צימער איז אַריינגעקומען אַן אויסגעפּוצטע, שיינענדיקע פרוי און האָט די צוויי פאַרהאָרעוועטע פרויען אַהיים געשיקט זיך איבערטאָן.

די נאָרוואָס אַריינגעקומענע האָט מיר אויסגעזען זייער באַקאַנט, איך האָב זיך אָבער בשום אופן ניט געקענט דערמאָנען, ווו מיר האָבן זיך באַ־געגנט. זי האָט געלייענט מיינע געדאַנקען און דערנענטערנדיק זיך צו מיר זיך אָנגערופן :

— איר דערקענט מיך ניט ?— און ניט וואַרטנדיק אויף מיין ענט־פער, פאָרגעזעצט : — איר געדענקט דעם לעצטן אָוונט פאַר אייער אָפּ־פאָר פון אונדז אין 1947 ? איך בין דאָס די פרוי, וואָס איז אָפּגעזעסן אין אייער צימער ביז האַלבער נאַכט און אייך דערציילט, וואָס מיר האָבן איבער־געלעבט. איר האָט אַלץ פאַרשריבן אין אַ גרין לעדערן ביכעלע. אויף צו־מאָרגנס פאַרטאָג בין איך געקומען צו דער באַן. ס'איז נאָך געווען פינצ־טער און די באַן האָט שוין געהאַלטן ביים אָפּגיין. איך האָב אייך איבער־געגעבן אַ בריוועלע מיט אַלע איינצלהייטן וועגן מיין ברודער, וועמען איך האָב קוים געדענקט, און ניט געוווּסט, ווו ער געפינט זיך. איך האָב אייך געבעטן אים אויסזוכן פאַר מיר.

פאַר מיינע אויגן איז אַרויפגעשווומען דאָס בילד פון אַן אויסגעמאַ־טערטער, פאַרצווייפלטער, פרי פאַרעלטערטער פרוי, וועלכע האָט דורכגע־מאַכט אַלע גיהנומס, געבליבן איינע אַליין אין דער וועלט, אָבער באַקלאָגט האָט זי זיך דאַן בלויז אויף דעם, וואָס זי קען ניט וויינען. איך האָב זיך דער־

מאַנט יענעם אָוונט אין מיין צימער, ווען זי איז געזעסן אַנטקעגן מיר און געערדט וועגן זיך ווי וועגן אַ ווייטער, פרעמדער פּערזאָן.

— איך קען ניט וויינען און ניט לאַכן. — האָט זי כסדר איבערגע־חזרט און אירע צוויי טיפע שמאַרצנדיקע אויגן זיינען געווען באַדעקט מיט אַ דין פּראָסטיק הייטל, וואָס האָט אויסגעזען, אַז עס וועט אַ ליאַדע רגע גאָכלאָזן.

איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם פאַרשלאָפענעם, פייכטן פאַרטאָג און אין דעם שוואַרצן שאָטן פון אַ פרוי, וואָס האָט מיר אַריינגעשטופּט אין קעשענע אַ צעקנייטשט שטיקל פּאַפּיר, נאָכגעפּאָכעט די לויפנדיקע באַן מיט אַ שפּיץ פון איר טוך און מיטגעשיקט מיר אין וועג אַריין איר צעבראָכן געמיט. די יונגע פרוי מיט דעם רונדן פּנים, מיט די רואיקע, זיכערע בליקן און פעסטן קול, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן מיר, האָט צו יענער גע־שטאַלט פון עטלעכע יאָר צוריק קיין שום שייכות ניט געהאַט.

— אַוודאי איז שווער צו דערקענען, מען האָט זיך אַסך געענדערט זינט יענע טעג. — האָט זי איבערגעריסן אונדזער שווייגן. — מען האָט פאַרלאַטעט די נשמות און אָנגעפּאַנגען אויפסניי. דאָס נייע לעבן איז דער בעסטער דאָקטער, עס העלפט ביסלעכווייז פאַרהיילן די ווונדן און צוטשע־פּען די איבערגעריסענע פעדעם צו די רעדער פון לעבן. אָבער אַזויפיל האָבן ניט דערלעבט צו זען דעם נייעם טאָג. — אירע אויגן זיינען נאַס געוואָרן. זי האָט אָפּגעווישט די טרערן, מיך גענומען אונטערן אָרעם, פאַרמאַכט הינ־טער אונדז די טיר און אַריינגעפירט אין זאַל, באַמיענדיק זיך דערביי אַרויפצוציען אויף איר געזיכט די פרײדיקע יום־טובדיקייט פון די אַרומיקע.

דער גרויסער זאַל איז געווען העל באַלויכטן און אָנגעפילט מיט הונ־דערטער מענער, פרויען און קינדער.

צווישן די פיל פאָרטרעטן אויף די ווענט, צייכענונגען, פּלאַקאַטן האָבן אַראָפּגעקוקט שלום עליכם, י. ל. פּרץ, מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי.

אַרום דעם לאַנגן טיש אויף דער בינע, אַרומגעוויקלט מיט רויטן גע־וואַנט און באַצירט מיט קוישן בלומען, זיינען געזעסן יידישע און פּוילישע פאָרשטייער פון פאַבריקן, קאָאָפּעראַטיוון און קולטור־אָרגאַניזאַציעס.

ביי מיין רעכטער זייט איז געזעסן דער יונגער פאַבריק־דירעקטאָר, אַ פּוילישער אַרבעטער מיט אַ באַשיידענעם אויסזען און ברוינע באַרואיקנ־דיקע אויגן.

— אָט דאָס זיינען אמתע האָראָפּאַשניקעס.—האָט ער זיך אָנגערופן צו מיר, אָנווייזנדיק אויפן עולם, אָפּשטעלנדיק זיך אויף עטלעכע שלאָגלער

אין דער ערשטער ריי און איבערגעבנדיק קורצע שטריכן פון זייערע ביאָ־גראַפיעס:

— אָט דער מיטן ווייסן קאָפּ איז אַן אַלטער קעמפער, געווען אין קאַרטוז־בערעזע, דערנאָך זיך געשלאָגן קעגן די נאַציס מיט דער רויטער אַרמיי, עטלעכע מאָל פאַרוואונדעט געוואָרן, היינט איז ער דער בעסטער אַר־בעטער אין אונדזער קאָאָפּעראַטיוו. — און אַ ווייל אַרום האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַ צווייטן:

— אָט יענער מיטן קליינעם, טונקעלן געזיכט, געווען אין קאָנצענ־טראַציע־לאַגער, זיין גאַנצע פאַמיליע אומגעקומען, באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי, אַ בראַווער יאַט, אַ מוסטער פון אַן אַרבעטער. די אַלע מענטשן, וואָס איר זעט דאָ, האָבן פיל דורכגעמאַכט, זיי האָבן אָבער זייערע ליידן טראַנספאָרמירט אין קאַמף פאַר סאָציאַליזם. ווי טיף ס'איז זייער האַס צום פאַשיזם, אַזוי טיף איז זייער ליבע צו אַלץ, וואָס איז הערלעך, שיין, הומאַניטאַר, גערעכט און מענטשלעך. טאַקע יעסט, דאָס זיינען שטאָלצע יידן.

איך האָב געוואַנדערט מיט מיינע בליקן איבער די אַרבעטער־פּנימער, וואָס האָבן הינטער זיך לאַנגע יאָרן פון פּיין און עקשנותדיקן קאַמף קעגן סאַנאַציע־פּוילן, היטלעריזם און זיך געוווּנדערט, פון וואַנען עס קומט אַהער אַזויפיל מילדקייט, וואַרעמקייט און ענטוזיאַזם. דאָס אַש פון פאַרגאַנגענע גרויזאַמע יאָרן האָט ניט באַוויזן אויסצוטריקענען אין זיי דעם שפּרודל־דיקן פאָלקס־זאַפט.

דער ליטעראַרישער אָוונט האָט זיך געענדיקט שפּעט. כאָטש יעדער איינער פון די פאַרזאַמלטע האָט געדאַרפט אויפשטיין פרי צו דער אַרבעט, האָט זיך פונדעסטוועגן קיינער ניט געאיילט אַהיים. מיט לוסטיקע און פריי־לעכע שטימעס האָבן זיך אַרבעטער אָנגעזאָגט, אַז איצט גייט מען צום באַנקעט, ווו מען וועט ערשט אויף אַן אמת אַ הוליע טאָן.

ס'איז שוין געווען האַלבע נאַכט. די שטאָט איז געלעגן איינגעוויקלט אין אַ טיפן שלאָף. די לאַנגע רייען מיט באַלאָרגטע הייזער האָבן אַרויסגע־שטאַרצט פון דער שפּעטער, פאַרנעפּלטער טונקלקייט ווי פאַראַנקערטע שיפן ביי אַ שטילן טייכיקן ברעג. פון צייט צו צייט האָט ערגעץ אַ בליץ געטאָן אַ דין פאַסיקל ליכט און ווידער זיך אויסגעלאָשן. די הויכע באַוועג־לאָזע סילועטן פון ביימער האָבן אַרויסגעקוקט פון די שאָטנדיקע אַלייען ווי וואַסער־פלאַנצן.

מחנותווייז האָט מען זיך אַרויסגעשאָטן פון טעאַטער־זאַל און מיט לאַנגזאַמע טריט געשטראָמט איבער די דרימלענדיקע גאַסן אין דער ריכ־

מונג פון העל באַלויכטענעם קולטור־הויז. מען איז געגאַנגען אין גרופּעס און געמיטלעך געשמועסט. דאָ האָט מען גערעדט וועגן די נייע מאַשינען, וועלכע מען האָט אַריינגעשטעלט אין דער פאַבריק, דאָרט וועגן דעם זעקס־יאָר־פּלאַן. אייניקע האָבן גערעדט וועגן די נייע אויסגעבויטע הייזער, אַנדערע וועגן דער קינדער־שול און וועגן דער עלטערן־פאַרוואַלטונג. דער עכאָ פון די ריטמישע טריט האָט ווי באַגלייט צום טאַקט די אָפּגעהאַקטע זאַצן פון אַלערליי געשפּרעכן און אָפּגעהילכט איבער די לאַנגע באַנאַכטיקע טראָטואַרן.

א יונגער אַרבעטער אין אַ קורצער פאַדיאָווקע מיט אַ פוטערנעם קאָלנער און אַ בלאָנדן, צעשויבערטן קאָפּ איז דעם גאַנצן וועג געגאַנגען ביי מיין רעכטער זייט און מיט אַ נידעריקן קול דערציילט וועגן יענע מוראדיקע טעג, ווען ער צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע יידן זיינען געלאָפן קיין ראַטנפאַרבאַנד:

— ס'איז געווען אין יענע טעג, ווען די ברוינע פעסט האָט געטראַמפּלט איבער אייראָפּע. מיר זיינען געלאָפן פון אונדזערע ברענענדיקע הייזער, הוילע, נאַקעטע, מיט קינדערלעך אויף די הענט און אָנגעפילט די באַנען, וועלכע האָבן זיך געצויגן צום מזרח. ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין מאַגניטאָגאָרסק, אויסגעהונגערטע, פאַרמאַטערטע און פאַרגליווערטע פון דער לאַנגער רייזע האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט פון די ענגע וואַגאָנעס און געטראַכט, ווו מען וועט זיך דאָ קענען אַהינטאָן? ווער וועט אונדז דאָ אין דער גרויסער בהלה באַזאָרגן מיט אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ? און מיטאַמאָל זיינען מיר אַרומגערינגלט געוואָרן מיט סאָוויעטישע מענטשן, וועלכע האָבן אונדז שוין אָפּגעוואַרט און אויפגענומען ווי גאָנטע, ווי אייגענע, אָפּגעפירט אין וואַרעמע היימען, באַזאָרגט מיט שפּייז. אין די אויטאָבוסן האָבן זיי ביי אונדז קיין געלט ניט גענומען. זיי האָבן אונדז שוין דערקענט די קאָנדוקטאָרן. זיי פלעגן זאָגן: „זיידיטיע, זיידיטיע פּאָזשאַלאָסטאַ“, אַך זיינען דאָס מענטשן.

זיין פרוי, וועלכע האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, האָט אים אונטערגעכאַפּט:

— דערצייל, ווי זיי האָבן געשיקט דאָקטוירים אויפצופּאַסן אויף אונדזער געזונט, אויף אונדזערע קינדער. שפּעטער איינגעאָרדנט און צוגעפּאַסט צו פאַרשידענע אַרבעטן, און די, וואָס זיינען קיין באַלמעלאָכעס ניט געווען, אויסגעלערנט פאַכן.

— יאָ, יאָ, ס'איז דאָ וואָס צו דערציילן — האָט דער בלאָנדער אַרבעטער אָפּגעענטפערט און צוגעגעבן: — אָבער ניט אַלע האָבן אָפּגע=

דאַנקט דעם שיינעם סאָוויעטישן פֿאָלק פֿאַר זיין גוטסקייט. צום באַדויערן זיינען אויך געווען צווישן אונדז אַ צאָל שאַכערמאַכערס, וועלכע האָבן אויס־גענוצט די ערלעכקייט און צוטרוי פֿון די רוסישע מענטשן און געגנוג פֿאַר־שוואַרצט אונדזער פּנים.

אַ צווייטער אַרבעטער האָט דערציילט, ווי אַזוי אַ רוסישע פֿרוי פֿון מינסק האָט די גאַנצע צייט פֿון קריג, ווען ער איז געווען אין דער רוי־טער אַרמיי, אויסגעבאָוועט זיין קינד: — דעם לעצטן ביסל פֿון מויל האָט זי אים אָפּגעגעבן. ווען איר הויז איז פֿאַרניכטעט געוואָרן, האָט זי מיט מיין פּיריאָריק זונעלע געוווינט אין אַ הייל. ווען עס איז קראַנק געוואָרן, איז זי וואָכן לאַנג געזעסן איבער אים, קיין אויג ניט צוגעמאַכט און אים גערא־טעוועט. „מאַמושקאַ" רופט ער זי, און ס'גייט אים אויס דאָס הערצל פֿון בענקעניש צו איר.

— אומפֿאַרגעסלעכע מענטשן — האָט עמעץ אויסגערופֿן און אָנ־געפֿאַנגען דערציילן וועגן אַ רוסישער פֿרוי לוביעצקאַוואַ, וועלכע האָט מיט איר העלדישקייט געראַטעוועט דאָס לעבן פֿון 47 פּאַרטיזאַנער. דאָס קול איז מיטאַמאָל איבערגעריסן געוואָרן, און מיר האָבן אַריינגעשטראָמט אין דער צעעפֿנטער טיר פֿון קולטור־הויז.

אין אויסגעצירטן זאָל זיינען שוין ביי די געדעקטע און מיט כל־טוב אָנגעשטעלטע טישן געזעסן פֿיל אַרבעטער.

אַ קלאַנג פֿון גאָפּל, מעסער, טעלער, גלאָזוואַרג אויסגעמישט מיט פֿרייִלעכע געלעכטערס האָט אונדז באַגעגנט ביים אַריינקומען. באַלד איז דער זאָל אָנגעפֿילט געוואָרן. די אַטמאָספֿערע איז געווען אַ היימישע, אַ געמיט־לעכע און די יום־טובדיקייט האָט אַרויסגעשטראָמט פֿון די אָנוועזנדיקע. קיינער האָט ניט געוואַרט, מען זאָל אים אַמוזירן, אָדער איינלאַדן זיך צו באַטייליקן אין קינסטלערישן פּראָגראַם. ס'איז געווען אַלעמענס יום־טוב. האָט אייגער אָנגעפֿאַנגען זינגען, האָבן אַלע באַלד אונטערגעכאַפּט.

— זאָל זינגען די טאָכטער פֿון סטאַלינגראַד — האָט עמעצער אויס־גערופֿן און אַ יונגע פֿרוי האָט זיך אויפֿגעשטעלט, איר גאָלדענעם קאָפּ אויסגעדרייט צו די אַרומיקע און מיט אַ פּרעכטיקער סאָפּראַנאָ געזונגען אַ ריי סאָוויעטישע און יידישע פֿאָלקס־לידער.

— די יידישע לידער האָט זי זיך אויסגעלערנט פֿון איר יידישן מאַן — האָט מיר אונטערגעזאָגט מיין שכן מיטן שטאָלץ פֿון אַ פֿאָטער, ווען ער רעדט וועגן זיין געראָטענער טאָכטער. אירע לידער האָבן שטאַרק אויסגע־נומען און באַגלייט געוואָרן מיט לאַנגע אָוואַציעס. מיטאַמאָל איז שטיל גע־

וואָרן. אַלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדט אַהין, וווּ עס האָט זיך אויפגע־שטעלט אַ מיטליאָריקער אַרבעטער מיט אַ דין לענגלעכער פּנים און זילבער־נעם קאָפּ. ער האָט אַ ווייל געשוויגן און מיט ווייטע פאַרחלומטע בליקן אַריבערגעקוקט איבער אַלעמענס קעפּ, ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט. אין אַ ווייל אַרום האָט ער ווי פאַר זיך אַליין אין אַ געפליסטער אנגעפאַנגען רעצי־טירן „מאַניש“. באַלד איז זיין קול העכער, קרעפטיקער געוואָרן און אויס־געשפרייט אויף אַלעמענס געזיכטער דעם אָפּשיין פון פּרצס וואָרט. ווידער האָט דער זאַל געשטורעמט און ווידער האָט נאָך עמעצער דעקלאַמירט. ווי נאָר איינער האָט געענדיקט, האָט באַלד אַ צווייטער פאָרגעזעצט. בלויז די שפּעטע שעה האָט איבערגעריסן דעם צעעפנטן קוואַל פון פאָלקס־אוצרות.

ס'איז מיר באַנג געווען דאָס שיידן זיך מיט די שטאָלצע יידן, די בויער פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, צווישן וועלכע מען פילט זיך שטאַרק, חשובדיק און יונג.

אַ וואַלד מיט פאַכענדיקע הענט האָבן ווי ווייסע טויבן זיך געוויגט איבער דער געדיכטער טונקלקייט פון וועג.

אָט אַזעלכע פרעכטיקע, וואַרעמע קולטור־אָוונטן, אָט אַזעלכע הער־לעכע יידישע אַרבעטער־מאַסן האָבן מיר געטראָפן אומעטום אין גייעם דע־מאָקראַטישן פּוילן, אין וורָאָצלאַוו ווי אין וואַלבזשיך, אין ליגניץ ווי אין קאַטאָוויץ, אין דזשערזשאָנאָוו ווי אין קראָקע, ביעלסקאָ, קלאָצקאָ און אַנ־דערע שטעט און שטעטלעך. אומעטום באַגעגנט מען דעם שפּרודלדיקן, שאַפנדיקן, בויענדיקן און קולטור־גיריקן יידישן האָרעפּאַשניק, וועלכער איז מיט אַלע אבֿרים פאַרבונדן מיטן לאַנד, מיטן סאָציאַליזם, מיטן קאַמף פאַר שלום און אַ נייער יושרדיקער וועלט.

דער קאָאָפּעראַטיוו „זגאָדאַ“

אַ סימפאָניע פון זינגענדיקע מאַשינען באַגעגנט אונדז אויף די טרעפּ פון דעם קאָאָפּעראַטיוו. אַ וואַרעמער ריח טראָגט זיך פון די פּעק פון וואָל, וואַטע און לייוונט, וועלכע באַוועגן זיך כּסדר פון די וועגעלעך אין הויף צו די פּאָליצעס פון וואַרשטאַטן, ביז זיי ווערן פאַרוואַנדלט אין וואַרעמע אויס־געפּרעסטע מלבושים.

אַלץ ווערט דאָ געמאַכט. פון אַ שטרוי־זאַק ביז אַ טאַבאַק־זעקעלע, פון אונטערוועש ביז אַ ווינטער־מאַנטל, פאַרן אייניקל ווי פאַרן זיידן.

מיר גייען פון אָפּטיילונג צו אָפּטיילונג. דאָ שטייט אַ וואַלד מיט וואַ־
רעמע פרויען־מאַנטלען, דאָרט מענער־קליידער; אַ באַרג מיט העמדער ווי
פאַרמאַכטע בריוו ווינקט זיך איבער מיט קאַסטנס אונטערוועש. אומעטום
שמעקט מיט שפע און מיט רחבות.

ס׳איז ניט די „זגאָדאַ“ פון דריי יאָר צוריק, וועלכע האָט בלויז געהאַט
אַ קליינע צאָל אַרבעטער און דערצו ניט קיין קוואַליפיצירטע. ביי די מאַ־
שינען זיינען דאַן געזעסן יידן, פון וועלכע אַ גרויסער טייל איז גאָר קיינ־
מאָל קיין בעל־מלאכות ניט געווען. זיי זיינען געזעסן אומזיכערע און מורא
געהאַט פאַר די מאַשינען. היינט זיצן זיי גאָר אַנדערש. היינט האָבן פאַר
זיי די מאַשינען מורא. היינט זיצן זיי אין פאַבריק ווי ביי זיך אין דער היים.

ניטאָ קיין קנאה פון אַרבעטער צו אַרבעטער. ניטאָ קיין מה־יפית־
ניקעס, וואָס ווילן געפעלן דעם באַלעבאָס, ווייל ס׳איז ניטאָ די געפאַר צו
פאַרלירן דעם „דזשאָב“. ניטאָ דאָס קאָנקורירן פון איינעם מיטן צווייטן.
אויב איינער גייט פאָרויס, איז צו באַווייזן אַ וועג פאַר אַלע אַנדערע, כדי
צוזאַמען צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע פון לאַנד און דערמיט דערנענ־
טערן זיך צום סאָציאַליזם.

עס זיצט אַ נייער ייד אין די פאַבריקן פון דעמאָקראַטישן פוילן!

ער זוכט ניט מער דאָס גרויסע געווינס, ער איז אַ רעאַליסטישער ייד
און זיין גרויס געווינס איז דער סאָציאַליזם.

ער האָט זיך אויסגעהיילט פון נאַציאָנאַליסטישע חולתן. ער זיצט זייט
ביי זייט מיט פוילישע אַרבעטער. די צוזאַמענאַרבעט האָט אָפּגעמעקט די
אַלטע פאָראורטיילן און פאַראייניקט.

יידן און ניט יידן זיינען שכנים ביי די מאַשינען. איינער העלפט דעם
צווייטן. איינער חברט זיך מיטן צווייטן, און ווער עס קומט אַהער מיט
איבערבלייבעכצן פון קאַפּיטאַליסטישן סם, היילט זיך דאָ גיך אויס. אין
פנים פון ווירקלעכקייט שטאַרבן די אַלטע ראַסן־טעאָריעס. דאָ אַרבעטן
בויער פון אַ נייער געזעלשאַפט.

„זגאָדאַ“ איז ניט נאָר אַ פאַבריק, ס׳איז אויך אַ קולטור־צענטער. אַ
דראַמאַטישע סעקציע, אַ כאָר, אַ מאַנדאָלין־אָרקעסטער, אַ באַלעט־גרופּע,
אַ שאַך־סעקציע און אַלערליי וויסנשאַפט־קורסן זיינען דאָ פאַראַן. חוץ דעם
האָבן זיי אויך אַ יוגנט־סעקציע פון איבער זיבעציק מיטגלידער, אַ פרויען־
ליגע פון צוויי הונדערט מיטגלידער, אַן אָרגאַניזאַציע פאַר פריינטשאַפט
מיטן סאָוויעטן־פאַרבאַנד פון הונדערטער מיטגלידער, אַ שלום־אָרגאַני־

זאַציע א.אַ.וו. דרײ מאָל אַ װאָך קומען די אַרבעטער זיך לערנען אױף אָװנט־קורסן.

ס'איז מיטאָג־צײט, יונגע אַרבעטער יאָגן זיך װי די שול־ײנגלעך איבער די שטיגן צו דער קיך, צום קולטור־זאַל, צו די אָפּרו־צימערן. דורך די אָפּע־נע טירן טראָגט זיך געזאַנג פון פּױלישע און ײדישע לידער, באַגלײט מיט פּיאַנאָ־קלאַנגען.

אין קולטור־זאַל איז יום־טובדיק. די װענט זײנען דעקאָרירט מיט ביל־דער, פּלאַקאַטן, דיאַגראַמעס, צײכענונגען, קאָלירטע װאַנט־צײטונגען, פּאָ־טאָגראַפיעס פון דעם באַלעט בײם אױפטרעטן פאַר די אַרבעטער, בילדער פון דעם דראַמאַטישן קרײז בײם שפּילן טעאַטער.

אָט איז אַ װינקל געװידמעט דעם געטאָ־דענקמאָל, מיט אַן אונטער־שריפט אין ײדיש און אין פּױליש: „דעם ײדישן פאָלק — זײנע קעמפער און מאַרטירער".

אַנטקעגן געפינט זיך די פּױליש־סאָװיעטישע פרײנטשאַפט־אָפּטײלונג.

אױף אַלע װענט פינקלען לאָזונגען: „פאַר פרידן!", „פאַר סאָציאַ־ליזם", „פאַרן אױסראָטן דעם אַנאַלפאַבעטיזם", „פאַרן זעקס־יאָר־פּלאַן".

אַרום אַ טיש זיצן יונגע לײט, עסן זײער אָנבײסן און שפּילן שאַך; אַרום זײ שטײען אַ חברה „צוקוקערס".

בײם פענצטער שטײען צװײ אַרבעטער, אַ ײדישער און אַ פּױלישער, און זינגען „זאָג ניט קײנמאָל, אַז דו גײסט דעם לעצטן װעג". דער פּױלי־שער אַרבעטער דערקלערט מיר מיט שטאָלץ, אַז ער קען שױן צװײ ײדישע לידער אױף אױסנװײניק. צװײ לידער — שמײכלט ער, — מיט דרײ דיאַ־לעקטן, װײל דרײ פרײנט האָבן אים געלערנט — אַ װאַרשעװער, אַ רוסי־שער און אַ ליטװישער.

בײ דער פּיאַנאָ זיצט אַ יונגער חנעװדיקער ײנגל און באַגלײט די זינ־גער און פאַרענטפערט זיך פאַר אונדז, אַז אױף דער גיטאַרע און דער מאַנדאָלינע שפּילט ער אַ סך בעסער. „און נאָך בעסער שפּילט ער אױף דער נײ־מאַשין", כאַפּט אים אונטער אַן אַרבעטער, װאָס שטײט בײ דער זײט, און דערצײלט אונדז, אַז דער באַשײדענער יונגערמאַן מיטן פּנים פון אַ ישיבה־בחור איז אַ שלאָגלער: ער אַרבעט אױס 150 פּראָצענט פון זײן נאָרמע. און אָט איז נאָך אַ ײדישער שלאָגלער, װעלכער איז גאָר קײנ־מאָל קײן שנײדער ניט געװען. אַ סך ײדישע שלאָגלער זײנען דאָ פאַראַן.

און אַ סך פּױלישע שלאָגלער האָבן מיר געטראָפן אין די קאָאָפּעראַ־טיװן פון נידערשלעזיע, און צװישן זײ — אַ גרױסע צאָל פרױען.

יונגע מיידלעך פון דאָרף, וועלכע זיינען נעכטן געווען דינסטמיידלעך און מורא געהאט פאַרן גערויש פון מאָטאָרן, שטייען היינט ביי ריזיקע טאַשטמע־מאַשינען און שפּילן מיט זיכערע פלינקע פינגער דאָס נייע ליד פון אַרבעט.

אָט שטייט אַ יונג, צאַרט מיידל ביי אַ טיש מיט געוואַנט און פירט מיט לייכטקייט די שנייד־מאַשין.

זי איז שעמעוודיק און איר פּנים רויטלט זיך יעדעס מאָל, ווען זי הויבט אויף אירע בלויע אויגן און דערפילט אונדזערע בליקן אויף זיך.

צו אַכצן יאָר איז זי געקומען אַהער און קיין נאָדל אין האַנט ניט גע־קענט האַלטן, און היינט איז זי די אָנפירערין פון דער אָפּטיילונג.

— ווי פילט איר זיך אַלס שלאָגלערין פון דעם גרויסן קאָאָפּעראַטיוו ?

— פרעגן מיר. זי הייבט אויף אירע רואיקע אויגן מיט די גרויסע שוואַר־צאַפּלען פון דעם פעלד מיט געוואַנט, און קוקט אונדז אָן, ווי זי וואָלט זיך איצט צום ערשטן מאָל דערוווסט, אַז זי איז אַ שלאָגלערין.

— דערציייל, דערצייל פון דיין לעבן, פון דיינע עלטערן — כאַפּט אונטער אַן אַרבעטער, וועלכער קוקט אויף איר מיט שטאָלץ.

זי הייבט מיט די פּלייצעס. נאָר אַז מיר זיינען צוגעשטאַנען, האָט זי ביידע הענט אין די קעשענעס פון פאַרטעך אַריינגעשטעקט, איין פוס אויף אַ בענקל אָנגעשפּאַרט, און מיט אַ שמייכל, באַשיידענעם קול אָנגעהויבן :

— וואָס איז דאָ צו דערציילן ? ס'זיינען פאַראַן אַ סך אַזוינע ווי איך. מיין פאָטער איז געווען אַן אָרעמער פויער. איך האָב זיך ניט געקענט דער־לויבן צו לערנען. בלויז פינף שול־יאָרן געענדיקט. דאָ אין פאַבריק האָב איך געענדיקט קורסן און לערן זיך איצט ווידער. אַזוי אויך מיינע ברידער און מיין שוועסטער. איין ברודער איז אין דער אַרמיי, דער צווייטער אַרבעט אין אַ קאָאָפּעראַטיוו. מיינע עלטערן האָבן געקראָגן ערד, און האָבן מער ניט קיין דאגות פרנסה.

ווידער האַלטן אירע ווייסע הענט די מאַשין, און ווידער שלינגט דאָס שוואַרצע שטאָלענע מויל שטיקער געוואַנט.

פּרעכטיקע שלאָגלער און שלאָגלערינס געפינען מיר אויך אין דעם לעדער־קאָאָפּעראַטיוו, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון אונדזער באַליבטן משה אָלגין, אין דעם „מאָדעל"־ און „אייניקייט"־קאָאָפּעראַטיוו פון ליגניץ, אין דעם „אוראָדזעניע"־קאָאָפּעראַטיוו פון דזשערדזשאַניאָוו, אין „ניי־לעבן" פון שווידניץ און אין די הונדערטער אַנדערע קאָאָפּעראַטיוון פון פּוילן.

דער יידישער מלוכה-טעאַטער

ביז די לעצטע טעג פאַרן אָפּפאָרן פון פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן איז אונדז ניט אויסגעקומען צו באַזוכן דעם יידישן מלוכה־טעאַטער. צו־ליב אונדזערע פאָרלעזונגען און רעפעראַטן אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך האָבן מיר זיך כסדר מיט אים אויסגעמיטן. זיינען מיר געווען אין שטשעטשין, איז ער געווען אין לאָדזש, זיינען מיר געווען אין לאָדזש, איז ער — געווען אין פּלאָצק. מיר האָבן אָבער אומעטום באַגעגנט די גע־וואַלטיקע פאַרערונג און די ליבּ־געזאַנגען פון זיינע צושויער.

—אונדזער טעאַטער זיצט ניט אויף קיין אָרט. חוץ די אַזוי גערופענע צוויי „באַזעס" אין וואַרשע און לאָדזש, ווו די רעגירונג האָט פאַר אונדז אויסגעבויט צוויי פּרעכטיקע טעאַטער־געביידעס, באַדינען מיר אַרום צוואַנ־ציק פּונקטן — האָט מיר דערקלערט דער רעזשיסער י. ראָטבּוים:

— מיר לאָזן ניט אויס קיין איין יידישן ישוב, ווי קליין ער זאָל ניט זיין. מען קומט אַראָפּ מיטן גאַנצן אַנסאַמבל, מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצייג און מען ברענגט יעדע פאַרשטעלונג צו די מאַסן. עס קאָסט טאַקע אָפּ אַ שיינע אַפּותיקא, אַמאָל דערלייגט מען אַפילו הונדערטער טויזנטער זלאָטעס צו אַ פאָרשטעלונג, אָבער דאָס שטעלט ניט אָפּ פון קומען אין די קלענסטע שטעטלעך. ביי אונדז איז קולטור ניט קיין „ביזנעס" נאָר אַ נויטווענדיקייט און די רעגירונג שפּאָרט אויף דעם ניט קיין געלט.

— דאָ דאַרף מען קולטור, און דאָ פילט דער קינסטלער, אַז מען נוי־טיקט זיך אין אים. פון זעכציק ביז זיבעציק מאָל ווערט געשפּילט יעדע פּיעסע. דעם „גאָלדפאַדען־חלום" האָט מען שוין געשפּילט צום הונדערטסטן מאָל. מיר שפּילן אין געפּאַקטע זאַלן, וואָס נעמען אַריין פון 200 ביז 1000 מענטשן. ניט נאָר יידישע, נאָר אויך טויזנטער ניט יידישע אַרבעטער און אינטעליגענטן קומען צו אונדזערע פאָרשטעלונגען. דאָ זיינען כמעט אַלע מיי־נע רעזשיסאָרישע פאַנטאַזיעס רעאַליזירט געוואָרן אויף אַ גראַנדיעזן אופן.

ביי די רייד האָט י. ראָטבּוים אַ שמייכל געטאָן און פאַרטראַכטנדיק זיך, ערגעץ ווייט געקוקט. ער האָט זיך געווים דערמאָנט אין די פאַראייניקטע שטאַטן מיט דעם אַריבער פינף־מיליאָניקן יידישן ישוב, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין איין שטענדיקן, יידישן קונסט־טעאַטער און ווו אַן אמתער קינ־סטלער האָט ניט קיין געלעגנהייט זיך צו באַנוצן מיט זיין טאַלאַנט.

דער יידישער טעאַטער איז אַ גאָר וויכטיקע מלוכהשע קולטור־אינ־סטיטוציע אין לאַנד און שטאַרק באַליבט ביי די פאָלקס־מאַסן.

כמעט אומעטום האָט מען אונדז באַלד ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַ פרעג געטאָן :

— נו איר האָט שוין געזען די לעצטע פאָרשטעלונגען פון אונדזער טעאַטער ? — סטייטש ניין ? — יעדע פאָרשטעלונג איז דאָך אַ שטיק נחת, אַ דערהויבונג.

אַ קאָאָפּעראַטיוו־אַרבעטער פון וראָצלאַוו האָט מיט יום־טובדיקייט אין זיין קול דערקלערט :

— מען זיצט ביי דער אַרבעט, און וואָכן נאָכן זיין אין טעאַטער שווימען נאָך אַלץ פאַר די אויגן בילדער און סצענעס פון דעם „גאָלדפאַדען־חלום", פון „משפחה בלאַנק", „צוויי מאָל הונדערט טויזנט" און פון אַנדערע פיעסעס. די געזאַנגען און פאָלקס־מעלאָדיעס גייען מיט מיט אונדז אַהיים און באַגלייטן צו דער אַרבעט.

ענדלעך איז אונדז אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיטן יידישן טעאַטער אין דער זעלבער שטאָט און האָבן די געלעגנהייט צו זען אַ פּאָר פון זיינע ספּעקטאַקלען. דאָס איז געווען אין צייט פון שלום־קאָנגרעס. די רעגירונג האָט אים ספּעציעל איינגעלאַדן צו שפּילן פאַר די שלום־דעלעגאַטן. דאָס איז געווען דער איינציקער טעאַטער אין פּוילן, חוץ די פון וואַרשע, וועמען מען האָט אָנגעטאָן דעם כבוד.

די גיים האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט אין קאָנגרעס־זאַל און דעלעגאַטן האָבן זיך אָפּגערעדט צו קומען גרופּנווייז צו דער ערשטער פאָרשטעלונג. ס'איז געווען אין סאַמע ברען פון קאָנפערענצן און זיצונגען פון פאַרשי־דענע קאָמיסיעס. ס'איז ניט געבליבן קיין צייט אויף אָוונטברויט; האָבן זיך אַ סך פון אונדז דירעקט פון קאָנגרעס־זאַל געאיילט אין טעאַטער אַריין.

ביים אַרויסגאַנג פון „דאָס סלאָוואָ פאָלסקיעגאָ" האָב איך געטראָפן אַנאַ זעגערס. זי איז געשטאַנען אַ מידע, אַ פאַרטראַכטע, און אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך וועגן עפּעס געשלאָגן מיט דער דעה.

— איר גייט אין טעאַטער ?

— ניין. ווי קען איך ? כ'האָב אַ מיטינג ניין אַזייגער. איך טראַכט, וואָס צו טאָן מיט דער שעה, וואָס איז מיר געבליבן, גיין עסן אָוונטברויט, אָדער זיך בעסער אָפּרוען — האָט זי מיר געענטפערט, איינטוליענדיק איר שיינעם גרויען קאָפּ אין איר בלויען מאַנטל.

— קומט אין טעאַטער, איר וועט זען איינע פון די שענסטע יידישע

קולטור־שאַפונגען אין פוילן, — האָב איך איר פּרובירט איינרעדן און אין דער זעלבער צייט איז מיר געווען באַנג פאַר דער מידקייט אויף איר געזיכט.

— אָבער וואָס וועט זיין מיטן מיטינג ? — האָט זי ווי זיך אַליין געפרעגט און זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט און סוף כל סוף איינגעשטימט מיטצוגיין, אָבער בלויז כדי צו זען עטלעכע סצענעס און דערנאָך אַרום האַלב צען אַנטלויפן צום מיטינג.

דער טעאַטער „ניי וואַרשע" איז געווען געפּאַקט. אויסער די וואַרשעווער יידישע אַרבעטער האָבן זיך צווישן עולם געפונען פאָרשטייער פון פאַרשידענע לענדער, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין שלום־קאָנגרעס.

מען האָט דעם אָוונט געשפּילט דעם פּרעכטיקן ספּעקטאַקל „אַ גאָלדפאַדען־חלום". אַלערליי געשטאַלטן פון אברהם גאָלדפאַדענס אַמאָליקע פּיעסן האָבן זיך דאָ צונויפגעזאַמלט אויף איין בינע, מיט זייער נויט, מיט זייערע ליידן, האָפענונגען, גלויבן און דראַנגען נאָך אַ שענערן און יושרדיקן לעבן. אויסגעוואַקסענע, אויסגערייפטע און פאַרטיפטע זיינען זיי געקומען — די קאָמיש־טראַגישע האצמאכס, די קוני־לעמלס, וועלכע זיינען אַזוי באַליבט געוואָרן צווישן די פאָלקס־מאַסן, די מירעלעך, די מאַרקוסעס און געבראַכט מיט זיך די סביבה פון אַן אַמאָליקן יידישן לעבן, וואָס האָט זיך געראַנגלט אין די נעצן פון נויט און עקספּלואַטאַציע.

דער פאַרשידנאַרטיקער עולם איז באַצויבערט געוואָרן און מיטגעחלומט און מיטגעשפּינט די פאַרביקע בילדער פון דעם גרויסן פאָלקסשפּיל. אַנאַ זעגערס האָט אין אָנפאַנג נאָך געקוקט אויף איר זייגערל, אָבער באַלד איז זי אַזוי אַריינגעצויגן געוואָרן, אַז זי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, ווו זי האָט געדאַרפט גיין.

דעם צווייטן אָוונט האָבן מיר אין זעלבן טעאַטער געזען די פאָרשטעלונג „מיין זון" פון סאנדרא בערבעשי, רעזשיסירט פון אידאַ קאַמינסקאַ, וועלכע האָט אויך אויף אַ פּרעכטיקן אופן געשפּילט די הויפּטראָל.

און ווידער איז עס געווען אַן אָוונט פון גרויסן נענוס.

נאָך דער פאָרשטעלונג זיינען פיל דעלעגאַטן געשטאַנען אין דרויסן ביי די אויטאָס, ווו די קינסטלער האָבן געפּאַקט זייערע דעקאָראַציעס, קליידער און זיך געגרייט אָפּצופאָרן.

— מאָרגן שפּילן מיר אין נידערשלעזיע. מען וואַרט אויף אונדז — האָט דערקלערט אַ פאַרשמאַיעטער אַקטיאָר מיט אַ פּאָר וואַליזעס אין די הענט.

— נישטאָ קיין צייט צו פּוסטעווען, מיר אַרבעטן כסדר — האָט אונ־טערגעכאַפּט אַ צווייטער, פאַרביילויפנדיק מיט אַ פּעקל.

ס'איז געווען נאָך האַלבער נאַכט, ווען די אויטאָס האָבן זיך גערירט און דער טעאַטער־קאָלעקטיוו איז אָפּגעפאָרן. ווי אַ צופרידענע, זאָרגלאָזע פאַמיליע האָבן זיי אויסגעזען, אָן שום מאַטעריעלע דאגות, זיי קענען יעדן שטראָפּן ענערגיע נוצן אויף שעפערישער אַרבעט.

איך האָב געטראַכט פון יידישע אַקטיאָרן אין אַנדערע לענדער, ווו זיי מוזן מיט שונד, לצנישע און ברחנישע שטיקלעך פאַרדינען דאָס בידנע שטיקל ברויט.

אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט

ס'איז געווען אַ קילער סוף־נאָוועמבער־טאָג. אַ ווייטע, פאַרנעפּלטע זון האָט אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער פון לאַנגע פאַרבייפאָרנדיקע וואָלקנס, ווי אַ פאַסאַזשיר פון אַן אָפּגייענדיקער באַן.

איך האָב זיך געאיילט צום היסטאָרישן אינסטיטוט, ווו איך האָב זיך אָפּגערעדט צו טרעפן מיט אַ גרופּע אינדישע סטודענטן. איך בין אָבער כסדר פאַרהאַלטן געוואָרן אויפן וועג. דאָ האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ נייעם אויסגעבויטן קוואַרטאַל, דאָ ביי רושטאָוואַניעס און נאָכגעפאָלגט די אייזערנע מיילער פון עקסקאַוואַטאָרס, וואָס האָבן איינגעשלונגען שטיקער חורבות, און דאָ ביי די אימפּעטיקע באַוועגונגען פון אַ בויער. איך האָב זיך כסדר אָפּגעריסן און ווייטער געגאַנגען. ווען דער וועג האָט מיך געבראַכט צו די געטאָ־חורבות, בין איך ווידער געבליבן שטיין. אַזויפיל מאָל דאָ שוין געווען אַזויפיל טעג דאָ שוין פאַרבראַכט. וואָס איז עס, וואָס עס ציט און עס ציט נאָר אַהער? ווען איך שטיי דאָ לאַנג מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און קוק אויף די פאַרזשאַווערטע בערגלעך ציגל מיט די אַרויסגעשטאַרצטע דראָטן, פרענטן, שטיקלעך פון טירן, פון וויגעלעך, הענטלעך פון טשייניקעס, שערבלעך פון טעפּ, דאַכט זיך מיר, אַז איך הער אַ פאַרשטיקטן, אומדייטלעכן קול. איז עס אַ געוויין פון אַ קינד? איז עס אַ זמר?

ווידער בין איך געגאַנגען איבער די חורבות. צווישן צעלעכערטע און פאַררויכערטע שטיקלעך ציגל האָבן אַ זשמעניע בלויע בלימלעך אַרויסגעשטעקט זייערע צאַרטע קעפּלעך. שפּעטער האַרבסט און זיי

זײַנען נאָך אַלץ געוואַקסן. מיט דער עקשנות פֿון די צענדליקער טויזנטער פֿאַרשאָטענע לעבנס דאָ אונטער די גרוזן האָבן זיי זיך אײַנגעקלאַמערט אין די פֿאַרראָסטעטע ציגל און געבליט. פֿאַרעקשנטע בלימלעך... ווי לאַנג בין איך דאָרט געשטאַנען? איך האָב זיך ענדלעך געשיידט מיט זיי און זיך פֿאַרנומען אין דער ריכטונג פֿון דער אַמאָליקער טלאָמאַצקע פֿינף.

די ווײַסע, שטיינערנע געבײַדע פֿון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט האָט זיך איבערגערופֿן מיט דעם עכאָ אויף רושטאָוואַניעס פֿון שכנישע גאַסן. אַ געהילך פֿון העק און זעגן האָט זיך געטראָגן פֿון די אויבערשטע שטאָקן, וווּ מען האָט פֿאַרגרעסערט און אַרויסגעפּאַרטיקט די לעצטע צי־מערן.

ביים אַרײַנגאַנג אין די ערשטע זאַלן פֿון אינסטיטוט באַגעגנט מען זיך גלײַך מיט דער גרויסאַרטיקער אויסשטעלונג פֿון די בילדער פֿון אַ גרויסער צאָל יידישע קינסטלער. בראָנזענע, מאַרמאָרנע סטאַטועס, קעפּלעך, ביוסטן, פּאָרטרעטן, לאַנדשאַפֿטן פֿון שטעט און שטעטלעך. שאַפֿונגען מיט ליכטיקער וויזיע, גלויבן, האָפֿענונג און ליבשאַפֿט. בילדער פֿון נויט, פֿון קאַמף, פֿון זאָרג, פֿון אַרבעטער־שטרייקן, פֿון שווערע געראַנגלעניש, ביל־דער, וואָס שפּיגלען אָפּ דאָס שפּרודלדיקע, צאַפּלדיקע יידישע לעבן פֿונעם ניט־ווייטן אַמאָל. אַ זוניק פֿעלד, אַ גרינער גאָרטן, אַ טייכל, אַ שטוב, קינדער, אַ שטעטל, קלייטן, געסלעך, מאַמעס מיט קוישן, יידן מיט קאַפּאָ־טעס, יונגע לייט מיט הויכע בלוזעס און פֿאַרשפּיליעטע קעלנערלעך.

אַ פֿאַרהאָרעוועטער יידישער אַרבעטער מיט מוסקולירטע אָרעמס, ווי צונויפֿגעפֿלאָכטענע שטריק, קוקט אַרויס פֿון אַ בראָנזענער סטאַטוע מיט פֿאַרטראַכטע, ליבלעכע בליקן, ווי ער וואָלט דערוואַרט דאָס אָנקומען פֿון אַ גוטער בשורה.

אַ יונג מיידל שמייכלט אַרויס פֿון ווײַסן מאַרמאָר, אַ צופֿרידענע, וואָס אירע אויסגעטאָקטע גלידער האָבן אַראָפּגעקרישלט פֿון זיך דעם האַרטן שטיינערנעם צודעק, איין פֿוס פֿאָרויס, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אַראָפּצוגיין פֿון הויכן פּיעדעסטאַל.

איבער די שטיגן, וואָס פֿירן צו די העכערע שטאָקן, הענגט אַ גרויסער אייל־פּאָרטרעט פֿון אַ יידן מיט אַ לאַנגער געדיכטער באָרד און פּאות. צוויי גרויליק טיפֿע אויגן קוקן אַרויס פֿון די באַוואַקסענע ברעמען און דרינגען דורך מיט אימהדיקייט און פּחד. זײַן מויל פֿעסט פֿאַרשלאָסן, ווי ער וואָלט עפּעס אומגעהויער גרויזאַמעס געוואָלט אויסשרײַען און ניט

געקענט. האָט שוין דער קינסטלער געשפּירט מיט זיין אינסטינקט דאָס דערנענטערן זיך פון דעם גרויסן אומגליק?

פון אַ ווינקל קוקן אַרויס געשטאַלטן פון יידן, אויסגעגאָסענע פון קופּער, וואָס האָבן אַ שטאַרקע ענלעכקייט צו עגיפּטישע פיגורן פון טויזנטער יאָרן צוריק. מען זאָגט, אַז דערמיט האָט דער קינסטלער געוואָלט פאַרגלייכן דאָס געטאָ־לעבן צו דער פאַרשקלאַפונג פון די יידן אין מצרים.

— אַך — האָט זיך, ווי פון אַ חלום, אויפגעכאַפּט מיין באַגלייטער און באַמערקט: — צוזאַמען מיט די מייסטער איז אויך אומגעקומען אַ גרויסער טייל פון זייערע ווערק. ליידער איז אונדז ניט געלונגען צונויפצוזאַמלען אַלץ, וואָס זיי האָבן געשאַפן. וואָס פאַר אַ קוואַל פון פאָלקס־שאַפן איז פאַרניכטעט געוואָרן.

ווער ווייסט, וויפל גאונים עס זיינען געווען צווישן זיי. פיל פון זיי זיינען דאָך נאָך געווען אַזוי יונג. ערשט אָנגעפאַנגען. געשטעלט די ערשטע טריט. און אַ טייל איז שוין דערגאַנגען צו דער העכסטער רייפקייט.

די צימערן פון די אויבערשטע שטאָקן זיינען אָנגעפילט מיט פאָליצעס, קאַסטנס, טישן און בערג מיט דאָקומענטן, טאָגביכער, שריפטן, בריוו, שמות און צוואות. מיט שטילע, צאַפּלדיקע פינגער וואַנדערן איבער זיי די אַרבעטער און פאָרשער פון אינסטיטוט. זיי גלעטן אויס יעדעס שטיקל פּאַפּיר, קלעפּן צונויף פאַרגעלטע, צעווייקטע און פון צייט צעגריזשעטע בריוו, בלעטלעך כתב־ידן און באַגייען זיך מיט זיי ווי קראַנקן־שוועסטער ביים באַנדאַזשירן די שרעקלעכסטע ווונדן פון אַ חולה.

— אָט די קאַסטנס מיט מאַטעריאַלן האָט אונדז צוגעשיקט די רויטע אַרמיי. אַלץ, וואָס זיי האָבן געפונען אין נאַצישע שטאַבן און ביוראָען און וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו יידישער אויסראָטונג און יידישן ווידערשטאַנד, האָבן זיי אונדז איבערגעגעבן, אָט דאָ געפינט זיך שוין אַ טייל וואָס מיר האָבן קלאַסיפיצירט. — דערביי האָט דער דירעקטאָר פון אינסטיטוט אָנגעוויזן אויף אַ צימער מיט לאַנגע שווערע פאָליצעס, אָנגעפילטע מיט דיקע ביכער אין גרויסע שוואַרצע טאָוולען מיט ווייסע נומערן אויף די רוקנס. לאַנגע שוואַרצע רייען מיט ווייסע פאַרקריצטע ציין האָבן געשטשירעט אויף מיר פון אַלע ווענט. אַלע די זעלבע מאָס, די זעלבע גרעב און דער זעלביקער קאָליר. אַ מעטאַלענע איינפאָרמיקייט האָט געשאָטנט מיט האַרטער אומהיימלעכקייט.

— וואָס פאַר אַ ביכער זיינען דאָס?

מיין באַגלייטערס פּנים האָט ווי אַ ציטער געטאָן פון מיין פראַגע, מיט

פאַרבײטערטקײט האָט ער זיך נאָך שאַרפער אײַנגעקוקט אין די לאַנגע שװאַרצע שורות, װאָס האָבן אין דער טונקלקײט אױסגעזען װי שװאַרצע מחנות טױטע ראָבן, און געענטפערט.

— דאָס זײַנען די אַרכיװן פון די מערדער. זײ האָבן ניט באַװיזן אַלץ צו פאַרניכטן. די רױטע אַרמײ איז צו זײ געקומען אומגעריכט. אָט דאָ געפינט זיך די גאַנצע קײט מיט באַריכטן, װאָס ציט זיך פון די נאַצישע בענק־דירעקטאָרן, פון די קרופּס און אי. ג. פאַרבן־טרעסטן, פון די כעמישע קאָמבינאַטן ביז צו די קרעמאַטאָריעס. דאָ געפינט זיך די גאַנצע בוכהאַל־טעריע פון מערדער, פון דעם װאָס עס קאָסט פאַרניכטן אַ קרבן ביז צו דעם ריװוח, װעלכן ער האָט זײ אַרײַנגעבראַכט.

מען בלעטערט די ביכער, מען לײענט די באַפעלן, די באַשטעלונגען און די מעלדונגען פון פאַרשידענע נאַצישע קאַבינעטן אין פראַנקפורט, בערלין, דיסלדאָרף, עסען, באָכום, זאַקסענהאַוזען, בירקענאַו, מאַטהאַוזען, אָשװיענטשים, מאַידאַנעק און צענדליקער אַנדערע פּלעצער, װו די היטלע־רישע תּלינים האָבן געהערשט.

אָט איז אַ בריװ פון אַ רור־פירמע. זי מעלדעט, אַז זי איז גרײט צו־צושטעלן די דערמאָנטע צאָל קרעמאַטאָריעס, אָבער דער פּרײַז מוז זײַן אַ צופרידנשטעלנדיקער.

אַ צװײטע פירמע װענדעט זיך מיט אַ באַשטעלונג אױף מענטשלעכע האָר פאַר איר פאַבריקאַציע. אַ דריטע פאָדערט פאַרשנעלערן די שיך־ און די קלײדער־טראַנספּאָרטן און מאַכט אױפמערקזאַם, אַז זײ זאָלן ניט זײַן קײן פאַרבלוטיקטע, װײַל אַ סך קלײדער זײַנען אָנגעקומען מיט בלוט־פלעקן און „דאָס מאַכט ניט קײן גוטן אײַנדרוק“.

טױזנטער און טױזנטער בריװ מיט נומערן פון מיליאָנען מענטשן אױף טראַנספּאָרטן און אין לאַגערן. בריװ מיט ציפערן, װאָס גיבן אַ קלאָרן און גענױען חשבון פון יעדן קרבן. אַ בוכהאַלטעריע, װאָס איז געפירט געװאָרן ביז דער לעצטער רגע פון היטלערס מאַכט. עס האָט ניט געטאָרט פעלן צום באַלאַנס.

„װו זײַנען די צװײ קינדער?“ שרײַבט אײן טױט־לאַגער צו אַ צװײטן. אַ גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ פון צענדליקער בריװ דערמאָנען אַ געװיסן טראַנספּאָרט, װעלכער איז אַרױסגעשיקט געװאָרן אין פאַרזיגלטע װאַגאָנען מיט 4342 קינדער און בײַם אָנקומען האָבן צװײ געפעלט צום חשבון...

אַ בריװ פון מאַידאַנעק באַריכטעט, װיפל טױטע און װיפל לעבעדיקע

עס זיינען אָנגעקומען פון אַ טראַנספּאָרט מיט 6000 מענטשן. דער חשבון שטימט. פּינקטלעך.

אָט איז אַ בריוו צו די גאַז־קאַמער־אויפזעער, זיי זאָלן שפּאָרן די ציקלאָן־גאַז, ווייל „אי. ג. פאַרבן" (אַ שותף פון אַמעריקאַנער מאָנאָ־פּאָלן) האָט געהעכערט דעם פּרייז. „שפּאָרן גאַז". „פאַרלאַנגזאַמען דעם טויט"...

ציפערן. בוכשטאַבן. ווערטער. שורות. זיי מישן זיך אויס. זיי טאַנצן ווי שוואַרצע קראָען פאַר די אויגן. עס האַקן די שלייפן. עס פעלט לופט. עס ווערן פאַרגליווערט די פינגער. מיט פאַרקראַמפּטע גלידער פאַרלאָזט מען דעם צימער מיט די לאַנגע רייען שוואַרצע טאָוולען און ווייסע אויסגעשטשי־רעטע ציין...

— אָט דאָרט אונטער דער שווערער, אייזערנער טיר געפינט זיך דער רינגעלבלום־אַרכיוו. צען בלעכענע קאַסטנס מיט מאַטעריאַלן האָבן מיר געפונען אין האַרבסט 1946 אין דעם הויף פון נאָוואָליפּקאַ 68. אויף דעם זעלבן אָרט האָבן די בוי־אַרבעטער מיט אַ פּאָר טעג צוריק געפונען צוויי מילך־קאַנען מיטן צווייטן טייל פון אונטערערדישן אַרכיוו — האָט מיט אַ געפליסטער דערקלערט מיין באַגלייטער און מיט געוואַלדיקן יראת־הכבוד אויפגעעפנט דעם פאַרריגלטן חדר.

דאָ געפינט מען זיך ממש אַנטקעגן בערג מיט מאַטעריאַלן. געבונ־דענע און ניט געבונדענע טאַגביכער, שריפטן, שמות, ווידוים און צוואות, פאַרשידענע האַנטשריפטן. קליינע, דראָבנע שורות, גרויסע רונדע בוכ־שטאַבן. געלע, צעווייקטע בלעטלעך, צעגריזשעטע און אָפּגעריבענע פון דער צייט. אָפּגעקראָכענע העפטלעך מיט פּשוטע פאַרצייכענונגען. צונויפגע־קלעפּטע, אויסגעבלייכטע צעטעלעך, קאַרטלעך, שטיקעלעך פּאַפּיר, וואָס דערציילן פון אומגעקומענע לעבנס.

בריוו פון שרייבער און פון פּשוטע פאָלקס־מענטשן, וועמען די גרוי־זאַמע געשעענישן האָבן געמאַכט פאַר שרייבער, און געשטויסן צו פאַר־צייכענען אַלץ, וואָס זיי האָבן צוגעזען ביי דער פאַרניכטונג פון מיליאָנען.

מיט וואָס פאַר אַ האָפענונג און גלויבן אין דעם טאָג פון יום־הדין זיי האָבן אַלץ פאַרצייכנט, אָפּגעהיט און פאַרזיגלט אין די בלעכענע קאַנען, כדי די קומענדיקע דורות זאָלן לערנען פון זייערע פיינט און קענען אויס־מיידן דעם זעלביקן גורל.

עס ווילט זיך מיט די אַלע שריפטן באַהעפטן, איינזאַפּן יעדעס וואָרט.

עס װילט זיך דאָ בלײבן טעג, װאָכן, חדשים און איבערלײענען אַלע בריװ, אַלע בלעטלעך, װעלכע זײנען אי צװאות אי װאָרענונגען.

אימפּולסיװ האָבן מײנע פינגער דאָ און דאָרטן אַרױסגעצױגן בריװ, שמות מיט קורצע זאַצן, העפטן מיט לאַנגע באַשרײבונגען.

אָט איז אַ בריװ, צונױפגעקלעפּט פון פיר טײלן מיט אַן אָפּגעריבענער שריפט, אָבער גאַנץ קלאָר און לײענבאַר. אַ מאַן װאָרנט זײן פרוי און הײסט איבערגעבן אין געטאָ, אַז די אַרבעטס־לאַגערן זײנען אומקום־פּלעצער, װו מען פאַרגאַזט יידן.

אָט איז אַ פאַרגעלט און צעקנײטשט בלעטל מיט אַ ליד פון אַ יונגן יידישן פּאָעט פון זיבעצן יאָר, װאָס רופט צום װידערשטאַנד.

אָט איז אַ דיקער בוך מיט נעמען פון הרוגים, װעמען מען האָט דערשאָסן אױף די אומשלאַג־פּלעצער, אין הײמען, אױף די גאַסן אין פאַרשײדענע טעג.

אָט איז אַ בלעטל פון אַ טאָג־בוך:

„מיר זײנען אַרומגערינגלט פון דער געסטאַפּאָ. אין דרױסן הערט זיך אַ שיסערײ. מען קלאַפּט אין די טירן. מיר ליגן אײנגעמױערט. כ'האָב מורא רחלע זאָל ניט װײנען."

אַ פאַרצװײפלטער קול שרײט אַרױס פון אַ העפטל מיט פאַרצײכענישן פון פאַראַט און אומקום: „פאַרשאָלטן זאָלן זײן די העלפער און משרתים פון אונדזערע שונאים. װער האָט זיך עס געקענט ריכטן, אַז צװישן אונדזערע אײגענע יידן װעלן זיך געפינען אַזעלכע, װאָס װעלן אױסליפערן זײערע ברידער צו דער שחיטה!"

אַקציעס. אַקציעס. אומשלאַג־פּלאַץ. טראַנספּאָרטן. אױסזידלונג. אָט די גרױזאַמע װערטער און אַלערלײ ציפערן חזרן זיך כסדר איבער אין די דאָקומענטן, בריװ און בלעטלעך.

פון אונטער אַ פּאַק מיט צײטונגען קוקן אַרױס עטלעכע העפטלעך. אין אײניקע פון זײ זײנען די בלעטער צוגעקלעפּט אײנע צו די צװײטע און די שריפט צונױפגעגאָסן. קענטיק געלעגן אין פײכטקײט.

אָט איז אַ בלױ העפטל מיט עטלעכע ברױנע פלעקן אױף דעם ערשטן זײטל. די האַנטשריפט אַ קלאָרע, אַ דײטלעכע. גרױסע אותיות. עטלעכע טינט־פלעקן דעקן דאָ און דאָרטן צו אַן אות. ס'איז געשריבן פון אַ פּשוטן פּאָלקס־מענטש, װײזט אױס. ער גיט איבער אין קאָרגע הונדערט זײטן דאָס, װאָס עס איז פאָרגעקומען אין לאָדזש אין משך פון אַ פּאָר טעג, װען די נאַצים האָבן צונױפגעזאַמלט מיט יידישע קאָפּאָס אַרױסגעריסן פון יידישע הײמען

20.000 קינדער. ער גייט פון הויז צו הויז, דער מחבר פון כתב־יד, און באַשרייבט דעם געיאָמער פון די מאַמעס, וועלכע האָבן זיך ניט געוואָלט שיידן מיט זייערע קינדער און זיך קעגנגעשטעלט. ער גיט איבער די צאָל הרוגים פון די, וואָס האָבן פאַרטיידיקט זייערע קינדער.

„ס'איז געווען אַ העלער זוניקער טאָג". שרייבט ער „עס זיינען געשטאַנען לאַנגע רייען לאַסט־וועגענער און אין אייניקע האָבן די נאַצים אויך אַריינגעוואָרפן די באָבעס. אַ צאָל קינדערלעך האָבן זיך געפּרייט. זיי האָבן געגלויבט די יודענראַטלער, אַז מען פירט זיי אויף אַן אויספלוג און ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס די באָבעס האָבן די גאַנצע צייט געוויינט."

ס'איז שוין געווען שפּעט, ווען איך האָב פאַרלאָזט דעם יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט. אַ קילער האַרבסטיקער אָוונט איז געשטאַנען אין דרויסן, אַ קלאָרער, צעפינקלטער הימל האָט זיך געצויגן איבער וואַרשע. שטערן ווי צעוואָרפענע פייערדיקע אותיות האָבן אינהאַלטלאָז אַראָפּגעקוקט אויף דער ערד. ס'האָט זיך געוואָלט אויסרייסן אַלע שטערן און אויפשרייבן מיט זיי דעם אינהאַלט פון די בערג פון שריפטן, בריוו און צוואות פון די אומגעקומענע מיליאָנען, כדי זיי זאָלן יעדן אויפדערנאַכט אויפגיין אויפן הימל פאַר די אויגן פון דער גאַנצער מענטשהייט און בלייבן ווי אַ זכר פון גרויזאַמען פּיין און אומגעהויערן העלדנמוט פאַר די קומענדיקע דורות.

דער שלום-קאנגרעס

ערב דעם קאָנגרעס

I

אין דער לעצטער רגע פאַרן דערעפענען דעם צווייטן וועלט־פרידן־קאָנגרעס אין שעפילד האָט די ענגלישע „אַרבעטער־רעגירונג" אויפן באַפעל פון וואַשינגטאָן אָפּגעזאָגט אַריינצולאָזן די טויזנטער פון אַלע עקן וועלט אָנגעקומענע פרידנס־דעלעגאַטן.

אַעראָפּלאַנען, שיפן, באַנען מיט זינגענדיקע פרידנס־אָנהענגער האָבן זיך אָפּגעקערעוועט פון די ענגלישע ברעגן און זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג פון פוילן — דאָס לאַנד, וואָס ווייסט גוט דעם טעם פון קריג און הייבט זיך איצט אויף פון אירע חורבות.

די צייט איז געווען קורץ צו מאַכן די אַלע צוגרייטונגען פאַר דעם קאָנגרעס. אַ פיבערדיקער דראַנג צו דערמעגלעכן דעם קאָנגרעס האָט אַרומגענומען די גאַנצע באַפעלקערונג. צענדליקער טויזנטער אַרבעטער האָבן מיט לייב און לעבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט. איבער נאַכט זיינען אַלטע חרובע וואָקזאַלן, פאַרשרפּעטע סטאַנציעס אַזוי ווי ניי געוואָרן. אומעטום זיינען אויסגעוואַקסן בלומען, פאָנען, לאָזונגען, ווייסע טויבן און פריידיקע מאַסן, וואָס האָבן גאַנצע נעכט אָפּגעוואַרט די פאַרבייפאָרנדיקע דעלעגאַטן און אויפגענומען זיי מיט האַרציקע, ברידערלעכע באַגריסונגען. קיינער פון די דעלעגאַטן וועט זיין גאַנצן לעבן ניט פאַרגעסן די ברענענדיקע פאַקלען אינמיטן דער נאַכט, די האַרציקע אויפנאַמע פון פוילישע אַרבעטער, די אויסגעשטרעקטע הענט, די אויסגעשרייען פאַר פרידן אויף די וואָקזאַלן אין פאַרשידענע פוילישע שטעט און שטעטלער, וועלכע זיי זיינען פאַרבייגעפאָרן אויפן וועג קיין וואַרשע.

די באַפעלקערונג פון פוילנס הויפטשטאָט האָט באַוויזן דעם וווּנדער פון סאָציאַליסטישע מעגלעכקייטן.

אין פינף טעג און פינף נעכט איז די ריזיקע געביידע פון דעם „דאָם סלאָוואָ פּאָלסקיעגאָ" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנגרעס־זאַל מיט פּלעצער פאַר 2000 דעלעגאַטן, מיט טעלעפאָנען, טעכנישע קאַבינעטן, קאָנפערענץ־ און קינאָ־זאַלן, ראַדיאָפאָנישע און טעלעגראַפישע סטאַנציעס, רע־

סטאַראַגעז, באַרס, מיקראָפאָנעז, הילכערס און מיט פאַרשידענע אויס־שטעלונגען.

איך האָב צוויי טעג פאַר דער דערעפענונג באַזוכט די געביידע. דאָס הויז האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרבישופטער פּאַלאַץ, וואָס האָט יעדע שעה געביטן זיין אויסזען. פאַר די אויגן זיינען אויסגעוואַקסן ווענט פון צימערן, באַדעקטע מיט טעפּיכער, גאָבעלינען, צייכענונגען, בילדער, האַנט־אַרבעט, פּאָרטרעטן און פּילשפּראַכיקע לאָזונגען.

הונדערטער פאָר הענט האָבן זיך כסדר באַוועגט אין אַן אימפּעטיקן סטאַקאַטאָ־ריטם. ווען מען האָט זיך צוגעקוקט צו די מידע, ניט אויסגעש־שלאָפענע געזיכטער, צו די פיבערדיקע אויגן פון די אַרבעטנדיקע, האָט זיך געדאַכט, אַז יעדער פון זיי הערט זיך גלייכצייטיק איין צו אַ געוויסער מע־לאָדיע און באַמיט זיך אַנצוהאַלטן דעם זעלבן ריטם פון אירע טענער.

איינער האָט אַריינגעצויגן עלעקטריע, אַ צווייטער האָט אויסגעלייגט דילן, אַ דריטער האָט באַצויגן די ווענט מיט געוואַנט, אַ פערטער האָט פאַרענדיקט די בינע, באַגלייט מיט אַ הודזשען, אַ קלאַפּן, אַ סקריפּען און אַ קלימפּערן פון העק, צוואַנגען, שרויפן־ציער, זעג, הובלעס און אַנדערע מכשירים. יעדער איינער איז געשטאַנען ביי זיין אַרבעט, ווי ער וואָלט זיך באַטייליקט אין אַ פאַרמעסט און מיליאָנען אויגן וואָלטן אים נאָכגעפאָלגט.

II

דאָס באַרימטע ליד פון דער דיכטערין עמאַ לאַזאַרוס, וואָס איז אויס־געקריצט געוואָרן מיט אַזויפיל יאָרן צוריק אויף דער אַמעריקאַנער פריי־הייט־סטאַטוע, האָט באַקומען אַ תיקון אין וואַרשע, ווען דאָס פּוילישע פאָלק האָט איינגעלאַדן צו זיך די שלום־קעמפער.

„גיב מיר די געיאָגטע, געדרודפטע מחנות, וואָס לעכצן נאָך\
פרייהייט און פרידן,\
איך הויב אויף דעם פלאַמיקן פאַקל און ווייז זיי דעם וועג צו\
מיין טיר“.

רירנד איז געווען די באַגעגעניש פון די דעלעגאַטן מיט טויזנטער איינוווינער פון וואַרשע.

אינמיטן הארבסט איז דער וואַרשעווער וואָקזאַל באַדעקט געוואָרן מיט בלומען. דורך די פענצטערלעך פון וואַגאָנען, אויף די פּעראָנען, אויף די דעכער פון די באַנען זיינען געפלויגן בלומען. אַ מיטליאָריקע נגערישע

פרוי מיט עטלעכע בוקעטן אין די הענט האָט מיר דערציילט מיט טרערן אין די אויגן:

— איך האָב קיינמאָל קיין בלומען ניט געקויפט. ווער קען זיך אַזוינס פאַרגינען. און דאָ איז אַ לאַנד, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזאַ שרעקלעכע מלחמה, און זיי פאַרמאָגן אַזויפיל בלומען פאַר אונדז, פשוטע מענטשן.

מיט טרערן אין די אויגן זיינען געשטאַנען דעלעגאַטן אויפן הויפּט־וואָקזאַל און געזוגנען אויף צענדליקער שפּראַכן דאָס זעלבע ליד פון שלום.

גאָרניט לאַנג צוריק זיינען זיי געווען אין גאָר אַן אַנדערער אַטמאָ־ספער. ווי פאַרברעכער האָט מען זיי גערודפט, געשלעפּט איבער די באַנען און ניט אַראָפּגעלאָזט אין „סאָציאַליסטישן ענגלאַנד". דער וועלטבאַרימ־טער וויסנשאַפטסמאַן זשאָליאָ־קירי איז ניט געווען קיין פּערסאָנאַ גראַטאַ אין ענגלאַנד.

— איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די פּנימער פון די ענגלישע סקאָטלאַנד־יאַרד־לייט — האָט דערציילט אַ דעלעגאַט פון דעטראָיט. — זיי האָבן מיך גיין שעה אָפּגעהאַלטן אויף דער שיף, און צום סוף ניט גע־לאָזט פאָרן קיין שעפילד.

דאָרט, אין די „פרייע" מערב־לענדער האָט מען זיי געיאָגט און דאָ הינטערן „אייזערנעם פאָרהאַנג" זיינען זיי געקומען באַגריסן פאָר־שטייער פון דער פּוילישער רעגירונג, פאָרשטייער פון פּססר, פון כינע און פון די אַנדערע דעמאָקראַטישע לענדער און די באַפעלקערונג פון וואַרשע.

דער האָטעל „בריסטאָל" איז געווען אויסגעפּוצט. יעדעס ווינקעלע האָט געשמעקט מיט יום־טוב. אפילו די פּאָרטיערן, וואָס זיינען געהאָנגען אין ריזיקן עס־צימער און פאַרנומען אַ גאַנצע וואַנט, אַזש גאַנצע צוויי שטאָק די הויך, זיינען פאַרביטן געוואָרן אויף נייע. פון די פענצטער זיינען אַראָפּ־געהאָנגען צענדליקער וואַזאָנעס, ווי אַ שטיק גרינע לאָנקע אויף דער סטעליע. די ווענט, די טירן זיינען באַצירט געווען מיט לאָזונגען פאַר שלום און באַגריסונגען צו די געסט אין פינף אויסלענדישע שפּראַכן.

מיט ווייסע טויבן איז געווען אויסגעצירט די ווינדע און ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט, האָט זיך געדאַכט, אַז זיי פליען.

דער זאַל האָט אויסגעזען ווי אַ גאָרטן מיט בלומען־בערג אויפן דיל. יעדע דעלעגאַציע, וואָס איז אַריינגעקומען, האָט געטראָגן בוקעטן אין די הענט.

אונטער די שלום־פאָנען האָבן זיך געטראָפן דעלעגאַטן פון די פאַר־

וואָרפנסטע ווינקלער פון דער וועלט און געדריקט זיך די הענט, ווי זיי וואָלטן זיך געקענט דורך יאָרן.

דער זאַל איז געווען פול מיט מענטשן. אַלע שפּראַכן האָבן זיך אויס־געמישט און דער ריטם פון שטענדיקן גערויש האָט דערמאָנט אין באַנען, וואס דערנענטערן זיך צו סטאַנציעס.

לעבן מיר איז געזעסן אַן עלטערע נעגערין. אויפן לאַץ פון איר מאַנטל זיינען געווען אָנגעשפּיליעט רויטע רויזן און אין די הענט האָט זי געהאַלטן אַ בוקעט וויאָלעטן. זי איז געווען אַ דעלעגאַטין פון אַ וואַשינג־טאָנער נעגער־אָרגאַניזאַציע, וואָס קעמפט פאַר שלום.

זי האָט זיך ניט געקענט שיידן מיט די בלומען, ווייל דאָס האָבן איר געגעבן פּוילישע מוטערס און דערביי זיך געקושט מיט איר, ווי מיט אַ שוועסטער. איר לענגלעך פּנים, אַ באַדעקטס מיט אָן אַ שיעור שפּרינקע־לעך, האָט געענדערט יעדע רגע דעם אויסדרוק. אָט האָט זי אויסגעזען ווי אַ פאַרשעמט קינד צווישן דערוואַקסענע, אָט ווי אַ זקנה, אָרומגערינגלט מיט אייניקלעך, מען האָט געזען, ווי פאַרשידענע געדאַנקען האָבן זיך גע־שלאָגן אין איר מוח.

— איר ווייסט — האָט זי אָנגעהויבן רעדן צו מיר מיט אַ טיף גע־רירטן קול — איך בין אַ לערערין, און איצט פיל איך, אַז איך האָב די אַלע יאָרן ניט געלערנט מיינע שילער דעם אמת; דאָס פּוילישע פאָלק איז אַ פריינט פון די נעגער. דער אייזערנער פאָרהאַנג הענגט איבער אונדזער אַמעריקע און ניט איבער די נייע דעמאָקראַטיעס. דאָרט באַהאַנדלט מען אונדז ווי פאַרברעכער און דאָ ווי אייגענע, נאָנטע.

זי האָט זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּווונדערן פון די קראָמען, אָנגעפּאַקט מיט שפּייז און מיט אַלערליי סחורות און מיט באַגייסטערונג אויסגערעכנט אַלץ, וואָס זי האָט געזען אין שוי־פענצטער פון וואַרשע און מיטאַמאָל, מיט גרויס נייגער מיך געפרעגט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי איז עס מעגלעך! פּוילן איז ניט לאַנג נאָך אַזאַ וועלט־מלחמה און זעט — אַלץ איז דאָ פאַראַן, אַזויפיל שפּייז, אַזויפיל נייע הייזער אויפגעבויט, און ביי אונדז, אין רייכסטן לאַנד אויף דער וועלט, וווינען מענטשן אין נאָרעס און אַזויפיל מענטשן הונגערן?

— זאָגט מיר, פאַרוואָס איז דאָ אַלץ בעסער, שענער, ווי מיר האָבן געלייענט אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע?

איידער איך האָב נאָך באַוויזן צו ענטפערן אויף איין פראַגע, האָט זי

מיר שוין געשטעלט אַ צווייטע. זי האָט מיך ממש באַוואָרפן מיט פראַגן, זי האָט געוואָלט וויסן דעם ענטפער צו פיל רעטענישן, וועלכע האָבן שוין זיכער לאַנג געפייניקט איר געדאַנק. און אפשר זיינען די ענטפערס אויך ניט געווען קיין נייע פאַר איר, אָבער איצט האָט זי זיך צוגעהערט אָן שום פאָראורטייל.

נאָך אַ לענגערן שמועס האָט זי זיך אָנגערופן :

— אַזויפיל יאָרן אָפּגעאַרבעט, איצט דאַרף איך קריגן אַ פּענסיע, וועלכע וועט פאַרזיכערן מיין עקזיסטענץ אויף דער עלטער. אויב איך וועל אַרויסקומען עפּנטלעך און דערציילן אַלץ, וואָס איך האָב געזען און וואָס איך טראַכט, וועט דאָך טרומאַן צונעמען מיין פּענסיע. ווער וועט מיך אויסהאַלטן ?

אַ פאַרזאָרגטע האָט זי מיך אָנגעקוקט. אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן אָפּגעשפּיגלט אַ טיפן געראַנגל און נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט זי ווי צו זיך אַליין אַרויסגעמורמלט :

— נו יאָ, אויב איך און אַנדערע וועלן מורא האָבן און אַנשטאָט עפּעס טאָן בלויז טראַכטן וועגן זיך, וועלן זיי זיכער די אַטאָמישע באָמבע לאָזן קעגן די מענטשן.

אַ יונגע דעלעגאַטין פון לאָס-אַנדזשעלאָס, וועלכע האָט געזאַמלט פיר טויזנט אונטערשריפטן אונטערן שטאָקהאָלמער אַפּעל, האָט אונדז דער־קלערט :

— ס'איז גוט געשען, וואָס דאָ קומט פאָר דער קאָנגרעס. דאָ זעט מען ביידע זייטן — די חורבות, דעם אומגליק פון מלחמה און די צווייטע זייט — די נייע פאַבריקן, די פּרעכטיקע נייע קוואַרטאַלן און די אויפגעריכטע באַפעלקערונג, וועלכע איז דער רעזולטאַט פון פרידלעכער בויאונג. און חוץ דעם — האָט זי געשמייכלט — איז באַשערט, אַז מיר אַמעריקאַנער זאָלן זען, ווי עס זעט אויס אמתע דעמאָקראַטיע און זיך איבערצייגן, וויפל ליגן עס ווערט אונדז טעגלעך דערציילט אין אונדזער אַמעריקאַנער פּרעסע. איצט וועלן מיר וויסן, וואָס צו גלויבן.

III

וואַרשע האָט אויסגעזען ווי אַ ריזיקער חתונה-זאַל, וווּ די גאַנצע באַ־פעלקערונג זיינען מחותנים און די ווייסע טויב מיטן ווייסן פּוילישן אָדלער די חתן-כלה.

פון מיר און פענצטער איבער אַלע גאַסן האָט אַרױסגעקוקט אַ פּרײַ־לעכע די כּלה, באַגריסט די טױזנטער אָנגעקומענע געסט און באַקענט זײ מיטן ערשטן װאָרט פון דער פּױלישער שפּראַך: „פּאָקאָי", „פּאָקאָי" (שלום, שלום).

מיט שטאָלץ האָבן געקוקט די נײַע אױפגעבױטע קװאַרטאַלן מיט די רײען ליכטיקע געבײדעס אױף די פאַרבליבענע חורבות, װי זײ װאָלטן גע־מורמלט אינדערשטיל: „מיר זײַנען די געהױבנסטע מחותנים, מיר זײַנען די פרוכט פון פרידן און איר דער רעזולטאַט פון קריג".

אָבער די שװאַרצע, צערפּולע רואינעס, די סימבאָלן פון נעכטיקן פּײַן און אומקום, האָבן הײַנט װי אַלמנות צו דער חתונה פון זײערע קינדער אױסגעטאָן די טרױער־שלעפּעס, זיך אױסגעפּוצט אין רױט־װײסע און בלױע פאָנען און די װוּנדן פאַרהאָנגען מיט פאָרטרעטן פון די שענסטע זין פון דער מענטשהײט.

דאָ פון אַ הױכער צעשפּאַלטענער װאַנט האָבן אַראָפּגעקוקט לעניו, סטאַלין און ביערוט, דאָרט פון אַ פאַרקאַן מיקעל־אַנדזשעלאָ, אַנרי באַר־ביס און גאָרקי.

אױף די רושטאָװאַניעס אַנטקעגן האָטעל „בריסטאָל" זײַנען געהאָנגען פּלאַקאַטן און פאַרשידענע לאָזונגען:

„קײנמאָל מער קײן קריג". „מיר מאָנען שטראָף פאַר די העצער פון מלחמה". „מיר װילן דערציען אונדזערע קינדער אין אַ װעלט פון שלום".

פון אַ גרױסן פּלאַקאַט האָט אַראָפּגעבליקט אַן אַלטע דאַמע אָנגעטאָן אין שװאַרצן מיט אױסגעטשטשירעטע צײַן און מוראדיקן פּנים. אין די הענט האָט זי געהאַלטן שפּיזן, אַ קנױל קײטן, און געשטריקט.

אױפן פּלאַקאַט איז געװען אָנגעשריבן מיט גרױסע פֿינקלדיקע אותיות: „װאָלסטריט שפּינט קײטן פאַר דער װעלט".

פון אַ צװײטן פּלאַקאַט האָבן אַראָפּגעקוקט פרײדיקע פּנימער פון פּױערים אין פאַרביקע קלײדער אױף אַ גאָלדענעם פעלד מיט קאָרן בײַם אַראָפּנעמען די תּבֿואה. מיט אַ צושריפט: „מיר װילן זײען און בױען אַנ־שטאָט קריג".

די פּיל לאָזונגען און פּלאַקאַטן אומעטום האָבן אױסגעדריקט דעם אײנציקן װוּנטש: „שלום".

דער גרױסער יום־טובֿ האָט זיך אױסגעשפּרײט אױף אַלע גאַסן און אַרײַנגעדרונגען אין די פאַרבאָרגנסטע װינקעלעך פון שטאָט.

פיל געביידעס זיינען געווען באַוואַקסן מיט פאָנען. אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט בלומען, ווי ס'וואָלט די לעצטע טעג געדעגנט מיט זיי.

די גאַנצע באַפעלקערונג האָט זיך באַטייליקט אין דער גרויסער פרידנס־מאַניפעסטאַציע. צענדליקער טויזנטער אַרבעטער זיינען געלאָפן פון די פאַבריקן אין די אַרבעטער־קליידער מיט בלומען צו די באַנען באַגעגענען די דעלעגאַטן. פרעמדע מענטשן, פון ווייטע לענדער, מיט פרעמדע שפּראַכן האָבן זיך אַרומגענומען און געקושט ווי אייגענע.

מאַמעס האָבן זיך אַרומגענומען מיט מאַמעס און זיך צונויפגערעדט מיט טרערן.

פּויערטעס מיט טיכלעך אויף די קעפּ, מיט קאָזשוכלעך און קווישעלעך אין די הענט זיינען געקומען פון דערבייאיקע דערפער צו די באַנען, באַגריסן מיט באַשיידענע, וואַרעמע בליקן די געסט און אָפּזינגען דאָס איינוואָרטיקע ליד מיט אַלעמען צוזאַמען: „פּאָקאָי", „פּאָקאָי".

מחנות קינדער זיינען אַרומגעפלויגן ווי קליינע שוואַלבן איבער די גאַסן, איבער די האָטעלן, איבער די קאָנגרעס־זאַלן און געזאַמלט אונטער־שריפטן ביי די דעלעגאַטן.

באַזונדערס פריי האָבן זיך דאָ אויף פּוילישער ערד דערפילט די נעגער. זיי האָבן אויסגעגלייכט די רוקנס, אויפגעהויבן די קעפּ און דערזען זייער דורותדיקן טרוים פון פרייהייט אין דער ווירקלעכקייט. אַרבעטער פון פאַר־שידענע פעלקער און ראַסן האָבן זיך מיט זיי געהאַלדזט און געקושט. מאַ־מעס האָבן אויפגעהויבן זייערע קליינע קינדערלעך, כדי זיי זאָלן קענען דריקן זייערע הענט. שעהענלאַנג האָבן געוואַרט מחנות מענטשן ביי די טירן פון האָטעל, בלויז כדי צו קענען זיי זען און באַגריסן.

אייניקע אַמעריקאַנער דעלעגאַטן, וואָס האָבן זיך אָנגעלייענט מיט אַמעריקאַנער צייטונגען און איינגעזאַפּט אַלע ליגנס וועגן די דעמאָקראַטישע לענדער, האָבן גאָרניט געקענט קומען צו זיך פון איבעראַשונג.

— זעט נאָר, זעט נאָר די אָנגעפּאַקטע קראָמען מיט שפּייז און ביי אונדז שרייבן זיי, אַז מען שטאַרבט דאָ פון הונגער, — האָט מיך אָנגע־שטויסן ביים אַרבל אַ מיטליאָריקע פרוי פון ניו־דזשוירזי, אויסרעכענענדיק דערביי אַלע אַרטיקלען באַזונדער פון די פאַרבייאיקע שוי־פענצטער.

— זעט נאָר, זעט נאָר די עלעגאַנטע שיך, דעם וווייכן לעדער און די פאַרשידענע קאָלירן, פאַסאָנען און ביי אונדז שרייבן זיי, אַז מען גייט דאָ באָרוועס — האָט זי כסדר אויסגערופן, אָפּשטעלנדיק זיך ביי יעדן מאַ־גאַזין.

אַ יונגער נעגער־אַרבעטער האָט זיך גאָרניט געקענט באַרואיקן פון זיינע איינדרוקן. ער איז אַרומגעלאָפן פון איין אַמעריקאַנער דעלעגאַט צום צווייטן און געשטעלט יעדן איינעם פראַגן: „אויב הינטערן „אייזערנעם פאָרהאַנג“ איז ניטאָ קיין דעמאָקראַטיע, טאָ פאַרוואָס האָבן זיי קיין מורא ניט אַריינצולאָזן אַהער די אַלע דעלעגאַציעס פון דער וועלט, צווישן וועלכע עס געפינען זיך מענטשן מיט פאַרשידענע איבערצייגונגען? אויב זיי זייַנען, ווי מען שרייבט ביי אונדז, פאַר קריג, טאָ פאַרוואָס לייגן זיי איין וועלטן פאַרן שלום, פאַרוואָס נעמען זיי אַזוי פריינטלעך אויף די דעלעגאַטן, טוען אַלץ אין דער וועלט מיר זאָלן האָבן אַלע באַקוועמלעכקייטן, ווען ביי אונדז אין אַמעריקע אַרעסטירט מען בלויז פאַרן זאַמלען אונטערשריפטן קעגן קריג“.

אַנדערע זיינען געווען אַזוי גערירט, אַז זיי האָבן גאָרניט געקענט ריידן, זיי זיינען פּלוצים געוואָרן שווייגערס און דווקא האָט דאָס פּאַסירט מיט אַזעלכע, וואָס זיינען שטענדיק געווען גאָר ריידעוודיק.

דער יונגער בלייכער סטודענט מיט די טיפע שוואַרצע פייַנפולע אויגן, וועלכער איז שוין יאָרן לאַנג אַ געליימטער, האָט מיר שטילערהייט איינגעַ רוימט אַ סוד:

— איך ווייסט, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, ווי איך האָב מיך פאַרגעסן, אַז איך בין אַ קאַליקע, אָט דער געדאַנק, וועלכער לאָזט מיך אין אַמעריקע אויף אַ רגע ניט אָפּ. איך טראַכט שטענדיק, ווי אַזוי וועל איך זיך מאַכן אַ וועג אין מיין לעבן, ווי אַזוי וועל איך קריגן אַ דזשאָב, ווען מען דאַרף אומעטום האָבן אַזעלכע ברייטע עלנבויגנס?

— אָט דאָ האָב איך זיך צום ערשטן מאָל דערפילט גלייך מיט אַלעַ מען, דאָ דאַכט זיך מיר וואָלט איך אפילו געקענט טאַנצן! — ביי די לעצטע רייד האָט ער זיך שטאַרק פאַררויטלט און זיך אַ פּאָר מאָל אומגעקוקט, צי קיינער האָט זיך ניט אונטערגעהערט. מער האָב איך אים ניט געהערט ריידן דורך דער גאַנצער קאָנפערענץ. ער האָט אפילו זיין קליינע איינגעהזרטע רעדע, צו וועלכער ער האָט זיך אַזוי אחריותדיק געגרייט, אויך ניט געהאַלטן.

זעקס טויזנט אונטערשריפטן האָט ער געזאַמלט און ווי שווער דאָס איז אים אָנגעקומען; די פּאָליציי האָט אים עטלעכע מאָל אַרעסטירט, טעראָריזירט, געפּרוווט אָנשרעקן, אָבער דזשאָו האָט זיי מוטיק געענטפערט, אַז עס וועט אים גאָרניט אָפּשרעקן. דזשאָו האָט אַ פעסטע שטים און אַ פּליסיקע שפּראַך, עס האָבן אים קיינמאָל קיין ענטפערס ניט אויסגעפעלט. זיין גאַנץ לעבן איז געווען איין לאַנגער פאַרטיידיקונגס־קאַמף, קעגן זיינע לערער,

קעגן זיינע שכנים און אַפילו קעגן זיינע נאָענטע, ווייל דזשאָו איז געווען אַ פּראָגרעסיווער. ער האָט מיט זיי שטענדיק דיסקוטירט, זיך געאַמפּערט און געקריגט, אָבער דאָ האָט מיר דזשאָו נאָך דעם ערשטן אָוונט ביים טרינקען די ערשטע גלאָז פּוילישע קאַווע אַ זאָג געטאָן: „די אַלע מענטשן מיט די פרעמדע שפּראַכן פאַרשטייען מיך בעסער ווי מיינע אייגענע פּראָפעסאָרן“.

מיט דזשאָו האָב איך זיך כסדר געטראָפן ביי די מאָלצייטן, אין די אויטאָס און אין קאַנגרעס=זאַל. ער איז געזעסן ביי אַן אַנטקעגנדיקן טיש מיט די טרייבלעך אויף די אויערן און אויפמערקזאַם אויסגעהערט אַלע רעדעס. ער האָט אויף אַ רגע זיין פּלאַץ ניט פאַרלאָזט. אונדזערע בליקן האָבן זיך אָפטמאָל דורך די טעג באַגעגנט. זיינע אויגן זיינען געווען רויטלעך פון ניט דערשלאָפן און איבערגעפילטע מיט איינדרוקן. ער האָט פון צייט צו צייט בשעת אַזאַ באַגעגעניש אַ צי געטאָן זיין האַלדז פון קאָלנער, ווי ס'וואָלט אים ענג געוואָרן און אַ פיר געטאָן מיטן קאָפּ הין און צוריק, ווי ער וואָלט זיך נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט צו וווּנדערן אויף דעם אַלעם, וואָס ער האָט געזען.

באַזונדערס רירנד האָט דזשאָו אויסגעזען בעת די הויכפּונקטן פון עם קאָנגרעס, ווען דער גאַנצער זאַל האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבן, שטורעמדיק אַפּלאָדירט און אויף אַלערליי שפּראַכן מיט פאַרשידענע אויסגעשרייען אויסגעדריקט זיין באַגייסטערונג. דזשאָו האָט אין יענע רגעים פון טיפע איבערלעבונגען געשוויגן און ניט אַפּלאָדירט. ער האָט ניט געקענט. חוץ זיין געליימטער פוס האָט ער געהאַט אַ פּאַראַליזירטע האַנט. ער האָט בלויז מיט זיינע טיפע טונקעלע אויגן ווי מיט פּראָזשעקטאָרס אַרומגעוואַנדערט איבערן זאַל, ווי ער וואָלט זיך ווען איבערצייגן, צי זיי אַפּלאָדירן שוין פאַר אים אויך.

שטאַרק איבעראַשט פון דער אַטמאָספערע אין דעם פאָלקס=דעמאָקראַטישן פּוילן איז געווען אַן עלטערע נעגערין פון מיאַמי. איך האָב זי ניט איינמאָל געזען ווישן די טרערן, און אָפטמאָל געכאַפּט אַ שמועס מיט איר.

זי וווינט אין דער נעגער=געטאָ, אָפּגעזונדערט פון די ווייסע, וווּ אַ נעגער קען ניט איבערטרעטן די שוועל פון אַ רעסטאָראַן פאַר ווייסע אָדער זיצן אין אַן אויטאָבוס נעבן אַ ווייסן בירגער. דאָ האָט זי געטיילט איר צימער מיט צוויי ווייסע פרויען.

— דאָ פאַרגעסטו, אַז דיין הויט איז אַ שוואַרצע, דאָ דערוויסטו זיך,

אַז דו ביסט אַ מענטש. מיט אַלע גלייך, — האָט זי איינמאָל באַמערקט, ווען מיר זיינען געזעסן אין עס־צימער פון האָטעל „בריסטאָל“ ביים אָוונט־ברויט.

— דאָ איז אַלץ אַזוי נאַטירלעך. זייער פריינטשאַפט און זייער העפ־לעכקייט איז ניט קיין איבערטריבענע, ווי עס פּאַסירט אָפט ביי אונדז אין אַמעריקע. אפילו אין אונדזערע פּראָגרעסיווע קרייזן, וווּ די גוטע פריינט ווילן פאַרגיטיקן פאַר אַלע עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן אונדז.

— ווי אַזוי וועל איך דאָס אַלץ קענען איבערגעבן מיינע באַקאַנטע ? — האָט זי מיט אַ ציטערדיקער שטים סיי זיך און סיי מיך געפרעגט.

— ווי איז דאָס מעגלעך, אַזאַ קורצע צייט נאָכן קריג און עס זייגען שוין אויפגעבויט געוואָרן אַזויפיל נייע קוואַרטאַלן ? וואַרשע האָט דאָך שוין באַלד אָפּגעווישט אַלע שליאַדן פון אירע רואינעס, און אָט די קאָנפערענץ וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן אין עטלעכע טעג פון מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט ? אַזוי אַרבעטן קען מען ניט צווינגען, אַזוי קענען נאָר אַרבעטן מענטשן, וועלכע האָבן ליב זייערע פירער און זיינען פאַר דער אָרדענונג פון זייער לאַנד.

איך האָב געשפּרייזט איבער די גאַסן פון וואַרשע, וועלכע איך האָב אַזוי ליב געהאַט פון קינדוווייז אָן און אַזויפיל יאָרן געטרוימט דאָרט צו וווינען.

איך האָב געקוקט מיט אויפמערקזאַמע בליקן אויף דער שטאָט, וואָס כ'האָב צום ערשטן מאָל אַלס קינד דערזען מיט איין אויג, אַרויסגייענדיק פון טשיסטע־שפּיטאָל מיט אַ באַנדאַזשירטן קאָפּ נאָך אַן אָפּעראַציע. די באַ־לויכטענע הייזער, ווי זיי וואָלטן איינגעשלונגען שטיקער זון, די ליכטיקע גאַסן מיט דער שטענדיקער מענטשן־באַוועגונג, דער האַרבסטיקער ריח פון וואַרשע, דער געקלימפּער פון רעדער אויסגעמישט מיט מענטשלעכע אונטער־זינגענדיקע שטימעס איז מיר נאָכגעפאָרן אַהיים צו מיין שטעטל און מיך גערופן אין די פינצטערע ווינטער־נעכט פון די בלאָטעס אויף מיין דרימ־לענדיקן געסל.

איצט האָט וואַרשע געהאַט פאַר מיר אַן אַנדער ריח, אַן אַנדער בלאַנק און אַן אַנדער אויסזען. וואַרשע, די שטאָט, וואָס האָט מיך אַמאָל געלאָקט, האָט מיך דעמאָלט אין דער זעלבער צייט אויך געשראָקן. איצט האָט זי מיך ניט מער געשראָקן. אַצינד איז וואַרשע די שטאָט פון פריינטשאַפט און ברידערלעכקייט.

אויף דעם נאָווי־שוויאַט האָט יעדעס הויז גערעדט פון פרידן. אויף דעם שפּיץ פון דעם וואָלקנקראַצער, וואָס האָט געהאַלטן ביים פאַרענדיקט ווערן,

האָבן געפלאַטערט ווייסע טויבן און דאָס וואָרט פרידן האָט אַראָפּגעפינקלט אין פיר שפּראַכן און ביינאַכט געצאַפּלט מיט עלעקטרישע אותיות און צע־צונדן די רושטאָוואַניעס מיט דער האָפענונג און גלויבן פון יעדן פאַרבייגייער.

אויף דעם רונדן פּלאַץ פון האָטעל „בריסטאָל“ האָבן געפלאַטערט די פאָנען פון אַלע נאַציעס און ניט ווייט פון דאָרט אַנטקעגן דעם קבר פון אומבאַקאַנטן זעלנער איז געשטאַנען דער גרויסער גלאָבוס מיט דער טויב און מיט דעם אויסרוף: „שלום“.

איך בין געגאַנגען פון איין גאַס צו דער צווייטער, זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע און ווידער האָט עס מיך געצויגן. ס'האָט זיך געוואָלט אומע־טום זיין און אַלץ זען.

איך האָב געשפּאַנט איבער דער פּרעכטיקער נייער טראַסע און גע־קוקט צו דער בלוי־זינגענדיקער ווייסל און געהערט אַ נייעם ניגון. זי זינגט ניט מער דאָס אַלטע וויג־ליד, די ווייסל זינגט היינט אַ מאַרש און באַגלייט מיליאָניקע אַרבעטער־טריט צו די פאַבריקן.

זי שלעפּט אַ צופרידענע די פאַרטאָפּלטע לאַסטן און זינגט אין דעם גרויסן כאָר פון מאָטאָרן פון דעם שטאַלענעם טעמפּאָ פון דעם נייעם פּוילן.

מאַריאַנשטאַט, די נייע אויפגעבויטע אַרבעטער־געגנט מיט די דריי־שטאָקיקע ראָזעווע געביידעס, איז געווען איינגעטונקען אין זון.

די ווייסע מאַרמאָרנע מאַמע מיט אַ הון אין איין האַנט און אַ קויש גרינסן אין דער צווייטער האָט גאַסטפריינטלעך אַראָפּגעקוקט צו יעדן פאַרבייגייער.

ביי דעם פאָנטאַן האָבן זיך געשפּילט קינדערלעך און דער פריידיקער קלינגענדיקער געלעכטער האָט זיך געטראָגן איבער דעם ברייטן סקווער.

דער שוי־פענצטער אין דעם פּרעכטיקן בוך־געשעפט אַנטקעגן דעם פאָנטאַן איז געווען אויסגעפילט מיט מייסטער פון וועלט־ליטעראַטור.

מיצקעוויטש, שעקספּיר, פּושקין, לערמאָנטאָוו, מאַיאַקאָווסקי, אַנרי באַרבים, עמיל זאָלאַ, וויקטאָר הוגאָ, טשאַרלס דיקענס, מאַרק טווען, וואָלט וויטמאַן, האָוואַרד פעסט, איליאַ ערענבורג, גאָרקי און אַנדערע.

סאָוויעטישע, פראַנצויזישע, אונגאַרישע, כינעזישע, ענגלישע ליטעראַ־טור ווערט דאָ איבערגעזעצט און געבראַכט צום פּוילישן לייענער. ווי פרישע בלוט־טראַנספוזיעס פליסן אַריין די קולטור־שטראָמען פון דער וועלט און באַרייכערן די קולטור־אוצרות אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער.

דער בוך־געשעפט איז אין דער זעלבער צייט אויך אַ קאַפע־הויז. מענטשן זיצן ביי טישלעך מיט צייטונגען, ביכער און זשורנאַלן. זיי טרינ־

קען זיך געמיטלער טײ אָדער קאַפּע מיט צובײסעכץ און קוקן אַרײַן אין אַ בוך אָדער אַ זשורנאַל.

איך האָב געבלעטערט די ביכער. וואָס פאַר אַ פײַנע אויסגאַבעס. איך האַלט אין מײַנע הענט די פּרעכטיקע לוקסוס=אויסגאַבע פון מיצקעוויטשעס „פאַן טאַדעאוש“. איך האָב געקוקט אויף די װוּנדערלעכע אילוסטראַציעס פון טאַדעאוש גראַנאָװסקי און געטראַכט, אין װעלכן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד זאָלן אין די ערשטע דרײַ װאָכן נאָך דעם דערשײַנען צעכאַפּט װערן איבער אַ האַלבן מיליאָן עקזעמפּלאַרן, װי עס האָט פּאַסירט מיט אָט דער אויסגאַבע.

אין דרויסן איז געװען זוניק און װאַרעם. אַ חברה קינדערלעך האָבן מיך אַרומגערינגלט מיט העפטלעך און געבעטן מײַן אונטערשריפט, דערקלערנדיק, אַז זײ האָבן צװישן זיך אַ געװעט, װער עס װעט זאַמלען מער אונטערשריפטן פון די פרידן=דעלעגאַטן.

אַ קלײן בלאָנד ייִנגעלע אין אַ בלױ היטעלע מיט אַ שװאַרצן דאַשיק און בלױ מאַנטעלע מיט גאָלדענע קנעפּלעך האָט מיר דערלאַנגט זײַן העפטל פול מיט אונטערשריפטן און געפרעגט מיט אַ פּישטשענדיק שטימעלע פון װאַנען איך קום. ער האָט אויסגעזען װי אַ קלײן קאָנדוקטאָרל פון אַ באַן. זײַנע בלױע אויגעלעך האָבן געפינטלט, װען ער האָט דערצײלט מיט שטאָלץ, אַז ער האָט מער אונטערשריפטן פון אַלע.

אויף זײַן פּלײצע איז געהאַנגען אַ לעדערנער ראַניעץ מיט ביכער און ער האָט זיך געאײלט אין שול אַרײַן.

— װאָס לערנסטו הײַנט אין דײַן שול ? — האָב איך אים געפרעגט און ער האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ װײַלע, איבערגעשושקעט זיך אַ פּאָר מאָל מיט זײַנע חברימלעך און געענטפערט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגעלעך, דרײיענדיק מיט די פינגערלעך זײַן בלײַפעדער :

— איך לערן זיך שרײַבן, לײענען, רעכענען און װעגן פרידן.

— װאָס לערנסטו װעגן פרידן ? — האָב איך אים ניט אָפּגעלאָזט און ער האָט זיך װידער איבערגערעדט מיט זײַנע חברים.

— ליב האָבן מענטשן — האָט אים צוגעהאָלפן אַ גרעסער ייִנגעלע פון אַ יאָר אַכט מיט אַ געשפּרינקלט פּנימל און רויט נעזל.

— יאָ, יאָ, ליב האָבן אַלע קינדערלעך און אַלע גרויסע מענטשן אויף דער װעלט — האָט ער אויסגעציפּצעט מיט זײַן דין שטימעלע װי אַ פײגעלע און געפּאָכעט מיט בײדע הענטלעך צו זײַנע חברימלעך, רופנדיק זײ אין שול אַרײַן. פּלוצים האָט ער זיך װידער אויסגעדרײט, װי ער װאָלט זיך

עפעס דערמאָנט און זיין דין גאָמבקעלע האָט זיך געעפנט און איך האָב ווידער דערהערט זיין מעלאָדיש קולכעלע:

— מען לערנט אונדז אויך ליב האָבן אַרבעט און טאָן גוטע זאַכן!

איך האָב אים געבעטן וויזן זיינע ביכער און ער האָט זיך גאָר דער־פרייט און פאַרגעסן אין שול, ער האָט גאָר פלינק אַראָפּגעשלעפּט דעם ראַניעץ און דערלאַנגט יעדעס ביכל איינגעוויקלט אין קאָלירטע פּאַפּיר. זיינע ביכער זיינען געווען זייער ציכטיק און מוסטערהאַפט געהאַלטן, אפשר דערפאַר האָט ער עס מיר אַזוי גערן געוואָלט וויזן.

איך האָב געמישט די בלעטער און געלייענט די מעשהלעך, די קורצע משלים, גלייכווערטלעך, די לידער און אומעטום געזען דעם זעלבן ציל, אָנ־צוטרינקען די יונגע הערצלעך מיט ליבשאַפט, מיט ערלעכקייט און מיט אַ געזונטן הומאַניזם.

גליקלעכע פּוילישע יוגנט! איך האָב זיך דערמאָנט אין מיינע קינדער־יאָרן, ווען אויך איך בין געווען אַ קינד און געגאַנגען אין די שולן פון אַלטן סאַנאַציע־פּוילן. מיינע שולביכער זיינען דעמאָלט פול געווען מיט שנאה צו אַלע פעלקער און מיט בלינדן נאַציאָנאַליזם. איך האָב זיך דערמאָנט אין די מלחמות, וועלכע פלעגן אויסברעכן צווישן די פּוילישע און יידישע סטו־דענטן, מיט וואָס פאַר אַ פחד מיר פלעגן ביי נאַכט פאַרבייגיין דורך אַ גרופּע סטודענטן, דערוואַרטנדיק, אַז אַ מבול פון שטיינער זאָל זיך אַראָפּ־לאָזן אויף אונדז. איך האָב געדענקט גוט די שלאַכטן ביים מובאָוועץ, אויף גראַיעווקע סלאָבאָטקע, אין פּאַרק וואָלגאַשטשי און אפילו אין די קינאָס, ווען פּלוצים פלעגט אויף אונדז אַ רעגן טאָן פון די באַלקאָנען מיט גוט אויסגעקנעטענע קייקעלעך, וואָס פלעגן פּונקט אַריינטרעפן אין די אויגן אָדער אין אַנדערע טיילן פון געזיכט.

איך האָב זיי געדענקט גוט די שולן פון אַמאָל. זיי זיינען געווען פאַבריקן פון שנאה, האַס, אַבערגלויבן, פינצטערניש און היינט זיינען זיי געוואָרן פון ליבע און פריינטשאַפט.

אַ צווייט יינגעלע אין אַ געקעסטלט מאַנטעלע, גרוי געשטריקט היטעלע און ברוינע אָפּגעפּוצטע שיכלעך האָט זיך דורכגעשטופּט דורך זיינע חברימ־לעך, געבליבן שטיין גאָר נאָענט אַנטקעגן מיר און מיט פאָרוואורף געפרעגט:

— פאַרוואָס שפּילן זיך אין אַמעריקע די קינדער מיט פּיסטוילן און מיט טאַנקען, ווייסן זיי דען ניט, אַז דאָס זיינען ניט קיין שיינע שפּילצייג?

און ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אַ טאַנטע אין שיקאַגאָ, וואָס שיקט אים יעדעס יאָר צו זיין געבורטסטאָג אַזעלכע מינים צאַצקעס:

— צו מיין לעצטן געבורטסטאָג האָט זי מיר געשיקט אַ טאַנק, אַ גרויסן גרינעם טאַנק, איינגעפּאַקט אין אַ רויטן גלאַנציקן קעסטל, אַרומגע־בונדן מיט אַ סך שטריק און פיל פּאַפּירן. מיין מוטער האָט עס אויפגעפּאַקט און ווען זי האָט עס דערזען, איז זי זייער אומעטיק געוואָרן און מיר ניט געלאָזט זיך צו דעם צורירן. זי האָט מיר איבערגעגעבן, אַז די נאַציס האָבן מיט אַ טאַנק צעקוועטשט מיין קליין ברודערל, ווען ער איז בלויז אַלט געווען איין יאָר. מיין מוטער האָט געוויינט און דערנאָך צוריק איינגעפּאַקט דעם אַמעריקאַנער טאַנק און עס צוריק אָפּגעשיקט קיין אַמעריקע.

— פאַרוואָס האָט זי מיר בעסער ניט געשיקט אַ טראַקטאָר, אָדער אַן עקסקאַוואַטאָר, וואָלט איך מיט דעם געקענט העלפן אויפבויען אונדזער פאָטערלאַנד — האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן.

ביים געזעגענען זיך האָט מיר דער עלטסטער פון זיי געגעבן אַ מתנה, אַ קאַרטל מיט בילדער פון וואַרשע און צוגעגעבן: — גיט עס איבער די אַמעריקאַנער קינדער, זאָלן זיי זען וואָס די טאַנקען האָבן אָפּגעטאָן צו אונדזערע היימען.

איך האָב געטראַכט פון דער דערציאונג אין די סאָציאַליסטישע און אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

איך האָב זיך דערמאַנט אין אַ צאָל מיינונגען, וואָס זיינען לעצטנס אויסגעדריקט געוואָרן אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע:

— די לערער מוזן דערמוטיקן דעם נאַטירלעכן דראַנג ביי די שילער צו שלאָגן און טויטן — שטייט געשריבן אין בוך פאַר דער מיליטערי־שער דערציאונג פון די אָפיצירן אין אַמעריקע.

דר. נאַנס, פּרעזידענט פון פלאָרידאַ־אוניווערזיטעט, האָט זיך תיכף אויף דעם אָפּגערופן מיט אַ דערקלערונג:

— מיר מוזן אָנפירן מיט דער גאַנצער דערציאונג פון אונדזער יוגנט באַזירט אויף די געזעצן פון דזשונגל. יעדער איינער מוז זיך אויסלערנען די קונסט פון דערהרגענען.

אין זאַל פון קאָנגרעס

I

אין האָטעל האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל. מיט שפּאַנונג האָט יעדער איינער דערוואַרט די דערעפענונג. יעדער פון אונדז האָט מיט די אייגענע אויגן דערזען די גרויסע מאַסן און די שענסטע גייסטער פון דער וועלט, וואָס זיינען אויף דער זייט פון שלום. דאָס האָט אָנגעגאָסן אונדזערע הערצער מיט באַגייסטערונג און ענטוזיאַזם.

אַרום אונדזער האָטעל האָבן זיך יענעם אָוונט פון דער דערעפענונג פאַרזאַמלט טויזנטער אַרבעטער. די אַרומיקע גאַסן זיינען געווען באַוואַקסן מיט אַ געדיכטן מענטשן־וואַלד. אונדזער איינשטייגן אין די אויטאָבוסן איז באַגלייט געוואָרן מיט בלומען און מיט אָוואַציעס.

איבער גאַנץ וואַרשע זיינען פאָרגעקומען ריזיקע דעמאָנסטראַציעס. איבער פיל גאַסן האָבן זיך געצויגן מענטשן־רייען מיט פענער, פּאָרטרעטן און ברענענדיקע פאַקלען.

לאַנגזאַם האָבן זיך אונדזערע אויטאָס געצויגן דורך דער שטאָט פון שלום, וווּ אַרבעטער האָבן מיט איין האַנט געלייגט ציגל און מיט דער צווייטער אונטערגעשריבן דעם שטאָקהאָלם־אַפּעל. אונדזערע אויגן האָבן געוואַנדערט דורך די שויבן איבער נייע, ליכטיקע קוואַרטאַלן מיט נייע וווינונגען, איבער וויטרינעס פון אַלערליי מאַגאַזינען, אָנגעפּילטע מיט סחורות, איבער קינאָס, קלובן און ביכער־געשעפטן.

„פּאָקאָי“, „פּאָקאָי“ האָבן אומעטום געהילכט אויסגעשרייען פון פאַרבייגייער און מיר האָבן דורך די שויבן געענטפערט „פּיס“, „פּאַטשע“, „מיר“, „פּע“. יעדער פון די דעלעגאַטן האָט געענטפערט אויף זיין שפּראַך, טייל האָבן אונטערגעכאַפּט און אָפּגעענטפערט אויף פּויליש. „פּאָקאָי“ איז געוואָרן דער לייטמאָטיוו פון דער גרויסער פריינטשאַפט־סימפאָניע.

דער קאָנגרעס־זאַל איז געווען אַרומגערינגלט מיט מחנות פּוילישע בירגער. ברענענדיקע פאַקלען און ריזיקע לאָמפּן האָבן פאַרטריבן די שאָטנס פון דער נאַכט. די בלויע פענער האָבן ווי שטיקער באַגינען געפלאַטערט איבער דער געביידע פון „דאָם סלאָוואַ פּאָלסקיעגאָ“. דורך זינגענדיקע מאַסן, דורך שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, זיינען מיר אַריין אין זאַל,

וו צוויי טויזנט דעלעגאַטן פון פאַרשידענע ווינקלעך אויף דער וועלט האָבן זיך צונויפגעטראָפן אונטער איין דאַך, כדי צו באַקעמפן די קריגס־צינדער און באַשיצן די וועלט פון אַ נייער גרויזאַמער קאַטאַסטראָפע.

אונדזערע אויגן האָבן געוואַנדערט איבער די קאָלירפולע געשטאַלטן. איינער האָט זיך איינגעקוקט אין צווייטן, דערנענטערט, באַקענט און באַ־גריסט ווי צעשיידטע ברידער, וואָס האָבן ווידער נאָך פיל יאָרן אָפּוועזנ־הייט איינער פון צווייטן זיך צוריק צונויפגעטראָפן.

אַ פויער פון אַ ווייטן אינדישן דאָרף האָט זיך צום ערשטן מאָל אַרומ־געכאַפּט מיט אַ סאָוויעטישן קוילנגרעבער. אַן אַפריקאַנער נעגער האָט זיך צום ערשטן מאָל באַגריסט מיט אַן אַרבעטער פון בראַזיל. אַן איטאַליעני־שער שיף־אַרבעטער האָט זיך צום ערשטן מאָל אַרומגענומען מיט אַ צינק־אַרבעטער פון בורמאַ. אַ פראַנצויזישער וויסנשאַפטסמאַן, שרייבער, קינסט־לער און דענקער האָט זיך באַגעגנט מיט אינטעלעקטועלע און קינסטלער פון אַנדערע לענדער.

ס'איז געווען אַן אמתע „פאַראייניקטע נאַציעס“ מיט די שענסטע פאָר־שטייער פון וויסנשאַפט, קונסט, ליטעראַטור און אַרבעט פון איין און אַכ־ציק פעלקער.

אַ „פאַראייניקטע נאַציעס“, וו ס'איז געהערט געוואָרן די שטים פון דער מענטשהייט, די שטים פון די פרייע און פון די אונטערדריקטע, די שטים פון וועלט־געוויסן און די שטים פון דעם פשוטן מענטש.

פונקט זיבן אַזייגער אין אָוונט פון 16־טן נאָוועמבער 1950 האָט פּרע־דעריק זשאָליאָ־קירי, דער גרויסער וויסנשאַפטסמאַן פון פראַנקרייך, דער נאָבעלער גייסט און אומדערמידלעכער קעמפער פאַר פרידן, געעפנט דעם צווייטן וועלט־קאָנגרעס פאַר שלום.

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך צעברומט די סירענעס פון די פאַב־ריקן אין וואַרשע, קראָקע, קאַטאָוויץ, וואַלבזשיך, לובלין און אָנגעזאָגט דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאַנד, אַז דער קאָנגרעס האָט זיך אָנגעהויבן.

אין זאַל האָט געקלונגען די שטים פון מענטשלעכער ציוויליזאַציע, פּראָגרעס און וויסנשאַפט. אין דרויסן האָבן זיך איבערגערופן די העלדזער פון פאַבריקן און דערציילט פון העכערער פּראָדוקציע אין פוילנס אינדוס־טריע לכבוד דעם קאָנגרעס. אויך אין אַמעריקע האָבן אין דער זעלבער צייט געברעוועט די סירענעס. נאָר ניט פאַר שלום. דאָרט האָבן סירענעס גערופן די דערשראָקענע באַפעלקערונג אין די שוץ־קעלערס אַריין.

II

דער ריזיקער זאַל מיט דער הערלעכער חשיבות און ברידערלעכקייט צווישן אַרבעטער, פּויערים, שרייבער, דענקער, וויסנשאַפטלייט האָט אויסגעזען ווי אַ מיניאַטור־וועלט.

דורך די גלעזערנע ווענט פון דער געביידע האָט אַריינגעקוקט וואַרשע, די שטאָט וואָס איז אַ טריאומף פון פּוילנס דערגרייכונגען און אַ סימפּאָניע פון אַרבעט. 84 פּראָצענט פון אירע געביידעס זיינען אין לעצטן קריג פאַרניכטעט געוואָרן. אַכט הונדערט טויזנט פון אירע באַוווינער זיינען דורך די נאַציס אויסגעמאָרדעט געוואָרן. וואַרשע, וואָס האָט נאָכן קריג אויסגעזען ווי אַ לאַנגער מדבר פון גרוזן, שטיינער און מענטשלעכן פּיין, איז שוין מער ווי אַ העלפט אויפגעבויט און שטייט ווי אַ וווּנדער קעגן די קאַפּיטאַליסטישע זנאַכערס און קענערס, וואָס האָבן פאַרויסגעזאָגט, אַז ס'וועלן נעמען צענדליקער יאָרן, איידער די שטאָט וועט זיך אויפהויבן פון אירע חורבות.

וואַרשעס פאַרבליבענע חורבות — דער סימבאָל פון קריג און די נייע ליכטיקע קוואַרטאַלן — דער סימבאָל פון פרידן זיינען אַריינגעדרונגען אין זאַל און זיך אויסגעלייגט אויף אַלעמענס געמיט. אָט דיביידע בילדער זיינען ווי לעבעדיקע עדות געשטאַנען פאַר אונדזערע אויגן און צוזאַמען מיט אונדז געהערט, ווען יעזשי אַלבערכט, דער פּרעזיצער פון וואַרשעווער שטאָט־ראַט האָט מיט טיפן פּאַטאָס דערציילט וועגן די ליידן פון פּוילישן פאָלק און וועגן דעם חורבן, וואָס די נאַציס האָבן געלאָזט אין זיין הויפּטשטאָט.

אין דרויסן האָבן אויף אונדזער געביידע געפלאַטערט בלויע פענער פון שלום ווי בלעטער פון אַ נייעם אויסטערלישן בוים און זיך געטונקען אין דעם ליכט פון די רויטע פאַקלען, וואָס האָבן דאָ אָן אויפהער טאָג און נאַכט געברענט.

אינעווייניק צווישן דעם פרישן, יונגן מענטשן־וואַלד האָט גערעדט איליאַ ערענבורג:

„אונדזער סאָוועטישע פילאָזאָפיע, אונדזער עטיק, אונדזערע האָפענונגען זיינען קעגן מלחמה. מיר גלויבן אין דער צוקונפט פון אַלע קינדער אויף דער וועלט. ניט נאָר די קינדער פון מאָסקווע, נאָר אויך די קינדער פון ניו־יאָרק זיינען אונדזער האָפנונג, אונדזערע פריינט, אונדזערע פאַרבינדעטע!“

„די וואָס טרוימען פון אַ נייעם וועלט־קריג, האָבן אַ סך געלט, אַ סך פּאַפּיר, אַ סך ראַדיאָס און אַ סך ראַדיאָ־סטאַנציעס, אָבער וואָס ציילן זייערע שטימעס קעגן דער פּולסירונג פון אַ מענטשלעך האַרץ?“

„מיר וועלן ניט דערלאָזן אָנצופאַנגען אַ נייעם קריג!“

„מיר וועלן אָפּקערעווען דאָס מויל פון קאַנאָן פון דער מענטשלעכער ברוסט! אין דעם זיינען מיר פאַראייניקט — קאָמוניסטן, קאַטאָליקן, ליבעראַלן, סאָציאַליסטן, רוסן, אַמעריקאַנער, ענגלענדער און כינעזער.“

„קריג איז ניט קיין ערד־ציטערניש און ניט קיין טייפון! ער ווערט געמאַכט פון מענטשן און מענטשן קענען אים אָפּשטעלן!“

נאָך איליאַ ערענבורגס רעדע האָט דער זאַל ווי אַ ים זיך געהויבן, געוויגט און געליאַרעמט. פאַרביקע טראַכטן, שאַרפן, טיכער זיינען ווי זעגלען אַרומגעשוווּמען איבער די מענטשן־כוואַליעס, באַגלייט מיט ענטוזיאַסטי'שע לידער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון טויזנטער הערצער.

אַן ענלעכע כוואַליע פון באַגייסטערונג און ענטוזיאַזם האָט אַ פליייץ געטאָן פון די דעלעגאַטן דעם צווייטן טאָג, ווען עס האָבן אַריינמאַרשירט אין זאַל די פּוילישע פרויען אין זייערע נאַציאָנאַלע קליידער. אַ רעגנבויגן פון פאַרבן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונדז, ווען זייערע ווייסע אויסגע־שטרעקטע הענט האָבן געשליידערט אויף אונדז די שיינע טיכלעך מיט די פאַרביקע בילדער און די פילשפּראַכיקע אויפשריפטן פאַר שלום. מיר האָבן געגלעט די צאַרטע, ווייכע מתנות פון די פּוילישע מוטערס, וואָס האָבן אַרומגענומען אונדזערע אַקסלען און זיך אויסגעשפּרייט אויף אונדזערע הערצער. איך האָב זיך אַרומגעקוקט איבער מיינע שכנים. ביי פיל פון זיי האָבן די דינע שפּיצן פון טיכלעך אַ וואַנדער געטאָן פון די הער־צער צו די אויגן און פאַראייניקט אַן אַמעריקאַנער טרער מיט דעם שווייס פון פּוילישע אַרבעטער־הענט.

פון פּרעזידיום האָט אַראָפּגעלויכטן דער ווייסער קאָפּ פון אַלעקסאַנ־דער פאַדיעיעוו, דאָס באַוועגלעכע און שיינע פּנים פון אַנאַ זעגערס, דער מוטיקער און לאָגישער פּעטראָ נעני, דער פראַנצויזישער גלח בוליע, זשאָליאָ־קירי און אַנדערע.

דער פאָרזיצער האָט אַנאָנסירט, אַז ס'איז אָנגעקומען אַ וואַגאָן מיט בלומען פון דער באַפעלקערונג פון דער זוניקער ניצע, און אַ לאַנגער ריט־מישער אַפּלאָדיס האָט אָפּגעהילכט פון אַלע ווינקעלעך.

אויף אַ מאָמענט איז דער זאַל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם העכסטן געריכט פון דער וועלט. דעלעגאַטן פון אונטערדריקטע קאָלאָניאַלע לענדער,

וועמענס שטים עס וועט נים צוגעלאָזט צום וואָרט אין די „פּאַראייניקטע נאַציעס", האָבן דאָ צעעפנט די באַשולדיקונגס־אַקטן קעגן זייערע אונטער־דריקער.

דער דעלעגאַט פון פּאַראַגוויי האָט צעוויקלט פאַר אַלעמענס אויגן די בלוטיקע קליידער פון דעם סטודענט ראַקאַ אַלאַנזאַ, וועלכער איז קוים 20 יאָר אַלט געווען, ווען די דאָרטיקע פּאָליציי האָט אים דערמאָרדעט.

זיין פאַרברעכן — ער האָט פאַרטיילט ליטעראַטור וועגן פרידן און זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן דעם פּלאַץ פון דער דרוקעריי און די נע־מען פון זיינע חברים.

זיי האָבן אים געפּייניקט מיט עלעקטרישע שטראָמען. די אַרעסטירטע האָבן אין זייערע צעלן געהערט זיינע געשרייען: „עס וועט אייך קיינמאָל נים געלינגען אַרויסצוקריגן פון מיר קיין שום אינפאָרמאַציע, איך וועל קיינמאָל נים פאַראַטן מיין פאָלק!"

נאָך ניין שעה פּייניקונגען איז זיין קול אָפּגעשטעלט געוואָרן. זיינע חברים איז געלונגען צו נעמען אַ בילד פון זיין קערפּער. זיין שאַרבן איז גע־ווען אינגאַנצן צעשמעטערט. דער לינקער אויג אַריינגעפּרעסט, די ציין אויסגעהאַקט, זיינע הענט און פיס צעבראָכן.

„זיי האָבן מורא פאַר דעם וואָרט שלום. עס שרעקט זיי די ווייסע טויב".

דער דעלעגאַט פון מאַדאַגאַסקאַר, ראַזאַקאַריוואָנג, האָט דערציילט וועגן די ברוטאַליטעטן פון די פראַנצויזישע קאָלאָניאַליסטן, וועלכע האָבן אין יאָר 1949 אַליין אויסגעמאָרדעט זעקס און ניינציק טויזנט פון זיינע ברידער.

דער דעלעגאַט פון באָליוויע האָט איבערגעגעבן:

„אין די פּולאַקאַיאַ זילבער־ און בליי־מינעס אַרבעטן פרויען און צענ־יאָריקע קינדער צו 12 שעה אַ טאָג פאַר דעם לוין פון 40 סענט. די טעמ־פּעראַטור אין די מינעס איז 125 גראַד פאַרענהייט און זעכציק פּראָצענט פון די אַרבעטער האָבן טובערקולאָז. איין העלפט פון אונדזערע קינדער שטאַרבן אין דעם ערשטן יאָר פון זייער לעבן און די לעבנגעבליבענע שטייגן נים אַריבער דעם עלטער פון 35 יאָר. קיין מעדיצין, קיין דאָקטוירים קו־מען נים צוהילף דער אָרעמער באַפעלקערונג. מיר לעבן ווי שקלאַפן אין אונדזער אייגן רייך פאָטערלאַנד אונטער דער הערשאַפט פון די אַמערי־קאַנער קאַפּיטאַליסטן."

ריזנד איז געווען די שטים פון דעם גריכישן דעלעגאַט מ. קאָקאָליס:

„גריינלאַנד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. 30.000 ווערן געהאַלטן אויף די אינדזלען אין לאַגערן ענלעך צו אַשוויענ־טשים. 2000 פּאָליטישע אַרעסטירטע זיינען פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. 27000 שמאַכטן אין די תפיסות. קינדער פון 14 יאָר ווערן געפירט צו זייער טויט. הונדערטער טויזנטער ווערן טעראָריזירט און געפייניקט, אָבער די שלום־באַוועגונג וואַקסט. גאַנצע דערפער זיינען מאָביליזירט גע־וואָרן פאַר שלום און בלויז אין עטלעכע טעג זיינען געזאַמלט געוואָרן טויזנטער אונטערשריפטן פאַר דעם שטאָקהאָלם־אַפּעל".

דער 75־יאָריקער דיכטער וואַלאַטאַל פון דרום־אינדיע האָט צום ערשטן מאָל אין לעבן פאַרלאָזט זיין דאָרף. ער איז געשטאַנען אַנטקעגן אונדז מיט זיין אויסגעצערטן פּנים און איינגעדאַרטן גוף, אַרומגעוויקלט אין אַ לאַנגן בלויען ראָק און מיט אַ לירישן מעלאָדישן ניגון אַריינגעגאָסן אין אונדז דעם לאַנגיאָריקן צער פון זיין פאָלק.

אָט, האָט פּלוצים אַ קלונג געטאָן די שטאַרקע שטים פון מוזיקן נעגער־פירער און פאָרשטייער פון אונדזער דעלעגאַציע טשאַרלס האַוואַרד:

„איך בין אַן אייניקל פון די שקלאַפן, וואָס זיי האָבן אַראָפּגעבראַכט קיין אַמעריקע, איך טרוים פון יענעם טאָג, ווען מיינע ברידער און איך וועלן אין אונדזער אַמעריקע באַהאַנדלט ווערן אַזוי, ווי מיר זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אין טשעכאָסלאָוואַקיע און פּוילן!"

שטאַרק רירנד איז געווען די שטים פון פּאַבלאָ נערודאַ, דעם דיכטער פון קאַמף, וועמענס ליד עס ברעכט דורך אַלע גרענעצן און דערגרייכט אַהין, וווּ קיין קויל קען ניט דערגרייכן:

„אונדזער טויב איז דורכגעפלויגן די גאַנצע וועלט. דער סטעיט דע־פּאַרטמענט צילט זיינע גיפטיקע פיילן אויף איר! דער מערדער מאַק־אַר־טור וואַרפט אויף דעם קאָרייאַישן באָדן זיינע בראַנד־באָמבעס אויף איר, אָבער אומזיסט!"

„די ריינע, ווייסע טויב שוועבט איבער דער וועלט, גיסט אָן מיט האָפענונג די מוטערס און שטורכעט מיט אירע פעדערן די סאָלדאַטן און וועקט זיי און רופט זיי צו דערמאַנען זיך, אַז זיי זיינען מענטשן און קינדער פון פאָלק, אַז מיר ווילן ניט זייער טויט!"

עס האָט זיך געוואָלט אויסהערן יעדעם וואָרט פון די רעדנער ווי אויך אַרומבלאָנדזשען איבערן זאַל. ביי איין טיש זיינען געזעסן דער באַרימ־טער פּוילישער שרייבער און דראַמאַטורג לעאָן קרושקאָווסקי, דער גרוי־סער דיכטער וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי, דער באַרימטער פיזיקער לעאָפּאָלד

אינפעלד, וועלכער האָט זיך ניט לאַנג צוריק אומגעקערט פון קאַנאַדע קיין פוילן — דאָס לאַנד פון זיין געבורט. דערביי זיינען געזעסן די פּאַר־שטייער פון דער נייער דעמאָקראַטישער רעפובליק פון מזרח־דייטשלאַנד. מען האָט געזען דעם געפייניקטן און פאַרחלומטן פנים פון דעם דיכ־טער יאָהאַנעס בעכער, פון אומדערמידלעכן אַנטי־פאַשיסטישן קעמפער אַרנאָלד צווייג, פון סטעפאַן הערמעלין און אַנדערע.

אין זאַל האָט זיך מיטאַמאָל אַראָפּגעלאָזט אַ מבול פון בלומען. מחנות פוילישע קינדער האָבן געשטראָמט פון אַלע זייטן און באַוואָרפן יעדן פון אונדז מיט קווייטן. טייל פון זיי זיינען פריי און אָן שום קרעמפּי־ונגען אַרויפגעשפּרונגען אויף דער פּלאַטפאָרמע און זיך געקושט מיט אַלע מיט־גלידער פון פּרעזידיום, צוטיילנדיק דערביי יעדן פון זיי אַ בוקעט רויזן.

רויטע, געלע און ווייסע נעלקן זיינען געפאַלן אויף מיין פנים, אויף מיינע האָר, אויף מיין ברוסט און אַנטקעגן מיר איז געשטאַנען אַ יונגער לאַכעדיקער שטיפער, מיט צוויי גרינע פינקלענדיקע אויגלעך און אַנגעקוואָלן, וואָס ער האָט געטראָפן אין ציל.

איך האָב געקוקט אויף דער פרייליכער יוגנט און געטראַכט פון אַ קאָנצערט, צו וועלכן מיר זיינען געפאָרן הערן דעם גרויסן נעגער־זינגער און פאָלקס־פירער פּאָל ראָבסאָן. פאַר די אויגן זיינען אַרויפגעשוווּמען די ווילדע באַנדעס אָנגערייצט פון די פאַשיסטן, וואָס האָבן אונדז באַהאָגלט מיט שטיינער. די וועגן אַרום פּיקסקיל זיינען באַגאָסן געוואָרן מיטן בלוט פון הונ־דערטער אַמעריקאַנער בירגער, וואָס האָבן געוואָלט הערן דאָס געזאַנג פון דעם מעכטיקן נעגער־זון.

אין מיין לאַנד אַמעריקע האָט מען אונדז באַוואָרפן מיט שטיינער און דאָ מיט בלומען.

פאַר אונדז דערלעבאַטן פון קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט דאָ אַלץ אויסגעזען ווי אַ מיראַזש, עפּעס אַ פאַנטאַסטישער חלום.

מיר האָבן כסדר געצווינגען פאַראַלעלן און פאַרגליכן די ביידע וועלטן. מיר האָבן געקוקט מיט איין אויג אויף אונדזער היים־לאַנד און מיטן צווייטן אויף דעם פאַנטאַסטישן פאַר אונדז אַרום.

זונטיק אינדערפרי איז פאָרגעקומען אַ ריזיקע שלום־דעמאָנסטראַציע אויף דעם מאַריאַנשטאַט־סקווער. אַ כאָר פון צען טויזנט אַרבעטער האָט געזונגען שאָסטאַקאָוויטשעס שלום־הימן. פאַרבייפאָרנדיקע טאַקסי־שאָ־פערן האָבן אָפּגעשטעלט זייערע מאַשינען און מיטגעזונגען מיטן כאָר. איבער די ברייטע גאַסן האָט זיך געטראָגן דאָס געזאַנג. פאָנען האָבן גע־

פלאַטפאָרמע איבער די נײַע אויסגעבויטע אַרבעטער־געביידעס. ווײַסע טויבן האָבן אַראָפּגעקוקט פון די ווענט.

שאָסטאַקאָוויטשעס מוזיק האָט אײַנגענומען דעם ווינטער אויף די גאַסן, די חורבות און די פאַרבײַגייער, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט און מיט־געזונגען, אפילו די בלויע ווײַסל האָט מיטגעזונגען.

פּלוצים האָט מיך אַ יונגער פּאָרט־אַרבעטער פון ניו־יאָרק אַ צי געטאָן בײַם אַרבל און דערמאָנט אין דער דעמאָנסטראַציע, וואָס איז ניט לאַנג צוריק פאָרגעקומען אויף יוניאָן־סקווער. פאַר מײַנע אויגן זײַנען אַרויפ־געשוועמט די בילדער פון די טויזנטער אַמעריקאַנער אַרבעטער, וואָס האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט אויסצודריקן זייער ווילן פאַר שלום און אַ מחנה צעיושעטע, צעווילדעוועטע בעסטיעס האָבן זיך אויף זיי אַרויפ־געוואָרפן און געטראָטן מיט די פיס און געשלאָגן מיט זייערע נאַגאַנען. מיט וואָס פאַר אַ בעסטיאַליטעט זיי האָבן עס אַראָפּגעשלעפּט אַ צעבלו־טיקטן, אַ צעביילטן יונגן שלום־קעמפער, וואָס איז אַרויפגעקראָכן אויף דעם סלופ פון אַ פאָנאַר און פון דאָרט אַראָפּגעשריגן „מיר ווילן שלום“.

פון יוניאָן־סקווער האָט זיך געטראָגן צום איסט ריווער און צו דעם האַדסאָן אַ געיאָמער פון צעטראָמפּלטע, צעמיטמטע שלום־קעמפער און דאָ אויף די גאַסן פון וואַרשע האָבן געהילכט שאָסטאַקאָוויטשעס ווערטער:

„דער מענטש איז געבאָרן געוואָרן צו הערן די קלאַנגען פון דער פּיאַנע, פידל, האַרפע, פלייט, הנאה האָבן פון דער וונדערלעכער סימפאָניע פון לעבן און שעפערישער אַרבעט און ניט פאַרטויבט צו ווערן פון אויפ־רייסנדיקע באָמבעס און ניט בלינד צו ווערן פון אַטאָמישע שטראַלן. ווי דער פויגל צום פליען איז דער מענטש געבאָרן געוואָרן צו לעבן אין פולער פרייד, אָן אונטערשייד צי ער איז געבוירן געוואָרן אַ זון פון אַן אַמעריקאַנער אַרבעטער־פרוי, אָדער רוסישער פויערטע. אַ מענטש איז געבוירן גע־וואָרן צו זײַן גליקלעך. אָט דאָס האָב איך געלערנט פון לעאָן טאָלסטאָי, מאַרק טווען, טשעכאָוו, וויטמאַן, טשאַיקאָווסקי, מאָצאַרט, די הומאַניסטן, וואָס האָבן געזונגען צו זון, צו פרייד און צו מענטשלעכער שעפערישקייט“.

III

צווישן די 2000 דעלעגאַטן פון צווייטן וועלט־שלום־קאָנגרעס האָבן זיך געפונען 116 פּראָמינענטע שרייבער און פּאָעטן, 48 פּאַרלאַמענטאַריער, 49 ווינסשאַפטסלייט, 68 קינסטלער, 124 פּראָפעסאָרן, 83 יוריסטן, 61

דאָקטוירים, 7 קאָמפּאָזיטאָרן, 520 אַרבעטער און פּויערים, 121 סטודענטן און 151 פאָרשטייער פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס.

דאָרט זיינען געווען רעליגיעזע און ניט קיין רעליגיעזע, קאָמוניסטן און קאָנסערוואַטיווע, סאָציאַליסטן, ליבעראַלן און אפילו אַנטי־סאָוויעטיסטן, ווי דער טיטאָ־אַגענט, דער אַמעריקאַנער אַדוואָקאַט ראָגי און זיין פרוי.

די לעצטע זיינען די גאַנצע צייט געזעסן זויערע, פאַרביטערטע און מיט ברוטאַלן ציניזם זיך באַצויגן צו אַלע פאָרשלאָגן פאַר אַנטוואָפענונג און פאַרבאָט פון דער אַטאָמישער באָמבע. זיי זיינען געווען די איינציקע, וואָס האָבן קיינמאָל ניט אַפּלאָדירט און אַפילו געבליבן אומבאַוועגלעך, ווען דער גאַנצער זאַל האָט געשטורעמט ביים אַריינמאַרשירן פון די פּוילישע אלמנות, וועמענס מענער עס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן פון היטלערס רוצחים. זי האָט כסדר געשטריקט און ער האָט געוואָרפן באַהאַלטענע בליקן אויף די אַמעריקאַנער דעלעגאַטן און ווייזט אויס גוט איינגעשטודירט זייערע נעמען... ס'האָט יעדער איינער פון אונדז אויסגעמיטן זיינע צוויי קאָלירלאָזע אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געווען אָנגעפילט מיט ווייסל פון אַ לויזער איי, און וואָס האָבן בלויז אַ פינקל געטאָן און אַרויסגעוויזן אַ סימן פון לעבן אין האָטעל ביי די געשמאַקע פּוילישע מאָלצייטן.

כמעט קיינער האָט מיט אים ניט איינגעשטימט, האָט ער געקראָגן דאָס וואָרט און ס'איז אַרויסגעוויזן געוואָרן צו זיי די גרעסטע טאָלעראַנץ.

אַלע דעלעגאַטן פון קאָנגרעס זיינען געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אויסצוהערן יעדע מיינונג און יעדן פאָרשלאַג, וואָס איז אויף דער זייט פון פרידן.

די פאָדערשטע זאַלן און די קאָרידאָרן זיינען שטענדיק געווען איבערגעפולט. אַהין האָבן זיך דעלעגאַטן אַרויסגעכאַפּט אָנקוקן די אויסשטעלונגען פון פּוילן, ראַטנפאַרבאַנד און כינע ווי אויך די פיינע קאַריקאַטורן איבער די מלחמה־צינדער, וואָס זיינען מיט אַזויפיל בייסיקער סאַטירע און פיינעם הומאָר אָפּגעשפּיגלט געוואָרן. אין די זאַלן האָט מען שטענדיק געטראָפן רעדלעך פון שמועסנדיקע דעלעגאַטן. דאָרט האָט מען זיך באַקענט, געטוישט מיט אַדרעסן, מאַרקעס, זשעטאָנען און אַנדערע סוווענירן. דאָרט האָט מען געקענט טרעפן געמיטלעך שמועסן צווישן זיך דעם קאַטוילישן גלח בוליע, זשאָליאָ־קירי, פּראָפעסאָר בערנאַל און דעם פּראַוואָסלאַווען מעטראָפּאָליט ניקאָלאַי. אַ פּאַראַד פון פאַרשידענע טיפּן און געשטאַלטן האָט געשטראָמט איבער די ליכטיקע, יום־טובדיקע קאָרידאָרן.

אָט איז פאַרבייגעגאַנגען אַ ווונדערלעך שיינע טאָכטער פון אינדישן פאָלק, איינגעוויקלט אין דינע זיידענע שאַלן. איין האַנט איז געווען פאַרבאָרגן אונטער רונדע פאַלדן פון איר טוך און די צווייטע אין אַ ברייטן ווייסן, דורכזיכטיקן אַרבל ווי אַן אַראָפּגעלאָזטער פליגל, וואָס האָט זיך קוים באַוועגט. פון אירע שוואַרצע גליענדיקע אויגן האָט געשפּריצט מיט פייער און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וועלן באַלד אָנצינדן די שוואַרצע כוואַליעס האָר אויף איר שטערן. זי איז געגאַנגען אַ שטאָלצע, אַ שלאַנקע, אַ פרייע.

אָט איז פאַרבייגעגאַנגען דער גריכיש-אָרטאָדאָקסישער גלח פון רומעניע מיט דעם שוואַרצן הויכן הוט אויפן קאָפּ מיט דעם לאַנגן וועלאָן, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען אויף זיין לאַנגן ראָק. אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ זילבערנעם שטעקן און איבער זיין לאַנגער ווייסער באָרד האָבן אַראָפּגעהאַנגען געלע קרעלן. ער האָט געשאָקלט אין ביידע זייטן זיין קאָפּ און זיך געגריסט מיט די פאַרבייגייענדיקע, אויף אַ רגע האָבן אים אַ גרופּע יונגוואַרג פאַרהאַלטן און געבעטן זיין אונטערשריפט. און ער האָט אַ שמייכלדיקער געדולדיק אונטערגעשריבן זיך ביי יעדן אין העפטל און ווייטער לאַנגזאַם שפּאַצירט.

ביי אַ טישל מיט צייטונגען און זשורנאַלן איז געשטאַנען אַ יונגע כינעזערין. איר רונד-צניעותדיק געזיכט, אירע האַלב-צעעפנטע אויגן און דאָס חנעוודיקע גזשיבקעלע אויף איר שטערן האָבן אַרויסגעפינקלט פון אַ קרייז מיט דעלעגאַטן, וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט. זי האָט געטיילט ביכלעך מיט זיידענע טאָוולען און טיכלעך, אַ מתנה פון די כינעזישע אַרבעטער. אַ יונגער כינעזער ביי איר זייט מיט אַן אויסזען פון אַ סטודענט האָט געטיילט מאַרקעס מיט מאַאָ-טסע-טונגס בילד אויף זיי.

דאָס רעדל אַרום זיי איז געוואָרן שיטערער, ביז עס איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. איך האָב ניט געוואַגט צוצוגיין צו איר. איך בין אַן אַמעריקאַנערין. די וואָלסטריט-מאַגנאַטן האָבן פאַרפלעקט אונדזער נאָמען.

דאָס כינעזישע מיידל האָט מיך אויף אַ ווייל אָנגעקוקט, זיך צעשמייכלט, דערנענטערט און דערלאַנגט אַ פּאַק מתנות פאַר אונדזער דעלעגאַציע.

איך בין געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט. איך האָב איר אויך געוואָלט עפּעס איבערגעבן פאַר אירע חברים. איך האָב זיך אַרומגעקוקט אַ פאַרלאָרענע און געזוכט עפּעס, מיט וואָס איך זאָל קענען אָפּדאַנקען מיין יונגער

כינעזישער שוועסטער. כ'האָב געהאַט מיט זיך אַ באַנד לידער און עס איר דערלאַנגט. זי האָט עס אַ נעם געטאָן צו אירע אויגן און באַלד איבערגע־לייענט:

— פון וואלט וויטמאַן.

אירע האַלב־אָפענע אויגן האָבן זיך ברייטער צעעפנט. אויף איר שע־מעוודיקן גזיכט האָט אַ בליץ געטאָן אַ שמייכל:

— וואלט וויטמאַן איז געווען אַן אמתער אַמעריקאַנער — האָט זי מיט צופרידנקייט אַרויסגעזאָגט און מיר האַרציק געדאַנקט.

די קאָרייאַישע מוטער פאַק דען איי

איינער פון די גאָר שטאַרקסטע און ריירנדיקסטע מאָמענטן בעת דער פרידן־קאָנפערענץ איז געווען דאָס דערשיינען ביים מיקראָפאָן פון דער העלדישער מוטער פאַק דען איי. מ'איז געווען אויסגעשעפּט פון שווערן און אָנגעשטרענגטן טאָג, אויסהערנדיק און פאַרנאָטירנדיק די גרעסטע טיילן פון די רעדעס אין די ספּעציעל פאַר אונדז צוגעגרייטע נאָטיץ־ביכער.

מיטאַמאָל האָט ווי אַן אורגאַן אַ הויב געטאָן יעדן איינעם פון די בענקלעך. אַ שטורעם האָט אַ וויג געטאָן דעם זאַל, ווי צענדליקער אַעראָ־פּלאַנען וואָלטן זיך פּלוצים פון דעם „דאָס סלאָוואַ פּאָלסקיעגאָ" אויפגע־הויבן אין דער לופט.

ווי אַ ווייסע טויב, וואָס איז נאָרוואָס אַרויסגעפלויגן פון אַ ברענענדי־קער נעסט, האָט אַ פלאַטער געטאָן פאַר אונדזערע אויגן די ווייסע גע־שטאַלט פון דער קאָרייאַישער פירערין פון די דעמאָקראַטישע פרויען.

איר ברוין צעפלאַמט געזיכט, אירע צערפולע אויגן, איר פּאַטאַספולע שטים, אירע אויסגעשטרעקטע הענט, וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסן פון איר ווייסער טראַכט, האָבן פאַראייניקט אַלע הערצער אין איין גרויס האַרץ, אַלעמענס אויערן אין איין גרויסן געהער, אַלעמענס אויגן אין איין אָנגע־שטרענגטער ראיה. איר אַריינדרינגענדיקער קול האָט זיך כסדר געענדערט. אָט האָט מען געהערט אַ ציטערדיקע מוטערלעכע שטימע, וואָס באַוויינט אירע טויטע קינדער, און אָט האָט אַ דונער געטאָן אַן אָנקלאָגערישע, אַנט־שלאָסענע שטים פון מיליאָנען.

זי האָט אויף אירע פאַרשרפעטע פליגל אַראָפּגעבראַכט אַהער, אין דעם פאַרנאַכטיקן זאַל, די שלאַכטן און דעם העלדישן ווידערשטאַנד פון איר פאלק קעגן די וואַשינגטאָנער פאַרניכטער.

זי האָט געשילדערט די גליקלעכע יאָרן פאַרן קריג, נאָך דער באַפרייאונג פון די יאַפּאַנישע הענקער, זי האָט אויסגערעכנט די אוניווערסיטעטן, די שולן, די קלובן, די היימען און די אַלע דערגרייכונגען פון איר פאָלק און געבראַכט דאָקומענטן, וועלכע האָבן באַוויזן שוואַרץ אויף ווייס, ווי אַזוי סינגמאַן רי האָט דעם 25⸗טן יוני 1950 אויפן באַפעל פון וואַשינגטאָן אָנגעפאַנגען די אַטאַקע אויף דעם 38⸗טן פּאַראַלעל.

אַ ציטער איז דורכגעגאַנגען אַלעמענס לייבער, ווען זי האָט געשילדערט די באַרבאַרישע מעשים, וואָס די אַמעריקאַנער אַרמיי איז דאָרט באַגאַנגען.

זי האָט פאָרגעלייענט אַ לאַנגע ליסטע פון דערפער און שטעט, וואָס זיינען פון זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וויסטענישן און אין בית⸗עלמנס, און פון קינדער, וועלכע זיינען פון די מערדער אויף אַ גרויזאַמען אופן געפּייניקט און אומגעבראַכט געוואָרן.

ווי אַ פּראָקוראָר אין אַ געריכט⸗זאַל האָט זי אויסגערופן:

„דאָס קאָרייאישע פאָלק וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן און פאַרגעבן די מאָרדן איבער די מוטערס און קינדער! ביז אונדזער לעצטן טראָפּן בלוט וועלן מיר פאַרטיידיקן אונדזער פאָטערלאַנד!“

ביי אַ סך אנוועזנדע האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן. טייל פון אונדזערע אַמעריקאַנער דעלעגאַטן זיינען געזעסן ווי פאַרגליווערט. ס'איז שווער געווען פאַר אונדז אַמעריקאַנער צו קוקן אויף דעם פּנים פון אָט דער קאָרייאישער מוטער. יעדער פון אונדז האָט זיך געפילט שולדיק, ווי מיר וואָלטן ניט גענוג געטאָן צו פאַרהיטן אָט די גרויסע קאַטאַסטראָפע. יעדער איינער פון אונדז האָט געפילט די חרפּה, וואָס די מערדער פון קאָרייאישן פאָלק האָבן אויך געטראָגן דעם נאָמען אַמעריקאַנער.

אַן אַרבעטער פון שיקאַגאָ האָט מיך אַ צי געטאָן ביים אַרבל און שטילערהייט טיף אָפּזיפצנדיק אַרויסגעמורמלט:

— איצט פאַרשטיי איך, וואָס דייטשישע אַנטיפאַשיסטן האָבן געפילט אין יענע טעג, ווען די נאַצישע מערדער האָבן געטראַמפּלט איבער דער וועלט און באַגאַנגען די מאָרדן איבער מיליאָנען מענטשן און פאַרהאַסט געמאַכט און באַשמוצט דעם נאָמען דייטשלאַנד.

אַ הויב געטאָן האָט זיך ערשט אונדזער שטימונג, ווען די קאָרייאישע מוטער האָט אויסגערופן:

— מיר ווייסן, אַז עס זיינען פאַראַן צוויי אַמעריקעס, איינע פון וואָל־סטריט, וואָס שיקט די יוגנט צו שטאַרבן פאַר אירע פּראָפיטן און די צווייטע — די אַמעריקע פון די מוטערס, וועלכע שרייבן צו טרומאַנען, ער זאָל זיי אָפּגעבן צוריק זייערע קינדער. ס'איז פאַראַן אַן אַמעריקע, וועלכע מיר אַלע האַסן און אַן אַמעריקע פון ערלעכע מענטשן, וואָס פאָדערן מיט אונדז צו־זאַמען: „נעמט אַוועק די הענט פון קאָרייע!"

ווען די הערצאָאישע קעמפערין פאַק דען איי האָט פאַרענדיקט אירע לעצטע ווערטער, האָבן זיך אונדזערע אַמעריקאַנער דעלעגאַטן די ערשטע אַ לאָז געטאָן צו איר, זיך אַרומגעכאַפּט מיט איר, זיך געקושט, געהאַלדזט און זי אויפגעהויבן אויף די הענט. איר ווייסע קלייד איז באַנעצט געוואָרן מיט טרערן פון אַמעריקאַנער פרידן־קעמפער.

ביים דענקמאָל פון געטאָ

ביים דענקמאָל פון די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ האָבן זיך אין צייט פון פרידן־קאָנגרעס געטראָפן פאָרשטייער פון 81 פעלקער. באַזוכער פון פאַרשידענע ראַסן און קאָלירן האָבן כסדר געשטראָמט אַהער מיט בלומען און פאַרוואַנדלט די ווייסע מאַרמאָרנע שטיגן אין אַ בלומען־באַרג. יידן, רוסן, קאָרייער, כינעזער, אינדוסן, פראַנצויזן, איטאַליענער, בראַזיליאַנער, אַרמעניער, גריכן, שפּאַניער, נעגער און טשיליאַנער זיינען דאָ געשטאַנען און יעדער איינער האָט אין זיי אויך געזען די העלדן פון זיין אייגן פאָלק.

אָט דאָ איז געשטאַנען די קאָרייאישע דעלעגאַציע בראש מיט דער העלדישער מוטער פאַק דען איי און מיט בליקן פול מיט צער געוואַנדערט איבער די נאַקעטע, חרובע גאַסן פון געטאָ און געזען פאַר די אויגן סעאול, וואנסאן, קומטשאַנג, טאיגו און טיידזשאַן, וואָס ליגן איצט פונקט אַזוי ווי אַ לאַנגער מדבר פון אומקום און וויסטעניש. דאָ איז געשטאַנען דער אַר־מענישער גלח ווערטאַנים און זייט ביי זייט מיט די אומגעקומענע זעקס מיליאָן יידן געזען די דריי מיליאָן אַרמעניער, דערמאָרדעטע פון די טערקן אין דעם ערשטן וועלט־קריג.

דאָ איז געשטאַנען דער כינעזישער דיכטער קוא מאו דזשאו און געזען

אויף די שטיינער פון וואַרשעווער געטאָ די מיליאָנען כינעזער, דערמאָר־דעטע פון די הירהאָשימאָס און טשאַנג־קיי־שעק מערדער.

די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ זיינען געוואָרן די העלדן פון יעדן פאָלק און זייער העלדנטום דער כבוד און דער מוסטער פאַר אַלע פרייהייט־קעמפער אומעטום, אין אַלע לענדער.

מחנות דעלעגאַטן, אַרבעטער, אינטעלעקטואַלן, זעלנער און סטודענטן זיינען געקומען אַהער, ווי צו אַן אינטערנאַציאָנאַלן טרעף־פונקט פון פריינט־שאַפט, פאַרברידערונג און קאַמף קעגן די באַלעבאַטים פון די מאָרד־פאַבריקן, וואָס האָבן אומגעבראַכט זעקס מיליאָן יידן, זיבעצן מיליאָן רוסן, דריי מיליאָן פּאָליאַקן, מיליאָנען פון אַנדערע פעלקער, פאַרניכטעט אַ דריטל פון אויפבוי פון דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד און גרייטן זיך אויפסניי אָנצוהויבן אַ נייעם מבול פון טויט, פייער און אומקום.

אַהער איז געקומען דער ווייסער זקן, יוליעט דזשאנסאן, און זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף די קני פאַר די שטאָלצע יידן, וואָס האָבן אַזוי העלדיש גע־קעמפט ניט אַזוי צו ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן, ווי צו ראַטעווען דעם כבוד פון זייער גערודפטן פאָלק. אָט דאָ אַנטקעגן די גרוזן, אונטער וועלכע עס זיינען באַגראָבן געוואָרן צענדליקער טויזנטער יידן, האָט זיך געטראָגן דאָס קול פון דעם ענגלישן גלח, דעם דעקאַן פון קענטערבערי:

— איך בויג מיין קאָפּ פאַר די שרעקלאָזע העלדן — די יידישע מע־נער, פרויען און קינדער, וועלכע האָבן דאָ אויף דעם פּלאַץ אַוועקגעלייגט זייערע לעבנס. זייער אומקום איז דער שרעקלעכסטער פאַרברעכן אין דער געשיכטע.

— ווער קען אויף דעם אומקום־פּלאַץ, ביי דעם הערשאַישן דענקמאָל טראַכטן, אַז ער האָט גענוג געטאָן צו פאַרהיטן די וועלט פון דעם זעלביקן שיקזאַל. איך גלויב, אַז די מענטשהייט וועט מער קיינמאָל ניט באַפּלעקט ווערן מיט אַזעלכע פאַרברעכנס.

אַהער זיינען געקומען פון אַ דאָרף הינטער קראָקע אַ גרופּע פּוילישע אַלמנות אין טרויער־קליידער. זייערע מענער האָבן די נאַצי־רוצחים אומ־געבראַכט. זיי האָבן דאָ מיט פאַרקלעמטע הערצער און ציטערדיקע הענט אַוועקגעלייגט אַ רויטן קראַנץ, און מיט ווייטיק געבלאָנדזשעט איבער די שטיקער פאַריתומטע שטיינער, פּרענטן, צעבויגענע טעפּ, פאַרברענטע זכרים פון וויגן, אויוונס, וו עס זיינען אַמאָל געזעסן יידישע מוטערס און מיט אַ שטילן ניגון פאַרוויגט זייערע עופהלעך, וו יידישע יונגעלייט און

פרויען האָבן געשפּינט דעם חלום פון אַ גערעכטער וועלט, וווּ יידישע קינדערלעך האָבן זיך פלייסיק געלערנט.

איבער דעם אָנגעלאָדענעם שווייגן פון די פרידנס-קעמפער האָט זיך שטיל און לאַנגזאַם געצויגן דאָס קול פון אַ יונגן פּוילישן אַרבעטער אין אַ קורצן בלויען רעקל און מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ. ער האָט איבערגעגעבן די העראָאישע געשיכטע פון די אויפשטענדלער :

„אָט דאָ איז געווען דער אָנהייב פון דער געטאָ".

„אָט דאָ זיינען פאָרגעקומען די פאַרצווייפלטסטע קאַמפן".

„ווען זיי האָבן ניט געהאַט קיין קוילן, האָבן זיי גענוצט טשוועקעס, ווען זיי האָבן ניט געהאַט קיין דינאַמיט, האָבן זיי גענוצט פלעשער מיט גאַזאָלין, ווען זיי האָבן מער גאָרניט געהאַט, האָבן זיי זיך געוואָרפן אויפן שונא מיט די הוילע הענט. אַ הייפל, בלויז, אַ קליין הייפל יידן האָט זיך קעגנגעשטעלט דער באַוואָפנטער בעסטיאַלישער אַרמיי".

און מיטאַמאָל איז די שטים פון יונגן אַרבעטער אַנטשוויגן געוואָרן. די פאַרגליווערטע געשטאַלטן פון די צוהערער האָבן זיך פלוצים אַ וויג געטאָן. שווערע, אָדערדיקע אַרבעטער-הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט און קאָרייאישע מוטערס האָבן זיך אַרומגענומען מיט די פּוילישע אלמנות און געשוואָרן אָט דאָ אויף די מאַרמאָרנע שטיגן, אַנטקעגן די פאַרגליווערטע בראָנזענע גבורים, צו קעמפן, ווי זיי, קעגן די בלוט-שכורים פון דער וועלט. כינעזישע, וויעטנאַמישע, מאַדאַגאַסקאַרישע, אונגאַרישע, פּוילישע און יידישע מוטערס האָבן זיך פאַראייניקט אויף אייביק אין אַ פריינטשאַפט-בונד.

דער שלום-פּלאַקאַט וואָס איז געהאַנגען איבער דעם ווייסן מאַרמאָרנעם דענקמאָל „מיר ווילן שלום פאַר אונדזערע קינדער, מיר ווילן פרייהייט און גלייכע רעכט פאַר אַלע מענטשן אויף דער וועלט!" האָט אַ ציטער געטאָן. די פאַרעקשנטע געשטאַלטן מיט די שטיינערנע אומבויגזאַמע ווילנס, די אויפגעהויבענע געביילטע פויסטן פון די אומבאַזיגבאַרע און אומפאַרגעסלעכע האָבן אַ צאַפּל געטאָן פון די נאָרוואָס אָפּגעגעבענע פעלקער-שבועות.

אָ ברידער, מיינע ברידער, אונטער חורבות באַגראָבענע ברידער, אָ, מוטערס מיינע, אין פלאַמען פאַרשרפעטע מוטערס, מיט עופהלעך אין די הענט, קומט אַרויס פון די שטיינער, פון די גרוזן, פון אונטער די אַראָפּגעזונקענע היימען, קומט אַרויס פון דער געטאָ! זעט! מיר זיינען הונדערטער מיליאָנען קעגן די פאַרניכטער און אויסראָטער! מיר זיינען פאַראייניקט ווי קיינמאָל ניט אין דער געשיכטע! מיר זיינען שטאַרק און אומבאַזיגבאַר!

אייער רום איז צו גרויס און אייער פּיין צו גרויזאַם, כדי איין פֿאָלק זאָל עס טראָגן אין זיין האַרצן. איר זענט אַריבער אַלע גרענעצן און געוואָרן די העלדן פון דער גאַנצער מענטשהייט, אייערע נעמען דערמוטיקן און שטאַרקן אומעטום די אונטערדריקטע און געפּייניקטע, וואָס קעמפן קעגן זעלבן שונא!

אַ מילדער, פאַררויטלטער פאַרנאַכט האָט זיך צוגעזעצט אויף די צע־שונדענע און צעפּאָקטע געטאָ־קוואַרטאַלן. די פאַרבליבענע איינגעשפּאַרטע שטיקלעך ווענט מיט אַרויסגעשטאַרצטע פאַרזשאַווערטע אייזנס זיינען רויט געוואָרן, ווי פריש בלוט פון די אומגעקומענע וואָלט אויפסניי אויף זיי אַ שפּריץ געטאַן. אַ פאַרבליבענער שפּיץ פון אַ קלויסטער, ווי אַ צאַן פון אַ מאָנסטער, האָט געשטשירעט פון דער ווייט איבערן הימל, ווי ער וואָלט וועלן צעקייען די פאַרגייענדיקע, פאַרשעמטע זון.

דער ווינט האָט אַ וויג געטאַן אַ בינטל פאַראָסטעטע דראָטן. איך האָב אויפגעהויבן אַ זשמעניע געטאָ־ערד אין מיין דלאָניע. ווי לאַנג בין איך דאָרט געזעסן אויף די צעשפּאָלטענע, אין קאַלך און אין רויך אויסגעשמירטע שטיינער? אפשר אַ שעה, אפשר צוויי, אפשר אַן אייביקייט.

די דעלעגאַטן זיינען זיך שוין לאַנג צעגאַנגען און געלאָזן הינטער זיך אַ געדיכטע שטילקייט מיט פיל דערינערונגען, וואָס האָבן אַרומגעשוועמט איבער די איינגעדרימלטע בלומען־קרענץ.

אַ דינער מיידלשער קול האָט איבערגעריסן מיינע געדאַנקען:

„אָט דאָ זיינען אויך דערשאָסן געוואָרן פוילישע בירגער. זיי זיינען אַרויסגערופן געוואָרן אָפּצוהיטן, אַז דער פייער פון דער ברענענדיקער געטאָ זאָל ניט אַריבערוואַנדערן אויף דער פוילישער זייט. אייניקע פון זיי האָבן אָנגעשטעלט די וואַסער־רערן אויף די ברענענדיקע באַלקאָנען מיט יידישע פרויען און קינדער, און דערפאַר באַצאָלט מיט זייערע לעבנס“.

איך האָב זיך אומגעקוקט. ניט ווייט פון מיר איז געזעסן אַ בלאָנד מיידל מיט אַ ווייס סטודענטיש היטעלע אויפן קאָפּ. אַ ווייסער פלאַקסענער צאָפּ איז געלעגן אויף איר לינקן אַקסל. מיטן קאָפּ אַריינגעטאַן אין די הענט און אָנגעשפּאַרט אויף די קני האָט זי די אויגן ניט אַראָפּגענומען פון אַ שטיקל פאַרבליבענעם קוימען מיט צוויי אייזערנע בעלקעס, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט אויף גענשע גאָס ווי צוויי גיגאַנטישע פיס פון אַן אויס־געצויגענעם מאָנסטער.

איך האָב איר געפרעגט, צי זי האָט דאָ עמעצן פאַרלאָרן. זי האָט אַ

שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין, אויסדרייענדיק דערביי צו מיר אירע בלויע אומעטיקע אויגן. מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל אָנגעקוקט און פאַרהאַלטן די בליקן איינע אויף דער צווייטער, ווי מיר וואָלטן זיך שווייגנ־דיק אַזוי אַרום באַקענט. מיר זיינען אַ ווײַלע גיט רעדנדיק געזעסן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זי, ווי אויפכאַפּנדיק זיך, אַ פרעג געטאָן, וווּ איך וווין.

— אין די פּאַראַייניקטע שטאַטן.

— ביי אייך איז היינט די ווייסע טויב אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט און מוז נעבעך דורכמאַכן אַלע גיהנומס פון אַ געזרודפטן.

— אָבער די ווייסע טויב האָט פליגל — האָב איך אונטערגעכאַפּט.

אויף איר קליין אויסגעפורעמט מיילעכל האָט זיך באַוויזן אַ דינער שמייכל.

דער פאַרנאַכט האָט זיך שוין גענומען אויסציִען אַרום אונדז און גרייטן זיך צום שלאָף. איך האָב זיך אויפגעשטעלט און געקליבן אומקערן צום האָטעל. זי האָט זיך אויפגעהויבן און מיטגעגאַנגען, ווי מיר וואָלטן צוזאַמען אַהער געקומען.

— איך וועל אייך אָפּפירן אַהיים, איר זענט דאָך אַ פרעמדע און קענט זייער לייכט פאַרבלאָנדזשען, — האָט זי זאָרגפול אַרויסגעמורמלט.

מיר זיינען געגאַנגען זייט ביי זייט. דער רײַטמישער אָפּקלאַנג פון אונ־דזערע קנאַפל האָט זיך אויסגעמישט און אויפגעהויבן איבער די דעכער, און ווידער אָנגעיאָגט אויף די ראָגן מיט אַ מעטאַלענעם עכאָ, ווי ערגעץ איבער די הייזער וואָלט ווער אויסגעקלאַפּט אַ מאַרש אויף אַ קליין, קינ־דערש פייקעלע.

—איר ווינט אין וואַרשע? — האָב איך די ערשטע איבערגעריסן אונדזער שווייגן.

— ניין, — האָט זי קורץ געענטפערט. מיר זיינען ווידער געגאַנגען שווייגנדיק. אָפּגייענדיק אַ פּאָר גאַסן, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו מיר און לאַנגזאַם אָפּגעענטפערט אויף מיין פראַגע, ווי זי וואָלט זי נאָרוואָס דער־הערט:

— איך וווין אין קראָקע. — דער מעלאָדישער עכאָ פון אונדזערע טריט האָט בישלעכווייז געענדערט איר שטימונג. אירע אַקסלען האָבן גע־נומען נאָכלאָזן און זיך אונטערווייגן צום טאַקט פון אונדזער גאַנג. זי האָט אָנגעפאַנגען ריידן ווי צו זיך אַליין:

—איך בין געבוירן געוואָרן אין וואַרשע, פאַרבראַכט דאָ מיין קינד־הייט, אָבער היינט ווין איך אין קראָקע. ווען איך קום אַהער, פאַרברענג איך שעהענלאַנג ביי דער געטאָ, כאָטש אַליין בין איך נישט קיין יידישקע. איך זיץ ביי די חורבות און מיר דאַכט זיך, איך בין געקומען אויף קבר אבות צו אייגענע. די זעלבע בעסטיעס, וואָס האָבן דערמאָרדעט די יידן, האָבן אומגעבראַכט מיינע עלטערן. —איר קול איז ביי די רייד שטילער געוואָרן, זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ וויל און ווידער זיך געצויגן ווי אַ ניגון פון אַן אַלט טרויעריק ליד.

זי האָט מיר דערציילט, ווי איר מוטער האָט אויסבאַהאַלטן אַ יידיש מיידעלע, וועמענס עלטערן די נאַציס האָבן אַוועקגעשלעפּט אין אַ קאָנ־צענטראַציע־לאַגער אַריין. צוועלף טעג איז דאָס קינד געלעגן אין זייער שאַפע, פון וועלכער איר פאָטער האָט אויבן אַרויסגעריסן עטלעכע ברעטער, כדי עס זאָל קענען אָטעמען. אָבער זיי זיינען געקומען די מערדער און איר פאָטער און מוטער צוזאַמען מיטן קינד אַוועקגעפירט צום טויט. זי איז געבליבן לעבן, ווייל זי איז פונקט געווען אין דאָרף מיט אירע חברטעס.

— אַנדערע איז געלונגען צו ראַטעווען אַ צאָל יידן. — האָט זי שפּע־טער מיט אַ פאַרשנעלערטן טאָן אונטערגעכאַפּט, ווי ס'וואָלט עס איר פּלוצים אַרויפגעשווומען אויפן געדאַנק:

— דער פּוילישער אַרבעטער פון קראָקע, אַנטאָני פּאַרובסקי, האָט אויס־באַהאַלטן זעכצן יידן אויף אַ בוידעם און זיי געראַטעוועט. אַכצן מאָ־נאַטן זיינען זיי דאָרט געלעגן און ער האָט זיי יעדן אָוונט מיט אַן עמער און שטריק אַרויפדערלאַנגט שפּייז און וואַסער. איר קענט אים זען און כאַפּן אַ שמועס מיט אים, ווען איר וועט באַזוכן אונדזער שטאָט, ער אַרבעט אין יידישן פאָלקס־קלוב. — האָט זי פאַרענדיקט מיט אַ טאָן פון אַן איינלאַדונג.

מיין בלאָנדע, פּוילישע שוועסטער — מיר האָבן ביידע געצויגן די זאַפטן פון דער פּוילישער ערד. דעם שונאס וואַנט פון האַס, וואָס האָט אונדז נעכטן צעטיילט, איז פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט די לעצטע שפּורן פון דעם אַלטן פּוילישן רעזשים. אונדז בינדט ניט נאָר דער פּיין פון די פאַרגאַנגענע יאָרן, נאָר אויך דער היינטיקער געראַנגל פאַר אַ פרידלעכער און גליקלעכער צוקונפט.

מיר זיינען געבליבן שטיין ביי דעם האָטעל „בריסטאָל". אַ דין ווינטל האָט אַ פלאַטער געטאָן איבער אונדז, אַרויסגעשלעפּט אַ בלאָנד שויבערל פון אונטער איר קליין היטעלע און פאַרשוווּנדן. אירע בלויע אויגן זיינען

טונקל געוואָרן און איר פריש, איידל פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט פאַרב.
—פאָרט געזונט און טוט אַלץ, וואָס איר קענט, צו העלפן פאַרזיכערן דעם שלום. מיר דאָ וועלן מאָן דאָס זעלבע — זיינען געווען אירע לעצטע ווערטער.

אָן אָוונט מיט דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע

די סאָוויעטישע דעלעגאַציע איז געווען דער צענטער פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט און באַוואונדערונג. חוץ איר רייכקייט אין פילפאַרביקע פּערזענלעכקייטן איז זי אויך געווען אַ מוסטער פון פעלקער-צונויפ-שמעלצונג אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט. עס האָט געשטראָמט פון איר מיט ווירדע, פּשטות און קראַפט.

פּונקט ווי עס איז אָפּגעווישט געוואָרן די מחיצה צווישן פעלקער, אַזוי איז דאָרט אויך פאַרשוואונדן דער גרענעץ צווישן אַרבעטער און אינטעלעק-טועלן. פּראָפעסאָרן, וויסנשאַפטסלייט, דאָקטוירים, שרייבער, אַרטיסטן, דראַמאַטורגן, אַרבעטער און פּויערים האָבן אויסגעזען ווי איין גרויסע גליק-לעכע פאַמיליע.

כאָטש יעדער איינער פון זיי האָט דורכגעמאַכט די גרויזאַמע יאָרן פון לעצטן וועלט-קריג, האָט זיך אויף קיינעם ניט געמערקט קיין נערוואָזי-טעט, קיין אומרו, אָדער אומגעדולדיקייט ווי ביי פיל פון די דעלעגאַטן פון קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

זיי זיינען געזעסן רואיקע, זיכערע, און אויפמערקזאַם אויסגעהערט אַלע רעדנער און מיט טיפן ערנסט, אחריותדיקייט און ענטוזיאַזם אויפגע-נומען יעדן געדאַנק, יעדן פאָרשלאַג פאַר שלום.

די סאָוויעטישע דעלעגאַציע איז געווען אַ מוסטער פון אַ סאָציאַליס-טישער געזעלשאַפט. באַשיידנקייט איז געווען דער ערשטער שטריך, וועלכן יעדער פון אונדז האָט גלייך ביי דער באַגעגעניש מיט זיי באַמערקט.

זייט ביי זייט מיט דעם נאָוועליסט באָרים פּאָלעוואָי איז געזעסן דער העלד פון דעם באַרימטן ראָמאַן „די געשיכטע פון אַן אמתן מענטשן“. האָט ווער געלויבט דעם מחבר, וואָס האָט אַזוי מייסטערהאַפט אָפּגעשפּיגלט דעם סאָוויעטישן העראָאיזם און קאַמפס-פעאיקייט, האָט ער אַ שאָקל גע-טאָן מיטן קאָפּ, מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף דעם אַוויאַטאָר מערעסיעוו

און געענטפֿערט: „ניט צו מיר געהערט די ליוב, נאָר צו אים, ער איז דער העלד, איך האָב בלויז באַשריבן דאָס, וואָס ער האָט מיר דערציילט".

האָט ווער געדריקט די האַנט פֿון דעם מוזיקן סאָוויעטישן זון און באַוווּנדערט זײַן העראָאיזם, האָט ער אָנגעקוקט מיט זײַנע שאַרפֿע דורכ־דרינגלעכע אויגן, אַ וויג געטאָן היין און צוריק זײַן לייבן־קאָפּ און דער־קלערט: „מיך דאַרף מען ניט באַוווּנדערן, איך בין ניט דער איינציקער, מײַן פֿאָטערלאַנד איז פֿול מיט העלדן".

אַנטקעגן סימאָנאָוון איז געזעסן די יונגע סאָוויעטישע אייז־טשעמ־פּיאָנקע, מאַריאַ איזאַקאָוואַ, די גרינדערין פֿון אַ טשאַמפּיאָן־שולע און זיך זשענירט, ווען מען האָט געבעטן איר אונטערשריפֿט.

עס קלינגען מיר נאָך אין אויער די שטילע און באַשיידענע ווערטער פֿון דער טאַדזשיקסטאַנער סטאַכאַנאָווקע אין דעם שיינעם נאַציאָנאַלן קלייד, ווען זי האָט געגומען אַ וואָרט און האָט דערציילט פֿון די פֿינצטערע פֿאַרגאַנגענע יאָרן און פֿון דעם נייעם לעבן פֿון אירע שוועסטער.

צוזאַמען מיט דעם מעטאַל־אַרבעטער ניקאָלאַס ראָסיסקי פֿון דער מאָסקווער קאַליבער־פֿאַבריק איז געזעסן דער באַרימטער סאָוויעטישער אַקטיאָר טשערקאַסאָוו, וואָס האָט געשפּילט דעם „דעפּוטאַט פֿון באַלטיק", „פּיאָטר דער גרויסער", איוואַן דער שרעקלעכער", און אַנדערע ראָלן. זיי זײַנען געזעסן געמיטלעך און זיך צוגעהערט ווי צוויי שול־חברים. טשערקאַ־סאָוו האָט ליב געהאַט צו שפּילן און אימיטירן. ביי די איבעררייסן, אין עס־צימער אָדער אין די אָפּרו־זאַלן האָט ער אָפּגעגעבן קליינע קאָנצערטן פֿאַר זײַנע חברים. מען האָט פּלוצים דערהערט גאָרקים שטימע און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז גאָרקי האָט זיך דאָ נאָרוואָס אַוועקגעזעצט ביי אונדזערע טישלעך.

דאָס מערקווירדיקסטע איז געווען, וואָס מען האָט קיינמאָל ניט גע־טראָפֿן די מיטגלידער פֿון דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע מידע און אויס־געשעפּטע. עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געהאַט אַ באַהאַלטענעם קוואַל פֿון גבורה.

יעדן אָוונט נאָך דער קאָנפֿערענץ, ווען אַלע דעלעגאַטן האָבן שוין קוים געשלעפּט די פֿיס, זײַנען זיי זיך געגאַנגען מיטן זעלבן טעמפּאָ און פֿרישקייט, מיט וועלכע זיי זײַנען געקומען. זייער טראָט איז געווען אַ פֿעסטער, אַן ענערגישער און אויסגעזען, ווי יעדער פֿון זיי וואָלט געהאַט אַ קאָמפּאַס פֿאַר די אויגן, וואָס האָט אָנגעוויזן דעם וועג.

די סאָוויעטישע דעלעגאַציע איז געווען די איניציאַטאָרין פֿון צונויפֿ־

ברענגגען און פֿאַרברידערן פֿאַרשידענע דעלעגאַציעס, איינאָרדענענדיק צוזאַמענטרעפֿן און באַנקעטן פֿאַר זיי. מיט גרויס פֿרייד האָבן מיר אויפֿגענומען די איינלאַדונג צו איינעם פֿון די באַנקעטן, ספּעציעל צוגעגרייט פֿאַר אונדזער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע.

מען האָט אונדז וועגן דעם מיטגעטיילט פֿאַרנאַכט ביים פֿאַרלאָזן די קאָנפֿערענץ. אַזוי ווי ס'איז געבליבן זייער ווייניק צייט צו דער פֿייערלעכער צונויפֿטרעפֿונג, איז אַנטשטאַנען צווישן די פֿרויען אַ הייסע דיסקוסיע, צי מען זאָל זיך אומקערן צום האָטעל, כדי צו ביַיטן די קליידער, אָדער פֿאָרן דירעקט צום באַנקעט. אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז מען זאָל זיך אויספּוצן און מיט דעם אַרויסווייזן צו זיי אונדזער פֿאַרערונג, אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז מען זאָל טראָגן די זעלבע וואָכעדיקע קליידער, כדי זיך צו סאָלידאַריזירן מיט די סאָוויעטישע מענטשן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט אַזאַ שווערן קריג און האָבן זיכער ניט קיין אַנדערע מלבושים. ביידע צדדים זיינען געווען איינגעשפּאַרט און נאָך אַ לאַנגער דיסקוסיע געבליבן ביי זייערע מיינונגען.

טייל זיינען אַוועק אין האָטעל זיך אויסגעצירט אין עסיק און אין האָניק, זיך געטראָפֿן מיט אונדז אויף דעם אָפּגערעדטן פּלאַץ און צוזאַמען אַריין אין זאַל.

ביים טיר האָבן אונדז באַגעגנט יום־טובדיק אויסגעפּוצטע סאָוויעטישע מענער און פֿרויען, חשיבותדיק און מיט גוטן געשמאַק אָנגעטאָן. מען האָט געזען, אַז יעדער מלבוש איז געווען ספּעציעל געניייט פֿאַר דעם, וואָס האָט עס געטראָגן.

אין זאַל איז געווען ליכטיק. קרישטאָלענע זשיראַנדאָלן האָבן זיך געטונקען אין רעגנבויגנס. וויים־געדעקטע טישן, פֿינקלענדיקע כוסות, בלאַנקענדיקע טעלער, זילבערנע טאַצן מיט מאכלים און געטראַנקען האָבן פֿאַרכאַפּט דעם בליק. סטאַכאַנאָווצעס פֿון שאַכטעס און קאָלווירטן, פּראָפֿעסאָרן, וויסנשאַפֿטסלייט און שרייבער ווי איליאַ ערענבורג, קאָרנעיטשוק, סימאָנאָוו, פּאָלעוואָי, פּאַדעיעוו און אַנדערע האָבן אונדז מיט וואַרעמער און טיפֿער גאַסטפֿריינדלעכקייט אויפֿגענומען. ביי אונדזער טיש זיינען געזעסן צוויי סאָוויעטישע פֿרויען. די ערשטע, אַ גאָר יונג בלאָנד מיידל פֿון עטלעכע און צוואַנציק יאָר. זי איז געווען אונדזער איבערזעצערין. די צווייטע פֿון אַ יאָר עטלעכע און פֿערציק מיט אַ יונג פּנים און האַלב גרויען קאָפּ, וואָס האָט אויסגעזען ניט צו זיין קיין רעזולטאַט פֿון צייט, האָט זיך באַלד מיט אונדז באַפֿריינדעט.

מיט אירע מילדע און ווארעמע אויגן, פיינע מאניערן און בארואיקנ־דיקער שטימע האט זי געשאפן א היימישע אטמאספערע. מען האט באלד געהאט דעם איינדרוק, אז מען איז אלטע באקאנטע.

מיט ספעציעלן אינטערעס האט זי זיך צוגעהערט צו דער נעגערין טערעזא ראבינסאן, דעלעגאטין פון וואשינגטאן, וועלכע האט צום ערשטן מאל אין איר לעבן דערפילט דעם טעם פון פרייהייט און גלייכבארעכטיקייט און געוועזן פון דער איבערלעבונג שטארק גערירט.

די סאוויעטישע פרוי האט געוואנדערט מיט אירע קלוגע אויגן איבער אונדז און יעדע וויל דערמאנט: „קושאיטיע פאזשאלויסטא", „קושאיטיע" (עסט ביטע, עסט).

פון צייט צו צייט האט א דין וואלקנדל טרויער ארויסגעשוומען פון די טיפענישן אין אירע אויגן און באלד פארשוואונדן, ווי זי וואלט עס מיט כוח פארטריבן.

מיר האבן זיך דערוווסט פון אונדזער איבערזעצערין, אז זי איז א פראפעסאר פון אן אוניווערסיטעט און האט אין לעצטן קריג פארלארן איר איין און איינציקן זון.

איך האב געקוקט אויף די אפענע, ערלעכע, שיינע סאוויעטישע פרויען־פנימער און פאר די אויגן זיינען אויפגעשוואומען בילדער פון די העלדישע זאיאס, פאוולעטשענקאס, ארליקאוואס, נאסטיאס, קריסטינאס, אנדזעליגאס און אנדערע, וואס האבן דערוויזן דער וועלט די גבורה פון באפרייטע סאוויעטישע פרויען. פאר די אויגן האט זיך געוויקלט ווי א לאנגע פילם־טאשמע מיט אנצאליקע העראאישע געשטאלטן, וועלכע האבן צעשמעטערט היטלערס קאנאנען, טאנקען און אלע זיינע מארד־דיווי־זיעס.

אנטקעגן ביי א טיש מיט אמעריקאנער גלחים און אינטעלעקטואלן איז געזעסן דער סאוויעטישער שרייבער מיט דעם אייזערנעם ווילן און קלארן, לאגישן ווארט, פאדיעיעוו. ער האט אויסגעזען ווי א נביא. זיין ווייסער קאפ האט זיך פון צייט צו צייט א וויג געטאן ווי די קרוין פון א פאר־שנייטן גרינעם נאדל־בוים.

דורך זיינע אפענע, דורכזיכטיקע העלע אויגן האט ארויסגעקוקט די אפנהארציקייט און די ערלעכקייט פון די סאוויעטישע מענטשן.

צו אונדזערע אויערן זיינען דערגאנגען זיינע ווערטער:

—פארוואס קען מען ניט האבן קיין שלום אויף דער וועלט? זאל מען שניידן דאס געווער און די ארמייען אויף א דריטל, אויף א העלפט,

אויף צוויי דריטל ! פעלקער זיינען מיד צו שלעפּן אויף זייערע פּלייצעס דעם יאָך פון קאַנאָנען !

— מיר וועלן אַריינלאָזן יעדע קאָמיסיע, וואָס וועט באַשטימט ווערן דורך די פאַראייניקטע נאַציעס צו קאָנטראָלירן, אַז אַלע באַשלוסן זאָלן פּינקטלעך דורכגעפירט ווערן.

זיין שטים האָט געקלונגען מיט איבערצייגונג, מיט אויפריכטיקייט, מיט גוטן ווילן און אין דער זעלבער צייט ווי אַ וואָרנונג קעגן די, וואָס ווילן, טראָץ דעם קאַמף פון אַ מענטשהייט פאַרן שלום, אויפסניי אָנצינדן די וועלט אין פלאַמען.

ביי אַ צווייטן טיש צווישן אַ גרופּע אַמעריקאַנער פאַרט- און שטאָל-אַרבעטער איז געזעסן דער לעבעדיקער און גוטמוטיקער באָרים פּאָלעוואָי. זיין פרישׁ יונגנטלעך געזיכט איז געווען צעפלאַמט. ער האָט זיך גוט געפילט צווישן די אַמעריקאַנער אַרבעטער. עס האָט געשמעקט פון אים מיט דרויסנ-דיקער פרישקייט. ער איז געווען צעוואַרעמט, ווי ער וואָלט זיך נאָרוואָס צו-ריקגעקערט פון שפּאַלטן שווערע, סענקעוואַטע קלעצער.

אויך באָרים פּאָלעוואָי האָט גערעדט וועגן שלום :

— ניטאָ קיין שום סיבה, פאַרוואָס אַמעריקע און דער ראַטנפאַרבאַנד זאָלן ניט קענען לעבן בשלום.ביידע לענדער זיינען אין פיל הינזיכטן ענלעך איינס צום אַנדערן. ביידע זיינען גרויס, שטאַרק, יונג און האָבן זייער צוקונפט פאַר זיך. פאַרוואָס קען דאָס אַמעריקאַנער פאָלק ניט פאַרזעצן דעם וועג פון דעם פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט רוזוועלט ?

פּאָלעוואָי האָט גערעדט פשוט, געמיטלעך און פון צייט צו צייט איבער-געריסן דאָס ריידן און אַריינגעשריבן זיך אין די אונטערגערוקטע ביכלעך פון דעלעגאַטן. ער האָט ניט געקאַרגט. ער האָט ניט אָפּגעפּטרט מיט התמענען זיין נאָמען, ער האָט אַריינגעשריבן האַלבע זייטעלעך און אויסגע-דריקט לאַנגע און האַרציקע ווונטשן און באַגריסונגען צום אַמעריקאַנער פאָלק און האָפענונגען פאַר אַ פרידלעכן און פריינטלעכן צוזאַמענלעבן צווישן די ביידע פעלקער.

אין זיין שטאַרקער האַנט האָט זיך פלינק באַוועגט זיין פעדער, אויף וועלכער ס'איז געווען אויסגעקריצט :

„זעקס אַ זייגער מיט פופציק מינוט דעם 13-טן אַפּריל 1945".

איך האָב אים געפרעגט די באַדייטונג פון דער דאַטע. ער האָט אויפ-געהויבן דעם קאָפּ און זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט. אויף זיין פּנים האָט

זיך אויסגעשפּרייט אַ פייערלעכע ערנסטקייט. זיינע אויגן האָבן זיך האַלב צוגעמאַכט, ווי ער וואָלט עפּעס געגויער וועלן צונויפמענגנעמען.

ער האָט צערטלעך אַ דריק געטאָן די פעדער אין זיין דלאָניע און שטי־לערהייט געענטפערט:

— דאָס איז די דאָטע, ווען מיר האָבן געשטורעמט און איינגענומען היטלערס לעצטע פעסטונג אין בערלין, דעם רייכסטאַג. איך בין געווען פון די ערשטע זשורנאַליסטן אָנצוקומען אַהין. אַ שווער פאַרווונדעטער רויט־אַרמייער אויף די טרעפּ פון דער חרובער געביידע האָט מיר די פעדער גע־געבן אַ מתנה. מיט איר האָב איך געשריבן מיין לעצטן בוך.

מיט דער זעלבער פעדער האָט ער אויסגעקריצט אין אונדזערע ביכ־לעך:

„זאַ מיר, זאַ דרוזשבו וסעך נאַראָדאָוו" („פאַר שלום, פאַר פעלקער־פריינטשאַפט").

ביי אַן אַנדער טיש צווישן אַ גרופּע אַמעריקאַנער סינדיקאַליסטן און אַרבעטער־פירער פון פאַרשידענע ריכטונגען איז געזעסן איליאַ ערענבורג, דער מייסטער, וואָס טרעפט מיט זיין שאַרף וואָרט ווי מיט אַ בליץ אין די פינצטערע ליגן־קנוילן פון די טויט־וואָיאַזשאָרן און קען אין איין זאַץ פאַר־מולירן און אויסדריקן די אוניווערסאַלע געדאַנקען און געפילן פון פּשוטע מענטשן אויף דער גאַנצער וועלט.

כאָטש ער איז געזעסן אַ רואיקער, אַ געלאַסענער, האָט געשטראָמט פון אים מיט ענערגיע און טעמפּעראַמענט. אַ דין פאַרהאַנגל מידקייט האָט צוגעדעקט זיין פּנים און זיינע אויגן, ווי אַ דורכזיכטיקער טוך אַ צעצונדע־נעם בליץ־לאָמפּ.

אַלע זיינען געזעסן און געוואַרט, וואָס ער וועט זאָגן. מען האָט איינגעזאַפּט יעדעס וואָרט. מען האָט געוואָלט געדענקען זיין יעדע באַ־מערקונג, אויסדרוק פון פּנים, אינטאָנאַציע פון שטים.

איליאַ ערענבורג האָט געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו זיין אַ גוטער צוהערער, אָבער קיינער האָט ניט געוואָלט ריידן. אַלע האָבן געוואָלט הערן די שטים פון דעם שרייבער, וועלכער איז געוואָרן דאָס געוויסן, ניט נאָר פון ראַטנפאַרבאַנד, נאָר פון אַ גאַנצער מענטשהייט:

— אין אַלע ציוויליזירטע לענדער זיינען פאַראַן געזעצן, וואָס פאַר־באָטן די העצערייען צו מאָרד. פאַרוואָס איז פאַרבאָטן צו ראַבירן אַ געשעפט און ס'איז גאַנץ מעגלעך צו נעמען און באַפאַלן אַ פרעמד לאַנד? פאַרוואָס איז פאַרבאָטן אונטערצוצינדן אַ שטאַל, אַ באַרג היי און ס'איז מעגלעך צו

רופן אונטערצוציגדן אין פלאַמען אַ האַלבע וועלט ? — האָט זיך פון דעם דערבייאיקן טיש געטראָגן זיין קול.

פון יעדן טיש האָבן זיך געהערט באַזונדערע אויפגעמונטערטע שטימעס און ס׳האָבן געלויכטן אַנדערע אויפגעלעבטע פּנימער.

דער אָוונט איז גיך פאַרשוואונדן, כאָטש יעדער איינער האָט אים געוואָלט איינהאַלטן מיט צוואַנגען.

ביים אַוועקגיין האָבן אונדז די סאָוויעטישע מענטשן באַגלייט, זיך וואַרעם געזעגנט און מיטגעשיקט גרוסן צום אַמעריקאַנער פאָלק און געבעטן איבערגעבן זייער ווונטש און האָפנונג, אַז פריינטשאַפט און קאָאָפּעראַציע וועלן פאַראייניקן אונדזערעביידע פעלקער אין אַ וועלט פון שלום.

אַ דין פאַלנדיק רעגנדל האָט אונדז באַגעגנט אין דרויסן. מיר זיינען געגאַנגען איבער די גאַסן פון וואַרשע מיט לייכטן מונטערן טראָט. יעדער פון אונדז האָט זיך דערפילט יינגער, לייכטער און פריינטלעכער. אפילו דער זעכציק־יאָריקער, שווערער און שווייגנדיקער מאַשין־אַרבעטער פון שיקאַגאָ האָט מיך אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און שפּרייזנדיק מיט פעסטע טריט, אַ זאָג געטאָן :

— מיט סאָוויעטישע מענטשן דערפילט זיך אפילו אַ מאַן אין מיינע יאָרן יונג און קרעפטיק !

דער יונגער סטודענט האָט אונטערגעכאַפּט :

— מיט סאָוויעטישע מענטשן דערפילט מען זיך דערוואַקסן און אומבאַזיגבאַר !

די דעלעגאַטין פון וואַשינגטאָן, די עלטערע נעגערין, האָט מיט דער זיכערקייט, וועלכע איר קול האָט אָנגענומען אַ קורצע צייט נאָך איר קומען קיין וואַרשע, דערקלערט :

— מיט סאָוויעטישע מענטשן פילט מען זיך ווי מענטשן !

אַ פרימאָרגן אין „בריסטאָל“

אַ טונקל־גרויער פרימאָרגן האָט אַריינגעקוקט אין די שויבן. אין דרויסן האָט געטריפט אַ דין, פויל רעגנדל און אויסגעזען, ווי ס׳וואָלט אַליין הנאה געהאַט פון די שטילע קלאַנגען און זיך געקליבן אָנצוהאַלטן גאָר אַ לאַנגע צייט.

אין די אונטערשטע זאַלן און קאָרידאָרן פון האָטעל איז געווען ליבטיק, וואַרעם און יום־טובדיק.

פון אומעטום האָבן געשטראָמט מידע דעלעגאַטן. ווער ס'האָט זיך געיאָגט צו די עס־צימערן, וואָס גיכער אָפּצוכאַפּן זיין פרישטיק, און ווער צו די קורצע באַראַטונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען יעדן אינדערפרי פון פאַרשידענע קאָמיסיעס.

די אויטאָבוסן און לימוזינען, וואָס זיינען באַזאָרגט געוואָרן פון דער פוילישער רעגירונג פאַר די דעלעגאַטן, זיינען שוין ווי יעדן פרימאָרגן געשטאַנען אין דרויסן און געוואַרט אויף זייערע פּאַסאַזשירן.

ס'איז געווען דער לעצטער טאָג פונעם קאָנגרעס און ס'האָט זיך געלאָזט מערקן אויף אַלעמענס פּנימער. די באַגייסטערטע וואָך אָנגעפּילט מיט זיצונגען, באַראַטונגען, טעאַטערס, באַנקעטן און צוזאַמענטרעפן מיט די פאַרשידענע דעלעגאַציעס האָבן אויף יעדן איינעם געלאָזן אַנדערע שפּורן. ווער ס'איז געוואָרן רואיקער, סטאַטעטשנער, איינגעהאַלטענער, שווייגנדיקער, פאַרטראַכטער און ווער נאָך אומרואיקער, באַוועגלעכער, באַרעדעוודיקער און אומגעדולדיקער.

אייניקע האָבן געוואָלט וואָס מער צוקוקן זיך, איינזאַפּן און שטודירן דאָס נייע לעבן אין דעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן, און אַנדערע האָבן שוין מער ניט געקענט זיין פּאַסיוו, עס האָט זיי געטריבן אַהיים מיט אַ נייעם אימפּעט.

דער גאַסט־זאַל איז געווען געפּאַקט. דעלעגאַטן זיינען אַרומגעשוואומען פון רעדל צו רעדל, זיך געביטן מיט אַדרעסן, זיך איבערגעגעבן די לעצטע איינדרוקן און געמאַכט פּלענער זיך ווידעראַמאָל צו טרעפן.

אינמיטן זאַל אַרומגערינגלט מיט אַ גרופּע סטודענטן פון אינדיע איז געשטאַנען דער ווייסער זקן יוליעט דזשאַנסאָן. זיין ווייסער קאָפּ האָט געפלאַטערט צווישן די קויל־שוואַרצע טשופּרינעס פון די אינדיער. זיינע קלוגע טיף מענטשלעכע אויגן האָבן מיט יוגנטלעכן ברען אָנגעצונדן זיינע צוהערער. ער האָט אויסגעזען, ווי די עלטער וואָלט אויף אים קיין שליטה ניט געהאַט. ער האָט גערעדט מיט אַ יונגן קול און יונגע באַוועגונגען. ער האָט ניט נאָר פאַרענטפערט זייערע פראַגן, ער האָט אָנגעגאָסן זייערע הערצער מיט זיין גלויבן אין דער מענטשהייט און אין איר ענדגילטיקן זיג איבער אַלע שונאים.

אַנטקעגן אים איז געשטאַנען דער פראַנצויזישער גלח בוליע, דער

געוויסנהאַפטער און איינגעשפּאַרטער פרידנס־קעמפּער. ער האָט זיך שוין ווייזט אויס געגרייט אָפּצופאָרן.

אויבן אויף די ווייסע מאַרמאָרנע שטיגן מיט די רויטע פּלושענע טע־פּיכער האָט געשפּאַנט פּאַבלאָ נערודאַ. ער האָט געטראָגן צוויי גרויסע טשעמאָדאַנעס אין די הענט און זיך געלאָזט איבער די ברייטע שטיגן. ער האָט ניט געוואָלט באַלעסטיקן די שוין מידע פּאַרטערס, וואָס האָבן געאַר־בעט טאָג און נאַכט אין דער צייט פונעם קאָנגרעס.

אַלעמענס בליקן האָבן נאָכגעפאָלגט דעם גרויסן דיכטער פון טשילי מיט די ברוינע אויגן און מילדן, האַלב שעמעוודיקן געזיכט, וואָס ענדערט יעדע רגע דעם אויסדרוק און שפּיגלט אָפּ זיינע געפילן און געדאַנקען.

נעכטן אָוונט, ווען ער איז דאָ געזעסן מיט אונדז און דערציילט וועגן זיין פאָלק און זיין היימלאַנד, האָט זיין געזיכט ווי אַן עקראַן אויסגעדריקט אַלע פּייגען פון זיינע ברידער, וואָס ווערן געשונדן, גערודפט און געמאָרדעט פון די וואָלסטריט־מאַגנאַטן.

— טשילי איז אַ רייך לאַנד, זי פאַרמאָגט די רייכסטע קופּער־, צין־ און בליי־גרובן, אָבער מיין פאָלק איז איינס פון די געפּייניקטע לאַטיין־אַמעריקאַנישע פעלקער.

— דאָס טשילישע פאָלק דערוואַכט. די וואַשינגטאָנער רעגירונג האָט געוואָלט איבערנעמען דעם קאָנטראָל איבער דער דערציאונג פון דער יוגנט, כדי צו ענדערן די מענטאַליטעט פון מיין פאָלק און צוגרייטן דעם נייעם דור צום קריג. עס איז איר אָבער ניט געלונגען. דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך קעגנגעשטעלט. עס זיינען פאָרגעקומען געוואַלדיקע דעמאָנסטראַציעס און שטרייקן. די אַמבאַסאַדע פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט געמוזט צוריק־ציען דעם פּראָיעקט.

מיינע אויגן האָבן באַגלייט דעם דיכטער פּאַבלאָ נערודאַ, וועמענס גאַנג עס האָט דערמאָנט אין דעם ריטם פון זיינע מילדע, לירישע און גלייכ־צייטיק שאַרף צאָרנדיקע און מעכטיקע לידער. איך האָב געטראַכט, אַז ער האָט טיילן פון זיי געשריבן ביים וויג פון אַ שלאָפנדיק קינד און טיילן ביים ברעג פון צעשטורעמטן ים.

פּאַבלאָ נערודאַ איז פאַרבייגעגאַנגען דעם ברייטן זאַל, אייניקע דע־לעגאַטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים און געוואָלט העלפן, אָבער ער האָט געשמייכלט און גוטמוטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. ער האָט זיך געזעגנט מיט די אַרומיקע און פאַרשוווּנדן הינטער די ברייטע, סאַמעטענע,

טונקעלע פאָרטיערן ביים אַרויסגאַנג. ער איז געפאָרן קיין זאַקאָפאַנע אָפּצורוען זיך עטלעכע וואָכן. ער איז געפאָרן אַהין, וווּ עס פלעגן אַמאָל פאָרן די פריצים, די פאַבריקאַנטן און די סוחרים; אָבער היינט איז זאַקאָפאַנע אַן אָפּרו-פּלאַץ פאַר פוילישע אַרבעטער, פויערים און אינטעלעקטועלע.

דער ערשטער עס-צימער איז שוין כמעט געווען ליידיק. אין אַ ווינקל ביי אַ טיש איז געזעסן איליאַ ערענבורג. מען האָט זיך אונטער זיינע בליקן דערפילט ערנסטער און דערוואַקסענער. אפילו דעלעגאַטן, וואָס האָבן זיך אַרומגעיאָגט נאָך אונטערשריפטן, האָבן צו אים ניט געוואַגט צוצוגיין. מען האָט אים ניט געוואָלט באַמיען. מען האָט געקוקט אויף זיינע ניט דערשלאָפענע אויגן און מידן פנים און מען האָט אים געוואָלט איינשפּאָרן יעדע אָנשטרענגונג.

דער קאָרידאָר האָט אויסגעזען ווי אַ קאָנווייער. אַלע האָבן זיך געיאָגט צו די אויטאָבוסן. די טיר האָט זיך כסדר געדרייט און ווי אַ ריזיקע פאַדעם-שפּולקע געוויקלט אַרום זיך לאַנגע שורות מענטשן.

פוילישע אַרבעטער, וועלכע זיינען געגאַנגען צו דער אַרבעט, האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אונדזער האָטעל און אַריינגעקוקט דורך די פענצטער, אַרומגעוואַנדערט מיט די אויגן איבער די דעלעגאַטן, זיך פאַרהאַלטן אויף אייניקע לענגער, אויף אייניקע ווייניקער און פאַרשוווּנדן. די פנימער האָבן זיך כסדר געביטן.

בלויז איין פנים פון אַ מיטליאָריקער אַרבעטער-פרוי האָט זיך פון אָרט ניט גערירט, ווי זי וואָלט געווען צוגעקלעפּט צו די שויבן. די גרויע האָר, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון איר גרוי, געשטריקט טיכל, דאָס לענגלעכע טונקעלע געזיכט האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט דעם גרויען פרימאָרגן, מיט די נאַסע פאַרטויעטע שויבן. בלויז קלאָר און דייטלעך האָבן זיך אַרויסגעזען אירע טונקעלע, אומעטיקע אויגן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אירע אויגן האָבן פאַרפלייצט דאָס גאַנצע פנים. זי האָט זיך ניט געאיילט. זי האָט פאַרהאַלטן איר בליק לענגער אויף יעדן פון אונדז, ווי זי וואָלט עמעצן געזוכט. מיטאַמאָל האָבן זיך אירע אויגן צונויפגעטראָפן מיט די בליקן פון מיין שכנה, אַ פרוי פון פוילישער אָפּשטאַמונג, וועמענס גאַנצע פאַמיליע איז אומגעבראַכט געוואָרן פון די נאַציס. ביידע פרויען האָבן זיך אַ וויילע אָנגעקוקט. מיטאַמאָל האָט זיך מיין שכנה, די דעלעגאַטין פון ניו-דזשוירזי, אַ לאָז געטאָן צו דער טיר און אין איין אויגנבליק געשטאַנען אַנטקעגן דער פוילישער אַרבעטער-פרוי. זיי האָבן זיך אויסגעביטן מיט עטלעכע ווערטער אין צוויי פרעמדע

שפּראַכן און מיטאַמאָל אָנשטאָט ריידן זיך אַרומגענומען און געקושט, באַ־גיסנדיק זיך מיט טרערן.

נאָך דער ערשטער כוואַליע טרערן האָבן זיך ביידע פרויען גענומען צונויפריידן אויף שטום לשון: „מאַנזש אי דוואָיע דיעטי היטלער זאַביל“ האָט די פּוילישע פרוי זיך באַקלאָגט פאַר איר יידישער פריינדין, באַגלייטנדיק דערביי דעם גראָבן פינגער צו באַצייכענען איר מאַן און די קליינע פינגער־לעך פאַר די קינדער. די יידישע פרוי האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט ביידע הענט, אָנווייזנדיק אויף אַלע פינגער, צוגעבנדיק דאָס וואָרט „פאַמיליע“ און אַרויסגעקרעכצט „היטלער“.

ביידע האָבן זיך פאַרשטאַנען, זיך ווידער אַרומגענומען און געוויינט.

אונדזער אויטאָבוס האָט זיך שוין גערירט, ווען מיין שכנה איז איינ־געשטיגן, באַגלייט מיט אַן אויסגעשריי: „זאַ פּאָקאָי“.

— דאָס איז די פאַבריק־אַרבעטערין, וועלכע האָט מיר געגעבן די בלומען ביי מיין אנקומען. מיר האָבן זיך דערקענט, — האָט מיר די דעלע־גאַטין פון ניו־דזשווירזי דערקלערט.

אַזעלכע סצענעס זיינען פאָרגעקומען אויף שריט און טריט אין דער צייט פון דעם שלום־קאָנגרעס. די פרעמדע שפּראַכן האָבן גאָרניט געקענט צעטיילן די נאָנטקייט צווישן פּשוטע מענטשן.

מיטן פנים צום לעבן

אַ שפּעטע הארבסטיקע זון האָט אָפּגעווישט די לעצטע טראָפּנס פון באַנאַכטיקן טוי און אַ העלער, קרישטאָלענער באַגינען האָט זיך אויפגע־הויבן איבער וואַרשע, ווען טויזנטער שלום־דעלעגאַטן האָבן זיך געזעגנט מיט דער שטאָט. מען האָט זיך געזעגנט מער ווי מיט אַ שטאָט. מען האָט זיך געזעגנט ווי מיט אַ מאַמע, וועלכע האָט צונויפגעזאַמלט אירע קינדער פון אַלע עקן וועלט, אויסגעהערט זייערע ליידן און גערעדנגלען, אויסגעקושט זייערע ווונדן, אויסגעגלעט זייערע גלידער און אָנגעזעטיקט זייערע הערצער מיט נייע כוחות.

מען האָט זיך געזעגנט מיט אַ שטאָט, וו דאָס לעבן האָט באַזיגט דעם

טויט, ווו יעדער ניי־געלייגטער שטיין איז אַ סימבאָל פון נצחון איבער רשעות, שנאה און אונטערדריקונג. מען האָט זיך געזעגנט מיט אַ שטאָט, ווו מען האָט זיך באַגעגנט מיט דער צוקונפט.

לאַנגזאַם האָבן זיך אונדזערע אויטאָבוסן געצויגן צו די באַנען און אַעראָדראָמען, באַגלייט מיט צעשטראַלטע פּנימער פון פּוילישע פאָלקס־מאַסן. דאָ האָט אַ מחנה אַ ווייע געטאָן צו אונדז מיט ווייסע פאָנען, ווי זיי וואָלטן איינגעזאַמלט דעם צווייט פון אַלע פאַרגאַנגענע פרילינגען און עס אונדז מיטגעשיקט, און דאָרט האָט אַ רעגן געטאָן מיט בלומען, אַריינשיטנ־דיק זיך אויף אונדז דורך די אָפענע פענצטערלעך.

אַ פאָלק האָט באַגלייט אונדזערע באַנען מיט אַ לעכצנדיקער בענק־שאַפט נאָך פרידן און פריינטשאַפט מיט אַלע פעלקער איבער דער וועלט.

די לעצטע אויסגעשרייען: „פּאָקאָי“, „פּאַטשע“, „פרידן“ זיינען מיט־געפאָרן מיט אונדז. דער פייף פון די באַנען האָט ווי מיט פלייטן זיי אויס־געשפּילט איבער די ווייטע פּוילישע וועגן און די רעדער האָבן ווי טאַצן אונטערגעבראָזגעט צום טאַקט פון דעם צוויי־זילביקן שלום־ליד: „פּאָקאָי“, „פּאַטשע“, „פרידן“.

דעלעגאַטן האָבן אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער, ווי זיי וואָלטן וועלן איינזאַמלען די לעצטע איינדרוקן פון דער פאַרגאַנגענער וואָך און עס גוט איינפּאַקן אין זכרון ווי דעם טייערסטן באַגאַזש, וועלכן קיין צאָל־באַאַמטער פון זייערע לענדער וועט ניט קענען קאָנפיסקירן.

אַן אַמעריקאַנער אַרבעטער, אַ געוועזענער וועטעראַן, האָט זיך מיט אַ פאַרטראַכטער ערנסטקייט אָפּגערופן צו די אַרומיקע:

— וואַרשע איז פאַר מיר געוועזן אַ הויכער באַרג, פון וועלכן איך האָב אַראָפּגעקוקט אויף דער וועלט און דערזען די הונדערטער מיליאָנען מחנות, וואָס שטייען הינטער אונדז, און אַ געפיל פון זיכערקייט האָט מיך אַרומגע־נומען.

אַן אינדישער דעלעגאַט האָט, אַרויסקוקנדיק אויף די צעאַקערטע פּוי־לישע פעלדער, צוגעגרייט צום איבעריאָריקן פאַרזיי, מיט אַ ווייטן פאַר־חלומטן בליק זיך אויסגעדריקט:

— דער צווייטער וועלט־קאָנגרעס פאַר פרידן איז געוועזן דער פאַרזיי, די קערנער וועלן זיך צעוואַקסן איבער דער גאַנצער ערד, ווייל די גאַנצע מענטשהייט גאַרט רו, זעט און גליק.

אַ פראַנצויזישער סטודענט האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבן פון זיין זיי־

פלאַץ און אָנגעפּאַנגען אינמיטן וואַגאָן צו ציטירן אַ פּערז פון פּאָל עלוּאַרם אַ ליד:

„דער טאָג איז נאָענט, שטאָלצע שוועסטער מײַנע,
„ווען לאַבן וועלן מיר פון ווערטער: קריג און עלנט.
„קיין זכר וועט פון דעם, וואָס ווייטאָק איז געווען, ניט בלײַבן.
„און יעדעם פּנים וועט דאָס רעכט אויף צערטלעכקייטן האָבן."

די באַן איז געפלויגן. איך האָב געטראַכט פון העלדישע שלום־פּאַרטי־זאַנען איבער דער גאָרער וועלט. די שונאים ווילן אָפּשטעלן זייערע טריט. קען מען דען אין פרילינג אָפּהאַלטן דאָס גראָז פון וואַקסן? מעג מען עס שערן, שניידן און אפילו האַקן מיט מיליאָסן העק, דאָס גראָז וועט ניט אויפהערן צו שפּראָצן.

פּונקט אַזוי וועלן זיי ניט אָפּשטעלן די, וועלכע גייען מיטן פּנים צום לעבן.

אינהאלט

איבער די לענדער פון „מערב“

אויף דער שיף „קווין מערי“ 9
אויף די גאַסן פון פּאַריז 18
אין דער שווייץ 23
דאָס הויז, וווּ לענין האָט געוווינט 27
מאַריאַ מארגאטים שוועסטער וועלן קיינמאָל ניט קעמפן קעגן די שוועסטער פון זאָיאַ 33
אויפן וועג קיין ישראל 40
איבער די גאַסן פון תל־אביב 46
אויפן הר הכרמל 51
אין טבריה 57
שכונה „באַפּ“ 61
אויפן דינסטן־מאַרק 66
אין בית־עולים „פּרדס כץ“ 72
שלום עליכם אויפן שוואַרצן מאַרק 76
אַ באַזוך אין אַ קיבוץ 80
אין נצרת 85
מיט שלום־קעמפער 91
דער וואַלד פון פריינטשאַפט 97
דער נייער כוח 99

אין די פאָלקס-דעמאָקראַטיעס

פּראָג — די שטאָט פון אַרבעט און ביכער 109
אין שרייבער־שלאָס 113
צווישן אויפגעריכטע מענטשן 117
אין דער בודאַפּעשטער אָפּערע 122
אין נייעם שפּיטאָל 127
אין אַ טעקסטיל־פאַבריק 132
דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַטיוו „דאַזשאַ“ 137
אַ באַגעגעניש מיט סאָוויעטישע מענטשן 143
אויף פּוילישע וועגן 148
מיר פאָרן קיין וואלבזשיך 152
אין קאַטאָוויץ 155
אַ פרימאָרגן אין וראָצלאַוו 162
נאָוואַ־הוטאַ — די שטאָט פון דער צוקונפט 166
די יידישע מלוכהשע י. ל. פּרץ־שול 171
אַ קולטור־אָוונט אין שווידניץ 177
דער קאָאָפּעראַטיוו „זגאָדאַ“ 184
דער יידישער מלוכה־טעאַטער 188
אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט 191

דער שלום-קאָנגרעס

ערב דעם קאָנגרעס 201
אין זאַל פון קאָנגרעס 215
די קאָריאישע מוטער פאַק דען איי 225
ביים דענקמאָל פון געטאָ 227
אַן אָוונט מיט דער סאָוויעטישער דעלעגאַציע 233
אַ פרימאָרגן אין „בריסטאָל“ 239
מיטן פּנים צום לעבן 243

ביכער פֿון זעלבן מחבר :

„אינמיטן וועלט“ (לידער) — ניו=יאָרק 1944

„הימל און ערד“ (לידער) — ניו=יאָרק 1948

„אַמעריקע“ (פּאָעמע) — וועט אינגיכן דערשיינען

Impr. Abécé, 11, rue Louis-Blanc, Paris.